STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00390

IN ONHEYB FUN A FRILING

Avraham Zak

Permanent preservation of this book was made possible by
Ruth Ackerman Musnikow & Samuel Musnikow
in memory of
Baruch Ackerman & Moshe Mordechai (Max) Musnikow

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַברהם זאַק

אין אָנהייב פון אַ פרילינג

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

166

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

די רשימה פון די דערשינענע ביכער — צום סוף פונעם בוך

אברהם זאַק

אין אַנהייב פון אַ פרילינג

(קאַפּיטלעך זכרונות)

•

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס־איירעס 1962, התשכ״ג

צייכענונג פון מחבר — הענריק בערלעווי (פּאַריז)
הילע — יוסף ראַטנער־מירסקי

דרוקעריי ברידער זלאַטאָפּיאָרא — סאַן לויס 3149 — בוענאָס־איירעס

אינהאַלט

אַריינפיר 7

ערשטער טייל:

היים און וועלט

אַ היים אָן פּרייד 15
אין שאָטן פון בית־המדרש 29
די נייע ווינטן 34
מיט מיינע „טעג" אין וואַלד 38
אַ וועלט פון שיינקייט 45
איינע אַ אסתר 50
דאָס הייליקע פייער 55
אין דער וועלט אַריין 59
בראשית וואַרשע 64
איך באַקען זיך מיט שרייבער 69
ביי די טויערן פון דער „זיבעטער מלוכה" 74
ביי יעקב דינעזאָן און י. ל. פּרץ 81
אין אַ וואַרשעווער צייטונג 85
אין אַ וואַרשעווער תפיסה 91
ווידער אונטערן היימישן הימל 96
צוריק אין וואַרשע 99
אין פּרצעס קלימאַט 107
אין דער קוזשניע פון געדרוקטן וואָרט 115
זענען געקומען די אַסימילאַטאָרן 119
אין דער „מאָמענט"־משפחה 122
שרייבער און — פּרויען 127
אויף דער גרענעץ פון אַ תקופה 132

צווייטער טייל:

אויף די ברעגן פון ניעמאַן

אין אַ פאַרבלוטיקטן שינעל 143
ווען עס ריידן די קאַנאָנען 149

די פאַרבאָטענע ערד 153
אין די ווייסע נעכט 158
אַ סאָלדאַט אָן וווינרעכט 172
ווי „פּאַניע“ איז אַנטלאָפן 175
אין אַ שווערער צייט 178
אין לייב נײַדוסעס פּריצישן הויף 185
מיט לייב נײַדוסן צוזאַמען 194
אין דער שטילער ניעמאַן־שטאָט 198
דער כּישוף פֿון ייִדישן וואָרט 206
קומען ווידער גאַסטראָליאָרן 211
עכאָס פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע 216
אַ גרוס פֿון דער צעברויזטער מאָסקווע 218
דער ערשטער צייכן פֿון „פֿרייהייט“ 221
אַ צייטונג מיט אַ יאַנוס־פּנים 225
אַ נאָכטיקע באַגעגעניש מיט משה בראָדערזאָן 226
די גרויסע פֿרייד 229
נײַדוסעס לעצטער ליבע־עפּיזאָד 233
צוליב אַ טראַגישן טעות 236
טעג פֿון טרויער 246
ראָשעל נײַדוס 250
טייוולאָנישע „שפּיצלעך“ פֿון געשיכטע 252
אַ ייִדיש־סאָציאַליסטישע פֿעסטונג 254
אונטערן צייכן פֿון בלוט 256
אין צערודערטע טעג 259
„אונדזער ווינקל“ 265
„נישטאָ קיין טויט!“... 266
אויף „קאַלאָזשע“ 271
כּמעט אַ ייִדישער שטאָט־ראַט 274
ווידער וואַרשע 276
אין די ד׳ אַמות פֿון אַ חבֿר 285
אין אַ פּאַרטייאישער רעדאַקציע 287
אַדיע, בלויער ניעמאַן! 289
נעמען־רעגיסטער 293

יעפֿים ישורין: אַבֿרהם זאַק־ביבליאָגראַפֿיע 299

אַרײַנפֿיר

די אויסגאַבע פֿון דאָזיקן בוך „אין אָנהייב פֿון אַ פֿרילינג" פֿאַלט צונויף מיט מיינעם אַ דאָפּלטן יובל: ערשטנס, דער אַרײַנטריט אין די שבעים; צווייטנס, איז עס דאָס צוואַנציקסטע בוך מיינס (צוויי און צוואַנציקסטער באַנד; אַחוץ איבערזעצונגען).

דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן מערק איך אָפּ אַ יובל־דאַטע. איך מאַך דעם יוצא מן הכלל אפשר דערפֿאַר, ווייל ווילנדיק־נישט־ווילנדיק רעגט פּסיכיש אָן אַזאַ יאָר צו חשבון הנפש; צו וואַרפֿן אַ בליק אויף צוריק, אויפֿן פֿאַרלאָפֿענעם וועג, אויף אַ פֿאַרשוווּנדענער וועלט — — —

„אין אָנהייב פֿון אַ פֿרילינג" איז אַ קראַנץ זכרונות, וואָס גרייכן צום סאַמע אָנהייב, צו מיינע ערשטע טריט אין לעבן, אין דער ליטעראַטור. צו יענע יאָרן, ווען אין וואַרשע האָט געלעבט און געווירקט דער שיין־גייסט פּ ר ץ; ווען פֿאַר אַ ייִדישן שרייבער, בפֿרט פֿאַר אַ יונגן שרייבער, האָבן זיך אויסגעשפּרייט בלויע האָריזאָנטן, באַשטראַלטע מיטן פּורפּור פֿון אויפֿגאַנג — — —

ס'איז דעמאָלט געווען אין וואַרשע דער ראָמאַנטישסטער פּעריאָד אין דער ייִדישער ליטעראַטור. אין יענעם וואַרשע האָבן געגלאַנצט די שטערן פֿון אַ גרויסער פּלעיאַדע פּאָעטן און פּראָזאַאיקער, עלטערע, ייִנגערע און יונגסטע.

און איבער אַלץ און אַלעמען — די ליכטיקע פּערזענלעכקייט פּ ר ץ. די עמאַנאַציע פֿון זיין פּערזענלעכקייט. עס איז אויפֿגעגאַנגען אַ לעבן, באַהויכט פֿון ייִדישער גייסטיקייט.

און אַז אַ יונגער שרייבער איז אַרײַנגעפֿאַלן אין אַזאַ אַטמאָספֿער, איז ער פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון דער שעפֿערישקייט און דערהויבנקייט. געווען אַ שרייבערישער דעת הקהל. געווען פֿאַר וועמען צו ציטערן, צו האָבן אימתה דציבורא... ביים איבערגעבן צום דרוק

אַ ליד, צי אַ דערציילונג האָט תמיד אַ בליץ געטאָן: „וואָס וועט דערויף זאָגן פּריץ?"... ס'האָט דעמאָלט נישט געקענט גאָר געמאָלט זיין אַזאַ הפקרדיקע דעוואַלואַציע פון געדרוקטן וואָרט ווי אין אונדזערע היינטיקע טעג...

***

און ווייל זכרונות זענען אין עצם חשבון הנפשדיק, האַלט דער מחבר פּאַר פּאַסיק אַריינצונעמען אין די ראַמען פון דאָזיקן בוך די ביבליאָגראַפיע, צונויפגעשטעלט פון יעפים ישורין. אַ ביבליאָ־גראַפיע איז גורם צו ריכטן דעם בליק — און די מחשבה — רעט־ראָספּעקטיוו, אויף די זיגזאַגן און עטאַפּן פונעם אָפּגעגאַנגענעם וועג.

די קאַפּיטלעך זכרונות דערגייען דאָ ביז נ אָ ך דער ערשטער וועלט־מלחמה. ביז מיין צוריקקער אין וואַרשע, צו דער פּאַרצווייג־טער שרייבער־משפּחה, פון וועלכער איך בין סוף 1913 אָפּגעריסן געוואָרן. פּוילן איז דעמאָלט, אין 1919, געווען אין אָנהייב פון איר ווידעראויפלעבונג נאָך די לאַנגע יאָרן פון קנעכטשאַפט אונטערן צאַרישן יאָך, און יידן האָבן מיט רעכט געוואָלט גלויבן, אַז אין גוטער שכנהשאַפט מיטן פּוילישן פאָלק קומט לסוף אויך פאַר זיי אַ פּעריאָד פון מנוחה, פון אַ שעפּעריש לעבן...

אויפן געווייסן פון דער מענטשהייט איז דעמאָלט געבליבן דער פלעק פון דער גרויסער פעלקער־שחיטה אין 1914 — 1918. דאָס בלוט פון די געפאַלענע צ ע ן מ י ל י אָ ן אויף די שלאַכט־פעלדער האָט נאָך געשריִען פון דער ערד... אָבער איצט, אין 1962, ווען די דאָזיקע שורות ווערן געשריבן, קוקט עס שוין אויס „נאַיִוו": דעמאָלט אויף אַלע פראָנטן האָבן אַלע פעלקער צוזאַמענגענומען (הונדערטער מיליאָנען מענטשן!) פאַרלוירן צען מיליאָן און אין די יאָרן 1939—1945 האָט דאָס יִידישע פאָלק אַליין פאַרלוירן אַ גאַנץ דריטל דורך דעם נאַצי־דייטשישן גענאָסיד — — —

וועט די מענטשהייט דען קאָנען אַ מאָל אָפּוואַשן דעם דאָזיקן פלעק פון איר געוויסן לגבי דער געשיכטע?...

***

און ווייל דאָס דאָזיקע ווערק האָט צו טאָן מיט בלעטלעך פון אַ לעבן, ווילט זיך דאָ באַנוצן אַן אינטימערן טאָן.

עס פרעגט מיך דער און יענער: פאַר וואָס אַזוי פיל טויט־מאָטיוון אין מיינע שאַפונגען?

ווי געזאָגט, גרייכן די זכרונות צו מיין סאַמע אָנהייב, ווען וואָס עס דערציילט דאָס ערשטע קאַפּיטל „אַ היים אָן פרייד״. די גרויע נויט איז נישט געווען קיין נייס אינעם ייִדישן לעבן פון אונדזער אַלטער היים; אָבער וואָס שייך דעם מחברס היים, איז די נויט אין איר געווען אַ געכופּלטע. אין דריטער דימענסיע... אָן אָרעמקייט געפּאָרט מיט אַ קראַנקייט, וואָס דער מחבר האָט ווי אַן עלף־יעריק קינד דורכגעמאַכט און וואָס האָט געלייגט אַ חותם אויף זיין קינדערשער פּסיכיק. אין משך פון דריי יאָר צייט בערך האָט אַ קינד זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פינצטערן סוד — מיטן סוד פון נאָענטן קבר... און ווייל צו פרי, און ווייל צו גרויזאַם פאַר די קינדערשע יאָרן, איז עס דערגאַנגען ביז צו טיפסטער פּסיכישער שפּאַנונג, וואָס די מאָדערנע פּסיכאָלאָגיע האָט אויף דעם אַ נאָמען — **קאָמפּלעקס**. בילדלעך קומט יענער אומעטיקער עפּיזאָד מיינער צום אויסדרוק אין דער אויטאָביאָגראַפישער דערציילונג „דער טויט האָט געשפּאַסט״ *).

דאָס איז אויך דער **פּרווידיאַנישער** שליסל צו דער רעטעניש פונעם טרויער אין מיינע ערשטע ליטעראַרישע פּרוּוון אין דער דיכטונג — בעתן ערשטן צעבלי פון מיין יונג לעבן. נישט אומזיסט איז דאָס ערשטע געדרוקטע ליד מיינס אַן עלעגיע **).

וואָס ציט מיך אַזוי צו די וויסטע מקדשים,
ווו ס׳רוט שוין די שכינה לאַנג ניט?
וואָס גלוסט זיך מיר וויינען און מורמלען אַ תפילה? —
ווער ציט מיך, ווער שלעפּט מיינע טריט?...

— — — — — — — — — — — — — —

אין נאָרמאַלן אופן איז עס צו פרי פאַר אַ 17־יעריקן בחור צו זינגען שוין וועגן „וויסטע מקדשים״... און ווער ווייס, אפשר וואָלט אַ פּסיכאָאַנאַליז געקאָנט געפינען אויך אין אַ סך שפּעטערדיקע לידער מיינע אַ שטיל־פאַרבאָרגענעם אָפּרוף פון יענע ערשטע מרה־שחורה־שטימונגען, וואָס האָבן געהאַלטן ווי אין קלאַמערן דאָס

*) אין מיין בוך „אין אומרו פון יאָרן״. — **) אין מיין בוך „צווישן פיר ווענט״.

יונגע ווען? צו פיל הארבסט און פֿאַרגיין... צו פיל טויטע געלע בלעטער... צו פיל קדיש פון די נע־ונדע ווינטן...

אָבער אין עצם זענען די מאָטיוון פון טויט נישט געווען קיין פּועל־יוצא פון אַ מין פּעסימיזם, פון פאַרליבטקייט אין נירוואַנאַ; (געווען אַזעלכע דעקאַדענץ־שטימונגען ביי אַ טייל פון דער אינ־טעליגענץ נאָכן יאָר 1905 אין צאַרישן רוסלאַנד); נאָר אדרבא, אין די דאָזיקע מאָטיוון איז גראָד געקומען צום אויסדרוק דעם מחברס לעבנסדראַנג; זיין אינערלעכער צער און ווײ, זיין טיפער פּראָטעסט קעגן דעם ביאָלאָגישן געזעץ פון פאַרגענגלעכקייט, קעגן וואָרטנ־דיקן קבר... און דעם דאָזיקן לעבנסדראַנג, זיין פאַרליבטקייט אין לעבן האָט דער מחבר געגעבן צו פילן נישט נאָר אין זיינע לידער, נאָר אויך אין זיין פּראָזע, אין אַ גאַנצער ריי פון זיינע דערציילונ־גען, וואָס זייער טעמאַטיק איז גראָד טויט; ווען דער טויט רייסט זיך אַריין צווישן צעזונגענעם פרילינג און אויפגעוואַכטער ליבע...

און אפשר דאַרף מען זוכן די גורמים פון דער אָפטער טויט־טעמאַטיק ביים מחבר אין זיינע דירעקטע באַגעגענישן, פּנים אל פּנים, מיטן טויט — אויף די פראָנטן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה? איז ער דאָך געווען בעל כורכו אַליין אַ „העלד” אויף די פעלדער פון טויט; האָט פאַרבראַכט טעג און נעכט צווישן טויטע, געזען זייערע פאַרגליווערטע אָפענע אויגן מיט דעם שטומען האָס צום בלויען הימל — — —

די שילדערונגען פון יענע קאָשמאַרן זענען אויסגעמיטן גע־וואָרן אין דאָזיקן ווערק, הגם עס נעמט אויך אַרום יענע יאָרן — איך האָב דעם לייענער אָפגעשיקט צו מיין מלחמה־בוך „אונטער די פליגל פון טויט”. די איבערחזרונג וואָלט צו ווייט פאַרפירט.

אין דער אמתן איז דעם מחברס געבוירענע לעבנספרייד אין אַלע זיינע איובדיקע מאָמענטן געווען פון העכערער קראַפט און ער האָט תמיד באַוויזן זיך אַרויסצורייסן פון אונטער די פליגל פון טויט... פון די שוואַרצע שאָטנס... און דאָס איז אויך נוגע דעם טראַ־גישן פּעריאָד 1939—1945, בעת ער האָט באַצאָלט דעם טייערסטן פּרייז ביידע דיקטאַטורן — דער רויטער און דער ברוינער: אין ער־שטער האָט ער גופא פאַרזוכט דעם טעם פון קאָנצלאַגער, קאַטאָר־

גע, נע־ונד... אין צווייטער זענען די נאָענטסטע זיינע פאַרברענט געוואָרן אין די קאַלכאויוונס — — —

נאָר שטאַרקסטע לעבנספרייד, עקשנותדיקער לעבנס־ווילן און טיפסטע פאַרליבטקייט אין לעבן האָבן געקאָנט גובר זיין די פאַר־צווייפלונג — אָפטמאָל שוין ביים ראַנד פון אָפּגרונט — — —

און ס'בעט זיך דאָ ווידער זיך אַליין צו ציטירן :

... איך וואַרף פון האַנט דעם גליוער־קאַלטן בעכער סם אַוועק,
וואָס מיינע ליפן האָבן שוין אָט־אָט שיִער נישט באַרירט...
צום טייוול! וואָס־זשע טויג עס מיר דער שוואַרצער קבר־דעק,
ווי גוף — אַ מאַלצייט פאַר די ווערעם און נשמה פרירט...

דאָס אַלט־ביבלישע „ובחרת בחיים"...

***

דער מחבר האָט אין דאָזיקן בוך זכרונות אויך נישט פאַרגעסן אָפּצוצאָלן נאָך אַ חוב זיין פריצייטיק־פאַרשטאָרבענעם גראָדנער יוגנט־חבר, דעם פּאָעט לייב נײַדוס: אין אַ ריי קאַפּיטלעך זענען דאָ פאַרפּיקסירט געוואָרן אַ ריי פּרטים וועגן די לעצטע עטלעכע יאָר פון נײַדוסעס קורץ לעבן און וואָס זענען נאָך ביז איצט אין ערגעץ נישט פאַרצייכנט געוואָרן פאַר דער עפנטלעכקייט. קורץ נאָך נײַדוסעס טויט, אָנהייב 1919, האָט זיך ש. ניגער (דאָן פון ווילנע) געווענדט צו מיר איך זאָל אים שרייבן גענויע פּרטים וועגן לייב נײַדוסעס אומ־געריכטן טויט. איך האָב עס, פאַרשטייט זיך, געטאָן. אָבער עד־היום איז מיר נישט באַקאַנט, צי ניגער האָט די דאָזיקע פּרטים ערגעץ־ווו דעמאָלט אויסגענוצט כאָטש אין אַ געלעגנהייטס־אַרטיקל.

און פאַרוואָס אייגנטלעך מיין התנצלות בנוגע מיין יובל־דאַטע אין צווייטן פאַראַגראַף פונעם אַריינפיר? איז עס דאָך בדרך־כלל אַן אָנגענומענער מנהג צו פּראַווען יובילייען. אין דעם ייִדישן לי־טעראַרישן וועלטל ווי ביי לייט, און אפשר נאָך מער... אָבער וואָס שייך מיין ווייניקייט, האָב איך מיין באַזונדערן צוגאַנג צו געבוירן־דאַטעס. יעדעס יאָר, ווען עס קומט אונטער מיינער אַ געבוירן־טאָג, ווערט מיר גאָר אומעטיק: מ'ווערט דאָך עלטער... מ'גייט דאָך באַרג־

*) פון ליד „הימן" אין מיין בוך „יאָרן אין וואַנדער".

אראָפּ... איז וואָס זשע די שמחה און גדולה?... נאָר דאָס איז שוין אַן ענין אַ סוביעקטיווער. אַ שרייבער, מיין איך, וואָלט געדאַרפט פּראַווען אין דער עפנטלעכקייט נאָר שעפערישע ימים-טובים, ווי, למשל, צום דערשיינען פון זיינע ביכער.

אין דער אַרגענטינער אומעטיקער קרעטשמע האָט דער מחבר שוין געהאַט, נישט צו פאַרזינדיקן, אַ ריי אַזעלכע שעפערישע ימים-טובים: האָט ער דאָך אין משך פון די צען אַרגענטינער יאָרן זיינע דאָ אָנגעשריבן און פאַרעפנטלעכט לפי ערך אַ היפּשע צאָל ווערק. און דאָס איז טאַקע די איינציקע טרייסט זיינע, די איינציקע פאַר-גיטיקונג פאַר זיין היגן גרויסן עלנט...

דער מינאָרער טאָן בנוגע דער אַרגענטינער אכסניה נעמט זיך דערפון, ווייל אַפילו איצט, אין 1962, בעתן שרייבן די דאָזיקע שורות, נאָך זיינע אַלע פּערזענלעכע שווערע אבידות אין די קאַשמאַר-יאָרן, נאָך אַלע זיינע נע-ונדן און גלותן, איז נאָך דעם מחבר אַלץ אומ-מעגלעך צו זאָגן, אַז אויף דער אַרגענטינער ערד האָט ער לסוף גע-פונען די געגאַרטע מנוחה, דעם גלויבן אין מענטש... ניין, אַרגענ-טינע איז פאַר אים נישט געוואָרן קיין וואַרעמע היים... אפשר איז שולדיק דערין אוירא דאַרגענטינע... און ווי אַ צוגאָב — דער האַקנ-קרייץ, וואָס פינצטערט אַראָפּ פון די ווענט אין די אַרגענטינער שטעט — — —

און איצט — אויב איך דערמאָן דאָ יאָ אַ יובל-דאַטע — ביז איצטער דאָס איינציקע מאָל! — איז עס טאַקע נאָר אין שייכות מיטן דערשיינען פון מיין „אין אָנהייב פון אַ פרילינג". ס'איז אַזוי אַרום נישט סתם אַ יום-טוב ביי מיר, נאָר אַ שעפערישער יום-טוב.

און דעם דאָזיקן פריידיקן און אינטימען יום-טוב האָט מיר גורם געווען דער פאַרלאַג „דאָס פוילישע ייִדנטום" מיטן אַרויסגעבן פונקט אין דעם יאָר דאָס איצטיקע בוך. עס קומט דעריבער אַ האַרציקער דאַנק די פירער פונעם פאַרלאַג: מיין וואַרשעווער ליבן „מאַמענט"-קאָלעגע מאַרק טורקאָוו און מיין אַרגענטינער פריינד אברהם מי-טעלבערג.

דער מחבר.

ב. איירעס, אויגוסט 1962.

היים
און
וועלט

1

אַ היים אָן פרייד

I

די הקדמה פון אַ לעבן איז — די קינדהייט. מ יי ן הקדמה איז געווען אַ זייער אומעטיקע. אויב גלויבן אין גורל, אין באַשערטקייט, איז מיין גורל געווען, צו זיין אַ קינד פון אַ זייער אָרעמער שטוב. אַ שטוב, ווו גאָר אָפט איז מען נישט געווען צופיל זאַט. אַ פעניץ שוואַרץ־ברויט פלעגט מען ביי אונדז שניידן פון לאַבן מיט ציטערדיקע הענט. מיין טאַטע איז אין שטעטל געווען אַן אָרעמער לערער, וואָס האָט פון זיינע „אוראָקן" און פון שרייבן „פראָשעניעס" געהאַט וואַסער אויף קאַשע. איז נישט קיין חידוש, וואָס זייער אָפט האָט גענאָגט אונטערן האַרץ אַ הונגער. די מאָגערע און קאַרגע עסנס פלעגן קיין מאָל נישט געבן קיין געפיל פון זאַטקייט. בין איך געוואָקסן אין מיין היים אַ קרענקלעך און בלאַס יינגל — נישט אַזוי ווי מיינע חברים ביי איטשע־בערן אין „חדר", וואָס זייערע פולע באַקן האָבן געהאַט קאָלירן; וואָס פלעגן תמיד מיטברענגען אין „חדר" אַריין פעניצן ברויט מיט שמאַלץ און מיט גריווען, דערצו נאָך נאַשוואַרג. מיין אָרעמע מאַמע פלעגט מיר מיטגעבן נאָר אַ „סקריבעטשיק" *) געבייטלטן ברויט מיט אַ קאָפּ פון אַ הערינג. דאָס גאָר. נאָך אַזאַ דערכאַפּן זיך דאָס פאַרחלשטע הערצל פלעגט מיך ברענען אַ דורשט און איך פלעג טרינקען אין „חדר" דאָס פאַרדומפּענע וואַסער פון אַ קופּערנער קוואָרט, וואָס פלעגט אַרויסגעבן אַ זויערלעכן ריח.

קיין אייגענע שטוב האָבן מיר נישט געהאַט. תמיד זענען מיר געווען שכנים ביי יענעם. פון זינט איך געדענק, פון דער פריסטער קינדהייט אָן, האָבן מיר געוווינט, ווי שכנים, אין איין־איינציקן חדר. איך געדענק עד

---

*) אַ רעפטל

היום זייער גוט אונדזערע אַלע דירות און אַלע האָבן זיי פאַרמאָגט איין חדר נאָר. איין חדר פאַר אונדזער גאַנצער משפחה: טאַטע־מאַמע און איך מיט מיין שוועסטער, וואָס איז עלטער געווען פון מיר מיט צוויי יאָר. די שוועסטער איז געשלאָפן מיט דער מאַמען אין בעט און איך מיט דעם טאַטן אין שלאָפבאַנק. דער גאַנצער חדר איז געווען פאַרשטעלט מיט מעבל: אַ חוץ דעם בעט און שלאָפבאַנק זענען נאָך געשטאַנען אַ טיש מיט בענק און אַן אַלטע קאָמאָדע, אַ ירושה נאָך אַן אַלטער קרובה אונדזערער, גאָלדע האָ־רעס, וואָס אַלע אירע קינדער זענען אַוועק מעבר־לים, קיין אַמעריקע. פון איר זענען צו אונדז אויך אַריבער אַ ביסל געבליבמט געפעס, אַן אַלטע קו־פערנע פענדל און אַ פאָר לעפל מיט אָפגעקראַכענעם זילבער. אַ חוץ דעם עטלעכע פאָטאָגראַפיעס פון אירע קינדער — מיין טאַטנס גלידשוועסטער־קינדער — וואָס האָבן פאַרנומען פלאַץ אויף אונדזערע ווענט. אַז איך פלעג אָנקוקן די פאָטאָגראַפיעס, פלעג איך מקנא זיין ווי שיין די ווייטע אַמערי־קאַנער קרובים גייען אָנגעטאָן. זיי טראָגן אַוודאי נישט קיין איבערגעני־צעוועטע און געלאַטעטע בגדים אַזוי ווי ביי אונדז. קיין רובל אויף מאַכן שבת פעלט זיי אויך נישט אויס. אַדרבה, זיי פלעגן כסדר שיקן זייער אַלטער מאַמען געלט אויף איר אויסהאַלטונג, און אויך מיין טאַטן פלעגן זיי אויף כמעט יעדן פסח און יעדן סוכות „אַריינוואַרפן" אַ צען דאָלער. דעמאָלט פלעגט עס שוין אין אונדזער אָרעם שטיבל קלעקן צו מאַכן יום־טוב...

די דאָזיקע צען דאָלער פון אַמעריקע זענען געשיקט געוואָרן דורך דער פאָסט און עס האָט אויסגעמאַכט צוואַנציק רובל. שוין אַ שטיק צייט פאַר פסח און פאַר סוכות פלעגט מיין טאַטע יעדן טאָג אָפּשטעלן אין גאַס דעם בריוו־טרעגער — חיים־חייקלען — און פרעגן:

— „פאַראַן פאַר מיר עפּעס?"...

יאָ, חיים־חייקל. — געווען אין שטעטל אַ ייִדישער בריוו־טרעגער און מ'פלעגט אויף אים קוקן ווי אויף אַ שטיקל קאַזיאָנעם „טשינאָווניק", כאָטש ער האָט נישט געטראָגן נישט קיין קאַזיאָנעם מונדיר, נישט אַפילו קיין קאַזיאָנע היטל. ער איז געווען אַ פשוטער אָרעמער ייִד, מיט אַ צע־קנאָדערטער געלבלעך־גרויליכער באָרד און איז אַפילו געווען „געהרגעט" אויף רוסישן כתב. האָט אַפילו נישט געקאָנט איבערלייענען די אַדרעסן פון די בריוו און פלעגט מוזן אָנקומען צו „גראַמאָטנע" ייִדן, וועמען ער

פלעגט כאַפּן אין גאַס, מ׳זאָל אים איבערלייענען די אַדרעסן און ער פלעגט אויף יעדן בריוו אָנשרייבן מיט אַ בלייפעדער אויף יידיש דעם נאָמען פון יעדן אַדרעסאַט.

און אַז חיים־חייקל האָט מחמת זיקנה נישט געקאָנט מער אַרומגיין מיט די בריוו איבערן שטעטל, האָט זיין אַרבעט איבערגענומען זיין זון — מאָטקע דער קאַליקע. מאָטקע האָט געהאַט אַן אויסגעבויגענעם פוס און פלעגט מיט דער הילף פון אַ שטעקן, איינגעבויגענערהייט, אַרומקריכן און אָפּטראָגן די בריוו. אויך דער זון, פונקט ווי דער טאַטע, האָט נישט געקאָנט לייענען די רוסישע אַדרעסן און האָט אויך געמוזט אָנקומען צו „גראַמאָטנע״...

אין אַזאַ אָרעם שטיבל ווי אונדזערס האָט שוין קיין צופיל פרייד נישט געקאָנט זיין. אין מיין יונג געמיט האָט זיך באַלד אין דער קינדהייט אַריינגעשניטן, ווי מיט מעסערס, אַ טרויער, וואָס האָט פאַרסמט מיין קינדערישן אויפבלי... אַפילו אין דער שפּילעריי מיט קינדער, מיט חברים פון „חדר״, איז ביי מיר נישט געווען אַזאַ צעשפּילטקייט, אַזאַ צעהוליעטקייט ווי ביי זיי אַלעמען. עפּעס אַ נישט־צוגעפּאַסטע ערנסטקייט פאַר מיינע קינדעריישע יאָרן האָט מיך געהאַמעוועט, געצוימט מיינע טריט. כ׳פלעג נישט קאָנען אַזוי זאָרגלאָז אַרומלויפן ווי זיי; פלעג אָפּשטיין פון אַנדערע יינגלעך, בעת זיי פלעגן אַריבערקלעטערן איבער פאַרקאַנעס פון סעדער, כדי צו רייסן קאַרשן אָדער אַגרעס. פלעג זעלטן מיטגיין מיט חברים אויף די גויישע גרינוואַרג־פעלדער הינטערן שטעטל אָנצופליקן אַרבעס־סטרוטשעס וכדומה. איך פלעג זיך נאָר פאַרגינען צו שפּילן מיט קינדער אין היימישע שפּילערייען נעבן שטוב: אין „הרעצקע פּאַלקע״, אין „שליעפּאַ באַבקאַ״, אין „באַהעלטעניש״. ווינטער פלעג איך נעבן אונדזער שטיבל מאַכן מענטשן פון שניי, גליטשן זיך אויפן קליינעם גליטש, וואָס האָט זיך געשאַפן פונעם פאַרגאָסענעם וואַסער הינטער דער סטאַדאָלע בשכנות פון אונדז. אָבער נישט צופיל: די מאַמע פלעגט באַלד אַרויסלויפן פון שטוב און מיך צונעמען פון דרויסן. תמיד האָט זי מורא געהאַט איך זאָל זיך נישט פאַרקילן. שטענדיק די שרעק פאַר פרישער לופט. האָט זי מיך בעסער געהאַלטן נעבן זיך, נעבן פּיעקעליק, אויסגעהיט פונעם ווינטערדיקן פראָסטלדיקן דרויסן. האָב איך, צוזאַמען מיט אַלע בני־בית אַריינגעאָטעמט די

אָפּט שטיקנדיקע ריחות פון טאָרף, מיט וואָס מ׳פלעגט ביי אונדז הייצן אין אויוון.

און ווייל איך בין געווען אַ בן־יחיד, אַ „ציטעריקער", האָבן מיך טאַטע־מאַמע זומער־צייט אויך נישט געלאָזן גיין מיט חברים זיך באָדן אין טייכל הינטערן שטעטל: טאָמער פאַרקיל איך מיך, אָדער פאַרקריך, חלילה, אין אַ טיפן אָרט, — הגם אין יענעם טייכל האָט מען זיך געקאָנט דער־טרינקען סיידן ווען מען זאָל זיך שטעלן אין וואַסער אויפן קאָפּ... בלויז אַ מאָל ערב שבת, אין גאָר אַ הייסן טאָג, פלעגט מיך דער טאַטע אַליין מיטנעמען צום טייכל זיך אויסבאָדן און טוישן די וועש, וואָס די מאַמע פלעגט מיטגעבן. איז עס נישט געווען קיין באָדן זיך, נאָר סתם אַרומ־וואַשן זיך. דער טאַטע פלעגט פריִער מיך גוט איינזייפן און אַריינפירן אין וואַסער אַריין; אָבער מאַכן „קונצן" אין וואַסער פלעגט ער מיך נישט לאָזן. טאָמער פאַרקריך איך אין אַ טיפן אָרט. דאָס איז געווען אַ באָדן זיך נישט צוליב הנאה־וועגן.

ווינטער אין מרחץ פלעג איך נישט האָבן קיין חשק מיטצוגיין מיטן טאַטן: איך האָב נישט פאַרטראָגן די הייסע פּאַרע אין שוויץ־באָד און נאָך מער — די נאַקעטע פאַרוואַקסענע לייבער פון די ייִדן, וואָס האָבן זיך מחמת ענגשאַפט געריבן איינער אָן אַנדערן. מיך פלעגט אַזש אָנכאַפּן אַ נישט־גוטקייט בעת עמעצער פלעגט זיך אָנרירן אָן מיר מיט זיין האָ־ריקן לייב, אַ באַוואַקסענער ווי עשיו. אין מקווה ווידער, ווו די ייִדן פלעגן פון שוויץ־באָד, צעפּרייטע, צעפּרייכטע, צערויטיקטע פון די באָד־בע־זעמלעך אויף די אויבערשטע טרעפּ, זיך אַריינכאַפּן אָפּצוטובלען און אָפּ־צוקילן זיך, איז דאָס וואַסער געווען פאַרדומפּן און האָט אַרויסגעזעצט נישט אָנגענעמע ריחות — אַזש אין די נאָז־לעכער פלעגט עס ווערן זויער און ביטער. איבער די טרעפּ פון שוויץ־באָד האָבן זיך כסדר געטראָגן קו־לות און געוואַלדן. מ׳האָט געשאָטן מיט זידלערייען אויף פּנחס דעם בעדער פאַר וואָס ער גיט ווייניק פאַרע. צום ערגסטן האָט עס מיך אָפּגעשטויסן אין מרחץ פון די „פּיעכאָטנע" אָרעמע לייט, וואָס פלעגן קומען פון דער פרעמד צו „גיין איבער די הייזער". תמיד זענען זיי געגאַנגען אין טראַב־טעס און שמאַטעס, פאַרשמוצטע און פאַרלייזיקטע. אין שוויץ־באָד פלעגן זיי זיך ברייטלעך צעלייגן מיט זייערע שמאַטעס, אויפהענגען זיי איבער די

איבערשטע טרעפּ אויף אַ שטריקל צום אויספּאַרען. נישט איין באַלעבאָס פּלעגט זיי אַריינזאָגן און פּלעגט באַקומען גלייך אַן ענטפער:

— פעטער, וואָס האָט איר זיך אַזוי צעלייגט דאָ ווי ביים טאַטן אין ווייַנגאָרטן?...

— וואָס פאַרגינט איר מיר נישט דאָס ביסל תענוג? עס קאָסט אייך דען טייערער? איך נעם אייך דען צו די פּאַרע?...

האָב איך ווייניק הנאה געהאַט פון דעם מרחץ און פלעג זיך אַרויס־דרייען פון צו גיין מיטן טאַטן אַהין ערב שבת אָדער ערב יום־טוב.

II *

אין דירה אונדזערע, די דויערנדיקסטע, אין אַ שטוב אויף וואָלקאָ־וויסקער גאַס, האָט זיך באַזונדערס איינגעשניטן אין מיין זכרון.

אויף איין וואַנט האָבן געהאָנגען: משה רבינו מיט די לוחות, נחס תיבה, מיט אַלע חיות און פייגל. די דאָזיקע בילדער זענען געווען אַ ירושה־זאַך. אויף אַן אַנדער וואַנט האָבן געהאָנגען די עטלעכע פאָטאָגראַפיעס פונעם אַמעריקאַנער קרוב, און גאָר אויבן, איבער די פאָטאָגראַפיעס — דעם קייסער ניקאָלאַיס גרויסער פּאָרטרעט אין קאָלירן, מיטן בלאָנד בערדל און בלאָנדע וואָנצן, מיט די גרויסע גאָלדענע עפּאָלעטן און כלערליי מע־דאַלן און גאַלונען אויף דער ברוסט. צוליב דעם דאָזיקן פּאָרטרעט פלעגט איטלעכער דאָרפס־פויער, וואָס פלעגט קומען צום טאַטן שרייבן אַ „פּראָ־שעניע", תיכף אַראָפּנעמען דאָס היטל און שטיין בלייבן מיטן גרעסטן דרך־ארץ...

דעם קייסערס פּאָרטרעט האָט דער טאַטע אויפגעהאָנגען נישט אַזוי מחמת גרויס פּאַטריאָטישקייט, נאָר מחמת דעם, וואָס ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ שטיקל „טשינאָווניק": איז ער דאָך געקרוינט געוואָרן פאַר געהילף

---

*) אין דאָזיקן קאַפּיטל האָט דער מחבר — ווי אַ דערגאַנצונג צו זיין היים־שילדערונג — געבראַכט עטלעכע פרטים פון זיינער אַן אַנדערער דערציילונג („דער טויט האָט געשפּאַסט", אינעם בוך „אין אומרו פון יאָרן").

„קאַזיאָנני ראַווין״, אַן אַמט, וואָס האָט צו טאָן מיט מלכות... נו, האָט ער געהאַלטן פּאַר אַ חוב צוצוגעבן אונדזער שטיבל דעם כאַראַקטער פון אַ קאַנצעלאַריע...

דאָס הויז, ווו מיר האָבן געהאַט יענע דירה, איז געווען אַ מין קרעטש־מע, אַן אַלטער בנין, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ חורבה, מיט אַן אויסגע־בויגענעם דאַך, מיט צעפוילטע שינדלען — אַזוי אַז בעת אַ שטאַרקן רעגן פלעגט קאַפּען פון סופית און מ׳פלעגט מוזן אונטערשטעלן טעפּ מיט שיס־לען. צום הויז איז געווען צוגעבויט אַ לאַנגע סטאַדאָלע, וואָס האָט זיך שטענדיק געבאָדן אין אַ ים מיסט. סיידן אַ מאָל אין אַ יובל, אַז עס פלעגט דאַרפן דורכפאָרן דער גובערנאַטאָר דורכן שטעטל, פלעגט מיט אַ פּאָר טעג פריִער אַרומגיין דער „אוריאַדניק״ מיט אַ „סאָטסקי״ איבער די הייזער און פלעגט זיך בייזערן צוליב „טשיסטאָטאַ״ (ריינקייט)... געמאַכט פּראָטאָ־קאָלן... דעמאָלט פלעגט מען זיך נעמען צום מיסט אין די גאַסן, אין די שטאַלן און אויך אין „אונדזער״ סטאַדאָלע... געהערט האָט דאָס הויז צו אַ דאָרפס־פּאָרער, אַ „קאַראַבעלניק״, וואָס האָט געהאַנדלט מיט תבואה, מיט עופות, מיט אייער, מיט קעלבער און מיט וואָס ס׳האָט זיך געלאָזט. אין דער גרויסער שטוב, דורך וואַנען מען פלעגט דורכגיין צו אונדז אין קאַ־מער, זענען שטענדיק געשטאַנען זעק מיט קאָרן, ווייץ, גערשטן, האָבער און לייך־זוימען, פון וואָס אַלע לעכער אין הויז זענען פול געווען מיט מייז. ביי נאַכט פלעגט מען דעריבער הערן טומלדיקע געיעגן פון די פעט־אויסגע־פאַשעטע טונקל־גרויע חיהלעך...

די דאָזיקע קליינע באַשעפענישן פלעגן קריכן אומעטום: אין די שפּי־זשאַרניעס, אין די קאָמאָדעס, אין די טעפּ, אונטער די בעטן, אַ מאָל אויך אין די בעטן... איין מאָל, געדענק איך, אַז איך האָב אָנגעטאָן די שטיוול, האָב איך דערשפּירט, ווי אונטער איין פוס ליגט עפּעס אַ ווייכע זאַך. כ׳האָב געמיינט, אַז ס׳איז דער מאַמעס אַ פּאַדעם־קניילכל פון אַ זאָק. איך האָב אַראָפּגענומען דעם שטיוול, אויסגעשאָקלט און בין אָפּגעלאָפן מיט אַ געשריי: פון שטיוול איז אַרויסגעפאַלן אַ מייזל...

אַ חוץ מייז זענען אין דער גרויסער שטוב שטענדיק געווען די „לע־גאַלע״ באַשעפענישן: הינער, הענער, קאַטשקעס, יונגע קורטשיקלעך, וואָס פלעגן אָנפילן דעם גרויסן קאַטוך אונטערן אויוון און אַלע ווינקעלעך,

ווייל זייער צאָל פלעגט אַ מאָל זיין זייער גרויס. דער באַלעבאָס פון שטוב פלעגט כסדר ליפערן סחורה פון די דערפער און אָנפילן די שטוב. פאַר־שלאָפן פלעגט מען שוין ביי אונדז קיין מאָל נישט קענען: ווי נאָר עס פלעגט אין דרויסן אָנהייבן שאַריען אויף טאָג, פלעגט זיך דערהערן דער ערשטער קריי פון אַ האָן, מסתמא פון עלטסטן, פון „שליח ציבור", מיטן גרעסטן קאַם אויפן קעפל, און נאָך אים אַ גאַנצער כאָר:

— קו־קו־רי־קו!...

נישט אומזיסט, אַפּנים, פלעג איך זאָגן אַלע טאָג: „הנותן לשכוי בינה"...

אין דער גרויסער דורכגאַנגשטוב איז אָפט אויך געווען אַ יאַריד פון פויערים. זיי פלעגן קומען מאַכן אַ שנאַפּס נאָכן מאַרק און פאַרבייסן מיט אַ הערינג אין עסיק און ציבעלעס. זיי פלעגן קומען אָנגעלאָדן מיט קוישלעך, מיט איינגעהאַנדלטע סערפּן, מיט שפּין־רעדלעך, מיט בראָנעס, מיט פּעק־לעך הערינג און באַלאָנדלעך נאַפט. פון זייערע ווייסע סערמיגעס און שעפּסענע פּעלצן האָט זיך געטראָגן אַ שאַרפער, זויערלעכער ריח. אין אָוונט פלעגט אַ מאָל פאַרפאָרן אין דער סטאָדאָלע אויף „נאָצלעג" אַ גאַנצער „אָבאָז" מיט אייזערנע פעסער שפּירט פון אַ ברויז. דעמאָלט פלעגט זיך אין דער גרויסער שטוב אויסלייגן אויף דער פאָדלאָגע אַ גאַנצע קופּע פויערים, — דריי קאָפּיקעס פון אַ קאָפּ, — וואָס פלעגן זיך צעשנאָרכן און צעכראָפּען מיט ווילד־אָפענע מיילער. דורך דער שטוב איז דעמאָלט שווער געווען אַדורכצוגיין מיט אַ נישט־פאַרשטעקטער נאָז... ווי אין אַ קאַזאַרמע!

די איינציקע גוטע זאַך אין דער חורבה איז געווען דאָס, וואָס הינטער איר איז געווען אַ קליין סעדל פון עטלעכע פּרוכט־ביימער — רענעטן־עפּל, וואַסערדיקע פלוימען און קאַרשן — און דערצו נאָך בייטן צום פאַרזייען גרינוואַרג. און דאָס איינציקע פענצטער פון אונדזער קאַמער איז טאַקע אַרויסגעגאַנגען אין סעדל. מיין טאַטע, וואָס האָט געשטאַמט פון אַ דאָרף, האָט זייער ליב געהאַט צו פאַרען זיך אין גערטל, און האַרט פאַר אונדזער פענצטער האָט ער פאַרפלאַנצט אַ ווערבע. די דאָזיקע ווערבע האָט זיך זייער שנעל צעוואַקסן אין דער הייך און אין דער ברייט און אין אונדזער איינפענצטערדיקער קאַמער האָט דעריבער אייביק געהערשט אַ האַלב־טונקלקייט. אויף דעם פּיצל שטח צווישן דער ווערבע און אונדזער וואַנט

האָט דער טאַטע אויך געמאַכט אַ מין „פּריזבע״, אַרומגעצאַמט מיט שטיי־נער. דאָס איז געווען אונדזער בייטל, ווו ער האָט פּאַרזייט זון־בלומען.

דאָס דאָזיקע סעדל מיטן בוים און בייטל ביי אונדזער פענצטער איז געווען מיין לײדנשאַפט. זומער פלעגט עס דופטן פון דאָרט אין אונדזער אָפענעם פענצטער אַריין און מיין טאַטע פלעגט קוועלן: „אַן אמתע דאַטשע״. דאָס בייטל מיינס פלעג איך אָפּהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ: יעטן די ווילדע גראָזן, באַגיסן אין דער צייט פון טריקעניש, צובינדן די אויסגעצויגענע, לאַנגע שטענגלעך פון די זון־בלומען צו עקסטרע־אַריינגעשטעקטע שטע־קעלעך וכדומה.

אַגב, אַ חוץ אונדזער אייגענעם בייטל, אויף וועלכן איך בין געווען באַלעבאָס, פלעג איך זיך אַ מאָל נישט קענען איינהאַלטן און זיך אַרויפ־גנבענען אויפן עפּלבוים... די געלגאָלדיקע פּירות האָבן סכנותדיק געררייצט פון צווישן די בלעטער און געבעטן זיך ממש מען זאָל זיי רייסן. נישט שטענדיק אָבער פלעגט עס מיר געלינגען. נישט אַזוי צוליב די באַלעבאַטים גופא — זיי איז דאָס סעדל געלעגן ווייניק אין זינען, — ווי צוליב דעם אַלטן פישל. דער אַלטער פישל איז געווען דער באַלעבאָסטעס טאַטע. דאָס הויז האָט אַמאָל געהערט צו אים, שפּעטער איז עס אַריבער צו זיין טאָכטער, ביי וועמען ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אויף די עלטערע יאָרן. ר׳ פישל האָט פאַרבראַכט זיינע לעצטע יאָרן אין בית־מדרש און זיך אָנגעגרייט אויף „שפּעטער״, לאחר מאה שנה... אָבער ווי נאָר ס׳איז אָנגעקומען דער סעזאָן פון סעדל, איז ער געוואָרן אַן אמתער שומר: גאַנצענע טעג פלעגט ער אַרומדרעפּטשען מיטן שטעקן צווישן דיביימער און אויף איטלעכן בוים ממש די פּירות געציילט... טאָמער פלעגט פעלן, פלעגט ער שוין אָן טענות ומענות זיך נעמען צו מיר. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז נאָר מיין מלאכה, ווייל איין מאָל האָט ער מיך טאַקע געפּאַקט ביי דער האַנט. און געפּאַקט האָט ער מיך אויף אַזאַ אופן: כ׳האָב זיך געהאַט צוגעזעצט נעבן אים אין געררטל אויף דער באַנק ביים פּאַרקאַן; האָט ער מיר גענומען דערציילן עפּעס אַ מעשה פון דער פּוילישער „פּאָווסטאַניע״ *). ער האָט געקענט אַ סך מעשיות; — דערציילט, דערציילט און אין מיטן דערינען

*) אויפשטאַנד.

אַנדרימלט געוואָרן, אַנגעלענטערהייט אויפן שטעקן. כ'האָב געמיינט, אַז ער שלאָפט און תיכף אַרויפגעטאַנצט אויפן בוים. זיצנדיק אויפן בוים ביי די לאָקנדיקע ראַנעטן, דערהער איך פלוצלינג זיין הייזעריק געשריי: „שייגעץ!! אַרצי־שייגעץ!!!" כ'האָב זיך קוים באַוויזן אַרויסצודרייען פון זיין שטעקן... פון דעמאָלט אָן האָט ער מיך געהיט ווי אַ גנבֿ. ווי נאָר איך פלעג אַריינגיין אין סעדל, שוין גאָר אָן שלעכטער כוונה, פלעגט ר' פישל אויסוואַקסן פאַר מיינע אויגן מיט זיין שטעקן און נאָכקוקן מיין יעדער באַוועגונג. ווי אַ שוואַרצער דראָענדיקער שאָטן איז ער געווען פאַר מיר, דער אַלטער פישל, אין יענע פריידיקע זומערדיקע טעג, צווישן די ביימער פונעם דופּטיקן סעדל און די זון־בלומען פון מיין בייטל ביי אונדזער פענצטער.

אומעטיק פלעגט מיר ווערן, אמתדיק אומעטיק אויפן האַרץ, בעת עס פלעגט אָנקומען דער האַרבסט מיט די רעגנס און ווינטן און אין סעדל פלעגט ווערן אַ וויסטקייט, אַ פוסטעניש. אין די לאַנגע פינצטערע נעכט פלעג איך אויפן געלעגער זיך צוהערן ווי די ווערבע הינטער אונדזער פענצטער קרעכצט און וואָיעט פון ווינט...

— —

איז אָט דאָס געווען אונדזער „פּאַלאַץ" — ווי מיין עלטערע שוועסטער פלעגט ליב האָבן צו איראָניזירן — אונדזער „פּאַלאַץ", וווּ ס'האָט געפּייפט דער דלות...

זונטיק פלעגט מען קויפן אויף אַ גאַנצער וואָך אַ גרויסען לאַבן שוואַרץ־ברויט, און אַז דער לאַבן פלעגט מיט יעדן טאָג ווערן קלענער, פלעגט ווערן אומהיימלעך. דער טאַטע אַליין פלעגט פאַר אַלעמען אין שטוב שניידן די פעניצן ברויט, גלאַט, זאָרגעוודיק, עס זאָל נישט גיין אין ניוועץ, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען נישט קיין ראָזעוואַנע ברויט, נאָר לעקעך... אויף שבת פלעגט די מאַמע קיין מאָל נישט באַקן קיין חלה אַליין, „פאַר־זיך", ווי אַלע באַלעבאַסטעס פלעגן זיך נוהג זיין ערב שבת. נאָר זי פלעגט קויפן די ביי־ליקסטע חלה, אָן אייער און אָן בוימאייל, גרייטערהייט אויפן מאַרק. בלויז אויף יום־טוב פלעגט מען זיך עס ביי אונדז פאַרגינען, און דעמאָלט פלעגט שוין די מאַמע מאַכן פאַר מיר, דער „מיזיניקל", אַ קליין חלהלע מיט אַ „שפּאַניער" אָדער מיט אַ „לייטערל". אַז דער טאַטע האָט אַ מאָל אין אַ פרייטיק געכאַפּט אַ פאַרדינסטל ביי אַ שליאַכציץ, פאַר אַ „פּראָשעניעלע", האָט מען

זיך אויך פאַרגונען צו „מאַכן“ אַ שבת מיט פיש. פאַרשטייט זיך, מיט די ביליקסטע פיש, נישט מיט קאַרפּן אָדער העכט, ווי ביי לייטן...

פלייש איז נישט געווען אַזאַ אָפטער גאַסט אין אונדזער שטוב. די מאַמע פלעגט אויספּרעגלען „טוקענעם“, רינדערנעם שמאַלץ מיט ציבעלעס, אויס־געקילט עס אין אַ טעפּל און דערמיט פלעגט מען עס שמעלצן אונדזערע וואָכעדיקע אָרעמע קרופּניקעס, וואָס מ׳פלעגט עסן מיטן שוואַרץ ברויט. אין שטיבל פלעגט דער שמאַלץ פאַרשמעקן ווי עפּעס רעכטס...

אויב מיטן עסן איז ביי אונדז נישט געווען אַזוי פויגלדיק, איז דאָס טרינקען געווען גאָר שפּעדיק. און טרינקען פלעגט מען ביי אונדז אַ סך טיי. אין דער פרי, ביי טאָג, אין אָוונט. מיר האָבן געהאַט אַ סאַמאָוואַר מיט אַ הלאַק. דעם סאַמאָוואַר אויף אין דער וואָכן און דעם הלאַק אויף שבת. מ׳פלעגט דעם הלאַק פאַררוקן צוזאַמען מיטן טשאָלנט, נאָך דעם אים האַלטן פאַרשטעקט אינעם בעטגעוואַנט, ער זאָל זיך נישט אויסקילן, און דעם גאַנצן שבתדיקן טאָג — כאָטש אונדזער טשאָלנט איז נישט געווען אַזאַ פעטער — פלעגט מען טרינקען טיי. אין דער וואָכן פלעגט זיך דער טאַטע כסדר ליב האָבן צו פּאַרען אַרום סאַמאָוואַר, לייגן אין אים העלצלעך, שפּענדלעך, בלאָזן מיטן מויל און אַ מאָל מיט אַ שטיוול, ווי מיט אַ בלאָז־זאַק. טיי פלעגט מען ביי אונדז נוצן גאָר שמעקעדיקן. נישט, חלילה, פּאַ־פּאָוס, צי וויסאָצקיס טיי — אַ צו טייערע משקה וואָלט עס פאַר אונדז געווען; נאָר אַ מין פּרוכט־טיי — צוויי קאָפּיקעס אַ שאַכטל — און עס האָט געהייסן „קיטייסקי טשאַי“. אויפן שאַכטל זענען טאַקע געווען אויסגעמאָלט רויטע און בלויע כינעזער מיט צעפּלעך, ווי זיי זיצן אַרום אַ נידעריקן טישעלע און טרינקען טיי.

כ׳האָב קיין מאָל נישט געקאָנט פאַרשטיין פון וואַנען האָט זיך אין אונדזער שטוב גענומען אַזאַ דורשט... סיידן כדי אָפּצואַרן דעם מאָגן מיט דער דאָזיקער ביליקער פּליסיקייט...

III

בלויז אין ימים טובים פלעגט אויך אין אונדזער שטיבל אַריינ־דרינגען אַ קאַפּעלע פרייד. בפרט אין די צוויי ימים טובים פּסח און סוכות,

ווען עס פלעגט אָנקומען פון דער פּאָסט אַן אָנווייזונג אויף עטלעכע רובל פון אַמעריקע... אַפילו די אַלע אַנדערע ימים טובים פלעגט מען ביי אונדז ווי עס איז „צונויפשטוקעווען". אמת, נישט אַזעלכע געהויבענע ימים טובים מיט קאַרפּן, מיט אינדיקעס, מיט גוטן ווין, מיט היימיש געבאַקע־נער חלה. אָבער „נישט צו פאַרזינדיקן" — פלעגן זאָגן טאַטע־מאַמע. ס'איז אויך גוט געווען, אַז די מאַמע פלעגט קאָנען קויפן אויפן מאַרק אַ פונטל ביליקע סטינקעס, וואָס זי פלעגט צעהאַקן און מאַכן דערפון האַלקעס. „אדם אַ מענטש און סטינקעס — דגים"... — פלעגט זיך ביטער וויצלען דער טאַטע. פאַר אונדז איז אויך געגנוג געווען כאָטש אַ זכר פון פראָסטן מאָגערן פלייש מיט ביינער, נישט דווקא די גרויסע פּאַרציעס אויף אויסצופילן די טעלערס.

צום מערסטן האָט מיך פאַרשלונגען דער ערב פסח. די הכנות אין שטוב צום גרויסן יום־טוב. די מאַמע איז כסדר פאַרפאַרעט מיט וואַשן, שייערן און כשרן. דער טאַטע לופטערט אויף דרויסן די ספרים. ס'איז וואַרעם, ס'איז פרילינגדיק. די „קרומעיאַנקע", *) וואָס נעבן אונדזער שטוב, רוישט מיט די פרילינגדיקע וואַסערן, וואָס קומען אָן פון די צעגאַנגענע שנייען. דאָס שטיבל אונדזערס איז שוין אַן אויסגעקאַלכטס. דאָס האָט דער טאַטע אַליין געקויפט אַ שטיק קרייד און אויסגעווייסט. די מאַמע האָט אויסגע־וואַשן די פּאָדלאָגע און פאַרשאָטן מיט געלן זאַמד. איך מיט דער שוועסטער פאַרנעמען זיך מיט באַפּוצן די ווענט מיט אויסגעשוירענע קאָלירטע פּאַ־פּירענע בלימלעך — גרינע, בלויע, רויטע. ערב פסח, אַז דאָס שטיבל איז שוין געווען אויסגערייניקט פון חמץ, פלעגט דער טאַטע אַראָפּנעמען פון בוידעם דאָס קעסטל מיט די פסחדיקע כלים. אין דער רגע האָט שוין אַ ווייע געטאָן מיט פסח, מיט דער יום־טובדיקייט אין שטיבל.

היינט די פרייד פון די סדרים גופא, פונעם פסח־טיש! דער טאַטע אי־נעם ווייסן קיטל אויפן היסב־בעט. דער דערשלאָגענער ייד פון אַ גאַנץ יאָר, דער פאַרדאגהטער אביון, איז פלוצלינג געוואָרן אַ מלך... אַ מלך, וואָס גיט אַרויס קאָמאַנדעס: „רחצה"... — און די מאַמע מוז אים באַלד געהאָרכזאַם צוברענגען אַ קוואָרט וואַסער מיט אַ שיסל צום וואַשן די הענט. און איך,

*) אַ קאַנאַווע

דער פּרינץ, דער בן־מלך, האָב היינט אויך אַ גרויסע ראָל: איך דאַרף פרעגן די פיר קשיות, צו וואָס דער רבי אין „חדר" האָט מיך אַ וואָך פאַר פּסח גענומען צוגרייטן. פיל איך מיך אויך גאָר דערהויבן און יום־טובדיק.

יעדערער ביי אונדז האָט געהאַט זיין שטענדיקע כוסה: דער טאַטע אַ גלעזערנעם כוס מיט רויטע בלימלעך; די מאַמע אַ געוויינלעך גלעזל; די שוועסטער אַ קליין בלוי גלעזעלע מיט אַ „טאַליע" אין מיטן. און מיין כוסה־לע, געדענק איך, איז געווען אַ בלעכענע, מיט קאָלירטע מאָלערייען פון דער אויסנווייניקסטער זייט. אויבן ברייט, אונטן שמאָל, ווי אַ קוגל־טעפּעלע. אָבער דעם גרעסטן כוס ביים סדר האָט געהאַט אליהו הנביא. אפשר דער־פאַר, ווייל דער פול־אָנגעגאָסענער כוס זיינער איז דאָך שטענדיק געבליבן אַ נישט־אויסגעטרונקענער... אין דער אמתן: צי איז דען אליהו ביכולת אויסצוטרינקען אַלע כוסות אין אַלע ייִדישע הייזער?...

ווייַן און מעד האָט דער טאַטע שטענדיק געקויפט ביי שלמה־איטשע דעם וויינשענקער אין קעלער: אַ קוואַרטירל וויין און אַ קוואַרטירל מעד. אַהין פלעגט מיך דער טאַטע אויך מיטנעמען און איך פלעג זיך דאָרט אָנ־זאַפּן מיט די יום־טובדיקע ריחות פון די פעסלעך פּסחדיקן וויין. אגב פלעגט שלמה־איטשע געבן צו פאַרזוכן אַ שלוק וויין. נישט קיין קלייני־קייט...

מצה האָט אונדז אַ גאַנצן פּסח נישט געפעלט. אדרבה, עס פלעגט נאָך איבערבלייבן מצה אויך אויף נאָך פּסח. דער טאַטע פלעגט דאַן די מצה צעשטויסן אין אַ הילצערנער „סטופע" אויף מצה־פאַרפעלעך און מצה־מעל. פלעגט די מאַמע האָבן אויף אַ לאַנגער צייט, ביז סאַמע שבועות, צו שיטן אין די טעלערס געקעכטסן. אַזוי־אַרום פלעגט זי איינשפּאָרן צו קאָכן לאָקשן אָדער פאַרפל. און נישט געפעלט האָט אונדז קיין מצה פּשוט דער־פאַר, ווייל די מאַמע האָט צוויי וואָכן פאַר פּסח געפּראַצעוועט אין אַ בשות־פותדיקן „פאָדריאַד" און כשר פאַרדינט די מצות אויף פּסח. עס האָט נאָך צוגעהאָלפן דער טאַטע, ווי אַ גוטער „רעדלער". און איך פלעג אויך צוהעלפן ווי אַ וואַסער־גיסער ביי די „מיירעס". אַזוי אַז אויף אונ־דזער חלק פלעגט מען אונדז אָפּטראָגן אַ גאַנץ היפּשן קויש מצה.

ביים זאָגן די „הגדה" האָט דער טאַטע געהאַט אַ מאַנאָטאָנעם אומע־טיקן ניגון. אַזוי פון אָנהייב ביז „חד גדיא". ערשט ביים סוף, ביים שיר־

השירים, איז ער געוואָרן הייטערער און פלעגט מיך הייסן מיטזינגען גלייך מיט אים. דער ניגון פון שיר־השירים איז געווען אַ גאַנץ אַנדערער — אַ ניגון מיטן טראָפּ, ווי אין „חדר", מיט אַלע דריידלעך, מיט די אויבער־ און אונטער־טענער.

אַז איך פלעג זיך נאָכן סדר אַרויסכאַפּן אין געסל אַ קוק צו טאָן אויף דער „ליל שימורים", האָט מיך אַרומגענומען אַ פאַנטאַסטישע בלויקייט. כ'האָב געזען באַשיינפּערלעך, אַז די פּסח־נאַכט איז טאַקע אַנדערש ווי אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר. די לבנה און שטערן פינקלען, דוכט, מיט אַן אַנדער הייליקן גלאַנץ, ווינקען זיך איבער מיט די פייערלעך פון די יום־טובדיקע ליכט אין אַלע יידישע פענצטער. ניגונים טראָגן זיך פון אַלע זייטן. די געזאַנגען וועגן יציאת־מצרים. איך קוק אין דער בלויקייט פון הימל און פאַר די אויגן זע איך ווי משה פירט די מחנה יידן צום ים־סוף, ווי ער שפּאַלט מיטן שטעקן דעם ים, ווי די וואַסערן צעטיילן זיך, הייבן זיך אויף ווי ווענט און די בני ישראל גייען דורך אין מיטן, אין דער טרי־קעניש... און אַז איך הויב אָן צו שפּרייזן איבערן געסל, דוכט זיך מיר, אַז איך הער הינטער זיך טריט; אַז אָט שלייכט די געשטאַלט פון אליהון, אַן איינגעהילטער אין בלויען שלייער, און ער גייט פון שטוב צו שטוב, ווען מען עפנט די טירן צו „שפוך חמתך"...

פיל איך מיך דערנאָך דערהויבן אין אונדזער אָרעם שטיבל. טראַכט איך ביינאַכט אויף מיין געלעגער וועגן די גרויסע ניסים מיטן פאָלק יש־ראל. פלאַנטערן זיך מיר אין דמיון געשטאַלטן פון יידן־עבדים, וואָס אַר־בעטן עבודת פרך ביי פּתום ורעמסס... זע איך ווי דאָס קעסטעלע מיט משהן שווימט אויפן ניל און ווי פרעהס טאָכטער גייט אַרויס צום ברעג טייך זיך וואַשן און ציט אַרויס דאָס קעסטעלע... שלאָף איך אַזוי איין מיט די שיינע חלומות. ווייל אויך אין אַן אָרעם שטיבל קומען חלומות... און אַ מאָל — גאָר גרויסע חלומות — — —

אַ צווייטער יום־טוב, וואָס איך האָב זייער ליב געהאַט, איז שבועות. אַ יום־טוב, וואָס איז פאַרבונדן מיט נאַטור. ערב שבועות פלעגן מיר — דער טאַטע, איך און מיין שוועסטער רבקה — זיך אַוועקלאָזן אין פעלד, „אונ־טערן גלח", נאָך גרינס. מיר פלעגן אויסזוכן אַ געדיכטע ווערבע ביים ראָוו און אָנפּליקן אַ הורבע פרישע גרינע צווייגלעך. דאָס גאַנצע שטיבל האָט

ביי אונדז נאָך דעם באַקומען אַן אַנדער אויסזען. אַלץ האָט זיך געטונקען אין גרינס. די ווענט, דער סופיט, אַלע ווינקעלעך — אומעטום גרינס, גרינס. אַ גרינער יום־טוב אין שטיבל.

מיין טאַטע, וואָס איז געווען אַ מייסטער אין שניצערייען, פלעגט פון אַ ווערבע־שטעקעלע מאַכן אַ פייפעלע פאַר מיר. אַ פייפעלע מיט לעכלעך אין דער קאָרע, כדי צו רעגולירן די טענער. פלעגט ער מיך לערנען פייפן און נאָכמאַכן די פאַסטוכער אויף דער לאָנקע. איך פלעג אים נאָכטאָן, אָבער נישט אַזוי געלונגען ווי ער. ער האָט עס געקענט. ווייל ער אַליין איז געבוירן געוואָרן אין אַ דאָרף, אין ראָהאַטשי, אַ זעקס־זיבן וויאָרסט הינטערן שטעטל, און ער האָט זיך יינגלווייז אויסגעלערנט פון די פאַסטוכער צו מאַכן פייפלעך און צו שפּילן אויף זיי.

אָבער וואָס שייך דער מאַמעס שבועותדיקע בלינצעס, זענען זיי נישט געווען אַזוי פעט און נישט אַזוי פיל, זיי זאָלן זעטיקן אַלעמענס אַפּעטיט, — אַזוי ווי, אַ שטייגער, ביי אונדזערע באַלעבאַטים, ביי וועמען מיר האָבן געוווינט. ביי יענע איז מיט פרנסה געווען אַ סך לייכטער ווי ביי אונדז. ביי אונדז אין שטוב פלעגט תמיד אויספעלן אויף צו ענדיקן די וואָך. עס האָט אויסגעפעלט די „ברכה און הצלחה“ פון „גאָט פון אברהם“, וואָס מיין מאַמע פלעגט זאָגן בכוונה מיט איר אומעטיקן תחנונימדיקן ניגון אַלע שבת־צו־נאַכט, ווי נאָר עס פלעגט זיך באַוויזן אויפן הימל דער ערשטער שטערן...

— —

תשעה־באָב, ראש־השנה, יום־כיפור — די דאָזיקע טעג פון געוויין און תחנונים האָבן נאָך שווערער געמאַכט מיין אומעטיק געמיט...

סוכות און שמחת־תורה האָבן דערפאַר ווידער געבראַכט פרייד. שוין דאָס מייסטרעווען די סוכה הינטערן פענצטער צוזאַמען מיטן טאַטן האָט מיר געגעבן אַ סך הנאה. דער טאַטע איז געווען דער הויפּט־אַרכיטעקט און איך דער געהילף. איך פלעג צונויפשלעפן די ברעטער פון אַלע ווינקעלעך פון דער גרויסער סטאַדאָלע, צי פון בוידעם און פלעג זיי איינציקווייז דערלאַנגען דעם טאַטן, צוגעהאַלטן ביים צוקלאַפּן זיי, דערלאַנגט די טשוועקעס, נאָך דעם דעם סכך צו פאַרלייגן אין דער הייך. אַז די סוכה איז פאַרטיק געוואָרן, האָט מען זי פון אינעווייניק פאַרהאָנגען מיט ליילעכער און

דעמאָלט האָב איך מיט מיין שוועסטער אויסגעהאָנגען אויבן אויף די וואַנט־לעך שטענגלעך רויטע ראַבינעס, — ווי רויטע קרעלן אויפן ווייסן פאָן. ווי קיל עס איז נישט געווען, בין איך כסדר ביי די סעודות געזעסן מיטן טאַטן אין דער סוכה. בין שטאַרק צופרידן געווען, וואָס מען האָט מיך שוין אויך פאַררעכנט פאַר אַ דערוואַקסענעם, הגם איך בין נאָך נישט געווען קיין בר־מצווה.

אין סוכה מיט אונדז איז אויך געזעסן אונדזער באַלעבאָס — מאיר־יאָשע קאַראַבעלניק. נישט קיין גרויסער גביר, אָבער אַנטקעגן אונדז איז ער געווען אַן עושר. דאָס האָט מען אויך געקאָנט דערקענען אין די טעלערס פון די יום־טובדיקע סעודות... זיין ווייב לאה, לאה מאיר־יאָשעס, פלעגט טאַקע אַריינברענגען אין סוכה אַריין מכל טוב, ביד רחבה, און מיין מאַמע, נעבעך אַ פאַרשעמטע, פלעגט אַריינטראָגן אָרעמאַנסקע מאָגערע מאַכלים.

דערפאַר די אושפיזין זענען געווען פאַר אַלעמען גלייך. פלעגט מיין טאַטע זאָגן און אונטערברומען מיט אַ שטיל ניגונדל. און דאָס דאָזיקע ניגונדל האָט פאַרווישט און פאַרגלעט דעם חילוק פון די טעלערס... אַ נפקא־מינה, ס'איז סיי־ווי־סיי יום־טוב, ס'איז יום־הסוכות פאַר אַלעמען...

— —

אַזוי פלעגט יעדער יום־טוב באַלייכטן אַ ביסל מיין אומעטיק קינדעריש געמיט. עס פלעגט אַ שטראַל טאָן אַ פרייד און פאַרשווינדן צוזאַמען מיטן יום־טוב. נאָך דעם פלעגט זיך ווידער פאַרציִען אַ כמאַרע איבער מיין טריבער קינדערישער וועלט.

אַ קינדהייט אָן פרייד...

2

אין שאָטן פון בית־מדרש

כ'בין דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר פופצן, ווען כ'האָב זיך צונויפגעגע־רעדט מיט מיינע צוויי חברים בית־מדרשניקעס — שעפּסל און איטשקע — אַז מיר פאָרן קיין רוזשענאַי אין דער ישיבה. ביידע זענען זיי געווען באַ־

לעבאַטישע יינגלעך. זייערע עלטערן האָבן געהאַט שניט־קראָמען, אייגענע שטיבער און אין זייערע היימען האָט נישט געפייפט אַזוי דער דלות אַזוי ווי ביי אונדז. מיינע חברים פון בית־מדרש האָבן, פונקט ווי איך, זיך גע־האַלטן עלטער ווי לויט זייערע יאָרן. אגב זענען זיי טאַקע געווען עלטער פון מיר מיט אַ פּאָר יאָר. פונדעסטוועגן האָבן זיי אין בית־מדרש גע־קלעפּט צו מיר.

אין בית־מדרש — „סענדערס בית־מדרש" — האָב איך שוין געהאַט „געקוועטשט די באַנק" אַ יאָר דריי. צו צוועלף יאָר בין איך שוין אַריין אַהין מיט ביידע פיס. געווען איז עס נאָך אַ דורכגעמאַכטער קראַנקייט צוליב אַ פאַרקילונג. טאַטע־מאַמע האָבן אויף מיר, דעם בן־יחיד, געקוקט ווי אויף אַ שוואַך קינד. מיין בלאַס פּנים האָט טאַקע געקאָנט מאַכן אַזאַ איינדרוק. און נישט קיין חידוש: די כסדרדיקע אונטערדערנערונג אין מיין אָרעמער היים, די מאָגערע עסנס (פּוטער, מילך, פלייש איז ביי אונדז געווען אַ לוקסוס...), דאָס אָפטע נאָגעניש ביים האַרץ מחמת הונגער, דער מאַנגל אין וויטאַמינען — דאָס אַלץ האָט געלייגט זיין חותם. האָט מען מיך, לויט דער עצה פון אַ דאָקטער אין דער גובערניע־שטאָט, אָפּגענו־מען פון „חדר" און אָפּגעגעבן לערנען צו אַ פּרוש אין בית־מדרש בלויז אויף צוויי שעה אין טאָג. דער פּרוש איז געווען אַ לאָמזשער, אָבער גערופן האָט מען אים „דער וואָמזשער", ווייל ער האָט נישט געקאָנט אַרויסרעדן קיין למד. אַנשטאָט אַ למד פלעגט זיך ביי אים באַקומען אַ וואָו. מיין נייער רבי פלעגט מיט מיר לערנען יעדן טאָג תנ"ך און גמרא. אָבער אין בית מדרש פלעג איך שוין פאַרבלייבן דעם גאַנצן טאָג; פלעג חזרן דעם „שיעור" און שפּעטער אויך אָפט גענומען אַריינקוקן אין אַנדערע ספרים, אַ חוץ דעם „שיעור". אַז דער עולם לערנערס פלעגט זיך צעזינגען ביים לערנען — יעדער איינער מיט זיין ניגון — האָט זיך אויך מיין ניגון אַריינגעמישט אין די אומעטיקע ניגונים:

— אוי, תנו רבנן...

— אוי, אמר אביי...

אַזוי זענען אַוועק אַ פּאָר יאָר. ס'האָבן זיך געטוישט מיינע רביים אין „סענדערס בית־מדרש". האָב געלערנט מיט פּרושים, מיט ישיבה־בחורים.

געלערנט אויך צו ביסלעך „פּאַר זיך". שוין געהאַט געלערנט אַלע „בבא'ס": „בבא קמא", „בבא מציעא", „בבא בתרא"; מסכתא „קדושין". עס האָט געצויגן צו אַ ישיבה, צו פאַרטיפן דאָס לערנען, צו זיין אין די דלד אמות און אונטער דער השגחה פון אַ למדן מפורסם.

און אָט האָבן מיר, דריי חברים, זיך צונויפגערעדט און אומר ועושה: מיר פאָרן! מיר פאָרן אין רוזשענאָיער ישיבה, ווו ראש ישיבה איז געווען דער גרויסער למדן „ר' איצעלע חריף", ווי מ'האָט אים גערופן.

„ר' איצעלע חריף" איז שוין געווען אַ ייד אַ זקן. אַ ייד מיט ווייניק גוף, אַ דאַרער, מיט אַ שמאָל פּנים, מיט אַ נישט צעוואַקסענער שיטערער באָרד. אַ ייד כולו רוחניות. גערעדט האָט ער נאָר בעתן לערנען, בעתן „שיעור" מיט די תלמידים. קיין שיחות חולין האָט מען פון אים קיינמאָל נישט געהערט, גלייך ווי ער וואָלט זיך אָפּגעהיט נישט צו פאַרשווענכן זיינע לעפצן מיט וואָכעדיקע ענינים.

אין ישיבה האָט מען דעמאָלט געלערנט די מסכתא „יבמות". דער עולם ישיבה־בחורים איז געווען אויסגעזעצט אויף די בענק־געשטעלן ווי אַ „חית". און אין מיטן איז געזעסן ביי אַ סטענדער ר' איצעלע. ער האָט זיך געשאָקלט און מסביר געווען. און יעדעס מאָל געהייסן מיטן ווונק עמיצן אָנדערש נאָכצוזאָגן אין דער גמרא, וואָס ער האָט שוין געהאַט פריִער מסביר געווען. ביי פערציק ישיבה־בחורים געווען אין דער דאָזיקער העכערער כיתה. אַלע האָבן פאַרנומען ר' איצעלעס רייד מיט שוויי־געניש, מיט דרך ארץ. אַלעמענס אויגן זענען געווען געווענדט צו אים, צו זיינע תנועות. אַלעמענס אויערן — צו זיין קול. געוויסע שטעלן אין דער גמרא פלעגט ער אונטערשטרייכן מיט אַ האַנט־באַוועגונג, אַ פיר טועדיק אין דער לופטן דעם גראָבן פינגער אין אַ בויגן, ווי וועלנדיק אַזוי אַרום אַרויסקומען בשלום פון דער שווערער סוגיא.

דער גאַנצער עולם ישיבה־בחורים האָט געגעסן „טעג". וגם אני הקטן. און איך ווי אַלע. עטלעכע „טעג" האָב איך געהאַט גאָר גוטע: למשל, זונטיק האָב איך געגעסן ביי דעם גרויסן שטאָט־גביר כוואָיניק. צוזאַמען מיט מיר האָבן דאָרט געגעסן נאָך פינף ישיבהניקעס. עסן האָט מען אונדז דאָרט געגעבן נאָר איין מאָל: מיטאָג. אַז מיר פלעגן זיך אַלע מיטאַמאָל אַריינשיטן אַהין, דורכן קיך־אַריינגאַנג, פלעגט מען אונדז פאַרבעטן אין

עפּעס אַ גרויסער פּאַדער־שטוב, ווו עס איז שוין געווען געגרייט אַ לאַנגער טיש. יעדער פון אונדז האָט געקריגן אַ גרויסן טעלער פעטן רויטן באַרשט מיט קאַרטאָפל, מיט אַ פּאָרציע פלייש און ברויט. נאָכן עסן און נאָכן בענטשן פלעגט מען נאָך יעדן איינעם פון אונדז מיטגעבן אַ „סקיבע" שוואַרץ־ברויט מיט צוויי קאָפּיקעס אויפן רעשט טאָג. ס'האָט געהייסן אַ גוטער, זאַטער „טאָג".

מיין „שבת" איז געווען ביי אַ קצב. אויך אַ זאַטער „טאָג". פלייש פעלט דאָך נישט ביי אַ קצב — פלעגט מען מיר, צוזאַמען מיט נאָך איין ישיבה־בחור, דערלאַנגען די נישקשהדיקע פּאָרציעס. פרייטיק־צו־נאַכט (דער „שבת" פלעגט זיך אָנהייבן פון פרייטיק־צו־נאַכט) פלעגט מען תמיד געבן פּאַר אַ פאַרשפּייז בהמה'שן אייטער. אַ פעטע קלעפּיקע מאַסע. דאָס האָט גע־גאָלטן פאַר נישט פליישיק, נישט מילכיק. די צרה איז נאָר געווען, וואָס דער באַלעבאָס, דער קצב, איז געווען אַ בור דאורייתא און בעת ער פלעגט מאַכן קידוש, פלעגן מיר, די ביידע ישיבה־בחורים, זיך נישט קאָנען איינ־האַלטן פון לאַכן: יענער האָט צעפּערטלט די „עברי" אַזוי ווי אויף דער יאַטקע־קלאָץ...

נישט קיין שלעכטן „טאָג" — אַ דינסטיק — האָב איך אויך געהאַט ביים מילנער, אין עק שטאָט. דאָרט פלעגט מען מיר קאַרמענען מיט אַ סך מילכיקס, מיט ערדענע שיסעלעך זויערמילך און מיט „שמעטאַנקאָוון" קעז. ביים עסן פלעגט מיר „אַסיסטירן" אַן אַלטיטשקע, אַ האַלב־בלינדע באָבע. געבן עסן אַ ישיבה־בחור איז דאָך אַ מצווה־זאַך — פלעגט זי אַרום מיר זיך מטפּל־זיין. די אַלטיטשקע פלעגט מיר שטענדיק אויספרעגן וועגן מיין היים און צי איך בין שוין געשטאַנען צום „פּריזיוו". דאָס זעלבע פלעגט זי מיך פרעגן אַלע מאָל, ווען איך פלעג קומען אַהין. אפנים דער זכרון האָט איר שוין לחלוטין נישט געדינט. דאָס פלעגט מיך מאַכן לאַכעדיק: זי רעדט וועגן „פּריזיוו" — אַז סך־הכל בין איך דעמאָלט אַלט געווען קוים פופצן יאָר...

מיין „פרייטיק" איז געווען דער גבאי פון ישיבה. „יחיד" האָט מען אים גערופן, צי דאָס איז געווען אַ צונאָמען, צי זיין פאַמיליע־נאָמען — האָב איך נישט געוווסט. „יחיד" איז געווען אַ ייד אַן אַ חתימת זקן. נישט חלילה דערפאַר וואָס ער זאָל זיך האָבן געגאָלט, נאָר פשוט, עס איז גאָר־

נישט געוואָקסן אויפן אָרט פון דער באָרד. געזאָגט האָט מען אויף אים, אַז ער איז אַ טומטום, נישט קיין זכר, נישט קיין נקבה. דערפאַר האָט ער נישט חתונה געהאַט, הגם ער איז שוין אַ ייִד אין די זעכציקער. טאָ ווי אַזוי־זשע טראָגט ער ביים דאַוונען אַ טלית? אַ בחור איז דאָך פּטור פון דער דאָזיקער מצווה? האָט מען דערציילט, אַז כדי צו קאָנען טראָגן אַ טלית, האָט ער כלומרשט חתונה געהאַט אויף איין טאָג און נאָכדעם זיך געגט מיט זיין זיווג, וואָס איז קיין זיווג נישט געווען... קאָן טאַקע געמאָלט זיין, אַז מען האָט מיין „פּרייטיק" גערופן „יחיד", ווייל ער איז זיין גאַנץ לעבן געבליבן, נישט פאַר קיינעם געדאַכט, איינער אַליין. אַ בחור ביז הונדערט און צוואַנציק. „יחיד" פלעגט מיר פרייטיק נישט געבן קיין עסן — ווי האָט ער, אַ בחור, עס געקאָנט באַוויזן? — נאָר געלט: אַ קופּערנעם צענער, איך זאָל מיר אַליין קויפן צום עסן. באַלד אין דער פרי נאָכן דאַוו־נען אין דער ישיבה פלעגט ער צו מיר צוגיין און מיר דערלאַנגען די גרויסע קופּערנע מטבע.

איין „טאָג", געדענק איך, האָט מיר די גאַנצע צייט געפעלט: אַ „מיט־וואָך". האָב איך געלעבט אין ישיבה אָן אַ „מיטוואָך" און פלעג דאַן אָפּ־קומען מיט שהי' פּהי'; מיט די אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס פון מיין „פּרייטיק"...

דערפאַר זענען אין דער ישיבה געווען אַזעלכע אויסטויגערס, וועלכע האָבן געהאַט אַ פאָר „טעג" אָן עודף... מערער ווי די זיבן טעג פון דער וואָך. ווער עס האָט געהאַט אַכט, ווער ניין און ווער אפילו צען „טעג". יענע זענען שוין קיינמאָל הונגעריק נישט געווען.

אָבער יאָ עסן — נישט עסן. געלערנט האָט זיך געשמאַק. כ'בין גע־קומען אין ישיבה מיט מיין אייגענעם גמרא־ניגון פון „סענדערס בית־מדרש". פלעג איך נישט אָפּשטיין פון אַלעמען. פלעג איך אין די נאָכמיטאָג־שעהן זיצן ביי מיין סטענדער איבער דער גמרא און זינגען בציבור. פלעגט זיך מיין אומעטיקער גמרא־ניגון אויסמישן מיט אַלעמענס ניגונים:

— אוי, תנו רבנן...

— אוי, תנו רבנן...

די גאַנצע ישיבה איז אָנגעפילט געוואָרן מיט אַ הייליק געזאַנג.

3

די נײַע ווינטן

רוזשענאָי איז געווען אַ ייִדישער אַרבעטער־צענטער. דאָרט זענען געווען פאַבריקן פון דעקעס*, אין וועלכע עס זענען געווען באַשעפטיקט הונדערטער ייִדישע אַרבעטער. די גרעסטע פאַבריקן האָבן געהערט צו די כוואָיניקעס.

אין דאָזיקן אַרבעטער־צענטער זענען דעמאָלט געווען טעטיק אומלעגאַל פּאָליטישע פּאַרטייען: „ס.ס.", „בונד", „פּועלי ציון", „אַנאַרכיסטן". די שטאַרקסטע פּאַרטיי איז דאָרט געווען די „ס.ס.". זי האָט געהאַט די מאַסע. עס איז שוין געווען די צייט נאָך דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע פון 1905. די צאַרישע מאַכט האָט מיט דער גרעסטער התמדה דערשטיקט די אַרבעטער־באַוועגונג. אין שטאָט האָט מען געזען תמיד פאַרשטאַרקטע פּאָליציי־פּאַטרולן. אָבער די רוזשענאָיער אַרבעטער האָבן געפירט ווייטער זייער אונטערערדישע אַרבעט. די אַרבעטער־בירזשע, אויפן שאָסיי הינטערן קלויסטער, איז תמיד געווען באַלעבט. דער שאָסיי האָט כלומרשט געגאָלטן פאַר אַן אומשולדיקן שפּאַציר־פּלאַץ, אָבער אין דער אמתן איז עס געווען דער טרעף־פּונקט פון פּאַרטייען. אין די אויגן האָבן זיך דאָרט געוואָרפן מענטשן אין די טיפּישע בלוזעס, אַרומגענומענע מיט געפלאָכטענע שניר, וואָס האָבן זיך געענדיקט מיט קוטאַשלעך**.

אַ באַזונדערע טעטיקייט האָט די „ס.ס."ישע פּאַרטיי געפירט צווישן יוגנטלעכע אין שטאָט. די אַגיטאַטאָרן האָבן אַריינגעדרונגען אומעטום, אין אַלע וואַרשטאַטן, אין אַלע פאַבריקן. זיי האָבן אויך נישט אויסגעמיטן די ישיבה... ס'איז געווען אַ גינסטיקע צייט פאַר פּראָפּאַגאַנדע: ס'איז געווען אַקאָרשט נאָכן ביאַליסטאָקער פּאָגראָם, ווען די גאַנצע ייִדישע באַפעלקערונג איז געווען אויפגעטרייסלט און אויפגעבראַכט אויף דער צאַרישער מאַכט, וואָס האָט אַליין אָרגאַניזירט די בלוטיקע שחיטה. פון דעם טאַקע

---

*) קאָלדרעס. — **) פרענדז, טראָלדן.

פלעגן די אַגיטאַטאָרן אָנהייבן זייערע ערשטע אַגיטאַציע־רייד מיט די יוגנטלעכע. דאַן פלעגן זיי אַריבערגיין צו סאָציאַלער אומגערעכטיקייט און צוקומען צום משיחישן אידעאַל — צום סאָציאַליזם. צום סאָציאַליזם און נאָכדעם אויך צום טעריטאָריאַליזם — ווי אַ לייזונג פאַר דער ייִדן־פראַגע. די אַגיטאַטאָרן פלעגן טיילן ביכלעך, בראָשורן, כדי צו פאַראינטערעסירן די יוגנטלעכע. און אַזוי פלעגט מען זיי ביסלעכווייז אַריינציִען אין די יוגנט־קרייזלעך.

אויך צו אונדזער „טראַיקאַ" אין דער ישיבה איז עס דערגאַנגען: איין מאָל קומט צו גיין אונדזער חבר שעפּסל און ווייזט אונדז אַ ביכל, וואָס איי־נער אַן אַגיטאַטאָר האָט אים בשכנות פון דער ישיבה, בשתיקה, געגעבן צו לייענען. איך האָב דאָס דאָזיקע ביכל געגנומען״ דער ערשטער צו לייע־נען — און ס'האָט מיך פאַרכאַפּט. דאָס איז גראָד געווען נישט קיין פּאָלי־טישע בראָשור, נאָר אַן איבערגעזעצטע דערציילונג פון מאַקסים גאָרקי — „איין מאָל אין האַרבסט". כ'האָב עס איבערגעלייענט בנשימה אחת. אַזוי אַז ווען שעפּסל האָט מיר געבראַכט אַ צווייט ביכל, האָב איך עס אויך ממש איינגעשלונגען. דאָס מאָל איז עס געווען אַ קליין ביכעלע שירים. רעוואָלו־ציאָנערע לידער, געדרוקט אויף ביבולע־פּאַפּיר. לידער פון עדעלשטאַט, באָוושאָווער און פון פיל אַנדערע פּאָעטן. די שורות, קורצע און לאַנגע, געגראַמטע, וויל־קלינגעוודיקע, האָבן גערעדט צו מיין יונג האַרץ. כ'האָב די לידער געלייענט איין מאָל, און אַ צווייט מאָל, און אַ דריט מאָל. מיר האָבן עס נאָך דעם געלייענט בגנבה זאַלבעדריט און אויסגעטייטשט, און געגעבן איינער דעם אַנדערן צו פאַרשטיין די פּינטעלעך, די נישט־דער־זאָגטקייטן... טיף אין מיר האָט זיך עפּעס צעברויזט...

שעפּסל האָט אונדז דערציילט, אַז די ביכלעך באַקומט ער פון איינעם אַ בחור, אַ וועבער. אַ זייער ליבער מענטש. און יענער בעט אים, אַז ער, ווי אַן עלטערער, זאָל די ביכלעך אויך געבן לייענען זיינע חברים אין ישיבה. נו, טיילט ער זיך מיט אונדז. ביז עס איז געקומען אַ טאָג, ווען יענער גוטער מענטש האָט געבעטן שעפּסלען, וואָס איז שוין געווען שטאַרק „געכאַפּט אויף דער מעשה", אַז ער זאָל אויך אונדז ברענגען צו פירן אין אָונט צו אים, אויף דעם זייטיקן שטילן פּלעצל, נעבן קאַנאַל, ווו עס

פליסן אָפּ די קאַלירטע פּעטע וואַסערן, וואָס טראָגן פון די פאַבריקן שאַרפע כעמישע ריחות.

אויך מיט אונדז האָט דער אַגיטאַטאָר אָנגעהויבן זיין שמועס וועגן ביאַליסטאָקער פּאָגראָם, וואָס זיין גרויל האָט נאָך געשוועבט אין דער לופט. ער האָט גערעדט און גערעדט וועגן די אכזריותן פון די צאַרישע כוליגאַנעס איבער יידישע פרויען און קינדער. וועגן דעם, אַז נאָר צו יידן באַציִען זיך אַזוי די צאַרישע משרתים און כוליגאַנעס. דעריבער דאַרפן יידן זיך אָרגאַניזירן, פאַראייניקן זיך אין אַן אָרגאַניזאַציִע. און אַזאַ אָרגאַניזאַציע איז שוין דאָ אין שטאָט פאַראַן, וואָס שאַפט אַ כוח, אַ זעלבשוץ, כדי צו פאַרטיידיקן די יידישע לעבנס... דאָס איז די אָרגאַניזאַציע פון „ס. ס." — די ציוניסטן־סאָציאַליסטן. אָבער כדי צו לערנען און אויפקלערן די פּראָגראַם פון די ציוניסטן־סאָציאַליסטן דאַרפן מיר זיך מיט אים באַגעגענען אָפטער. און דער בעסטער פּלאַץ, זאָגט ער, פאַר אַזעלכע שמועסן איז דער וואַלד. דאָרט, אויף די דאָזיקע „סכאָדקעס", וועלן פאַר אונדז קלאָר ווערן אַ סך זאַכן. עס וועלן אונדז געעפנט ווערן די אויגן...

ער האָט גערעדט אַזוי שיין, דער אַגיטאַטאָר, און אַזוי צוציִענדיק, אַז עס האָט זיך שטאַרק געגלוסט אים צו הערן.

און אַזוי זענען מיר אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ ספּעציעלן יוגנט־קרייזל פון „ס. ס." מ'האָט אונדז אין דער ישיבה כסדר באַזאָרגט מיט בראָשורן, מיט ביכעלעך. די ביכעלעך האָבן אָנטפּלעקט פאַר אונדז נייע וועלטן, וועלכע זענען ביז איצט פאַר אונדז געווען פאַרבאָרגן... אין מיין טאַש האָב איך זיך שטענדיק אַרומגעטראָגן מיט אַזאַ מין ביכעלע, און בעת קיינער פלעגט נישט באַמערקן, פלעג איך עס אַפילו האַלטן אויף דער גמרא, אין די נאָכמיטאָג־שעהן, ביים איינחזרן דעם „שיעור"...

די דאָזיקע ביכעלעך האָבן אָפּגעשוואַכט מיין ברען און התמדה אין לערנען. דער אינטערעס צו דער גמרא איז קלענער געוואָרן. און בעת איך פלעג זיצן ביים „שיעור" און זען פאַר די אויגן דאָס נזירישע אויסגעדאַרטע פּנים פון „ר' איצעלע חריף", פלעג איך גאָר דעמאָלט טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש. זיין מאָנאָטאָנער קול האָט מיך נישט צוגעשמידט צו דער סוגיא פון „יבמות" — איך האָב גאָר געהערט די אָנגענעמע שטים פון אַגיטאַטאָר...

און אַז איינמאָל האָט מיר ר׳ איצעלע אַ ווונק געטאָן איך זאָל נאָכזאָגן אַ שטעל אין דער גמרא, וואָס ער האָט ערשט מסביר געווען, בין איך גע־ווען אין גרויס פאַרלעגנהייט: איך האָב זיך גאָרנישט איינגעהערט און האָבן געטאַפּט אַ וואַנט... האָב אָבער באַלד געפונען אַ תירוץ:

— איך בין עפּעס היינט ניט געזונט... דער קאָפּ טוט מיר שטאַרק וויי...

האָט ר׳ איצעלע אויף מיר שאַרף אַ קוק געטאָן — אַ קוק מיט פאָר־וורף — און אַ ווונק געטאָן צו עמיצן אַנדערש, אַז יענער זאָל נאָכזאָגן.

***

איין שבת נאָכמיטאָג, בעת קיין „שיעור" אין ישיבה איז נישט גע־ווען, האָט מען אונדז צום ערשטן מאָל פאַרשלעפּט אין וואַלד, עטלעכע קילאָמעטער פון שטאָט. דאָרט איז פאָרגעקומען אַ „סכאָדקע" פונעם יוגנט־קרייזל, אין וועלכן מ׳האָט אונדז אַריינגענומען. געווען דאָרט אַ פּופצן בחורים, צווישן זיי פינף ישיבהניקעס. דאָס הייסט, אַ חוץ אונדזער „טראָי־קאַ" — נאָך צוויי. אַז יענע האָבן אונדז דערזען אין וואַלד, האָבן זיי זיך מיט אונדז דערפרייט. יענע זענען שוין נישט דאָס ערשטע מאָל אויף די וואַלד־„סכאָדקעס".

דער זעלביקער אַגיטאַטאָר, וועלכן מיר האָבן שוין געקאָנט פונעם פּלעצל אין שכנות פון דער ישיבה, האָט פאַר אונדז געהאַלטן אַ גאַנצע רעדע. מיר אַלע זענען געזעסן אויפן גרינעם מאָך און געשלונגען יעדעס וואָרט. דאָס מאָל האָט ער אונדז דערקלערט די פּראָגראַם פון „ס. ס.": ער האָט גערעדט וועגן דער אויסנאַם־לאַגע פון יידישן פאָלק; וועגן דעם, וואָס די יידישע מאַסן קאָנען זיך נישט „פּראָלעטאַריזירן"... קאָנען נאָר זיין שוסטערס, שניידערס, בעקערס, אָבער ווערן נישט אָנגענומען אין די גרויסע פאַבריקן און קאָנען נישט פירן קיין נאָרמאַלן קלאַסן־קאַמף צו־זאַמען מיטן גאַנצן פּראָלעטאַריאַט... אַז די יידישע מאַסן ווערן באַזונדערס פאַרפאָלגט און געפּלאָגט פונעם צאַריזם... אַז נאָר אויף יידן מאַכט מען פּאָגראָמען, און מען שעכט און מען מאָרדעט יידישע פרויען און קינדער... אַזוי אין קעשינאָוו, אַזוי אין אָדעס, אַזוי אין ביאַליסטאָק...

דער אַגיטאַטאָר לאָזט זיך אַריין אין פּרטים פון די פּאָגראָמען און קומט לסוף צום אויספיר, אַז די „ס. ס." האָבן אויף דער יידן־פראַגע איין

ענטפער, אין ליזונג: אַ טעריטאָריע! אַ ייִדישע טעריטאָריע, ווו דאָס ייִדישע פאָלק וועט אַליין זיין באַלעבאָס איבער זיין גורל.

— אָבער דערווייל, — גיט ער צו — איידער עס קומט די ענדגילטיקע ליזונג, דאַרפן ייִדישע אַרבעטער, צוזאַמען מיטן גאַנצן פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד, קעמפן קעגן צאַריזם; קעמפן קעגן די טיראַנען און פּאָגראָמשטשיקעס...

פון דעמאָלט אָן האָבן מיר שוין געגאָלטן ווי אָנגעהעריקע צו אַ יוגנט־קרייז פון „ס. ס.". וואָס ווייטער האָט די גמרא אַלץ מער פאַרלוירן פאַר אונדז איר רייץ, ווי ביז אַהער. אין די יונגע מוחות זענען שוין געקראָכן אַנדערע רעיונות. געדרייצט האָבן שוין די קליינע, געהיימע ביכעלעך מיטן דינינקן ביבולע־פּאַפּיר. מ'איז געזעסן איבער דער גמרא, אָבער דער קאָפּ האָט געשוועבט אין וואַלד. פאַרנומען דאָרט די נייע, שפּאָגל־נייע רייד...

דער נייער, פרייער ווינט פון וואַלד האָט זיך אַריינגעכאַפּט צו אונדז אין דער ישיבה.

4

מיט מײַנע „טעג" אין וואַלד

האָבן זיך געצויגן טעג אין דער ישיבה. טעג פון ספיקות און ראַנגלעניש. אין דער נשמה האָבן זיך געראַנגלט צוויי וועלטן. די וועלט פון דער גמרא און די וועלט פון די „ספרים חיצונים". פון איין זייט די „שיעורים", די פלוגתאס צווישן די תנאים און אמוראים, די דינים וועגן יבמות, וועגן חליצה וכו' און פון דער אַנדער זייט — אַ וועלט אַ פרייע, אַ נייע, אַ צעזונגענע — — — די פאַרבאָטענע ביכעלעך און בראָשורן האָבן גערופן, געוועקט די יונגע נשמה; האָבן געצויגן צו פרייהייט, צו נאַטור, צו שיינקייט... די לידער האָבן אָפּגעקלונגען אין האַרץ און אויפגעוועקט די יונגע דערשטיקטע בענקשאַפטן...

ראַנגלענישן פון אַן אויפגייענדיקער יוגנט...

**
*

אײן טאָג גיט מען איבער אונדזער „טראָיקאַ“, אַז אין אָוונט וועט פאָרקומען אין וואַלד אַן עקסטראַ אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון אַלע פאַרטייען; אַז אויך אונדזער יוגנט־קרייזל מוז אַהין קומען, אויף דעם באַשטימטן פלאַץ, אין טיפעניש פון וואַלד. מ'האָט אונדז איבערגעגעבן אַ „פּאַראָל“, וואָס מיר וועלן דאַרפן זאָגן, ווען די אויסגעשטעלטע „פּיקעטן“ אויפן וועג צום וואַלד וועלן אונדז פרעגן וווהין מיר גייען. מיר האָבן זיך דערפילט פאַר זייער וויכטיק... אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר פאַרבראַכט אין גרויס אומגעדולד ביי דער גמרא. די אויגן האָבן געקוקט אויף די דפים, אָבער געזען האָבן זיי דעם וואַלד.

באַלד נאָך מעריב האָבן מיר זיך פלינק אַרויסגעכאַפּט פון דער ישיבה און זענען אַוועק אין דער ריכטונג פון וואַלד. דאָס האַרץ האָט טאַקע אַביסל געציטערט; אָבער מיר זענען געגאַנגען. אין דער לעצטער גאַס, שוין באַלד ביים עק שטעטל, האָבן מיר אַפילו באַגעגנט צוויי גאָראָדאָוואָיעס מיט ביקסן פאַרלייגט אויף די אַקסלען און ס'איז שוין געקומען אַ געדאַנק: ווער ווייס?... אפשר אַן אָבלאַווע? אַרעסטן? אָבער זעענדיק, אַז די „קנעפּלעך“ גייען גאָר פאַמעלעך אין דער פאַרקערטער ריכטונג, צו דער שטאָט — זענען מיר רויִקער געוואָרן און מיט שנעלערע טריט זיך אַרויסגעכאַפּט אויף דעם דאָרפישן וועג צום וואַלד. אויפן וועג האָבן אונדז טאַקע אָפּגעשטעלט דאָ־דאָרטן „פּיקעטן“ און געפרעגט וווהין מיר גייען. מיר האָבן געזאָגט דעם פּאַראָל און יענע האָבן אונדז אָנגעוויזן די ווייטערדיקע ריכטונג. און אַזוי זענען מיר אָנגעקומען אין דער טיפקייט פון וואַלד. אַ שמאָל וואַלד־שטעגל האָט אונדז געבראַכט אויף יענעם אָרט. אַן אָרט, וווּ דיביימער זענען געווען גראָד שיטער, אָבער געשיצט פון דער אַרומיקער פינצטערניש. פון אויבן נאָר האָט באַלויכטן דער בלויער זילבער פון דער לבנה.

אַ מחנה פון עטלעכע הונדערט מענטשן, בחורים און מיידלעך. זיצנדיקע, גייענדיקע, שטייענדיקע. אַ שטיל גערייד, אַ געמורמל. הייבט ווער אויף צופיל זיין שטים, וואָרנט אים אַן אַנדערער: „שטילער, חבר!“

און באַלד ביי מיין אָנקומען האָב איך איין איבערראַשונג נאָך דער אַנדערער:

עס וואַקסט אויס פלוצלינג פאַר מיינע אויגן דער זון פון מיין „שבת“

— דער אַנאַרכיסט יאַשאַ אין דער שוואַרצער בלוזע. כ׳וועט בלאָס און לאָז אַראָפּ דעם קאָפּ. יענער באַמערקט מיין פאַרלוירנקייט און זאָגט מיר מיט אַ שמייכל: „זיי רויק, פּתח שין״... דערביי טוט ער אַ ווייז מיט דער האַנטפלאַך אויף זיינע ליפּן, ד״ה אַז איך דאַרף נישט מורא האָבן. ער וועט גאָרנישט דערציילן זיינע טאַטע־מאַמע.

באַלד דערנאָך זע איך נעבן זיך פאַרבייגיין דעם הויכן איסאַק — דעם זון פון מיין „דינסטיק״, דעם מילנער. יענער האָט מיך נאָר אָפּגעמאָסטן מיט פאַרחידושטע אויגן און זיך אַוועקגעדרייט. בין איך ווידער געפּלעפט און פיל ווי איך וואָלט אָפּגעטאָן עפּעס אַ פאַרברעך. און דאָס ערגסטע איז, וואָס דער דאָזיקער איסאַק האָט מיט מיר קיין וואָרט נישט אויסגע־רעדט. ווי זשע וועל איך זיך קאָנען ווייזן אין זייער שטוב?

האָב איך זיך געשטעלט אָן אַ זייט ביי אַ בוים מ׳זאָל מיך נישט אַרויסזען. ווער ווייסט, אפשר זענען דאָ מעשה־שטן פאַראַן נאָך זין און טעכטערלעך פון מיינע אַנדערע „טעג״?...

עס דערהערט זיך פּלוצלינג אַ שטים:

— רויק, חברים! די פאַרזאַמלונג הייבט זיך אָן. דאָס וואָרט באַקומט אונדזער גאַסט פון ביאַליסטאָק, דער חבר אַלעקסאַנדער, וואָס וועט רעדן וועגן דער פּאָליטישער לאַגע אין לאַנד.

אַלע זעצן זיך אויס קאָמפּאַקט אויפן גראָז. נאָר איינער בלייבט שטיין ביי אַ בוים. דאָס איז טאַקע דער רעדנער. אַן עלטערער בחור אין ברילן. אַ הויכער פאַרשוין, אַ דאַרער, מיט אַ שמאָל געזיכט. ער איז געשטאַנען אַביסל אָפּגערוקט פונעם יונגן עולם, אין הינטערגרונט, כדי צו קאָנען אַרומנעמען מיט די בליקן די גאַנצע פאַרזאַמלונג.

— חברים... — הייבט ער אָן שטיל און וואָס ווייטער ווערט זיין קול דערהיצט. ער רעדט מיט פּאַטאָס. ער רעדט וועגן די „צאַרישע הענקער״, די פּאָגראָמשטשיקעס, וואָס ווילן דערשטיקן די רעוואָלוציע אין יידיש בלוט... דער אַרבעטער־קלאַס, זאָגט ער, האָט אָבער נאָר פאַרשפּילט אַ שלאַכט. ער האָט זיך נאָר צוריקגעצויגן פון די פאָדערשטע פּאָזיציעס; איצט זאַמלט ער ווידער זיינע כוחות און וועט ווייטער קעמפן פאַר זיין סאָציאַ־ליסטישן אידעאַל, פאַר אַ וועלט פון יושר, גערעכטיקייט און פרייהייט, — ביזן ענדגילטיקן נצחון איבער די „שוואַרצע מאות״ פונעם בלוטיקן צאַ־

ריזם... אאַ״ו אין זעלבן גייסט. דער חבר אַלעקסאַנדער האָט געהאַט אַ זייער גלאַט, שאַרף צינגל און האָט אַלעמען עקזאַלטירט. ער האָט גערעדט העכער אַ שעה צייט; האָט דערציילט וועגן גבורות און העלדישקייטן פון רעוואָלוציאָנערן אין אַ ריי שטעט; וועגן פּאָליטישע און עקאָנאָמישע שטרייקן אין לאַנד; וועגן נקמה־אַקטן, באָמבע־אַטענטאַטן מצד רעוואָלוציאָנערן, וועלכע צאָלן אָפּ די תלינים אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ קאָפּ פאַר אַ קאָפּ...

לסוף האָט דער רעדנער באַרירט אַן ענין, אין וואָס אַלע פּאַרטייען זענען אייניק — שאַפן אַ זעלבשוץ! דער בלוטיקער פּאָגראָם אין ביאַליסטאָק דאַרף פּאַראייניקן אַלע פּאַרטייען אין איין גרויסן כוח. און אויב, אל תפתח פה לשטן, די כוליגאַנעס וועט זיך פּאַרגלוסטן אויך דאָ אין שטאָט צו מאַכן אַזאַ בלוטיקע „הוליאַנקע״, זאָלן זיי באַקומען דאַן אַ לעקציע פון דער פּאַראייניקטער יידישער זעלבשוץ. אַזאַ יידישער כוח, אַ כוח פון יידישן אַרבעטער און פּאָלקסמענטש, דאַרף און מוז געשאַפן ווערן אין יעדער שטאָט און שטעטל. דאָס איז דער געבאָט פון דער שעה!

די פּאַרזאַמלונג האָט זיך פּאַרענדיקט שפּעט ביינאַכט. אַלע פּאַרזאַמלטע זענען געווען דערהויבן, אָנגעלאָדן מיט פייער. עס האָבן זיך געהערט באַגייסטערטע אויסרופן, אַ הייס גערייד אין דער אויפגעהייטערטער מחנה. בעת דער עולם איז אַרויס פון וואַלד, האָט מען איינע די אַנדערע אָנגעזאָגט נישט צו רעדן הויך אויפן קול. פּאָרזיכטיק און אין שטילן געפליסטער, איינציקווייז און פּאָרווייז, איז מען צוריקגעגאַנגען אין דער ריכטונג צום שטעטל. אונדזער „טראָיקאַ״ האָט זיך אָפּגעטיילט באַזונדער און מיר זענען ווי גנבים געקראָכן איבער דעם ביינאַכטיקן וועג, שטיל, שווייגעוודיק, נישט וועלנדיק צוציִען קיינעמס אויפמערקזאַמקייט. אין שטעטל האָבן מיר זיך צעטיילט און יעדער איז אַוועק אויף זיין „סטאַנציע״.

מיין „סטאַנציע״ איז געווען ביי שמעון פּאַבריקאַנט, וואָס האָט גראָד געטראָגן מיין פּאַמיליע־נאָמען און איז ניט געווען מיינער קיין קרוב. אַזוי ווי מען האָט געגעבן ישיבה־בחורים „טעג״, אַזוי האָט מען פאַר יעדן אויסגעפונען אויך אַ „סטאַנציע״, אַ שטיקל ווינקל ביי אַ פּאַמיליע. ביי שמעון פּאַבריקאַנט האָב איך געהאַט אַ בעטל אין אַן אַלקערל. אַהין פלעג איך קומען נאָר אויף שלאָפן. פלעגט אויך טרעפן, אַז ווען איך פלעג קומען

אַמאָל צו פרי, פלעגט מיך די באַלעבאָסטע אַריינרופן אין קיך און מכבד זיין מיט אַ טעלערל צימעס.

דאָס מאָל, אַז איך בין געקומען בגנבה פון וואַלד, איז שוין געווען היפש שפּעט אין דער נאַכט. אַזוי שפּעט פלעג איך קיין מאָל נישט קומען אויף נעכטיקן. די דינסט, וואָס האָט מיר געעפנט די קיך־טיר, האָט מיך געפרעגט פאַר וואָס אַזוי שפּעט און איך האָב איר געענטפערט, אַז כ׳בין געווען אויף אַ „משמר"... אָבער היות דער קאָפּ האָט מיר שטאַרק ווי געטאָן, האָב איך איבערגעריסן דאָס לערנען און געגאַנגען שלאָפן...

— נעבעך, ווי אַ קינד וואַלגערט זיך עס אין דער פרעמד... — האָט מיך באַדויערט די גוטמוטיקע, תמימותדיקע דינסט, די אַלטע בתולה גיטל, וואָס דינט שוין דאָ אין הויז מכמה יאָרן.

אין דאָזיקן הויז איז געווען אַ שיין טעכטערל, ראָזעטשקע האָט מען זי גערופן. מיטן דאָזיקן מיידל איז מיר קיין מאָל נישט אויסגעקומען צו רעדן: איך בין געווען בטבע צו שעמעוודיק; אָבער געזען האָב איך זייער גוט איר ליכטיק פּנים; אירע שוואַרצע האָר און שוואַרצע אויגן; דעם ליכטיקן שמייכל אויף איר פּנים... און בעת איך פלעג לייענען אין די ביכלעך ליבע־לידער אָדער אַ מאָל אויך אַ ראָמאַן, דעמאָלט פלעג איך זען פאַר מיינע אויגן ראָזעס זיסן שמייכל...

און אָט אויף דער דאָזיקער ראָזען האָט מען געזאָגט, אַז זי איז אויך „געכאַפּט אויף דער מעשה", — אַז זי איז אַ „ס. ס.׳אָווקע"... איך האָב עס נישט געוואָלט גלויבן: ווי קאָן עס גאָר געמאָלט זיין? אַ טאָכטער פון אַ פאַבריקאַנט?!...

ביז איך האָב זיך אַליין איבערגעצייגט, אַז עס איז טאַקע אַזוי. געווען איז עס טאַקע אַ פּאָר טעג נאָך דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג. איך קום אַריין צו פרי אין מיין „סטאַנציע" און דורך די אָפענע טירן פון פאָדערשטן חדר זע איך, אַז ראָזע זיצט מיט אַ גאַסט, ביי אַ גלעזל טיי, און אַז דער גאַסט איז נישט קיין אַנדערער ווי דער חבר אַלעקסאַנדער... דער בעל־דרשן פון וואַלד...

אַ צווייט מאָל, בעת איך בין אויך געקומען צו פרי און קיינער איז אין שטוב נישט געווען, אַ חוץ ראָזען, האָט מיך דאָס טעכטערל פון פאַ־

בריקאַנט געגומען אויף אַ גאַנצן פאַרהער. פון אירע רייד האָב איך געדרונ־גען, אַז אויך זי האָט מיך באַמערקט אין וואַלד אויף דער פאַרזאַמלונג... און דאָס מאָל בין איך געווען אַ נראה ואינו רואה... זי האָט מיך מכבד געווען מיט טיי און גענומען אויספרעגן, געשטעלט אַזעלכע קשיות, וואָס אַ ישיבה־בחור סתם פרעגט מען נישט... צי לערן איך מיך רוסיש? צי לייען איך ביכער?... און דערביי גיט זי מיר עפּעס צום לייענען: „אַ מעשה מיט פיר ברידער". אַ מין סאָציאַלע אַלעגאָריע. כ'בין שעמעוודיק און פלאַטער אין מיין גאַנצן וועזן... ס'איז מיר שווער צו קוקן איר גלייך אין די אויגן. איר גוטמוטיק־שמייכלדיק פנים האָט מיך ווי פאַרבלענדט...

זינט יענעם אָוונט פלעגט מיר דאָס דאָזיקע שיינע מיידל כסדר מזכה זיין מיט לעקטור. בעת קיינער אין שטוב פלעגט נישט באַמערקן, פלעגט זי מיר אַריינשטעקן אין האַנט אַריין עפּעס צום לייענען: „נאַ, לייען עס מיט קאָפּ. ס'איז זייער אינטערעסאַנט"...

נאָך דער פאַרזאַמלונג, אַז כ'פלעג קומען צום „שבת", אָדער צום „דינסטיק", פלעג איך עסן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן... כ'האָב זיך שרעק־לעך געשעמט צו קוקן די זין פון מיינע „טעג" אין פנים אַריין... כאָטש סיי דער זון פון קצב — דער אַנאַרכיסט יאַשאַ, סיי דער זון פון מילנער — דער „ס. ס.־אָוויעץ" איסאַק, זענען געווען געגוג דיסקרעט און האָבן מיט גאָרנישט געגעבן צו פילן די שטוביקע, אַז זיי קענען מיך פון ערגעץ אַנדערש...

מיינע באַזוכן אויף די „סכאָדקעס" זענען געוואָרן עפטער. אין איינעם פון דעם אַגיטאַטאָרס שמועסן מיט דער גרופּע יוגנטלעכע איז אויך גע־ווען די רייד וועגן רעליגיע. פאָרזיכטיק האָט ער אונדז גענומען דערקלערן ווי אַזוי עס זענען אַנטשטאַנען פאַרשיידענע רעליגיעס. אַזוי לאַנג ווי ער האָט גערעדט וועגן געצנדינערײ, צי מכוח אַנדערע אמונות, האָט עס מיך געלאָזט רוען; ווי נאָר אָבער ער האָט פאַרטשעפּעט דעם „בראשית ברא", האָט זיך אין מיר עפּעס אַ צאַפּל געטאָן. כ'האָב אָבער שווייגעוודיק אַלץ אויסגעהערט, אַריינגעטראַכט אין די געוואַגטע רייד, וואָס האָבן אָבער אויסגעזען צו זיין אַזוי לאָגיש, אַזוי פאַרשטענדלעך און קלאָר. איך האָב זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז דאָס איז אַ „באַגרענעצטע זאָנע" — „מעשה

מרכבה״ — און אַז גלייכער גאָרנישט אָנצוהויבן אַריינטראַכטן אין די דאָ־זיקע הימלישע ענינים... אָבער אין האַרצן האָבן זיך קעגן מיין ווילן גע־נומען אַריינגנבענען די ערשטע ספיקות... ביינאַכט פלעגן מיך באַפאַלן די דאָזיקע רעיונות און נישט לאָזן קיין אויג צומאַכן. די אַפּיקורסישע קשיות מכוח מעשה בראשית האָבן מיך אַריינגעפּלאָנטערט אין אַ נעץ און כ׳האָב זיך נישט געקאָנט אַרויספּלאָנטערן... די בראָשורן און ביכלעך, וואָס איך פלעג כסדר באַקומען — סיי פון אַגיטאַטאָר, סיי פון דער שיינער ראָ־זעטשקע — האָבן נאָך מער אויפגערודערט מיין געמיט. לכתחילה מיט מורא, מיט פלאַטערניש, אָבער וואָס ווייטער מיט מער דרייסטקייט האָב איך זיך פאַרטיפט אין די געוואַגטע ווערטער שוואַרץ אויף ווייס; אין די בייע אמתן...

ס׳איז ביי מיר רייף געוואָרן דער געדאַנק, אַז ס׳איז נישט קיין תכלית צו פּטרן די יונגע יאָרן אין דער ישיבה; צו בלייבן דאָ אַ „תושב״... אַזוי האָבן אויך געפילט און געטראַכט מיינע צוויי חברים פון דער היים. האָבן מיר דערצויגן ביזן סוף זמן און ימים־נוראים־צייט האָבן מיר אַלע דריי זיך געזעגנט מיט דער ישיבה און מיט „ר׳ איצעלע חריף״. מיר האָבן זיך אומגעקערט אין אונדזער היים־שטעטל ווי פריש־אויסגעפּיקטע „ס. ס.־אָוועס״... מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אין אַ סוחרישער בויד, וואָס איז געפאָרן איבער די דאָרפישע זאַמדיקע וועגן קיין זעלווע צום יאַריד, פון זעלווע קיין סוויסלאָטש (שישליוויץ), פון סוויסלאָטש — דורך דערפער און פאַרביי פריצישע הויפן, באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ, ביז אונדזער כרך אַמדור. דערנענטערנדיק זיך צום שטעטל, דערזעען מיר אַ נייס: טעלע־גראַף־סלופּעס מיט דראָטן. נאָך אין דער ישיבה האָב איך עס שוין גע־וווסט: מיין טאַטע האָט מיר וועגן דעם געשריבן. דערביי אָנגעזאָגט די „שמחה״, אַז נעבן אונדזער שטוב האָט מען געשטעלט אַ טעלעגראַף־סלופּ... אַפּנים, מיין טאַטע האַלט מיך נאָך פאַר אַ קינד, און איך — איך בין שוין פאַרפאָרן העט, העט ווייט... אַזש אין אַ נייער וועלט אַריין — — —

5

אַ וועלט פון שיינקייט

„סענדערס בית־מדרש" איז ווידער געוואָרן מיין צווייטע היים. געהייסן האָט עס, אַז איך לערן „פאַר זיך". איך האָב טאַקע טיילווייז געלערנט. געלערנט על פּי געוווינטשאַפט. ביי מיר אויפן סטענדער איז תמיד געלעגן אַ גמרא, די מסכתא „ברכות". אָנגעהויבן פון „מאימתי קורין את שמע בערבין" און פאַוואָליע ווייטער געגאַנגען. שוין צו פאַוואָליע, ווייל געלאָקט האָבן מיך שוין מער די „ספרים חצונים" — דאָס ביכל, וואָס איך האָב תמיד געהאַט אין מיין סטענדער, אָדער אונטער דער גמרא. און בעת קיינער איז דערנעבן נישט געווען האָב איך דערין אַריינגעקוקט. האָב געלייענט אַלץ — וויסנשאַפט, בעלעטריסטיק, פּראָזע און פּאָעזיע. געלייענט מיט געוואַלטיקן דורשט, מיט התמדה. עס האָט זיך באַקומען אַ דאָפּל־לעבן: פון איין זייט — די גמרא, די וועלט פון נעכטן, פון פאַר־צייטן; פון דער אַנדערער זייט — אַ נייע, אַ לעבעדיקע וועלט... אַ וועלט פון שיינקייט, פון וואַלד און פעלד, פון בלומען און ליבע... קלאָר, אַז די דאָזיקע וועלט האָט מיך מער גערייצט.

און טאַקע ביי מיין סטענדער, איבער די „ספרים חצונים", האָט אין מיר, ווי פון אַ פאַרבאָרגענעם קוואַל, אויפגעברויזט דער ערשטער דראַנג אַליין עפּעס פרווון אָנצושרייבן. אין גרעסטער געהיימניש, אויסהיטנדיק זיך אַפילו פון מיינע צוויי חברים, האָב איך אָנגעהויבן פאַרצייכענען מיט בלייפעדער מיינע ערשטע נישט־דרייסטע שורות, די ערשטע נישט־רייפע פערזן. די ווערטער פון די דאָזיקע שורות פלעגן זיך אומבאַמערקט פאַר מיר אַליין אָפּט אַריינוועבן און אַריינפּאַסן אין מיין גמרא־ניגון. אין אַזעל־כע רגעס פלעג איך זיך פילן דערהויבן, א שוועבנדיקער אין די הימלען, ווי אויף פליגל.

פון אַלע יידישע פּאָעטן איז מיר אין יענעם ערשטן פּעריאָד מער גע־ווען צום האַרצן אברהם רייזען. זיינע פאָלקסטימלעכע לירישע מאָטיוון האָבן גערעדט צו מיין נשמה. ספּעציעל נאָענט געווען איז ער מיר מיט

זיינע עלעגישע מאָטיוון, מיט זיינע לידער פון גרויער נויט. בין איך דאָך אויך געווען אַ קינד פון דער דאָזיקער גרויער נויט... האָב איך תמיד ביים לייענען רייזענען געהאַט דאָס געפיל, ווי דעם פּאָעטס ווערטער וואָלטן זיך אויך פון מיין האַרצן אַרויסגעריסן מיטן אומעטיקן געזאַנג...

האָט זיך דעמאָלט אויך אָנגעהויבן פאַר מיר אַ צייט פון וועלטלעכער בילדונג. פריִער, אין מיין קינדהייט, איז מיין לערער געווען טאַקע מיין אייגענער פאָטער — „יאַנקל דער לערער", ווי מ'האָט אים גערופן. ער האָט מיך דעמאָלט געלערנט ייִדיש, רוסיש, פּויליש, רעכענען און אַלע איבעריקע עלעמענטאַרע „פרעדמעטן" *). מיין פאָטער, הגם אַן אַלטפרענקישער לערער, האָט אָבער נישקשהדיק געקענט רוסיש און געהאַט אַ זייער שיינע, כמעט קאַליגראַפישע האַנטשריפט. אַז ער פלעגט פאַר עמעצן אַ מאָל שרייבן אַ „פּראָשעניע" צום גובערנאַטאָר, פלעגט ער דעם „ע" פון „עווא פּרעוואָסכאָדיטיעלסטוואָ" אַזוי קונציק אויסדריידלען — ממש צו באַווונדערן... אַגב: צו זיינע געוויינטלעכע פּראָפעסיעס, ווי: לערעריי, שרייבן „פּראָשעניעס", קאָנטראַקטן, וועקסלען וכדומה, איז אים אויך צוגעקומען נאָך אַ פּרנסה: פירן די עווידענץ אין שטעטל. פאַרשרייבן, הייסט עס, די געבורטן, אַרויסגעבן מעטריקעס ביי חתונות, אויסשטעלן טויט-שיינען אד"גל. זיין טיטל איז געווען: „געהילף פון קאַזיאָנעם ראַבינער". יענער איז געווען קאַזיאָני ראַבינער איבער דער גובערניע-שטאָט, איבער גראָדנע און מיין פאָטער — איבערן שטעטל.

אָבער אויך די נייע פּרנסה האָט קיין „גבירישקייט" אין אונדזער שטיבל נישט אַריינגעבראַכט... דער זעלבער דלות... מיין פאָטער האָט עס שוין געהאַלטן פאַר אַ באַשערטער זאַך — דאָס קבצנות...

יאָ, איז מיין ערשטער לערער געווען מיין פאָטער. אָבער איצט, נאָכן צוריקקומען פון דער ישיבה, האָב איך זיך שוין דאָס רוב אַליין געלערנט און אַ מאָל אויך מיט אַ מאָדערנעם לערער. דער מאָדערנער לערער איז געווען אַ מעדיצין-סטודענט, וואָס האָט שטודירט אין פראַנקרייך, אין מאָנפּעליע, און איז אויף זומער, קאַניקולן-צייט, געקומען אַהיים. דער דאָזי-

---

*) קעגנשטאַנדן.

קער לערער — פּעטריצער — האָט מיך אין אַ ריי „פּרעדמעטן" אַרויפגעפירט אויף אַ וועג און שפּעטער, נאָך זיין אַוועקפאָרן, בין איך שוין אַליין ווי עס איז ווייטער געגאַנגען. אַליין געלייענט, אַליין געלערנט. האָב דעמאָלט אָנגעהויבן קוויקן זיך מיט די רוסישע קלאַסיקער, מיט דער רוסישער פּאָעזיע, דער עיקר מיט פּושקינען און לערמאָנטאָוון. עס האָט זיך פונאַנדערגעעפנט פאַר מיר אַ נייע, אַ שיינע, אַ פאַרכאַפּנדיקע וועלט — —

**
*

איינער פון מיינע צוויי חברים, דער עלטערער, שעפּסל, איז געווען מער עקשנותדיקער און שטאַנדהאַפטיקער ווי אַ „ס. ס.־אָוויעץ" און האָט דווקא געוואָלט, אַז מיר זאָלן ביי אונדז אין שטעטל גרינדן אַן אָרגאַניזאַציע פון „ס. ס.". ווער מיט וועמען? אַז סך־הכל זענען מיר נאָר זאַלבעדריט. איז שעפּסל איין מאָל צוגעפאָרן קיין גראָדנע און דאָרט האָט ער זיך פאַרבונדן מיט דער „ס. ס.ישער" אָרגאַניזאַציע. ער איז פון דאָרט צוריקגעקומען מיט אינסטרוקציעס און ליטעראַטור — אַ גאַנצן פּעקל בראָשורן. קודם־כל האָבן מיר גענומען אַליין לייענען און זיך באַקענען גרינדלעכער מיט דער אידעאָלאָגיע פון דער פּאַרטיי. צווישן אַנד. איז אינעם פּעקל אויך געווען יעקב לעשטשינסקיס (דאַן אַ לידער פון „ס. ס.") „דער יידישער אַרבעטער", דניאלי׳ס (אַדוו׳ יוסף טשערניכאָוו) אַ בראָשור — אַ שאַרפע פּאָלעמיק מיטן „בונד" און אַנד. מיר האָבן אויך אַבאָנירט פון ווילנע דעם „ס. ס.ישן" אָרגאַן „דער נייער וועג" און עס אַלץ געלייענט מיט גרויס התמדה. אין יענער צייט איז אויך דערשינען אין ווילנע דער חודש־זשורנאַל „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן" — האָבן מיר אים אויך אויסגעשריבן און צוזאַמען געלייענט, צוזאַמען געשלונגען יעדעס וואָרט פון ש. ניגער, פון פּרץ הירשביין, פון דוד איינהאָרן, פון ש. גאָרעליק און אַנד. מיר האָבן נישט געלייענט, נאָר געלערנט, קאָמענטירט און אויסגעטייטשט. באַזונדערס איז אונדז אויסגעקומען אַ סך אַריינצוטראַכטן און אויסצוטייטשן די ראָמאַנטישע אויסגוסן פון פּרץ הירשביינען אין זיינע „וואַנדערער־טרוימען", געשריבן מיט אַ סך פּינטעלעך און געדאַנקענשטריכן... מיטגעריסן אויף זיינע פּאָעטישע פליגל האָט דוד איינהאָרן מיט זיין דעמאָלטיקער „ווייסער בעריאָזקע", מיט זיין „שלאָף איינעט, מיין ליב־

סטע״... מיין דראַנג צו שרייבן איז נאָך שטאַרקער געוואָרן און איך פלעג אויף מיין סטענדער, בעת קיינער האָט נישט געזען, פאַרצייכענען בלעטל נאָך בלעטל.

לסוף האָבן מיר זיך פאַרמאָסטן אויסצובורייטערן דעם „ס. ס.ישן״ „מזומן״ און שאַפן ווי עס איז אַ שטיקל קרייז. ס׳איז אונדז געלונגען אַריינ־צוציִען נאָך צוויי יוגנטלעכע. צוויי אַרבעטער, איינער אַ בעקער, דער צווייִ־טער אַ שניידער. מיר האָבן, הייסט עס, שוין אַ שטיקל „פּראָלעטאַריאַט״... מיר האָבן זיי אין איינעם אָן אָוונט געגומען „אונטערן גלח״ (אַזוי האָט גע־הייסן אין שטעטל דער שפּאַציר־וועג הינטערן קלויסטער) און זיי „אַגי־טירט״. כ׳געדענק, אַז איך בין אַוועק פאַרויס מיטן בעקער־אַרבעטער און פאַר אים גערעדט וועגן פּרעהיסטאָרישער צייט; וועגן די ערשטע טריט פון מענטשלעכער קולטור. כ׳האָב דאַן געהאַט איבערגעלייענט פּיליפּ קראַנצס קולטור־געשיכטע און מיט מיינע דערוואָרבענע ידיעות געוואָלט אויך מאַכן באַוווסטזיניק דעם „פּראָלעטאַריאַט״... דער בחור האָט געהערט, געהערט, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געפינטלט מיט די אויגן. אפנים, אַז מיינע רייד האָבן זיך געקלעפּט צו אים ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט. כ׳האָב אים עקס־טראַ געפּרוווט עפּעס איבערפרעגן, אָבער יענער האָט געשטאַמלט און נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן.

מיר האָבן אַפילו איין מאָל אָנגעפירט אַן עקאָנאָמישן שטרייק — טאַקע אין דער בעקעריי, ווו עס האָט געאַרבעט אונדזער נייער מיטגליד. אָבער אַז אונדזער „דעלעגאַט״ (טאַקע אני הקטן) איז אַריינגעקומען צום בעקער, כדי צו אונטערהאַנדלען וועגן אַ הוספה פאַרן אַרבעטער, איז דער באַלע־באָס — ניאַניע דער בעקער — אַרויפגעפאַלן אויף אים מיט זלזולים:

— דו פאַרנעמסט זיך אויך מיט אַזעלכע „זאַכן״? כ׳גיי שוין צום טאַטן דיינעם און דערצייל עס אים...

פאַרשטייט זיך, אַז פון דעם „שטרייק״ איז גאָרנישט געוואָרן...

אונדזער חבר שעפּסל איז אָבער ווייטער געווען זייער טיכטיק און אים איז געלונגען אַריינצוציִען אין אונדזער „ס. ס.ישן״ קרייזל נאָך אַ יוגנט־לעכן אַרבעטער, אַ שניידער־געזעל, זייערער אַ שכן. אַזוי אַז מיר זענען שוין זאַלבעזעקסט. האָבן אַפילו איין טאָג, אין אַ שבת „נאָכן קוגל״, דורכגעפירט אַן „אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג״ פון גאַנצן קרייזל אויפן „מאָהילניק״. יע־

דערער פון אונדזער „טראַיקאַ“ האָט געהאַלטן אַ שטיקל רעדע — אויף די זעלבע טעמעס און מיט די זעלבע רייד, וואָס מיר האָבן מיטגעבראַכט פון רוזשענאַיער וואַלד...

איין מאָל זיץ איך מיטן דריטן חבר, מיט איטשקען, אין „סענדערס בית־מדרש“ (פּאַרמעל האָבן מיר נאָך אַלץ „געקוועטשט די באַנק“...). קומט אַריין שעפּסל מיט אַ נייס: ער האָט שוין איינגעשאַפט פאַר דער „אָרגאַניזאַציע“ געוועהר — אַ לעדערנעם קאַסטעט...*) דערביי זאָגט ער אונדז, אַז איצט מוזן מיר פאַר יעדן פּרייז זיך אויך דערשלאָגן צו אַ רעוואָלווער... צו אַ ברוי־נינג... „אַן אָרגאַניזאַציע, זאָגט ער, מוז האָבן געווער“...

— צו וואָס געווער? „ס. ס.“ איז דאָך קעגן טעראָר... — פרעג איך אים.

— אונדזער אָרגאַניזאַציע — ענטפערט ער — מוז אַריינטרעטן אין דער „זעלבשוץ“ פון אַלע פּאַרטייען. אַזוי ווי אין רוזשענאַי.

אָבער צו קיין רעוואָלווער זענען מיר קיין מאָל נישט געקומען — אַ צו גרויסע „אימפּרעזע“... אַפילו די קליינע „פינאַנציעלע מיטלען“ אויף צו קויפן דעם קאַסטעט און אויף פּאַרטיי־ליטעראַטור האָבן מיר אויך נישט געהאַט. פון וואַנען? אַז פאַרדינען אַ גראָשן האָט קיינער פון אונדז נישט פאַרדינט. דערין האָט אונדז אָבער אַרויסגעהאָלפן... ר׳ מאיר בעל הנס... די זאַך איז אַזוי געשען: איין מאָל בייטאָג זיצן מיר זאַלבעדריט אין „סענ־דערס בית־מדרש“ און רעדן וועגן דער האַרבער פראַגע „פינאַנצן“ פאַר דער „אָרגאַניזאַציע“. אין מיטן שמועס גייט שעפּסל פלוצלינג צו צו דער פּושקע פון ר׳ מאיר בעל הנס, וואָס האָט געהאָנגען ביי דער טיר, נעבן כיור, און ער טוט אַ זאָג:

— איר ווייסט, מיר קאָנען דאָ מאַכן אַן „עקספּראָפּריאַציע“...

— קיין גרויסע עבירה איז עס נישט... — פּסקנט באַלד איטשקע. — דאָס איז דאָך נישט פאַר אונדז. דאָס איז דאָך פאַר דער „אָרגאַניזאַציע“...

ויפן כה וכה... אין בית־מדרש איז גראָד קיינער נישט געווען. האָט איטשקע אויסגעזוכט עפּעס אַ שמאָל בלעכל, געמאַכט דערפון אַ מין גאָפּל מיט אַ פאַרבויגענעם עק, ווי אַ שאַר־אייזן, און מיט דעם דאָזיקן דערפונדע־

---

*) קאַנטשיק.

נעם מכשיר אַרויסגעצויגן איין מטבע נאָך דער אַנדערער... אַלץ קופּערנע מטבעות: קאָפּיקעס, זעקסערס, צענערס... עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין גלאַטע, אָפּגעריבענע מטבעות, וואָס קיינער נעמט זיי שוין נישט... מיט אַזעלכע מטבעות קאָן אַ ייִד נאָר געבן צדקה... און געבן נישט קיין אָרעמאַן — אַן אָרעמאַן וועט אויך נישט נעמען קיין גלאַטע מטבע. אָבער צו ר׳ מאיר בעל הנס אין פּושקע קאָן מען עס אַריינוואַרפן... ר׳ מאיר נעמט אַלץ — אַ ברירה האָט ער?...

אַזוי אַרום האָט ר׳ מאיר בעל הנס געגעבן זיין צושטייער דער „אָרגאַניזאַציע״ — העכער אַ רובל!...

6

איינע אַ אסתר

איין מאָל פאָר איך אין דער גוברניע־שטאָט מיט אַ מיסיע: צו ברענגען „אומלעגאַלע ליטעראַטור״. איך קום אויף אַן אָנגעוויזענעם אַדרעס, צו אַ פאַרשטייער פון „ס. ס.״. עס באַגעגנט מיך אַ יונגער בחור מיט אַ שוואַרצער טשופּרינע און אין אַ שוואַרצער בלוזע. ער פרעגט מיך אויס אויף אונדזער „טעטיקייט״... ווי גרויס עס איז שוין אונדזער אָרגאַניזאַציע...

איך שטאַמל און בין נישט דרייסט אים צו דערציילן. יענער וואַרט אויף אַן ענטפער און איך זאָג אים לסוף:

— מיר האָבן שוין צוויי מאָל אַזוי פיל מיטגלידער...

— וואָס הייסט צוויי מאָל אַזוי פיל? — פרעגט יענער — וויפל זייט איר פריִער געווען און וויפל זייט איר איצט?

— פריִער זענען מיר געווען זאַלבעדריט און איצט זענען מיר זאַלבעזעקסט...

— נישקשה פון אַן „אָרגאַניזאַציע״... — איראָניזירט יענער — איר האָט דאָך אַפילו נישט קיין מנין... נישט גוט אַזוי. איר דאַרפט אַרבעטן! אַרבעטן! איר דאַרפט פאַרשפּרייטן אונדזער ליטעראַטור, פירן אַן אַגיטאַציע...

— איך בין דאָך טאַקע געקומען נאָך ליטעראַטור.
— זייער שיין. איר וועט באַקומען. נו, און פינאַנץ־מיטלען האָט איר?...
— ניין. אַז מיר פאַרדינען נאָך נישט...
דערביי דערציייל איך אים דעם קוריאָז וועגן דער „עקספּראָפּריאַציע״ פון ר׳ מאיר בעל הנס...
— זאָגט אָן די חברים מער דאָס נישט צו טאָן... — זאָגט ער אַ שמייכלדיקער. — אונדזער פּאַרטיי איז קעגן „עקספּראָפּריאַציעס״...
— פאַר דעם געלט האָבן מיר געקויפט געווער... — פאַרענטפער איך זיך.
— צו וואָס געווער?
— מיר ווילן אַריינטרעטן אין דער „זעלבשוץ״. אַלע פּאַרטייען האָבן געווער.
— וואָס פאַר אַ געווער האָט איר געקויפט?
— ס׳האָט געקלעקט נאָר אויף אַ קאַסטעט...
האָט דער שוואַרץ־חנעוודיקער בחור זיך נאָך מער צעשמייכלט און געזאָגט:
— קויפט נישט קיין געווער, קויפט בעסער ליטעראַטור... לייענט, לייענט וואָס מער! די בראָשורן, וואָס מיר וועלן אייך געבן, באַקומט איר אומזיסט.
און דער „פאַרשטייער״ האָט מיר געהייסן פונקט צוויי אַ זייגער בייטאָג אָפּוואַרטן ביים טויער פון שערעשעווסקיס טאַבאַק־פאַבריק. דאָרט וועט צו מיר אַרויסקומען אַ חברטע, וואָס אַרבעט אין דער פאַבריק. אסתר הייסט זי. זי וועט מיט מיר ערגעץ גיין נאָך „ליטעראַטור״.
און אַזוי איז טאַקע געווען. כ׳האָב געוואַרט ביים טויער פון דער גרויסער, פיל־פענצטערדיקער פאַבריק. מחמת מיין שעמעוודיקייט האָט מיר שוין באַצייטנס האַסטיק געקלאַפּט דאָס האַרץ. ווי זעט זי אויס, די חברטע אסתר?.. אַ יונגע? אַ שיינע?...
און אַזוי בין איך געשטאַנען מיט אַ צעצונדן געמיט ביז דער מיטאָג־הפסקה, ווען פון אַ טויער האָבן זיך גענומען שיטן פרויען, יונג און אַלט, איינע נאָך דער אַנדערער. איך קוק זיך איין אין זיי, זוך די אומבאַקאַנטע אסתר. פּנימער, פּנימער. ווער קאָן זי זיין?

פלוצלינג טיילט זיך אויס איינע פון דער מחנה. טאַקע אַ יונגע, אַ חנ־עוודיקע, אין אַ העל קליידל. זי קוקט זיך אַרום מיט זוכנדיקע בליקן און גייט צו דרייסט צו מיר און פרעגט מיט אַ שמייכל:

— איר וואַרט אויף מיר?

— איך וואַרט אויף דער חברטע אסתּר...

— דאָס בין איך טאַקע. קומט!

און זי גיט מיר די האַנט.

מיר גייען שוין זאַלבענאַנד. אין די ערשטע רגעס בין איך אַ ביסל צע־טומלט און האָב נישט קיין לשון. אָבער זי איז שמייכלדיק און רעדט, און פרעגט. ווער איך אַ ביסל רויקער.

— נו, וואָס טוט איר אויף אין אייער שטעטל? האָט איר אַ שיינע אָר־גאַניזאַציע?...

שעם איך זיך איר צו דערציילן וועגן אונדזער גרויסער „מאַסע”... ענטפער איך נישט קלאָר.

פרעגט זי אָבער דווקא:

— זאָגט, וויפל מיטגלידער האָט איר?

— גאַנצע זעקס...

— איר דאַרפט ווערבירן נאָך מענטשן, — זאָגט זי, — וואָס קאָנט איר דען אויפטאָן אַז איר זענט אַזוי ווייניק. פאַראַן אַרבעטער אין אייער שטעטל?

— נאָר שוסטערס, שניידערס, בעקערס. אַז קיין פאַבריקן זענען ביי אונדז נישטאָ.

— אָן אַ פּראָלעטאַריאַט איז טאַקע נישט גוט... — זאָגט זי מיט באַ־דויערונג, — פאַרפאַלן, ציט זשע צו די, וואָס זענען פאַראַן. פאַרגרעסערט אייער קרייז מיט נאָך אַ ביסל חברים. קלערט זיי אויף אונדזער פּראָגראַם... און איר קענט כאָטש אונדזער פּראָגראַם?... — טוט זי מיך פלוצלינג אַ פרעג.

זי גייט מיך, הייסט עס, פאַרהערן... זי בעט מיך באַלד דערויף, איך זאָל איר דערקלערן דעם זין פון טעריטאָריאַליזם...

היות עס האָט זיך מיר שטאַרק געגלוסט ביי איר נושא־חן צו זיין, האָב איך איר צוליב געטאָן. איך האָב איר מסביר געווען געגנוי, ווי איך האָב געהערט פון מיינע אַגיטאַטאָרס אין רוזשענאַי און ווי איך האָב שוין געהאַט

געלייענט אין די „ס. ס.ישע״ בראָשורן. אין איין שטעל, ביי אַן אויספיר, האָב איך מחמת געוויינטשאַפט, אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק מיטן ניגון און קנייטש פון דער גמרא...

אסתר האָט אַ לאַך געטאָן און איך האָב זיך געכאַפּט, אַז זי לאַכט פון מיין בית־מדרש־שטייגער... „אַ ישיבה־בחור״... — טראַכט זי אַוודאי מיט ביטול וועגן מיר.

אין ערגעץ אַ געסל זענען מיר שטיין געבליבן ביי אַ שטיבל. זי האָט מיך געהייסן וואַרטן און באַלד אַרויסגעטראָגן אַן איינגעוויקלט פּעקעלע.

— זייט פאָרזיכטיק, — זאָגט זי מיר — עפנט עס נישט אויף דער גאַס. עס קען אייך נאָך פאַרשאַטן אַן עין־הרע...

און זי האָט מיר דערלאַנגט איר וואַרעם הענטל:

— אַדיע, חבר!

כ׳בין אַוועק פון איר, מיטנעמענדיק איר זיס שמייכל...

אויף צוריקוועגס אין שטעטל האָב איך אין באַלעגאָלישן וואָגן געהאַלטן דאָס פּעקעלע צוגעטוליעט צו זיך, ווי אַן אבן טוב. ווען, אַ שטייגער, אַ פּאָליציאַנט גייט צו צו מיר און באַזוכט מיך!... איך האָב געפילט, אַז איך טו עפּעס אַ געוואַגטע זאַך — קעגן „פאַרפלוכטן צאַריזם״... איך האָב בעת מעשה כסדר געטראַכט וועגן אסתרן, באַדויערט וואָס איך קאָן זי נישט זען מער... ווען זי וואָלט געוועזן ביי אונדז אין שטעטל!...

צומאָרגנס זיך געוויזן מיטן „פּעקעלע״ צו מיינע חברים אין „סעב־דערס בית־מדרש״ ווי אַ „העלד״... אַ קליינקייט, געבראַכט „אומלעגאַלע ליטעראַטור״...

***

דער דלות אין אונדזער שטיבל איז נישט קלענער געוואָרן...

האָב איך זיך אָפּגעגעבן חשבון, אַז ס׳איז שוין די העכסטע צייט צו טראַכטן וועגן אַ תכלית. וויפל איז דער שיעור צו זיצן ביי אָרימע טאַטע־מאַמע אויף קעסט?... אָבער וואָס טוט מען? צו וואָס נעמט מען זיך? אויב פריִער האָב איך נישט געטראַכט צו ווערן אַן אַרבעטער — ווי אַ בית־מדרש־ניק געהאַט דאָך אַנדערע השגות — האָב איך איצט, ווי אַ רעוואָלוציאָנער,

גאָר מקנא געווען דעם נאָמען אַרבעטער... דער עיקר — אַן אַרבעטער פון פאַבריק... אָבער ביי אונדז אין שטעטל זענען דאָך קיין פאַבריקן נישט געווען, — איז מיר איינגעפאַלן צוצופאָרן אין שכנותדיקן שטעטל קרינעק. קרינעק איז געווען אַ שטאָט פון גאַרבאַרניעס. ווערן אַ גאַרבער — דאָס איז שוין אַן אמתער פּראָלעטאַריער!... אגב אין קרינעק געווען אַ צענטער פון פּאַרטייען, מסתמא אַ סך אינטערעסאַנטער ווי ביי אונדז, לעבעדיקער, פריילעכער. עס לוינט אַ פאָר צו טאָן.

פאָר איך אַהין אַ גאַנצע נאַכט אין אַ דאָרפישער „דראַבע", פול אויסגעבעט מיט שטרוי. עס פאָרט אויך אינעם זעלבן וואָגן אַ בחור פון מיין שטעטל, טאַקע אַ גאַרבער, וואָס אַרבעט שוין אין קרינעק זינט עטלעכע יאָר. זיינע הענט זענען שוין גענוג גראָב און פאַרהאַרטעוועט פון פראַצע ביי די פעלן. אויפן וועג האָט זיך דעם בחור דאָס מויל נישט פאַרמאַכט. ער האָט כסדר געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער: „אַ, גוטע פריינט"..., „אין זאַלציקן ים"... און אַנדערע לידער. נאָך איידער איך בין אָנגעקומען אַהין, קיין קרינעק, האָב איך שוין געפילט די „פּראָלעטאַרישע אַטמאָספערע"...

פאַרפאָרן צו אַ פעטער, וועלכער איז מיט מיר אַרומגעגאַנגען איבער די פאַבריקן זוכן פאַר מיר אַ שטעלע. אַ פאָר טעג האָט געדויערט דאָס זוכעניש. אויסגעווען אין צענדליקער פאַבריקן און פאַבריקלעך; זיך גוט אָנגעזאַפּט מיטן עסנדיקן ריח פון די רויע פעלן אין די טונקעלע „טשאָפּן"; אָבער עס האָט זיך נישט געפונען קיין איינציקער פאַבריקאַנט, וועלכער זאָל זיין אַ בעלן אויף מיינע צו יונגע און צו ווייסע הענט... און כ'בין אַוועקגעפאָרן צוריק מיט דעם, וואָס איך בין געקומען...

אפנים, נישט באַשערט געווען מיר צו ווערן אַ גאַרבער, אַ כשרער „פּראָלעטאַריער"... דער גורל האָט פאַר מיר עפּעס אַנדערש צוגעגרייט...

7

דאָס הייליקע פײַער

אונדזער אַרבעט צו שאַפן אַ שטיקל אָרגאַניזאַציע פון „ס.ס." האָט זיך עפּעס נישט געקלעפּט. מיר זענען געקומען צו שפּעט. די אַנדערע אָר־גאַניזאַציעס אין שטעטל — דער „בונד", די „ס.ר.", די „פּ.פּ.ס." (אויך אַזאַ קליינע אָרגאַניזאַציע איז געווען!) — זענען געשאַפן געוואָרן פריִער, בעתן רעוואָלוציאָנערן אויפשוווּנג פון 1905. קיין צופיל יוגנט איז דאָך נישט גע־ווען אין שטעטל, און דאָס וואָס איז יאָ געווען, איז שוין ערגעץ אַנדערש געווען אַריינגעצויגן. דעמאָלט איז עס אפילו דערגאַנגען צו עפנטלעכע דע־מאָנסטראַציעס מיט רויטע פאָנען איבער די גאַסן. מ׳האָט געזונגען די „מאַרסעליעזע", „ווי זשערטוואָי אופּאַלי" און אַנדערע רעוואָלוציאָנערע לי־דער. אויפן מיטן מאַרק זענען געהאַלטן געוואָרן פלאַם־פייערדיקע רעדעס צו די ייִדן און צו די פּויערים, וועלכע האָבן זיך צונויפגעלאָפן אויף בייז וווּנדער... די סטראַזשניקעס פון שטעטל זענען געשטאַנען פון וויטנס און זיך שווייגעוודיק צוגעקוקט: געווען דאָך דעמאָלט אַ מאַניפעסט פון צאַר ניקאָלאַי דעם צווייטן וועגן „סוואָבאָדאַ" *)...

איבערן גאַנצן לאַנד האָט זיך דעמאָלט צעטראָגן דער שטורעם. איך בין נאָך געווען אַ יונג ייִנגל, אָבער האָב שוין דאַן געלערנט ביי אַ פּרוש אין „סענדערס בית־מדרש" און פלעג אַלע טאָג אויסהערן ווי דער אַלטער תלמיד־חכם און משכיל ר׳ ברוך עיין פלעגט פאַרלייענען פאַר ייִדן די „הצפירה" און פלעגט ממש אָנקוועלן פון די ידיעות וועגן שטרייקן אין גרויסן רוסלאַנד; וועגן „ס.ר.׳ישן" טעראָר.

— אַוועקגעלייגט אַ פּאָליצמייסטער אין טאַמבאָוו... כן יאובדו... — פלעגט זיך ר׳ ברוך פאַסמאַקעווען.

— די „ס.ר." האָבן דערשאָסן אַ פּריסטאַוו אין פעטערבורג... אַ מצווה אויף די שונאי־ישראל...

---

*) פרייהייט.

— הינטער ביאַליסטאָק האָבן רעוואָלוציאָנערן געמאַכט אַן אָנפֿאַל אויף אַ פּאָסט און עקספּראָפּריִרט 10.000 רובל און די ביקסן פֿון די שומרים...

אַזוי אַלע טאָג די פֿאַרשיידענע נייעסן וועגן אַטענטאַטן אויף די צאַרי־שע „קנעפּלעך"; וועגן שטרייקן און שיסערייען; וועגן אויפֿגעריסענע באָמ־בעס; וועגן שטורמישע דעמאָנסטראַציעס אין פּעטערבורג, אין מאָסקווע אין טולא, אין מינסק, אין שערעשעווסקיס פֿאַבריק אין גראָדנע אאַז"וו. דאָס אַלץ האָט אויפֿגעהויבן דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט, וואָס האָט זיך פֿאַרשפּרייט ווי אַ כוואַליע איבערן גאַנצן לאַנד.

בעת ר' ברוך פֿלעגט פֿאַרלייענען די אַלע ידיעות ביים לאַנגן טיש, וואָס איז געשטאַנען ביים ברייטן קאַכלנעם אויוון, זענען ייִדן אַרום געזעסן פֿאַרגאַפֿטע און געשלונגען פֿון אים יעדעס וואָרט. ר' ברוך האָט פֿיינט גע־האַט פּאַניען בתכלית השנאה און ער האָט די ידיעות פֿאַרגעלייענט מיט אַ באַזונדער געפֿיל פֿון פֿרייד.

— צי וועט עס כאָטש זיין גוט פֿאַר ייִדן?... — פֿרעגט מאָטקע דער קליינער, אַ ייִד אַן אייגנטימער פֿון אַ גרויסער קראָם; אָבער ער אַליין פֿאַרנעמט זיך ווייניק מיט דער קראָם — דערויף איז זי, זיין פּלונית, די בריה. ער זיצט מער אין בית־מדרש איבערן משניות.

— וואָס שייך גוט? — ענטפֿערט ר' ברוך — אַוודאי איז גוט, ווען עס ווערט מיט אַ רשע, מיט אַ שונא ישראל ווייניקער אויף דער ערד... כן יאובדו...

איך בין אויך געזעסן אַן אַ זייט נעבן די גרויסע און האָב אויך אויפֿ־גענומען מיט אַן אויער — און מיטן האַרץ — די דאָזיקע אַלע ידיעות פֿון דער צעשטורעמטער וועלט. איך האָב זיך נאָך נישט געקאָנט דעמאָלט אָפּגעבן קיין קלאָרן חשבון וועגן די אַלע געשעענישן, וואָס מען האָט אויס־געטייטשט אין בית־מדרש, ביים אויוון; וואָס עס קאָכט זיך אַלץ אין די גרויסע און וויטע רוסישע שטעט.

ערשט שפּעטער, בעת איך מיט מיינע חברים זענען צוריקגעקומען פֿון דער ישיבה, האָב איך שוין אַלץ פֿאַרשטאַנען, האָב שוין אַלץ באַנומען. בין שוין אַליין געווען אַ מיטגליד פֿון אַן אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציע. אָבער דעמאָלט איז שוין געווען נאָך דער „סוואָבאָדאַ". שוין געווען די צייט פֿון מוראדיקער רעאַקציע, ווען אין ייִדישן תחום המושב האָט זיך

געטראָגן אַ פּאָגראָם־כוואַליע און ס׳איז נייטיק געווען אַ שטאַרקע אָרגאַני־זאַטאָרישע קראַפט, כדי עפּעס צו שאַפן אין אונטערערד. נישט פאַר אונ־דזערע כוחות געווען; נישט פאַר אונדז, וואָס האָבן נאָך געשטעקט מיט אייך פוס אין בית־מדרש... און דערצו נאָך — יינגלעך! כמעט קינדער נאָך...

האָבן מיר זיך לסוף איבערגעוואָרפן אויף קולטור־אַרבעט: שאַפן אין שטעטל אַ ביבליאָטעק!

פאַר אַזאַ ענין זיינען שוין געווען ברייטערע מעגלעכקייטן. איינער פון אונדזער „טראָיקאַ״ — איטשקע — האָט געהאַט שוועסטערס, די שוועסטערס האָבן געהאַט חברטעס, חברים; האָבן מיר געוווּנען אַ סך מיטהעלפערס. ס׳איז אַלעמען געפעלן געוואָרן דער פּלאַן. מיר האָבן דורכגעפירט די ערשטע געלט־זאַמלונג און זיך פאַרבונדן מיטן פאַרלאַג „תושיה״ אין וואַרשע. מיר האָבן אויסגעשריבן אַ גאַנצע ריי ביכער — בעלעטריסטיק און וויסנשאַפט; געדונגען אַ ווינקל ביי איינער אַ משפחה, טאַקע בשכנות פון „סענדערס בית־מדרש״ — און דאָרט האָבן מיר געעפנט די ערשטע ביבליאָטעק אין שטעטל. אַלע אָוונט פלעגן מיר אַליין זיך מתעסק זיין ביים טוישן די ביכער, ביים פאַרשרייבן די נעמען, די נומערן. עס זענען כסדר צוגעקומען אַבאָ־נענטן. ס׳איז געוואָרן אַ גאַנצע באַוועגונג אַרום דער ביבליאָטעק. פאַר דער הכנסה פון די אַבאָנענטן האָבן מיר אויסגעשריבן נייע ביכער — יידישע, רוסישע, העברעישע. מיר האָבן ממש געקליבן נחת יעדן אָוונט פונעם עולם, וואָס פלעגט קומען צו אונדז מיט די ביכער אונטערן אָרעם — אַזוי ווי פרומע יידן אין בית־מדרש.

און פאַרשטייט זיך, אַז די ערשטע לייענער זענען מיר אַליין געווען. איך האָב זיך אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן אין לאַבירינט פון די בי־כער און געלייענט מיט דער גרעסטער התמדה: יידישע ליטעראַטור, רוסישע קלאַסיקער, איבערזעצונגען פון דער וועלט־ליטעראַטור; פּראָזע און פּאָעזיע. עס האָט מיך דערהויבן, מיטגעריסן, אָנגערעגט זיך צו כאַפּן צו דער פען. עס האָט זיך אין מיר צעברענט דאָס הייליקע פייער... האָב געפּרוווט שרייבן דערציילונגען, לידער. האָב געפילט, אַז איך בלאָנדזשע אין אַ פאַרכישופ־טער וועלט... נישט געהאַט אָבער אַרום זיך קיין רבי, קיין מורה דרך... האָב איך זיך איין מאָל, שעמעוודיקערהייט, פאַרטרויט פאַר מיינעביידע חברים, אַז איך שרייב. געפּרוווט זיי עפּעס ווייזן, פאַרלייענען. מיינע ערשטע ליי־

ענער... צוהערער... זיי האָבן מיך אויסגעהערט געשפּאַנט און מיט גרויס חידוש. אָבער וואָס האָבן זיי דען מיר געקאָנט אָנווייזן? העלפן?

האָב איך איין מאָל און אַ צווייט מאָל בשתיקה געפּרוווט צושיקן אַ פּאָר שירים קיין ווילנע, אין דעמאָלטיקן וואָכנבלאַט „דער טאָג אויף שבת". באַקום איך אַ תשובה, אַז איין ליד פון די פּאָר צוגעשיקטע וואָלט געקאָנט געדרוקט ווערן, ווען איך זאָל אויסבעסערן אַ פּאָר טעכנישע פעלערן (וואָס מ'האָט מיר אָנגעוויזן). האָב איך תיכף, אין משך פון בלויז עטלעכע מינוט, די פעלערן אויסגעבעסערט און צוריקגעשיקט דאָס ליד שוין אַן אויסגעבעסערטס. דאָס דאָזיקע ליד, אַן עלעגיע — „וואָס ציט מיך אַזוי צו די וויסטע מקדשים?"...*) — איז טאַקע אין דערמאָנטן זשורנאַל אָפּגעדרוקט געוואָרן. אָבער מיין ערשט געדרוקט ליד איז צו מיר נישט דערגאַנגען אין שטעטל (די רעדאַקציע האָט עס מיר נישט געשיקט) און כ'האָב וועגן דעם גאָרנישט געוווּסט, און ערשט שפּעטער — שוין אין וואַרשע — האָב איך צופעליק עס באַמערקט ביים בלעטערן יענעם זשורנאַל. נישט באַשערט מיר געווען יענע גרויסע פרייד אינעם שטעטל... געווען איז עס אין יאָר 1908. זאָל עס כאָטש איצט פאַרשריבן ווערן ווי אַ זיסע דערמאָנונג...

ביי מיר אין שטוב האָט מען לחלוטין נישט געוווּסט וואָס איך שרייב כסדר: איך האָב זיך עפּעס געשעמט עס צו דערציילן טאַטע־מאַמע... דער עיקר מסתמא דערפאַר וויל איך האָב זיי דאָך געהאַלטן פון אַן אַנדער וועלט, פון דער אַלטער וועלט, — און איך... ווי ווייט איז שוין געוואָרן די דיסטאַנץ צווישן אונדז...

אַ מאָל פלעגט זיך דער טאַטע עקסטרע שטעלן איבער מיר, כדי צו כאַפּן אַ בליק וואָס איך שרייב; אָבער איך פלעג תיכף פאַרשטעלן פון אים דאָס פּאַפּיר. נישט געוואָלט בשום אופן ער זאָל עס זען. און וואָס מער איך פלעג זיך פאַרשטעלן, אויסבאַהאַלטן, פלעגט דער טאַטע ווערן מער טשיקאַווע, פאַראינטריגירט...

— כ'וואָלט אַ בעלן געווען צו וויסן וואָס ער שרייבט דאָרטן! — זאָגט ער צו דער מאַמען — נישט אַ מאָל פּראָקלאַמאַציעס?... ווער ווייס וואָס ער וועט אונדז נאָך אָנמאַכן פאַר אַ צרה מיט זיין שרייבאַכטס...

*) שפּעטער אַריין אין מיין לידער־בוך „צווישן פיר ווענט".

— זיי רויק, טאַטע, — רוף איך זיך אָפּ, — קיין סיביר וועט מען דיך דערפאַר נישט שיקן...

— מיך נישט, אָבער דיך?... דיך?...

— אויך איך בין רויק... זעסט דאָך...

— טאָ וויז, אַדרבה, לאָז אַ קוק טאָן...

— ניין!

דאָס געשריבענע פלעג איך אומבאַמערקט פאַר זייטיקע באַהאַלטן אויפן בוידעם. דאָרט האָב איך געהאַט אַ גוטע באַהעלטעניש פאַר מיינע כתב־ידן — אין עפּעס אַ לאָך פון „סטריך“...

8

אין דער וועלט אַרײַן

אין יענעם יאָר איז מיין חבר איטשקעס אַ שוועסטער אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע. עס האָט זי געצויגן אין דער גרויסער שטאָט; אין דער וועלט אַריין. אָנגעלייענט זיך מיט ביכער, האָט זיך איר פאַרוואָלט צו ווערן זעלבשטענ־דיק, אַרויס פון טאַטנס צו־פרומער שטוב. ס'איז איר צו ענג געוואָרן אין דער דאָזיקער באַלעבאַטישער אַטמאָספער. אַ פאַך אין האַנט האָט זי געהאַט — געווען אַ שניידערין — האָט זי געוואַגט און איז אַוועקגעפאָרן.

דאָ האָט זיך פאַר מיר געעפנט אַ נייע מעגלעכקייט: איך האָב צו איר צוגעשיקט עטלעכע פון מיינע כתבים: לידער און אַ דערציילונג. און אָט גאָר בקרוב קומט מיר אָן פון איר אַ בריוו מיט אַ גוטער בשורה פאַר מיר. אַ בשורה מיט אַ וואַרעמער באַגריסונג: די דערציילונג מיינע — „די פינצ־טערע האַרבסט־נעכט“ — איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין זשורנאַל „די יוגנט־וועלט“. מיט דער גרעסטער פריידיקער אומגעדולד האָב איך זיך קוים דער־וואַרט, אַז עמעצער זאָל מיר ברענגען פון גראָדנע — פון נח באַס' בוכ־האַנדלונג — אַן עקזעמפּליאַר פון יענעם זשורנאַל. און אָט זע איך צום ערשטן מאָל מיין נאָמען געדרוקט שוואַרץ אויף ווייס. איך האַלט דעם זשורנאַל מיט ציטערדיקע פינגער. כ'בין ממש בגילופין. האָב נישט גע־

קאָנט איינזיצן אין שטוב. ס׳איז געווען אַן אָנהייב־פרילינגדיקער אָוונט. אויף די שטעטלשע געסלעך איז נאָך געלעגן אַ טיפע בלאָטע. אָבער ס׳האָט מיך נישט אָפּגעהאַלטן און כ׳בין געפלויגן ווי אַ משוגענער איבער די געס־לעך מיטן זשורנאַל אין בוזעם־קעשענע. די צעפלויגענע געדאַנקען האָבן מיך געטראָגן אין דער לופטן...

איך האָב זיך גאָרנישט געקענט אָפּגעבן קיין חשבון פון צייט. ס׳איז געוואָרן גענוג שפּעט. די פּענצטער פון די הילצערנע כאַטעס האָבן זיך איינציקווייז אויסגעלאָשן. מיר האָט זיך אָבער נישט געגלוסט אַהיים צו גיין. דאָס קליינע שטיבל אונדזערס, צווישן שלאָפנדיקע טאַטע־מאַמע, איז צו קליין געווען פאַר אַזאַ גרויס גליק!... איך האָב זיך נאָר געקאָנט טיילן מיטן אויסגעשפּרייטן טונקל־בלויען הימל, מיט די אומצייליקע צעפינקלטע שטערן. מיר האָט זיך געדוכט, אַז זיי, די שטערן, שמייכלען עס צו מיר פון זייער הויכקייט, באַגריסן מיך אין מיין צעשטראַלטער פרייד — — —

ס׳האָט שוין געמוזט זיין זייער שפּעט, ווען איך בין אריין אויף די שפּיץ פינגער אין אונדזער שטיבל, שטיל־שטיל, אָן שאָרך, כדי נישט אויפצוועקן טאַטע־מאַמע; האָב זיך פּאָרזיכטיק אויסגעטאָן און זיך אַנידערגעלייגט אויף דעם אויסגעבעטן צודעק פונעם שלאָפבאַנק. פאַר דעם זשורנאַל האָב איך קיין אַנדער אָרט נישט געהאַט ווי נאָר אונטערן קישן... איך האָב אים נישט געטרויט דער בוזעם־קעשענע פון מיין מאַרינאַרקע; האָב אים געמוזט האָבן אַ גאַנצע נאַכט אונטער מיין קאָפּ... כ׳בין געלעגן אַ וואַכער, אַ פריידיק־צערייצטער, מיט אָפענע אויגן, און אין דער פינצטערניש האָב איך בולט געזען דאָס „קעפל״ פון מיין אָפּגעדרוקטער דערציילונג — „די פינצטערע האַרבסט־נעכט״... און איבער די גרויסע אותיות פונעם „קעפל״ — מיין נאָמען מיט אַ דינער ליניע אונטערגעשטראָכן. אין די דאָזיקע שעהען פון דער שלאָפלאָזער נאַכט איז נישט געווען קיין גליקלעכערער מענטש אויף דער ערד...

צומאָרגנס האָב איך געזוכט איינזאַמקייט, כדי נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל אַריינקוקן אין מיין אָפּגעדרוקטער דערציילונג. כ׳בין פאַרפאַלן געוואָרן היני־טערן שטעטל, צווישן די יונג־פרילינגדיקע לאָנקעס, און זיך מתייחד געווען מיטן זשורנאַל... אויף דער נשמה איז מיר אויך געווען אַזוי פרילינגדיק און גרין ווי אויף די ברייטע רחבותדיקע לאָנקעס. איך האָב געלייענט און

געלייענט שוין צום וויפלטסטן מאָל די זעלביקע שורות. געקענט זיי שוין כמעט אויף אויסווייניק. אין די פּינטעלעך — איך האָב דעמאָלט געניצט אַ סך פּינטעלעך... — האָב איך אַריינגעלייגט נייע טייטשן און כוונות, וועגן וועלכע איך האָב ביים שרייבן אַפילו גאָרנישט געטראַכט... זינגענדיקע פייגל האָבן פאַרבייגעשוועבט איבער מיין קאָפּ, ווי זיי וואָלטן מיך אַלע געגריסט אין מיין גרויסן יום־טוב. און דער הימל אויבן איז געווען אַזוי בלוי און אַזוי טיף און אַזוי לאָקנדיק. אַלץ אין דער נאַטור איז געווען אַזוי פרילינג־דיק צעזונגען. און אויך פון מיין האַרץ האָט זיך געריסן אַ פריידיקע שירה — — —

***

פאַר נאַכט האָב איך זיך געזען מיט מיינע צוויי חברים. איך האָב זיי מיט ציטער געגעבן לייענען דעם זשורנאַל. ייענע זענען געוואָרן שטאַרק איבערראַשט. יעדער פון זיי האָט געוואָלט האָבן דעם זשורנאַל אין זיינע הענט.

— פאַמעלעך, פאַרזיכטיק! — האָב איך זיך געבעטן — איר קאָנט נאָך צערייסן...

הגם איך האָב מיינע חברים געבעטן, אַז זיי זאָלן קיינעם נישט דער־ציילן, פון דעסטוועגן האָט מען זיך אין שטעטל דערוווסט פון דער „געשע־עניש"... איטשקע האָט דערציילט זיינע שוועסטערס, די שוועסטערס — זייערע חברטעס, און אַזוי איז עס אַוועק ווייטער. מ'האָט גענומען קוקן אויף מיר מיט אַנדערע אויגן... אַז עמעצער האָט מיך געפרעגט, האָב איך זיך געמאַכט נישט וויסנדיק; געלייקנט שטיין און ביין...

האָב איך זיך גענומען צום שרייבן מיט פאַרגרעסערטער התמדה. גע־לייענט און געשריבן, געלייענט און געשריבן. האָב אין די ביכער זיך פאַר־קוקט אויף פאָרטרעטן פון שרייבער און געזען, אַז דער גרעסטער טייל שרייבער און פאָעטן טראָגן לאַנגע האָר... (אַ חוץ די יעניקע, וואָס האָבן שוין פּליכעס ווי די פולע לבנהס...). נו, האָב איך זיי אויך נאָכגעטאָן און פאַרלאָזן אַ טשופּרינע, פאַרקעמט מיט אַ שרינט אין דער מיט — „אַזוי ווי גאָגאָל"... (אַזוי האָט מיר טאַקע געזאָגט איינע פון איטשקעס שוועס־טערס און איך האָב עס אויפגענומען נישט אָן תמימותדיקער פרייד...).

מיין טאַטן איז אָבער אַזאַ „פּאַסאַן" נישט געפעלן געוואָרן.

— פאַר וואָס שערסטו זיך נישט אָפּ ווי עס באַדאַרף צו זיין? — פרעגט ער מיך איין מאָל — זעסט דאָך שוין באַלד אויס ווי אַ פּאָפּ, אָדער גאָר ווי אַ „פּיסאַטיעל"... *)

איך האָב אים אויסגעהערט — נאָר גיי דערצייל אים אַ מעשה, אַז דאָס אַלץ, וואָס איך שרייב, זענען נישט קיין „פּראָקלאַמאַציעס", ווי ער האָט מיר איין מאָל באַמערקט, נאָר גאָר עפּעס אַנדערש... און אַז דאָס, וואָס איך שרייב, האָט מען טאַקע אָפּגעדרוקט אין אַ זשורנאַל...

„יאָ, טאַטע, — האָב איך געלאַכט אין געדאַנק, — נישט ווי קיין פּאָפּ, נאָר טאַקע ווי אַ „פּיסאַטיעל"...

איך האָב עס אָבער נאָר געטראַכט און אים גאָרנישט געזאָגט, ווייל פאַר מיין שטוב איז דאָס שרייבן מיינס נאָך אַלץ געבליבן אַ סוד, אַ רע־טעניש...

**
*

נאָך אין זעלביקן יאָר איז אונדזער „טראַיקאַ" צעקלאַפּט געוואָרן: איין חבר — איטשקע — האָט אין זיינע טראַכטענישן וועגן אַ תכלית זיך איין מאָל מיישב געווען און איז אַוועקגעפאָרן קיין לאָדזש. דאָרט האָט ער באַקו־מען אַ שטעלע אין אַ מאַנופאַקטור־געשעפט. געוואָרן אַ „מענטש"...

קורץ נאָך דעם איז אויך פאַר מיר אָנגעקומען אַזאַ טאָג. אין אַ בריוו פון וואַרשע שרייבט מיר מיין חברס שוועסטער — און, אייגנטלעך, שוין אויך מיין גוטע חברטע:

„וואָס זשע זיצט איר אין די קליינשטעטלדיקע בלאָטעס? קומט קיין וואַרשע. דאָ איז אַן אינטערעסאַנט לעבן. פאַראַן דאָ טעאַטערן, צייטונגען, שרייבער. אַז איר וועט דאָ זיין, וועט איר געפינען אַ באַשעפטיקונג. מאָרגנ־שטערן — דער רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער פון „יוגנט־וועלט" — האָט צו־געזאָגט צו טאָן פאַר אייך וואָס ער וועט קאָנען".

האָב איך גאָרנישט געקווענקלט: — „איך פאָר!" — האָב איך באַשלאָסן. אַ קלייניקייט, וואַרשע! די שטאָט פון צייטונגען, פון שרייבער... ביז איצט

---

*) שרייבער.

קיין איינציקן שרייבער פאַר די אויגן נישט געזען... דאָרט וועל איך זען פּנים אל פּנים שרייבער... די מחברים פון די ביכער, וואָס איך שלינג אַזוי דורשטיק... פּרץ, דינעזאָן, רייזען... מיין גאָט, וואָס קאָן שוין זיין פאַר אַ גרעסער גליק!...

— איך פאָר! איך פאָר!... — האָב איך געפּלאַטערט.

כ׳האָב עס שוין דערציילט אין שטוב. לכתחילה האָבן טאַטע־מאַמע זיך געקווענקלט. לסוף האָבן זיי מסכים געווען: „מ׳מוז דאָך סוף־כל־סוף קומען צו אַ שטיקל תכלית״.

שרייב איך קיין וואַרשע, אַז איך פאָר, אַז איך קום. טאַקע גאָר בקרוב.

קריג איך ווידער אַ בריוו, ווי אַזוי זיך נוהג צו זיין. כ׳זאָל למען השם נישט קומען אין אַ היטל ווי אַ קליינשטעטלדיקער, נאָר כ׳זאָל מיר קויפן אַ קאַפּעליוש...

טאַטע־מאַמע האָבן געמאַכט הכנות מיך אַרויסצופּראַווען אין דער וועלט. דער טאַטע האָט „מאָביליזירט״ אַלע זיינע מעגלעכקייטן — און אוממעג־לעכקייטן... — און געשאַפן פאַר מיר פופצן קאַרבוינים מזומנים, כדי זיך צו קאָנען לאָזן אין וועג אַריין. די מאַמע האָט אויסגעבאַקט אַ „באַבקע״ אויף מאַנאַייל, איינגעקויפט נאָך אַ פּאָר קלייניקייטן — און איך פאָר! איך געזעגן זיך מיט אַלץ און אַלעמען. אַ באַלעגאָלישער וואָגן פירט מיך קיין גראָדנע, צו דער באַן־סטאַנציע. ס׳איז אַ זוניקער פרימאָרגן. אויף די פעל־דער, אויף די גראָזן ליגט דער טוי, וואָס שימערירט אַנטקעגן דער זון מיט אַזוי פיל קאָלירן. באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ. דער טאָג ווערט רייפער, צעליכטיקטער. די בענקשאַפט אין האַרצן ביים פאַרלאָזן די היימישע ערד ווערט פאַרטרונקען אין דער גרויסער שפּאַנונג, אין דער גרויסער דער־וואַרטונג: וואַרשע... וואַרשע...

און אָט בין איך שוין אין גראָדנע, ביי מיין שוועסטער, וואָס וווינט ביי אַ מומען. מיין שוועסטער איז זיך אַ גאַנצן טאָג מיט מיר מטפּל; גייט אום מיט מיר איבער די גאַסן און בולוואַרן און קויפט אויך פאַר מיר — דעם קאַ־פּעליוש... מיין ערשטן קאַפּעליוש...

איך פיל מיך לכתחילה אומבאַקוועם אינעם קאַפּעליוש: אין שטעטל טוט אָן אַ בחור אַ קאַפּעליוש צום ערשטן מאָל ערשט בשעת ער גייט — ווי אַ חתן — אונטער דער חופּה...

אין אָוונט באַגלייט מיך די שוועסטער צו דער באַן. מיין באַגאַזש איז — אַן אָרעם געפּלאָכטן קוישעלע. דערין זענען געלעגן אַ פּאָר קבצנישע וועש, אַ צוויי־דריי האַנטוכלעך, עטלעכע פּאָר סקאַרפּעטקעס, אויסגעצירעוועטע פון מיין מאַמען, און — דער עיקר — אַ היפּש פּעקעלע כתבים...

איך פּאָר! עס קלאַפּן די רעדער אויף די שינעס און עס קלאַפּט אויך האַסטיק מיין האַרץ: דער ערשטער אַרויספּאָר מיינער אַליין אין דער וועלט אַריין...

אַ גאַנצע נאַכט האָט געדויערט די נסיעה. פּאַרבייגעפּאָרן שוין ביאַ־ליסטאָק, נאָך דעם לאַפּי. עס בייטן זיך פּאַסאַזשירן. ווער אַראָפּ, ווער אַרויף. עס הייבן אָן אַרויפקומען מאָדנע יידן — אין קאַפּאָטעס און קליינע, שמאָלע היטעלעך. יידן מיט פּעקלעך, מיט קוישלעך. טיפּיש־פּוילישע יידן. צום ערשטן מאָל הער איך זייער „פּאַרצויגענעם" יידיש. ווי זיי ריידן צווישן זיך: „יאָך"... „קים שאָ אַמועלי!"... „גאַי שאַ, גאַי"... עס קלינגט ווילד־פרעמד פאַר מיינע אויערן. איך קוק אויף זיי ווי אויף יידן פון אַן אַנדער שבט. פון וועלכן שבט זענען זיי, די דאָזיקע יידן? זענען אַלע וואַרשעווער יידן אַזעלכע?...

כמעט אַ גאַנצע נאַכט נישט געכאַפּט אַפילו קיין דרימל: צו פרײדיק־אויפגערעגט געווען.

דער צוג איז אָנגעקומען אַכט אין דער פרי אויפן „דוואָזשעץ ווסכאָד־ני" — אויפן מזרח־וואָקזאַל אין פּראַגע. איך האָב מיט מיין קוישעלע זיך געשטופּט צווישן געדיכטן עולם צום אַרויסגאַנג. אויף יענער זייט, אין פּאָדערשטן זאַל, איז באַלד צו מיר צוגעקומען מיין „פּראָטעקטאָרין" — דאָס שוואַרץ־חנעוודיקע מיידל, די וואָס האָט גורם געווען מיין קומען אַהער. ווי גוט זי איז צו מיר און ווי היימיש איז איר זיסער שמייכל...

9

בראשית וואַרשע

מיין ערשטע דירה אין וואַרשע איז געווען אויף נאַוואָליפּיע 17, אינעם הויז, וואָס איז געווען אַריינגערוקט הינטער אַ קליינעם סקווערל. עס רעדט

זיך אַזוי „אַ דירה". פאַקטיש איז עס געווען נאָר אַ „ווינקל" אינעם עסצימער. געוווינט האָט אין דער דאָזיקער דירה אַ יידישע פאַמיליע פון ווייסרוסלאַנד, פון האָמעל, די זילבערשטיינס. אַן עלטער פּאָרפּאָלק און אַ טאָכטער אין די יאָרן. זייער פּרנסה איז געווען „דאָמאַשניע אָביעדי" *). זייערע קליענטן זענען געווען קודם כל זייערע קוואַרטיראַנטן — עקסטערניקעס. גאַנצע פיר זענען זיי געווען, וואָס האָבן פאַרנומען אין דער דירה צוויי צימערן. אַ חוץ זיי פלעגן דאָרט קומען אויף מיטאָג לערערס, אַנגעשטעלטע, קאָמי־וואָיאַזשאָרן. אַזוי אַז מיטאָג־צייט איז דאָרט תמיד געווען אַ היפּש יאַרידל.

איך האָב דאָרט, פאַרשטייט זיך, נישט געגעסן: אַ צו גרויסער לוקסוס פאַר מיין קעשענע... פון די 15 רובל, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן מיר מיטגעגעבן, האָב איך געדאַרפט אַ טייל געלט אָפּהיטן כאָטש אויף עטלעכע חדשים דירה־געלט (געצאָלט האָב איך צוויי רובל אַ חודש). דאָס רעשט איז מיר ביסלעכווייז צעקראָכן געוואָרן אויף מיין אָרעמסטער אויסהאַלטונג. פון טאַטע־מאַמע האָב איך אַ נדר געטאָן מער קיין געלט נישט בעטן: ווו וועלן זיי נעמען, די אָרעמע?... אדרבה, איך האָב געוואַרט אויף דעם טאָג, ווען איך וועל שוין אָנהייבן פאַרדינען און קאָנען עפּעס אָפּשפּאָרן פאַר זיי. אויף עסן פלעג איך אויסגעבן גראָשנס. פלעג אָפּקומען מיט שהי׳ פהי׳. מיטאָג פלעג איך עסן אין אַ „ביליקער קיך" פון עפּעס אַ פילאַנטראָפּישער חברה. פאַר צוויי קאָפּיקעס פלעג איך באַקומען אַ שיסל קרופּניק מיט אַ פּיצל פלייש דערין און דערצו אַ היפּשע פאַרציע שוואַרץ־ברויט. פרישטיק און אָוונטברויט פלעג איך אָפּט „אַדורכשמוגלען", פלעג אָפּנאַרן דעם מאָגן ביזן ביליקן מיטאָג.

שלאָפן פלעג איך איינער אַליין אין דער עסשטוב, אויסגעבעט אויף אַ סאָפקע. געדענק איך, אַז איין נאַכט האָט מיך דער יצר הרע אָנגערעדט צו זינד: אויפן טיש איז געבליבן שטיין פון מיטאָג אַ הילצערנער געפלאָכטענער ברויט־טעלער מיט שיריים פון ברויט. פּיצלעך און ברעקלעך, וואָס די עסער האָבן איבערגעלאָזט און וואָס די באַלעבאָטים האָבן אָפּנים פאַרגעסן אַראָפּצורוימען פאַרן מיסט־עמער. האָב איך נישט געקאָנט באַהערשן מיין

*) היימישע מיטאָגן.

הונגער, נישט בייגעשטאַנען דעם נסיון און בין אין דער טונקלקייט אַראָפּ פון געלעגער און אויפגעדזשאָבעט די אַלע ברעקלעך און פּיצלעך...

איין מאָל האָט איין קוואַרטיראַנט — דער עקסטערן הערשקאָוויטש, פון מינסק —, וואָס האָט מיר אַרויסגעוויזן מער האַרץ ווי אַנדערע, מיך פאַר־בעטן כ׳זאָל מיט אים צוזאַמען עסן מיטאָג. ער האָט זיך מפרנס געווען פון פּריוואַטע „אוראָקן" און זיך ווי עס איז אַן עצה געגעבן. און יענעם טאָג האָב איך פאַרזוכט דעם טעם פון אַ גוטן „היימישן מיטאָג" ביי מיינע באַ־לעבאַטים...

הערשקאָוויטש האָט אין די פרייע שעהן געהאַלטן אין איין „זוברעווען" און זיך גרייטן צו זיינע עקזאַמענס. ער האָט אָבער אויך געפונען צייט צו באַכפּרעגן זיך אויף באַשעפטיקונג פאַר מיר. איז ער מיר גאָר נאָנט געוואָרן, דער דאָזיקער ברוין־אויגיקער גוטמוטיקער בחור. בין אַפילו געוואָרן זיין „שותף" אין „זוברעווען" און געוויסע „פּרעדמעטן" פלעגן מיר לערנען צו־זאַמען, דער עיקר געשיכטע פון דער רוסישער ליטעראַטור. הערשקאָוויטש האָט געהאַט אַ באַזונדערע שוואַכקייט צו נעקראַסאָוון; איך — צו פּושקינען און לערמאַנטאָוון, און געוויסע לידער זייערע און פראַגמענטן פון פּאָעמעס האָבן מיר געחזרט אויף אויסווייניק און אויסגעהערט איינער דעם אַנדערן.

איין מאָל, בעת מיר זענען געזעסן ביי אים אין צימער און „געזוברע־ וועט", האָט זיך דערהערט אַ געזאַנג פון הויף. כ׳בין צוגעגאַנגען צום פענצ־ טער אַרויסקוקן. דאָס איז געווען אַ גאַסן־זינגער. מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ צו די פענצטער האָט ער מיט אַן אומעטיקער שטים געזונגען:

> אַ בריוועלע דער מאַמען
> זאָלסטו נישט פאַרזאַמען...

איך האָב זיך פאַרטראַכט אין דעם ניגון און דערזען מיין היים, מיין מאַמען... עס האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ נאָגעניש און אין אויג האָט מיך אַ ברי געטאָן אַ טרער...

**
*

איטלעכן טאָג פלעג איך אומגיין איבער די וואַרשעווער גאַסן זיך נאָכפרעגן אויף באַשעפטיקונג. מ׳האָט מיר געגעבן פאַרשיידענע רעקאָמענ־ דאַציעס, אַדרעסן פון אונטערנעמונגען און געשעפטן. אַזוי בין איך געווען

ביי מיינעם אַ שטיקל קרוב, מיין טאַטנס אַ קוזין, אַן אָפּשטאַמיקער פון מיין שטעטל. ער איז אַהער געקומען נאָך אין די יונגע יאָרן זיינע און איצט איז ער שוין אַ ייִד אַ ריבער די פופציקער. אַ ייִד אַ גביר, אַן אייגנטי־מער פון אַ גרויסן מאַנופאַקטור־געשעפט אויף נאַלעווקעס 29. וואַרשעווער ייִדן האָבן גוט געקענט די פירמע „יעקב אַדין״. צו אַדינען טאַקע האָט מיר מיין פאָטער געגעבן אַ בריוו, אַז ער זאָל מיך מקרב זיין און העלפן געפינען עפּעס אַ באַשעפטיקונג. אַז איך בין אַריינגעקומען צו אַדינען אין דער דירה, דורך דעם קיך־אַריינגאַנג, האָט מיך די דינסט געהייסן וואַרטן און האָט אָנגעזאָגט דעם באַלעבאָס, אַז עמעץ פרעגט אויף אים. עס איז באַלד אַרויסגעקומען צו מיר אַ הויכער דיקער ייִד, מיט אַ היפשן בויך פאָרויס. כ׳האָב אים שווייגנדיק דערלאַנגט מיין טאַטנס בריוו. יענער האָט אַזוי שטייענדיק נעבן מיר געכאַפּט אַ לייען איבער און מיך געהייסן אויפ־וואַרטן אַ ווייל. אין דער וווינונג האָט ער מיך נישט אַריינגעבעטן. ער איז זייער שנעל אַרויסגעקומען צו מיר שוין אין מאַנטל און איז מיט מיר אַרויסגעגאַנגען דורך דעם זעלבן קיך־אַרויסגאַנג. אויף די טרעפּ האָט ער מיר באַלד געזאָגט, אַז ביי אים אין געשעפט האָט ער נישט פאַר מיר קיין אַרבעט. דערביי האָט ער מיר אַריינגערוקט אין האַנט אַ פּאַפּירענעם דריי־רובלדיקן באַנקנאָט. דערמיט, הייסט עס, האָט ער מיך געוואָלט אָפּפּטרן... דאָס האָט מיך שרעקלעך באַליידיקט און ווי געטאָן: כ׳בין דאָך נישט גע־קומען צו אים נאָך קיין שטיצע, נאָר וועגן אַרבעט. טאָ וואָס זשע רוקט ער מיר געלט אין האַנט אַריין, ווי אַ נדבה?... כ׳האָב אָבער מחמת מיין שע־מעוודיקייט נישט געהאַט געגוג דרייסטקייט אים דאָס געלט צוריקצוגעבן. ס׳האָט מיך פאַרדראָסן אויף אים באַלד אין דער ערשטער רגע, וואָס ער האָט מיך נישט אַריינגעבעטן צו זיך אין וווינונג צו זיינע בני־בית; וואָס ער האָט מיך לחלוטין גאָרנישט אויסגעפרעגט אויף משפחה, אויף מיין טאַטן, זיין קוזין; וואָס ער האָט מיך אַפילו נישט געפרעגט וווּ איך בין; ווו איך האַלט זיך אויף; און אַוודאי נישט געבעטן מיך איך זאָל צו אים נאָך אַ מאָל אַרויפקומען. איך האָב עס שפּעטער גוט אויסגעטייטשט: גבירישע סנאָבן שעמען זיך פאַר זייערע ווייב און קינדער מיט אַן אָרעמען קרוב... און מהאי טעמא טאַקע האָב איך מיינע אַלע יאָרן פון מיין לעבן אין וואַרשע קיין שום מגע־ומשא נישט געהאַט מיט דער דאָזיקער משפחה.

איין טאָג בין איך, בעת מיינע זוכענישן, אַריינגעפאַלן אין אַ קעלער־וואַרשטאַט פון וואַפלעס. דער אייגנטימער, דער וואַפלעס־מאַכער, איז געווען אַ פעסט געבויט מענטשל, מיט ברייטע פלייצעס און רויטן קאַרק. ער האָט געדאַרפט אַ געהילף, האָב איך זיך צו אים געמאָלדן.

— ווייז מיר דיינע הענט, — האָט ער מיר אַ זאָג געטאָן.

אַ ביסל אַ פאַרשעמטער ווייז איך אים.

— צו שוואַכע הענטלעך ביי דיר... האָסט שוין עפּעס געטאָן?

— זיך געלערנט...

— נאַפּליעוואַט! קאָנסט מסתמא אַ קאַץ אַן עק נישט פאַרבינדן... אָבער גוט, מיר וועלן פּרווון. קום מאָרגן צו דער אַרבעט. קום 8 אין דער פרי.

צומאָרגנס פּונקט 8 אַ זייגער בין איך שוין געווען אויף מיין „פּאָסטן". אינעם קעלער־וואַרשטאַט איז געווען אַ מוראדיקע היץ פונעם אָנגעהייצטן אויוון און פון די אָנגעגליטע אייזערנע פורעמס, וווהין איך האָב געדאַרפט כסדר מיט אַ גרויסן בלעכענעם שעפּ אַריינגיסן שיטערן פליסיקן טייג. שעפּן פון אַ קעסל און גיסן אין די פורעמס. איך פלעג גיסן און ער, דער מייסטער, פלעגט אַלע ווײַלע אַרויסצי:ען פון אויוון די אייזערנע פורעמס און אַרויס־נעמען פון דאָרט די שנעל געבאַקענע וואַפלעס.

— האַרי האָפּ! האַרי האָפּ! *) — האָט ער געשרי:ען און פון מיר ש:ער די נשמה נישט אַרויסגעיאָגט.

ווייזט זיך אַרויס, אַז מיין „ברויט־געבער" איז שוין געווען אין אַמעריקע און פון דאָרט האָט ער עס מיטגעבראַכט דעם „האַרי האָפּ!"...

איך האָב אַזוי אָפּגעאַרבעט אַ קנאַפּע וואָך. יעדן טאָג פלעגט מיר דער באַלעבאָס אויסצאָלן דעם שכר: 20 מזומנע קאָפּיקעס... מיין ערשט פאַר־דינט געלט... טאַקע שווער געפּראַצעוועט אַ גאַנצן טאָג ביי די אויוונס. ממש בזיעת אַפּי... אָבער — איך בין שוין אַ פאַרדינער... פאַר דעם געלט האָב איך געקאָנט קויפן ברויט (אַ קילאָ שוואַרץ־ברויט האָט געקאָסט 2 קאָפּיקעס) און נאָך אַ ביסל שילאָוועס צום ברויט; 2 קאָפּיקעס האָט געקאָסט דער מיטאָג אין דער „ביליקער קיך"... אַזוי אַז איך האָב שוין געקאָנט „מאַכן אַ לעבן"... די צרה איז נאָר געווען מיט דירה־געלט. דירה־געלט

*) שנעל! שנעל!

אַליין האָט מיר געקאָסט 2 רובל אַ חודש. דאָס הייסט אַ קימאַ־לן, אַז צען אַרבעטס־טעג האָב איך געדאַרפט אָוועקגעבן פאַר דעם „אוגאָלאָק״ *)...

אָבער איין טאָג, נאָך דער אַרבעט, טוט מיר אַ זאָג דער „אַמעריקאַ־ניעץ״:

— ניין, גאָלובטשיק, דו טויגסט נישט צו דער אַרבעט... דו פאַר־טראַכטסט זיך... ביי מיר דאַרף מען אַרבעטן „האַרי האָפּ! האַרי האָפּ!״...

אויס „גליקן״... בין איך ווידער אַרבעטלאָז. דערפאַר האָב איך געהאַט מער צייט. און אַז איך האָב געהאַט מער צייט, האָב איך געשריבן לידער... איך פלעג שוין ווי עס איז געפינען אַן אָרט וווּ צו שרייבן. דאָס רוב פלעגט עס זיין אויף אַ באַנק אין זאַקסישן גאָרטן. אין שטוב ביי מיר זיינען תמיד געווען מענטשן. קיין באַזונדערן צימער האָב איך דאָך נישט געהאַט. סיידן אַ מאָל ביינאַכט, אַז אַלע פלעגן שוין שלאָפן גיין און איך פלעג בלייבן אַליין אין עסצימער.

10

איך באַקען זיך מיט שרייבער

איך האָב געמוזט מאַכן „עקאָנאָמיע״ און געטוישט מיין דירה אויף אַ מער ביליקערע. פון נאָוואָליפּיע בין איך אָוועק אויף לעשנאָ 69. דאָ האָב איך זיך אַריינגעצויגן אין אַ בוידעם־שטיבל, ווי אַ שותף צו אַן אַנדערן סובלאָקאַטאָר, מיין „זעמליאַטשקעס״ אַ באַקאַנטער. פאַר דער דאָזיקער דירה האָב איך געצאָלט, אויף מיין חלק, אַנדערטהאַלבן רובל אַ חודש. אַן אָפּגע־שפּאָרט האַלב קערבל איז אויך געווען אַ קרן פאַר מיין יענעם „ביוזשעט״... די מעלה פון דעם חדרל איז געווען, וואָס עס איז געווען אַ באַזונדערס, נישט ווי דער „רשות הרבים״, דאָס עסצימער אויף נאָוואָליפּיע 17. דאָ וועל איך קע־נען לייענען, שרייבן, צי „זוברעווען״ פון די „אוטשעבניקעס״ **) מעשה־עקס־

---

*) ווינקל.

**) לערביכער.

טערן. מיין מיטווינער איז געווען אַ פּריקאַזטשיק אין אַ פירמע. איז אויך גע־ווען אַ געטרייער לייענער און אויף זיין וואַליזקע איז געווען אָנגעלייגט אַ גאַנ־צער שטויס מיט יידישע זשורנאַלן און ביכער. ער פלעגט אַוועקגיין צו דער אַרבעט און כ׳האָב געקאָנט באַנוצן איינער אַליין דאָס צימערל אַ גאַנצן טאָג. אמת, קיין הימל, קיין זון האָט דאָס בוידעם־שטיבל ניט פאַרמאָגט. דאָס קליינ־טשיקע פענצטערל איז געווען אין דער הויך, און כדי אַרויסצוקוקן אויף די וואַרשעווער דעכער, האָט מען זיך געמוזט אַנידערשטעלן אויף אַ בענקל. דערפאַר בין איך אָבער געווען אַליין. כ׳פלעג פאַרמאַכן דאָס טירל און זיך פריי איבערגעגעבן מיין מוזע... הינטער דער וואַנט איז געווען דאָס איינ־ציקע גרויסע צימער פון הויפּט־לאָקאַטאָר. אַ קליינע פאַמיליע פון צוויי מענטשן, מאַן און ווייב. שטילע מענטשן, וואָס פלעגן ריידן תמיד מיט איינ־געהאַלטענע שטימען, פילנדיק, אַז פרעמדע אויערן זענען פאַראַן הינטער דער וואַנט. אַז מיין מיטווינער פלעגט אַוועקגיין צו דער אַרבעט, פלעג איך זיך נעמען גריבלען אין די ביכער און צייטשריפטן. אַזוי האָב איך איין מאָל געבלעטערט די נומערן פון ווילנער „טאָג אויף שבת" און זיך אָנגעשטויסן אויף מיין ערשט געדרוקט ליד „וואָס ציט מיך אַזוי צו די וויסטע מקדשים". בין געווען פריידיק איבערראַשט און גלייכצייטיק מלא־חמא אויף דער רעדאַקציע, וואָס האָט מיר באַלד נישט צוגעשיקט דעם דאָזיקן נומער פון זשורנאַל אין מיין שטעטל. דער דאָזיקער עקזעמפּליאַר איז שוין געבליבן מיין אייגנטום — ווי אַ „פּאַספּאָרט"...

אין די אָוונטן פלעג איך גיין שפּאַצירן אין זאַקסישן גאָרטן צוזאַמען מיט מיין „זעמליאַטשקע" פון שטעטל און אירע חברטעס. דאָרט, אויף אַ באַנק פון דער „ליטעראַרישער אַליע", האָט זי מיך באַקענט מיט אַ יונגן אָנפאַנגער־פּאָעט — מיט א. ח. שעפּס (שפּעטער — א. אַלמי). דער ערשטער פּען־מענטש, וואָס איך האָב געזען פאַר מיינע אויגן. שעפּס, אַזוי ווי איך, איז אויך געווען לאַנג־האָריק. ער האָט פאַרמאָגט אַ געדיכטע טונקעלע טשופּרינע און האָט אויסגעזען זייער „פּאָעטיש"... איך האָב אים געוויזן מיינע אָפּגעדרוקטע סקיצע און ליד — מיין „פּאַספּאָרט"...

— איר וואָלט געדאַרפט אַרויפגיין צו פּרצן, — זאָגט מיר שעפּס.

שעפּס האָט זיך פריַער פאַר מיר אָנגעהויבן דרוקן. די יוגנט האָט שוין דעקלאַמירט זיינס אַ באַקאַנט געוואָרן ליד: „פאַר וועמען, פאַר וועמען

מיין בענקשאַפט דערציילן". אַ חוץ דעם איז ער דאָך געווען אַ וואַרשעווער און ער האָט געהאַט מער דערפאַרונג פאַר מיר און איז שוין געווען באַקאַנט מיט באַוווסטע שרייבער. איך אָבער — איך בין דאָ אַריינגעפאַלן אין אַ נייער וועלט... אַריינגיין צו פּרצן? איך האָב נאָך נישט געהאַט קיין דרייסט־קייט דערצו.

זינט יענעם אָוונט פלעג איך זיך שוין כסדר טרעפן מיט שעפּסן אין זאַקסישן גאָרטן. שעפּס האָט מיך באַקענט מיט נאָך אַנדערע שרייבער־אָנפאַנגער: מיט יהושע פּערלע, מאַרק שווייד (וואָס האָט שוין דאַן דעביו־טירט אויך אויף דער בינע ווי אַן אַקטיאָר), גרישאַ אָדער גדליהו ווייסבאַרד און אַנדערע. יעדער פון זיי האָט אין זיין ליטעראַרישן באַגאַזש געהאַט נאָר געציילטע זאַכן: לידער אָדער דערציילונגען. ווער מער, ווער ווייניקער. יהושע פּערלע, וואָס איז געווען אַ פּראַזאַיקער, האָט גראָד אָנגעהויבן מיט לידער און איין ליד זיינס — „אַ חלום", — איז אויך געווען געדרוקט אין זעלבן נומער „יוגנט־וועלט", ווו מיין סקיצע איז דערשינען. אָבער יהושע פּערלע האָט זיך גאָר גיך געזעגנט מיט דער מוזע און איז אַריבער לחלוטין צו פּראָזע. און כאָטש יעדער פון די יונגע האָט געהאַט נאָר אַזאַ קליינעם ליטעראַרישן באַגאַזש, פון דעסט וועגן האָט עס שוין געגעבן איטלעכן דאָס „רעכט" צו טראָגן לאַנגע האָר... בלויז איין יהושע פּערלע האָט נישט געהאַלטן פון דער דאָזיקער „מאָדע". ער האָט זיך קיין גרויסע טשופּרינע קיין מאָל נישט פּאַרלאָזט. האָט זיך שטענדיק אָנגעטאָן פּינקט־לעך, מעשה־בוכהאַלטער (ער איז עס טאַקע לויט פּראָפעסיע געווען). האָט אַפילו קיין מאָל קיין שוואַרצע ברייטע „ליטעראַרישע" בינדע נישט גע־טראָגן, נאָר אַ געווײנלעכן באַלעבאַטישן שניפּס.

אין זאַקסישן גאָרטן האָב איך זיך איין אָוונט אויך באַקענט מיט אפרים קאַגאַנאָווסקין. אויף אים האָט מען שוין דעמאָלט געזאָגט, אַז ער איז אַ בן בית ביי פּרצן. קאַגאַנאָווסקיס הילוך איז געווען גאָר פון אַן אַנדער מין: ער האָט געטראָגן אַ טשופּרינע, געטיילט מיט אַ שרינט אויף איין זייט; אין אַ ספּאָרט־אָנצוג און אין גלאַנציקע שטיוועלעך — ווי אַ וואַרשעווער פּאַצעטל פון דער וויסל־געגנט...

זעט אויס, אַז קאַגאַנאָווסקי האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו שטיוול, ווייל אויך שפּעטער — נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, בעת ער איז צוריק־

געקומען פון אָדעס קיין וואַרשע — האָט ער אַ געוויסע צייט „געפּראַנטע־וועט" אין שטיוול, און אין אַ שינעל דערצו, מעשה רוסישער עמיגראַנט. דעם עולם אויף „טלאָמאַצקיע" האָט עס עפּעס נישט אימפּאָנירט: ווי קומען שטיוול — זעלנערישער הילוך — צו פּאָעזיע?... דער דאָזיקער „שטיוול־פּעריאָד" האָט דאָן ביי קאַגאַנאָווסקין צו לאַנג נישט געדויערט. קאַגאַנאָוו־סקי איז שפּעטער געוואָרן דער עלעגאַנט אין דער ליטעראַרישער באָהעם.

איין אָוונט האָב איך געזען אַ סענסאַציע: פּרץ האָט דורכגעשפּאַצירט אין דער „ליטעראַרישער אַלייע". ער האָט געטראָגן אַ ברייטע שוואַרצע פּעלע־רינע, אַ ווייכן שוואַרצן קאַפּעליוש און — אַ חידוש — אָן לאַנגע האָר... מ׳האָט פון די בענק גענומען טייטלען אויף אים מיט די פינגער:

— פּרץ...

— פּרץ...

פּרץ איז נישט געזעסן אַליין. פון זיינע בײדע זייטן זענען מיטגעגאַנגען צוויי לאַנגהאָריקע יונגעלייט, וועלכע האָבן הייס אין אים אַריינגערעדט.

— ווער זענען פּרצעס באַגלייטערס? — האָב איך געפרעגט.

— דער פון דער זייט איז מנחם, דער צווייטער איז קאַווע.

איך האָב פּרצן נאָכגעקוקט מיט האַרץ־צאַפּל, מיט יראת הכבוד. אָט דאָס איז עס דער גרויסער שרייבער און גרויסער תלמיד־חכם, וועמען איך האָב ביז איצט געקענט נאָר פון זיין בילד אין זיינע ביכער. דער שרייבער, וואָס אין זיינע חסידישע מעשיות האָב איך זיך פאַרטיפט ווי אין הייליקע ספרים...

פּרץ האָט זיך דערווייטערט. אויף די בענק, אין דער „ליטעראַרישער אַלייע", האָט דער יונגער עולם נאָך לאַנג גערעדט וועגן אים.

***

מיין „זעמליאַטשקע" האָט מיך אין איינעם אַ פרייען טאָג געפירט צום רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער פון דער „יוגנט־וועלט" — צו מאָרגענשטערנען. דער זשורנאַל דערשיינט שוין טאַקע מער נישט; אָבער מאָרגענשטערן האָט איר געהאָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט עפּעס טאָן פאַר מיר וואָס שייך באַשעפטיקונג.

מאָרגענשטערן איז געווען אַ טיפּ פון אַן אַלטן בחור, וואָס האָט שוין

אויסגעפּרווט אַלערליי פּרנסות און זיך אויך געכאַפּט צו פאַרלעגעריי. היות
ווי ער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו שרייבער, האָט ער זיך גענומען אַרויס־
געבן אַ זשורנאַל. ער איז טאַקע צוליבן זשורנאַל געקומען אין קאָנטאַקט
מיט שרייבער, מיט יונגע און אַלטע. אים איז אַפילו געלונגען צוצוציִען ווי
אַ נאָענטן מיטאַרבעטער דוד פרישמאַנען. אָבער קיין פּרנסה, זעט אויס,
האָט אים דער זשורנאַל נישט געבראַכט און נאָכן פינפטן נומער האָט ער
די „יוגנט־וועלט" אָפּגעשטעלט און מהאי טעמא האָט טאַקע די צווייטע
העלפט פון מיין סקיצע נישט געזען די ליכטיקע שיין... די גאַנצע סקיצע
האָט שפּעטער געפונען איר תּיקון — אונטער אַן אַנדער נאָמען („די פאַר־
שטויסענע") — אין דעמאָלטיקן „אונדזער לעבן".

מאָרגענשטערן האָט געוווינט אין אַ שיינער געגנט נעבן מאַרשאַל־
קאָווסקע, אין אַ פיין־מעבלירטן צימער. ס'האָט אויסגעזען, אַז ער איז
געווען אַ פאַרמעגלעכער מענטש, וואָס האָט זיך געקאָנט געבן אַן עצה אין
לעבן. ער האָט מיך אויפגענומען מיט כלומרשטער פריינטשאַפט, מיך מכבד
געווען מיט אַ קאָמפּלעט „יוגנט־וועלט" (גאַנצע שטויסן נומערן זענען גע־
לעגן ביי אים אין אַ ווינקל) און געהייסן מיר אַריינקומען צו אים מאָרגן אין
דער זעלבער צייט. צומאָרגנס האָט ער אָפּגעלייגט אויף אַן אַנדער טאָג: ער
האָט שוין, זאָגט ער, גערעדט מיט עמעצן און דאַרף זיך זען מיט נאָך אַן
אַנדערן. אַזוי טאָג נאָך טאָג. איין מאָל נעמט ער מיך מיט ווי זיין באַגלייטער
אין אַ גרויסן קאַפע־הויז אויף מאַרשאַלקאָווסקע. אַהין, דערציילט ער מיר,
קומען אַריין נאָמבערג און אַש. ביים פאַרנעמען אַ טישל זאָגט ער מיר, אַז
אויב דער קעלנער וועט מיך פרעגן וואָס איך באַשטעל, זאָל איך זאָגן:
„דזיענקויען"... *) און בעטן אַ ריין גלאָז וואַסער... און אַזוי איז טאַקע
געווען: בעת דער קעלנער איז צוגעקומען צו אונדזער טישל, האָט ער פאַר
זיך באַשטעלט קאַווע מיט „ראָגאַליקעס" **) און פּוטער און איך האָב גע־
זאָגט: „דזיענקויען"... קיין וואַסער האָב איך נישט געבעטן, ווייל איך האָב
לגמרי נישט געוואָלט טרינקען, נאָר דווקא עסן... צו זאָט בין איך דאָך קיין
מאָל נישט געווען אין יענע טעג...

פון זיינע רייד האָב איך געזען, אַז ער הייבט זיך גאָר נישט אָן צו מיִען

---

*) אַ דאַנק. — **) געבעקס אין דער פאָרעם פון האַלבע בייגל, אָדער האַלבע לבנהס.

פאַר מיר; אַז דאָס איז בכלל נישט קיין ערנסטער מענטש, אויף וועמענס רייד מען קאָן עפּעס בויען. פּוסטע ריידערײַ...

— נו, און אייער זשורנאַל וועט נאָך ווידער דערשײַנען? — פרעג איך אים.

— יאָ, יאָ, אין גיכן. דאַן וועל איך אַליין אײַך קאָנען געבן עפּעס באַשעפטיקונג ביים זשורנאַל.

אַזוי האָט ער גערעדט סתם אַזוי און איך האָב אַרויסגעפילט, אַז ס'איז כזב ושקר; אַז דעם זשורנאַל האָט ער שוין גאָר נישט בדעה ווייטער אַרויסצוגעבן. געזאָגט האָט מען, אַז אַ דאַנק דער אָפּטיילונג „דער לאַנד־שדכן" אין זיין זשורנאַל האָט ער אָפּגעשפּאָרט אַ רייכע כלה... און מער דאַרף ער שוין נישט דעם „שדכן"...

— איך ראָט אײַך, — זאָגט ער מיר ביים טרינקען זיין קאַווע און ביים קייען די פּיקאַנטע „ראָגאַליקלעך" מיט פּוטער, — איך ראָט אײַך, איר זאָלט דערווייל אַרייגגיין אויף קרולעווסקע גאַס אין ביוראָ פאַר אַרבעט־פאַרמיטלונג. פאַרשרייבט זיך דאָרטן. דאָס קאָן נישט שאַטן...

איך האָב מאָרגנשטערנען געפאָלגט, האָב זיך רעגיסטרירט אויף קרולעווסקע און עס האָט מיך טאַקע נישט געשאַט... נישט געשאַט און אויך נישט געהאָלפן...

דערמיט האָבן זיך געענדיקט די „ישועות" פאַר מיר פון מיין ערשטן רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער...

און מער בין איך שוין צו מאָרגענשטערנען נישט אַרויפגעקומען.

11

ביי די טויערן פון דער „זיבעטער מלוכה"

אין וואַרשע איז נאָך דעמאָלט דערשינען דער „אונדזער לעבן" — אַ טאָג־צייטונג, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1907 דורך מרדכי ספּעקטאָר און שאול האָכבערג. קורץ נאָך דעם ווי עס האָט זיך אָפּגעשטעלט „דער

וועג״. האָכבערג איז געווען דער אַרויסגעבער פון דער צייטונג. קיין באַרופענער זשורנאַליסט איז ער נישט געווען. ער האָט אָבער געהאַט גרויס סענטימענט פאַרן צייטונגס־וועזן און אַ קליין ביסל אויך פאַר שרייבער.

האָכבערגן האָט שטענדיק געצויגן עפּעס אַרויסצוגעבן — אַ צייטונג, אַ זשורנאַל. אַפילו י. ל. פּרץ האָט זיך אַ מאָל פאַרבונדן מיט ש. האָכבערגן און אים באַוויגן צו ווערן דער אַרויסגעבער פון אַ ליטעראַרישן זשורנאַל — „די יידישע וואָכנשריפט״. פּרץ איז געווען רעדאַקטאָר פון דאָזיקן זשורנאַל און ש. ל. קאַווע — סעקרעטאַר. קיין אַריכת־ימים האָט דער דאָזיקער זשורנאַל נישט געהאַט: נאָכן פערטן נומער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט.

האָכבערג האָט אַפילו אַ מאָל געמאַכט אַ פּרווו אָנצושרייבן עפּעס אַ פּיעסע פאַרן יידישן טעאַטער. שוין דער נאָמען אַליין פון דער פּיעסע — „טרײַטל קוואַטש״ — זאָגט עדות, אַז דאָס איז געווען אַ ביליקע מאַכערייקע. פון דעסט וועגן איז די דאָזיקע מאַכערייקע אויפגעפירט געוואָרן אין לאָדזש, וואַרשע און אָדעס. דאָס יידישע טעאַטער האָט תמיד געהאַט אויך בינעס פאַר שונד...

דער עיקר האָט האָכבערג געמיינט, אַז אויך מיט אַ צייטונג קאָן מען מאַכן געשעפט. קיין אַמביציע צו שרייבן, צו דרוקן האָט ער פאַקטיש נישט געהאַט. בלויז אין זעלטענע פאַלן פלעגט ער אויך פּרווון עפּעס אָנשרייבן פאַר דער צייטונג. דאָס איז געווען זומער־צייט, בעת ער פלעגט מאַכן אַ נסיעה מיט זיין שיינער שטאַלטנער פרוי אין אַן אויסלענדישן קוראָרט, און פון דאָרט פלעגט ער עס צושיקן זיין שרייבאַכץ — אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט זיינע „איינדריקע״... דער רעדאַקציע־סעקרעטאַר (שפּעטער איז עס מיר אויסגעפאַלן דער גורל) פלעגט נישקשהדיק שוויצן ביים צוגרייטן האָכבערגס צוגעשיקטן מאַטעריאַל צום דרוק.

דער פאַקטישער רעדאַקטאָר פון „אונדזער לעבן״ איז אויך נישט געווען מרדכי ספּעקטאָר (ספּעקטאָרן האָט מען אויך געדאַרפט רעדאַגירן...), נאָר צבי פּרילוצקי, אַ ייִד אַ יודע ספר, אַ משכיל און אַ באַהאַוונטער אין צייטונגס־וועזן. קיין וואַרשע איז ער געקומען פון פּעטערבורג, וווּ ער האָט געוווינט היפּשע יאָרן; האָט מיטגעאַרבעט אין „המליץ״, אין „הצפירה״, אין „הזמן״ און אין יידיש־רוסישע זשורנאַלן. אין וואַרשע איז ער עס טאַקע

געווען דער הויפּט־גרינדער און רעדאַקטאָר פון דער טעגלעכער צייטונג „דער וועג". זיינע מיטאַרבעטער זענען געווען ד"ר עליאַשעוו (בעל־מחשבות), ה. ד. נאָמבערג, דוד דרוק און אַנדערע.

טראַכטנדיק וועגן תכלית, איז מיר איינגעפאַלן עפּעס פּאָרצולייגן דרוקן אין „אונדזער לעבן". ווי זשע קומט מען אָבער צו צום רעדאַקטאָר? מיין נישט־דרייסטקייט און שעמעוודיקייט האָט מיך שטאַרק געהעמט. אָבער איך בין געוואָר געוואָרן, אַז אין „אונדזער לעבן" אַרבעט דער יונגער שרייבער גדליהו, אָדער גרישאַ וויסבאַרד, מיט וועמען איך קען זיך שוין. הגם וויסבאַרד האָט נישט געאַרבעט אין רעדאַקציע, נאָר אין דער עקספּעדיציע, פון דעסט וועגן וואָלט ער געקאָנט עפּעס טאָן פאַר מיר.

גרישאַ וויסבאַרד — יהושע פּערלעס אַ לאַנדסמאַן, פון ראַדאָם — האָט אַליין געשריבן ראָמאַנטישע מעשהלעך, וואָס ער פלעגט דרוקן פון צייט צו צייט אין אַ זשורנאַל, אָדער אין אַ זאַמלבוך. זיין אויסערלעכער אויסזען איז געווען עכט „פּאָעטיש": אַ געדיכטע, גלאַטע, שוואַרץ־גלאַנציקע טשופּרינע; אַ ברייטע שוואַרצע בינדע; אַ לאַנגע פּעלערינע. דאָס איז געווען אַ בחור אַ מזג טוב. האָט פאַרמאָגט אַ גוט האַרץ און האָט ליב געהאַט צו טאָן אַ חבר אַ טובה. אַז איך האָב אים איין טאָג, בעת אַ שפּאַציר אין זאַקסישן גאָרטן, אַ פרעג געטאָן וועגן „אונדזער לעבן", האָט ער זיך גלייך אָפּגערופן:

— קומט צו מיר מאָרגן אין רעדאַקציע, וועל איך מיט אייך אַריינגיין צו צבי פּרילוצקין.

— גוט, זייער גוט. אַ דאַנק אייך.

אַז מיר זענען צוגעקומען צו יאַצקאָווסקיס צוקערניע, וואָס אין עק גאָרטן, ביי קרולעווסקע, לייגט וויסבאַרד פאָר:

— קומט! לאָמיר טרינקען אַ גלעזל טיי.

מיר פאַרנעמען אַ טישל אויף דער פרייער לופט, אונטער די רחבות־דיק־צעבלעטערטע אַלטע ליפּעס, און וויסבאַרד באַשטעלט ביים קעלנער טיי מיט קעז־קוכן.

— פאַר מיר הייסט אים ברענגען נאָר אַ גלאָז וואַסער... — בעט איך וויסבאַרדן.

— וואָס עפּעס וואַסער?... — חידושט ער זיך.

דערציייל איך אים וועגן מאָרגענשטערנען, ווי אַזוי יענער האָט מיר געהייסן זאָגן דעם קעלנער: „דזיענקויען" און בעטן אַ גלאָז וואַסער...

וויסבאָרד האָט זיך צעלאַכט.

— אָ, מ'קען אים שוין, דעם קורח... זאָגט מיר, און האָנאָראַר פאַר דער סקיצע האָט ער אייך כאָטש באַצאָלט?

— אַ גראָשן נישט...

— זעט איר שוין ס'אַראַ גרויסער „בעל־טובה" ער איז...

דער קעלנער האָט געבראַכט צוויי גלעזער טיי און קעז־קוכן. דער אַראָמאַט פונעם טיי און קעז־קוכן האָט אַ שלאָג געטאָן צו די נאָזלעכער.

— טרינקט! בייסט־צו! — דערמאָנט מיר מיין מכניס אורח.

איך זע באַשיינפּערלעך, אַז ער האָט ממש הנאה מכבד צו זיין.

דער קאַפּיי־אָרקעסטער שפּילט און איך ווער שטאַרק אויפגעהייטערט. עס דערמונטערט מיך די זיסע מוזיק, די גוטע לופט אין גאָרטן, די באַוועגונג, די רייד און געלעכטערס פון אַ שפּאַצירנדיקן יונגן עולם אַרום. נו, און דער דופטיקער טיי מיט די געשמאַקע קעז־קיכלעך האָבן אויך געקאָנט ווירקן אויף מיין געמיט... האָב איך דאָך דעמאָלט איבערגעלעבט טעג פון נישט־דערעסן, נישט־דערטרינקען...

וויסבאַרד גיט מיר דערוויל איבערצולייענען זיינס אַ מעשהלע, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אין עפּעס אַ זשורנאַל.

— איך וועל לייענען אייער זאַך און איר קוקט איבער מיין געדרוקט ליד... — לייג איך אים פאַר דעם זשורנאַל, וואָס איך האָב תמיד אין קעשענע...

אַזוי זיצן מיר, צוויי אָנפאַנגער, און טיילן זיך מיט די ערשטע ליטעראַרישע — אַוודאי נאָך אומרייפע — פּרוכט...

צום סוף זאָגט מיר וויסבאָרד צו, אַז ער וועט ריידן מיט צבי פּרילוצקין וועגן מיר נאָך איידער איך וועל קומען צו אים.

און כך הווה. צומאָרגנס בין איך געקומען אין רעדאַקציע „אונדזער לעבן" אויף ווילעקאַ 48. כ'האָב וויסבאָרדן געטראָפן אין דער עקספּעדיציע־אָפּטיילונג ביי דער אַרבעט. ער איז געשטאַנען אָן אַ רעקל און געקלעפּט באַנדעראָלן אויף צייטונגען פאַר אַבאָנענטן. ער האָט מפסיק געווען,

אַרויפגעכאַפּט אויף זיך דאָס רעקל און מיך אַריינגעפירט אין קאַבינעט פון רעדאַקטאָר.

צבי פּרילוצקי איז געווען אַ ייִד מיט אַ הדרת פּנים, מיט אַ צוגעשוירן גרוילעך בערדל, מיט פּענסנע אויף דער אָדלער־נאָז, מיט אַ היפּשער גלאַנציקער ליסינע. ביים אַריינקומען בין איך לכתחילה געווען נערוועז; אָבער באַלד האָב איך זיך באַרויִקט: ער האָט מיך אויפגענומען מיט פּשוטער היימישקייט, וואָס איך האָב נישט דערוואַרט. איך גיב אים גלייך מיין מאַנוסקריפּט.

— וואָס איז דאָס?

— אַ סקיצע.

ער כאַפּט אַ בליק אויבערפלעכלעך, טוט אַ בלעטער די זייטלעך און הייסט מיר קומען מיטן מאַנוסקריפּט נאָך דעם זעלביקן טאָג, פיר אַ זייגער נאָך מיטאָג, צו אים אין דער דירה אויף דלוגע גאַס, כדי די דערציילונג פּאַרצולייענען. איך האָב זיך דערפרייט. בעסער אַזוי. אין דער היים וועט ער האָבן מער צייט פאַר מיר און מער געדולד.

אין דער באַשטימטער שעה האָב איך אָנגעקלונגען אין צבי פּרילוצקיס וווינונג. די דינסט האָט מיך געמאָלדן און באַלד דערויף מיך אַריינגעפירט אין רעדאַקטאָרס קאַבינעט. פּרילוצקי איז געווען אין אַ האַלב־ליגנדיקער פּאָזע, אויף אַ ווייכער סאָפע, מיט ביידע הענט אונטערן קאָפּ. ער האָט זיך אויף אַ ווייל אויפגעהויבן, זיך געגריסט מיט מיר און זיך צוריק צו־געשפּאַרט.

— זיצט! — האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף אַ שטול דערנעבן. — איר קאָנט מיר פאָרלייענען אייער זאַך.

לייען איך. דאָס איז געווען אַ דערציילונג א״נ „דער בעל־הנחלה״ *). אַ מעשה מיט אַן עלטערן ייִד, אַ גערטנער, וואָס איז מיט לייב און לעבן געווען אַריינגעטאָן טאָג און נאַכט אין זיין גאָרטן; וואָס טוט אַליין אַלע אַרבעטן: גראָבט די בייטן, זייעט, יעט און שניידט; די נחלה איז ביי אים אַלץ. מיטן גאָרטן שטייט ער אויף און מיטן גאָרטן לייגט ער זיך; און צוליבן גאָרטן

*) זע מיין בוך „אין שאָטן״, וואַרשע 1922.

האַלט ער מלחמה מיט די קונדסים, וואָס פליקן די ירקות, און די גאַנצע גאַס איז מיט אים אויף...

צבי פרילוצקין איז די דערציילונג געפעלן געוואָרן צוליב איר טע־מאַטיק.

— עס געפעלט מיר דער ייִד, וואָס איז אַזוי צוגעבונדן צו ערד... בּישט ווי די לופט־מענטשן... די מנחם־מענדלס...

דאָס האָט פון אים אַרויסגערעדט דער משכיל און ציוני ותיק, דער חובב ציון. דער טרוימער פון ארץ ישראל.

ער האָט גענומען פון מיר דעם מאַנוסקריפט און אויבן איבערן „קאָפּ" אָנגעשריבן מיט אַ רויטער בלייפעדער: „גוט".

— מיר וועלן עס דרוקן בקרוב אין אַ פרייטיק־נומער, — זאָגט ער מיר.

אַ פרייד־כוואַליע האָט מיך אַ גלי געטאָן.

פרילוצקי האָט דאַן געהייסן דער דינסט זי זאָל אַריינברענגען טיי. די שיקסע האָט אַריינגעבראַכט צוויי שפּיגלדיקע גלעזער טיי און אַנידערגע־שטעלט אויף דעם שרייב־טיש.

— טרינקט! — זאָגט ער מיר און נעמט זיך אַליין טרינקען זיין גלאָז.

— ווער? איך?... — האָב איך שעמעוודיק אַרויסגעשטאַמלט.

— טרינקט, טרינקט, שעמט זיך בּישט...

דער רעדאַקטאָר האָט מיך גענומען אויספרעגן פון וואַנען איך קום; וואָס איך טו אין וואַרשע. דערהערנדיק, אַז איך זוך אַ באַשעפטיקונג, קוקט ער אַריין נאָך אַ מאָל אין מיין מאַנוסקריפט און טוט אַ זאָג:

— איר שרייבט אַ פיינעם ייִדיש. קאָן זיין, אַז איך וועל אייך נעמען פאַר מיין סעקרעטער. מיין סעקרעטאַר, פינקלקרויט, גייט איבער צו אַן אַנדער אַרבעט אין רעדאַקציע: ער ווערט איבערזעצער פון טעלעגראַמעס, — וועט איר קאָנען זיין אויף זיין אָרט.

אין דער רגע האָב איך זיך דערפילט ממש ווי אויפן זיבעטן הימל. אַ קלייניקייט, אַריינגיין אַרבעטן אין אַ רעדאַקציע! כ'האָב אַפילו וועגן דעם בּישט געחלומט...

— כ'וועל אייך פּרוּוון דיקטירן מיין לייט־אַרטיקל, — זאָגט פרילוצקי און רוקט מיר אונטער פּאַפּיר און פעדער.

ער איז געווען שטאַרק קורצזיכטיק און אַפילו אין ברילן האָט ער גע־מוזט אויסמיידן צופיל אָנשטרענגען זיין ראיה.

און ער האָט אָנגעהויבן דיקטירן. דאָס איז געווען אַ פּאָליטישער אי־בערזיכט וועגן אַ פאַרשלעפּטן, כראָנישן סכסוך איבער די דאַרדאַנעלן. פּריי־לוצקי האָט אומגעשפּאַצירט איבערן צימער, דיקטירט מיר אַ פּאָר פּאַראַ־גראַפן און געטומען אַריינקוקן אין פאַרשיידענע צייטונגען — אין פּוילישע, רוסישע און אויסלענדישע: אין „קוריער וואַרשאַווסקי״, אין „בערלינער טאָגעבלאַט״, אין דער ווינער „נויע פרייע פּרעסע״, אין דעם רוסישן „נאָוואָיע ווּרעמיאַ״. ער האָט אַריינגעקוקט, געניטשטערט און מיט כסדרדיקע הפסקות ווייטער דיקטירט.

אַז דער אַרטיקל איז פאַרטיק געוואָרן, האָט ער אים אַליין איבערגע־קוקט און קאָרעגירט געוויסע זאַצן.

אַז ער האָט געענדיקט קאָרעגירן, זאָגט ער מיר:

— גוט, כ׳וועל איבעררעדן מיטן אַרויסגעבער, מיט האָכבערגן, וועגן אייך. וויפל, אַ שטייגער, ווילט איר אַ וואָך?

כ׳בין געווען אין פאַרלעגנהייט. וויפל זאָגן?

— דריי רובל אַ וואָך... — כאַפּט זיך ביי מיר אַרויס.

— דריי רובל איז צו ווייניק... — שמייכלט פּרילוצקי, — ס׳וועט אייך נישט קלעקן אויף צו לעבן. כ׳וועל האָכבערגן זאָגן פיר רובל. מיט דער צייט וועט מען אייך העכערן אויף פינף...

כ׳בין געווען צעטומלט פון פרייד.

כ׳דערצייל פּרילוצקין, אַז איך האָב נאָך פיל אַנדערע שריפטן: לידער, דערציילונגען, אַן איינאַקטער.

— ביי פּרצן זענט איר שוין געווען? — פרעגט ער.

— נאָך נישט.

— איר דאַרפט אַריינגיין צו פּרצן. איבעריקנס, גייט פריער אַריין צו דינעזאָנען. ער וועט אייך שוין געבן אַן עצה.

און צום סוף גיט ער צו:

— צו מיר קומט אַרויף אין אַ וואָך אַרום. קומט אין רעדאַקציע.

מיט אַ סך דערוואַרטונגען בין איך דעמאָלט אַוועק פון צבי פרילוצקין. איך האָב דערשפירט בחוש, אַז עס עפענען זיך פאַר מיר טויערן... די טויערן פון דער „זיבעטער מלוכה"...

12

ביי יעקב דינעזאָן און י. ל. פרץ

איך האָב געפאָלגט צבי פרילוצקין און צוערשט געגאַנגען צו יעקב דינעזאָנען, דעם מחבר פון „הנאהבים והנעימים", פון „אבן נגף", פון „יאָסעלע" האָב איך מיר תמיד פאָרגעשטעלט ווי אַן אַלטן גוטן זיידן. כ'בין עפּעס ביי זיך געווען זיכערער און דרייסטער, גייענדיק צו אים. כ'האָב זיך שוין געהאַט באַוויזן אָנצוהערן אַ סך פּרטים פון דינעזאָנס מאַמעשער גוטסקייט צו יונגע שרייבער, וועלכע האָבן געשטעלט די ערשטע טריט אין דער ליטעראַטור. דינעזאָן האָט זיי מקרב געווען; טייל פון זיי געשטיצט מיט הלוואהלעך; האָט זיי אַריינגעפירט אין פּרצעס שטוב און אַזוי אַרום גורם געווען זייער ליטעראַרישע התגלות.

יעקב דינעזאָן האָט מיך אין זיין אייביק בחורישן צימער (אויף דזיעלנע 15) אויפגענומען מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל. מיין פאָרשטעלונג, הייסט עס, האָט מיך נישט אָפּגענאַרט. כ'האָב באַלד ביי אים דערפילט אַ פּשוטע, ליבע היימישקייט. הערנדיק פון מיר, אַז איך וויל אים עפּעס פאָרלייענען, האָט ער עס נישט אָפּגעלייגט אויף אַ צווייט מאָל, נאָר האָט מיר געהייסן זיך אַנידערזעצן אַנטקעגן אים ביים שרייב־טיש. כ'האָב אים צוערשט געוויזן מיינע אַנדערטהאַלבן געדרוקטע זאַכן...

— וואָס זשע נאָך האָט איר?

— אַן איינאַקטער. ס'איז נישט גרויס. צען מינוט נאָר...

— לייענט, לאָמיר הערן.

ביים לייענען האָב איך באַמערקט, אַז דינעזאָן הערט מיך אויס מיט געדולד. בין איך געוואָרן נאָך דרייסטער. אַז איך האָב געענדיקט, האָט זיך דינעזאָן אָפּגערופן:

— איך ראָט אייך אַרויפצוגיין צו פּרצן. איך קיין לידער שרייב דאָך נישט: נישט מיין פֿאַך... ווייזט אים אויך דעם איינאַקטער. איך זע, איר האָט פּערל; אָבער איר האָט זיי דאָ צופּיל אַרויסגעשאָטן מיט איין מאָל... גייט אַרויף צו פּרצן, שרעקט איך נישט...

***

נאָך דעם באַזוך ביי יעקב דינעזאָנען האָב איך איין טאָג זיך אָנגענו־מען מיט קוראַזש און בין אַרויף אויף צעגליאַנע 1. אויף די טרעפּ האָט מיר פֿון דעסטוועגן שטאַרקער געקלאַפּט דאָס האַרץ. דאָס מעשענע בלעכל אויף דער טיר מיט די אותיות: „י. ל. פּרץ" האָט מיך געמאַכט מאָדנע אומרויק, גלייך ווי איך וואָלט באַדאַרפט באַטרעטן דאָס קדשי קדשים פֿון אַ כהן־גדול...

כ׳קלינג אָן מיט האַלב־ציטערנדיקע פֿינגער.

עס עפֿנט מיר שוין נישט קיין יונגע פרוי. די פרוי פּרץ.

— צו וועמען דאַרפט איר?

— צו י. ל. פּרץ... צו הער פּרץ... — פֿאַרריכט איך.

— אין וואָסער ענין?

איך קווענקל און ענטפֿער נישט גלייך.

— איר קומט אוודאי מיט שריפֿטן?... — שמייכלט זי.

— כ׳וואָלט געוואָלט זען דעם הער פּרץ... געוואָלט אים עפּעס ווייזן...

אין קאָרידאָר עפֿנט זיך אַ טיר און עס באַווייזט זיך אַ מיטעלע דיק־לעכע פיגור, מיט א ביסל אַ צעשויבערטן קאָפּ גרוילעכע האָר, מיט דיקע וואָנסן און גלאָנצדיקע אויגן אונטער געדיכטע ברעמען —

פּרץ...

דאָס האַרץ ביי מיר קלאַפּט נאָך האַסטיקער...

— צו מיר? קומט אַריין!

און כ׳גיי אים נאָך.

אין פּרצעס קאַבינעט זענען געזעסן געסט. ווי כ׳בין שפּעטער געוואָר געוואָרן, זענען עס געווען מנחם, וואָס איז דעמאָלט שוין באַקאַנט געווען פֿון זיינע פּאָעמעס „קדוש" און „תפילות"; דער לאָדזשער י. י. טרונק, נאָך אין אַ מין משכילישן סורדוט פֿון זיין חסידישער היים; ער איז שוין

דאַן באַקאַנט געוועזן פֿון זיינע „בילדער און פֿיזאַזשן״. דער דריטער איז דאָרט געוועזן מאַרק שוויד, דער יונגער דיכטער און אַקטיאָר, מיט וועמען כ׳בין שוין באַקאַנט.

צוליב די געסט האָב איך זיך נאָך מער זשענירט און כ׳האָב געפֿילט ווי דאָס פּנים פֿלאַמט מיר...

— נו, וואָס האָט איר דאָ? — פֿרעגט פּרץ, צוגייענדיק מיט מיר צו זיין שרייב־טיש.

איך דערלאַנג אים צוערשט די זשורנאַלן מיט מיין געדרוקטן ליד און סקיצע — מיין „אייזערנעם בריוו״...

פּרץ טוט עס אַ בלעטער. דאָס ליד קוקט ער איבער אין גאַנצן.

— נישקשה. — טוט ער אויף מיר אַ בליק ווי אַ מעדיצין־פּראָפֿעסאָר אויף אַ צעשראָקענעם פּאַציענט, וואָס וואַרט אויף זיין דיאַגנאָז...

איך דערלאַנג דאַן פּרצן אַ פּעקל כתבים: לידער און דעם דערמאָנטן איינאַקטער.

— גוט, לאָזט עס איבער. קומט אַריין די צווייטע וואָך.

אין די לידער האָט ער אָבער באַלד געכאַפּט אַ קוק. שנעל, שנעל אַדורך עטלעכע מיטן אויג. אויף איין ליד האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. ספּעציעל אויף איין סטראָפֿע פֿון דאָזיקן ליד. איך געדענק נאָך עד היום די סטראָפֿע הגם איך האָב דאָס ליד קיין מאָל נישט געדרוקט:

זייט געבענטשט, איר יונגע בלימלעך,
בליט אייך אויף אין העלע פֿאַרבן,
און נישט ווייסט אין אייער בליִען
פֿון קיין וועלקן, פֿון קיין שטאַרבן...

פּרץ האָט זיך אויפֿן חשבון פֿון דאָזיקן ליד געוויצלט:

— איר ווייסט יענץ רעטעניש? — „בייטאָג קערט מען דערמיט דעם דיל און ביינאַכט שטייט עס אין ווינקל — אַ בעזעם... האַ, וואָס איז עס?״... אויב איר זאָגט צו די בלומען: „ווייסט נישט פֿון וועלקן און שטאַרבן״ — זייט איר זיי דאָך אַליין דערמיט מגלה דעם סוד...

פּרץ האָט מיך אַרויסבאַגלייט מיט אַ האַנט אויף מיין אַקסל, זאָגנדיק צו מיר:

— שרייבט, שרייבט. לייענט, לערנט און אַרבעט איבער זיך.
כ׳האָב לאַנג, לאַנג געפּילט פּרצעס האַנט אויף מיין אַקסל... איך פּיל זי נאָך היינט!...

כ׳בין ביי פּרצן געווען אַ צווייט מאָל, אַ דריט מאָל. כ׳בין שוין געווען דרייסטער און האָב גערעדט מיט פּרצן פרייער, נאַטירלעכער, מיין איינ־אַקטער האָט ער געהאַלטן פאַר רוי, צו באַרעדעוודיק (דינעזאָן האָט דאָס זעלבע אַנדערש פאָרמולירט). די לידער האָט ער געפונען פאַר מער רייף. איך האָב אויסגעהערט פּרצעס יעדעס וואָרט מיט אינערלעכן ציטער. איך האָב בעת־מעשה זיך געפּילט דערהויבן. אַ קליינקייט, ערשט מיט אַ פּאָר חדשים פריִער בין איך נאָך געזעסן אין מיין פּראָווינץ־שטעטל און נאָך קיין שרייבער פאַר די אויגן נישט אָנגעקוקט און איצט זיץ איך ביי „אים" אַליין, ביי פּרצן אין שטוב, און הער מיט מיינע אייגענע אויערן זיינע רייד, און פּיל אויף זיך זיינע בליקן. דאָס איז געווען צו פיל פרייד פאַר אַ יונג בחורל פון דער פּראָווינץ, אין אַכצנטן לעבנסיאָר, אַן אָנפאַנגער, וואָס שטייט ערשט ביי דער שוועל פון אַ היכל...

*
**

אַ זייער כאַראַקטעריסטישער פאַל, וואָס וואַרפט אַ שיַין אויף פּרצעס פאַטערלעכער באַציִונג צו יונגע שרייבער:

איך גיי איין מאָל אויף גזשיבאָווסקע גאַס. פון דער ווייטנס דערזע איך פּרצן. ער גייט עס איצט פון דער גמינע, פון זיין אַרבעט. כ׳בין זי־כער געווען, אַז ער געדענקט מיך שוין אַוודאי נישט: וויניק יונגע לייט קומען אַרויף צו אים מיט כתבים?... איז דען מעגלעך, ער זאָל מיך געדענ־קען? און אַזוי טראַכטנדיק האָב איך עפּעס נישט געהאַט די העזה אים צו גריסן.

ווי דערשטוינט בין איך אָבער געוואָרן, ווען פּרץ, זיך אויסגלייכנדיק מיט מיר אויפן טראָטואַר, האָט אַראָפּגענומען דעם קאַפּעליוש און מיר אַ זאָג געטאָן: „גוט מאָרגן!"...

כ׳האָב מיך דערפּילט אַזוי פאַרשעמט און אַזוי שולדיק. היתכן? פּרץ זאָל זיך צו מיר גריסן און נישט איך צו אים?!... עד היום, ווען איך דער־מאָן זיך, קאָן איך מיר דאָס נישט שענקען.

דער דאָזיקער פאַל רעדט אַ סך. שפּעטער מיט יאָרן, אַז איך האָב שוין געהאַט מער שרייבערישע דערפאַרונג, האָב איך געמאַכט פאַראַלעלן. אַזאַ פאַל ווי מיט פּרצן וואָלט בשום אופן נישט געקאָנט פּאַסירן מיט אַ שלום אַש, אַ שטייגער. וויפל מאָל יינגערע שרייבער — אַפילו מער־ווייניקער שוין מיט אַ שטיקל נאָמען — זאָלן זיך מיט אַשן נישט באַקענען, געדענקט ער זיי קיין מאָל נישט. און אין בעסטן פאַל פאַרקריפּלט ער זייערע נעמען. סעגאַלאָוויטשן, למשל, פלעגט אַש אין זיין „פאַרגעסן זיך" אַמאָל אָנרופן: „דער... דער... נו, סעגאַליעוויטש"... דער כמעט תמיד כמורנער סעגאַלאָוויטש פלעגט עס אַשן קיין מאָל נישט קאָנען מוחל זיין.

מיט אַזאַ מין שטריך פון „פאַרגעסן זיך" און פאַרקריפּלען שרייבערישע נעמען האָט אויך געשמט דוד פרישמאַן.

פּרץ האָט יאָ געזען און געדענקט יינגערע און קלענערע פון זיך. פּרץ האָט געזען און געדענקט דעם יונגן שרייבער.

13

אין אַ וואַרשעווער צייטונג

ווען כ'בין אָנגעקומען אַרבעטן אין „אונדזער לעבן" — ווי צבי פּריי־לוצקיס סעקרעטאַר — איז מיין שמחה געווען אין לשער. וועגן אַזאַ פּאָסטן האָבן איך גאָרנישט געחלומט. מיינע הונגער־טעג אויף די וואַרשעווער גאַסן האָבן זיך באַלד געענדיקט. אויף די פיר רובל אַ וואָך, וואָס צבי פּריי־לוצקי האָט פאַרגעלייגט (בעת איך האָב פאַרלאַנגט נאָר דריי...), האָט דער אַרויסגעבער ש. האָכבערג גלייך מסכים געווען. און גראָד צו מיין שכירות פון דער ערשטער וואָך האָט מיר האָכבערג צוגעגעבן דעם האָנאָראַר פאַר מיין אָפּגעדרוקטער דערציילונג „דער בעל הנחלה" — אַ גאָלדענעם פינף רובל־שטיק, צוזאַמען ניין רובל. כ'האָב זיך דערפילט מעשה גביר און האָב שוין געטראַכט צו שיקן געלט אַהיים צו טאַטע־מאַמע אויף די קומענדיקע ימים־טובים...

ביים אויסצאָלן מיר האָט מיך האָכבערג אַ ביסל „עקזאַמינירט":

— טאָלסטאָיס „וואָינאַ אי מיר" האָט איר געלייענט?
— געלייענט.
— און „וואָסקרעסעניע"?
— נאָך נישט באַוויזן אַלץ צו לייענען... בין פאַרנומען מיט לערנען... מיט „עקסטערנעווען"...
— ווי אַלט זענט איר?
— אין אַכצנטן יאָר.
— יאָ, איר האָט נאָך אַ סך צייט צו לערנען און צו לייענען. לייענט למען השם „וואָסקרעסעניע" און „אַנאַ קאַרענינאַ".
— אַוודאי וועל איך לייענען...

אין האָכבערגס אינטערעסירן זיך מיט מיין לעקטור האָב איך געזען ווי אַ מין אויסדרוק פון אַפּטרופּסות איבער אַ יונג בחורל אין דער פרעמד. גראָד אַ פיינער שטריך. אָבער שפּעטער האָב איך געהאַט אַן אַנדער דער־פאַרונג מיט אים. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ האַרטער מענטש, אַ קו־לאַק לגבי זיינע מיטאַרבעטער. אין זיינע קליינע אייגעלעך פלעגט זיך אָפּט אָנצינדן אַ שלעכט פייערל. און אַזוי ווי ער, אַזוי זיין פלונית, די שטאַלטנע, שיינע, בלאָנדע פרוי. אויך זי איז געווען אַ טיפּ פון אַן עקשנותדיקער אשת חיילניצע. נישט זעלטן פלעגט זי אַראָפּקומען פון איר וווינונג, וואָס אויפן צווייטן שטאָק, אָנגעלאָדן מיט שטורעם און פלעגט מאַכן כעסיקע באַמער־קונגען אויפן חשבון פון דעם און יענעם מיטאַרבעטער.

— בריינדעלע קאָזאַק... — פלעגט מען זיך אין רעדאַקציע וויצלען אויף איר חשבון.

עס זענען אויך אָפּט פאָרגעקומען שאַרפע אינצידענטן, קאָנפליקטן צווישן האָכבערגן דעם אַרויסגעבער און צבי פרילוצקין דעם רעדאַקטאָר אויף גאַזשע. פרילוצקי פלעגט אַרויסקומען פון האָכבערגס קאַבינעט אַן אויפגערעגטער, אַ פאַרדרויטיקטער און זיך גאָר נישט קענען באַרויִקן. טאָ־מער האָט ער מיר אין אַזאַ מאָמענט דיקטירט זיין פאָליטישן לייט־אַר־טיקל, האָט ער זיך מער בשום אופן נישט געקאָנט קאָנצענטרירן. ער האָט אַלע ווײַלע אָנגעהויבן פונעם זעלבן...

„דער הימל איבער די באַלקאַנען האָט זיך שטאַרק פאַרוואָלקנט... טאָטשקאַ..."

פרילוצקי מאַכט אַ גרעסערע הפסקה און דאַן הייבט ער ווידער אָן:

— איז ווו זשע האַלטן מיר, האַ?... „דער הימל איבער די באַלקאַנען האָט זיך שטאַרק פאַרוואָלקנט... טאַטשקאַ...״ האַ?...

ער האָט גאָרנישט געקאָנט אַרויסקריכן פון די וואָלקנס און פון די באַלקאַנען...

איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן אין רעדאַקציע אין מיטן זומער. פרי־לוצקי האָט זיך דאַן באַזעצט מיט דער משפחה אויף דאַטשע אין מילאַנוועק, בשכנות פון גראָדזיסק. פלעגט מיר אויסקומען צו פאָרן צו אים אַלע טאָג מיט דער רעדאַקציע־קאָרעספּאָנדענץ, מאַנוסקריפּטן און פאַרשיידענע צײַ־טונגען, אינלענדישע און אויסלענדישע.

דאָס ערשטע מאָל, אַז כ׳בין אַהין געפאָרן אין אַ שבתדיקן פרימאָרגן האָב איך אין וואַגאָן צופעליק געטראָפן י. ל. פרצן מיט ש. ל. קאַווען. אַפּנים אַז פרץ האָט דעמאָלט אויך געוווינט אינעם זעלבן דאַטשע־אָרט. כ׳האָב זיך צוגעזעצט נעבן זיי. אַז פרץ האָט געזען בײַ מיר אַ פּעקל צײַ־טונגען, האָט ער געבעטן בײַ מיר אַ „בויע פרייע פרעסע״ צום איבערקוקן. ער האָט מיך עפּעס געפרעגט וועגן „אונדזער לעבן״; אָבער פרילוצקיס נאָ־מען האָט ער נישט דערמאָנט. ווי כ׳בין שפּעטער געוווירן געוואָרן, איז גע־ווען צווישן זיי אַ שטילער ברוגז נאָך פון דער צײַט ווען „דער וועג״ איז דערשינען אין וואַרשע.

און כאַראַקטעריסטיש פאַר פרצן:

אַראָפּגייענדיק אין מילאַנוועק בין איך געווען אין אַ פאַרלעגנהייט. געהאַט פאַרשריבן דעם אַדרעס פון פרילוצקיס ווילע, אָבער נישט געוווּסט ווי אַזוי מען קאָן זיך אַהין דערשלאָגן דורך די פעלדער. האָט מיך פרץ אַליין צוגעפירט צום „סטריעלאָטשניק״ *) פון דער באַן און יענעם אויסגע־פרעגט און נאָך דעם מיר געוויזן גענוי ווי אַזוי צו גיין. ס׳האָט מיך טיף גערירט פרצעס אויפמערקזאַמקייט.

און אַזוי בין איך טאָג־טעגלעך געווען אין וואַיאַזש: יעדן טאָג געפאָרן צו פרילוצקין, געאַרבעט דאָרט מיט אים ביז פאַרנאַכט בײַם צוגרייטן די

---

*) דער וואַך־וויַיזער בײַם שלאַבאַן.

מאַטעריאַלן פֿאַרן מאָרגנדיקן „נומער". פּרילוצקי האָט דאָרט געשריבן (איינגנטלעך מיר דיקטירט) זיינע פּאָליטישע לייט־אַרטיקלען. אַרויספֿאָרן פֿלעג איך קיין מילאַנוּוועק באַלד אין דער פֿרי און פֿלעג שוין אַזוי פֿאַר־בלייבן דאָרט אַ גאַנצן טאָג. איז שוין דעריבער געוועזן אַ חזקה, אַז מיטאָג פֿלעג איך עסן ביי די פּרילוצקיס. אין די הייסע זומער־טעג פֿלעגט מען דאָרט צוגרייטן געשמאַקע קאַלטע באָרשטשן, פֿאַרוויסט מיט סמעטענע. אַ פֿיינע גאַסטפֿריינטלעכע באַלעבאָסטע געווען די פֿעפֿי — אָדער „פֿע", ווי פּרילוצקי האָט זי גערופֿן.

גאָר אָפֿט פֿלעגן צו די פּרילוצקיס קומען געסט אין מילאַנוּוועק — שרייבער מיט זייערע „זאַכן" פֿאַר „אונדזער לעבן". עס פֿלעגן קומען משה סטאַווסקי (איצטער סתוי, אין ישראל), יואל מאַסטבוים, יונה ראָזענפֿעלד, י. מ. וויסענבערג און אַנדערע. דער מחבר אַליין האָט פֿאַר פּרילוצקין פֿאָרגעלייענט זיינע כתבים. בעת סטאַווסקי האָט געלייענט, האָט פּרילוצקי צוגערופֿן אויך זיין פֿרוי, ווייל זי האָט געהאַט אַ באַזונדערע הנאה פֿון סטאַווסקיס מעשיות וועגן בהמות, פֿערד, הינט, הינער.

אויך יואל מאַסטבוים איז געווען זייער היימיש ביי די פּרילוצקיס. מאַסטבוים איז געווען זייער מוזיקאַליש, מיט אַ זייער פֿיינעם מוזיקאַלישן געהער. פֿלעגט מען אים דאָרטן „אָנצינען" ער זאָל דערלאַנגען אַ שטיקל בעטהאָווען, צי אַ שטיקל טשייקאָווסקי. מאַסטבוים האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן. ער האָט אויסגעברומט מוזיקאַלישע טיילן מיט ברען, מיט טעמפּעראַמענט, מיט אַלע רמ"ח אבֿרים, דיריגירנדיק זיך אַליין מיט די הענט, אַזוי ווי זדזיסלאַוו בירנבוים אין פֿילהאַרמאָניע.... עס האָט אויסגעזען גראָטעסק און מ'האָט צוגעשמייכלט, אָבער מ'האָט הנאה געהאַט פֿון מאַסט־בוימסט „קאָנצערט"... מאַסטבוימס בעטהאָווען־קאָפּ האָט זיך בעת־מעשה געוואָרפֿן פֿון התלהבֿות און מ'האָט געפֿילט ביי אים דעם שטורעם פֿון דער „ניינטער סימפֿאָניע"... נישט אומזיסט איז יואל מאַסטבוים געווען אַ סטאַ־בילער באַזוכער פֿון דער וואַרשעווער פֿילהאַרמאָניע און אָפּערע. ער האָט געלעבט מיט דער וועלט פֿון קלאַנגען. אויך אין אַ טייל פֿון זיינע שטי־מונגספֿולע דערציילונגען פֿילט מען אַרויס די מוזיקאַלישע סטיכיע זיינע.

**
*

ווינטער־צייט האָב איך זיך אַריינגעצויגן אין אַ קליין צימערל ביי אַ פאַמיליע אויף גזשיבאָווסקע גאַס. אַ פריילעכער ווינטער געווען. יעדן אָוונט בין איך ערגעץ געגאַנגען: אין יידישן טעאַטער אויף מוראַנאָוו, צי אין „עליזעום"; אויף יידישע קאָנצערטן, ליטעראַרישע אָוונטן, אויף פרצעס פאָרלעזונגען אין „הזמיר". כ׳פלעג תמיד פאַרנעמען אַ פלאַץ נאָנט פון דער טריבונע, כדי צו קאָנען גוט זען און הערן פרצן פון דער נאָנט. פרצעס קול האָט געלאָקט. אין זיינע אויגן האָט געברענט אַ פייער, וואָס האָט אָנ־געצונדן די הערצער פון דער יוגנט...

עס האָט מיר אויך געקלעקט צייט אין די פרימאָרגנס צו „עקסטער־נעווען", צו „זוברעווען". געחלומט נאָך צו דערציען ביז צום עקזאַמען. אָבער צוליב מיין שרייבן האָב איך געמוזט די דאָטע פון עקזאַמען אַלץ אי־בעררוקן. דערצו נאָך האָבן די פאַרשריפטן פון צאַרישן בילדונגס־מיני־סטער שוואַרץ גורם געווען באַזונדערע שוועריקייטן פאַר די יידישע „עקס־טערנעס" — אַזוי אַז די פיל, פיל אָנגעפאַרענע יידישע בחורים פון די פע־ריפעריעס פלעגן זיך ביי די שטרענגע עקזאַמענס, נעבעך, „סרעזשען" *). זייערע אילוזיעס האָבן געפּלאַצט ווי אַ זייפנבלאָז...

אין רעדאַקציע זענען געווען אַ היפשע גרופּע מיטאַרבעטער, אָבער אַלע עלטערע פון מיר, מיט אַ סך סטאַזש. פון די יינגערע שרייבער — הגם אויך עלטער פון מיר — האָט זיך צו מיר דערנענטערט צבי כהן. ער איז געקומען פון זיין היימשטאָט, פון לאָוויטש. אַ יונגער מאַן אַ בן־תורה. מיט סמיכה. האָט געשריבן יידיש און העברעיש. אין „אונדזער לעבן" האָט ער געדרוקט פעליעטאָנען און אַנדערע רעדאַקציאָנעלע אַרטיקלען. דער סטאַר איז געווען מרדכי ספעקטאָר, וואָס האָט געדרוקט ראָמאַנען, דערציי־לונגען. זיינע וועכנטלעכע פעליעטאָנען האָט ער אונטערגעחתמעט מיטן פסעוודאָנים „אמת". כאָטש אַ סטאַר, פון דעסטוועגן האָט מען גוט געמוזט אָפּהיטן זיין „עברי", דער עיקר דעם העברעישן אויסלייג...

דער הויפּט־ליפעראַנט פון אַ סך מאַטעריאַל איז געווען דער עלטע־רער זשורנאַליסט יצחק שפּירא. אַ טשעקאַווער טיפּ פון אַ משכיל, פון על־

*) דורכפאַלן.

טערן דור שרייבער. ער איז אויך געווען באַקאַנט ווי אַ גרויסער מאַטע־מאַטיקער. האָט געשריבן אַלץ, מכל המינים: פּובליציסטישע אַרטיקלען, פּאָליטישע איבערזיכטן, דערציילונגען, וויסנשאַפטלעכע מאמרים און בש־תיקה אויך שירים. שפּיראָ איז געווען אַ טויבער. פלעגט ער קיין מאָל נישט הערן די גערעדערייען אין רעדאַקציע־צימער, נאָר פלעגט כסדר זיצן איינגעבויגן איבערן פּאַפּיר און שרייבן, שרייבן. שרייבן פלעגט ער „אויפן מעטער": ער פלעגט די לאַנגע בלעטלעך צונויפקלעפּן איינע צו די אַנדערע אין דער לענג — ביז עס פלעגט אויסוואַקסן אַ מעטערדיקער מאמר... אַז ער פלעגט האָבן געענדיקט, פלעגט ער דעם כתב־יד אָננעמען ביים שפּיץ און אַ וויקל טאָן אין דער לופטן די מעטערדיקע מגילה:

— גאַ־טאַ־וואָ!... *) — פלעגט ער אויסרופן אַ צעשמאָלצענער פון הנאה.

שפּיראָ האָט געהאַט אַ באַזונדערע שוואַכקייט צו שירים. אַז כ'פלעג אים אַ מאָל געבן מיינס אַ ליד צו לייענען, פלעגט ער אַקצענטירן יעדע זילבע און דערביי צוקלאַפּן מיטן פוס צום טאַקט. טאָמער פלעגט זיך אים אַ מאָל אויסדוכטן, אַז דער ריטעם פאַרהאַקט זיך, דאַן פלעגט אויך זיין פוס זיך פאַרהאַלטן ביי אַ קלאַפּ...

— האַ? ס'קלינגט דאָך נישט?...

אַ געוויסן פּעריאָד האָט אויך געאַרבעט אין „אונדזער לעבן" משה טייטש. טייטש האָט דעמאָלט געדרוקט זיינע ראָמאַנטישע מעשהלעך און אַלעגאָריעס. אין פלוג האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ טרוקענעם מענטש; שפּעטער האָב איך זיך איבערצייגט, אַז ער האָט געהאַט אַ דינעם חוש פאַר פּאָעזיע. טייטש האָט מיר אַרויסגעוויזן אין רעדאַקציע אַ ספּע־ציעלן אינטערעס און מיר אָפּט פאַרגעלייגט איך זאָל אים ווייזן מיינע נייע זאַכן; האָט מיר געגעבן עצות, אָנווייזונגען.

אין די זומערדיקע אָוונטן האָט געלאָקט דער זאַקסישער גאָרטן, די „ליטעראַרישע אַלייע". דאָרט זעט מען זיך מיט חברים, יונגע שרייבער מיט די גרויסע טשופּרינעס און ברייטע „פּאָעטישע" בינדעס. דאָרט קו־מען אויך די „ליטעראַרישע ביילאַגעס"... די ליטווישע מיידלעך פון אַמ־

*) פאַרטיק!

דור און פון סקידל, פון רוזשענאָי און ביטען, פון זשעטל און סלאָנים אאַז״וו. די קורסיסטקעס, די היט־נייערינס, די צושניידערקעס, די לערער־קעס, די סטודענטקעס. זיי אַלע האָט געטריבן די בענקשאַפט נאָכן גרויסן יידישן וואַרשע...

איז איינע אַ פאַרערערין פון פּאָעט איקס, די אַנדערע פון נאָוועליסט איגרעק... וועבט זיך געריידן מיט שמייכל, מיט פריידיק געלעכטער... אויך ליבע־שפּילערייען געפינען זייער צייט...

14

אין אַ וואַרשעווער תּפיסה

קומענדיק אין קאָנטאַקט מיט דער וואַרשעווער יידישער יוגנט אין זאַקסישן גאָרטן, האָב איך גוט געוווּסט, אַז די „ס. ס.״ (ציוניסטן־סאָציאַ־ליסטן) האָבן אין וואַרשע אַ היפּשע אָרגאַניזאַציע און פירן אַן אומלעגאַלע טעטיקייט. כ׳האָב זיך אַלץ געקליבן צו פאַרבינדן מיט דער פּאַרטיי; אָבער מיין נײַ לעבן אין דער גרויסער שטאָט, די סביבה פון שרייבער און זשור־נאַליסטן, די טאָג־טעגלעכע באַגעגענישן מיט מיינע נייע חברים, די דיכ־טער־אָנהייבער — דאָס אַלץ האָט גורם געווען איך זאָל כסדר אָפּלייגן די פאַרבינדונג מיט מיין פּאָליטיש־אידעיִשער סביבה.

אָבער אויב איך האָב עס אַליין נישט געטאָן, האָט עס עמעצער אַנ־דערש פאַר מיר געטאָן — די וואַרשעווער „אָכראַנע״...

פאַר־פרילינג 1910, פּורים־צייט, ווער איך אַרעסטירט אויף דער גאַס דורך אַ געהיים־אַגענט, וועלכער פירט מיך אָפּ אין אַ דראָזשקע אויף דאַ־נילאָוויטשעווסקע גאַס, אין „אָכראַנע״, כאָטש כ׳בין דאָך דאַן געווען גאָט די נשמה שולדיק... מיין אַרעסט איז געווען אַ פּועל־יוצא פון דער סעריע אַרעסטן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן באַצייטנס פאַרן 1טן מאַי. און ווע־מענס אויסזען ס׳איז נישט געפעלן געוואָרן דער געהיים־פּאָליציי, יענער איז געווען איר קרבן. און אַז איך האָב געטראָגן לאַנגע האָר און אַ ליטעראַ־

דישע שוואַרצע בינדע מיט צוויי פליגל רעכטס און לינקס, איז עס זיכער געווען אַ גענינגנדיקער גרונט פאַרן געהיים־אַגענט צו זען אין מיר אַ גע־פערלעכן בונטאַר קעגן „צאַר באַטיושקאַ"...

אַזוי אַרום בין איך אָפּגעזעסן לערך דריי חדשים אין צוויי תפיסות: אַ זעקס וואָכן אין דער ציטווייליקער טורמע אויף ספּאַקאַינע גאַס און די רעשט צייט — אין „אַלעקסייעווסקי פּאַרט" פון דער באַרימטער וואַרשע־ווער „ציטאַדעל".

און דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז אין דער תפיסה אויף ספּאַקאַינע האָב איך געהאַט די געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט אַ גרופּע אַנגעזעענע „ס.ס.אָווצעס" — מיט יעקב לעשטשינסקין בראש. אין דער „ס.ס.׳ישער" גרו־פּע זענען אויך געווען דער פּעדאַגאָג ל. פּינעס *); איינער אַן אינזשעניער, וואָס זיין נאָמען געדענק איך נישט; דער שפּעטערדיקער טעאַטער־אימ־פּרעסאַריאָ יאַנקעלע דאַנציקער **) און נאָך אַנדערע יונגע מענטשן פון דער „מאָסע". זיי אַלע זענען געווען קרבנות פון אַ דורכגעפאַלענער גע־היימער „ס.ס.ישער" פאַרזאַמלונג. מיר אַלע — ביי אַ פערציק מאַן — זענען „געזעסן" אין איין קאַמער; געשלאָפן אויף צוויי לאַנגע נאַרעס און בציבור איבערגעלעבט די טעג און נעכט צווישן די תפיסה־ווענט. אין יע־נע וואָכן האָב איך באַנייט די משפחהדיקייט מיט „ס.ס.", בפרט אין אַזאַ באַנטער פּערמאַנענטער שכנות מיט איינעם פון די „ס.ס.ישע" לידערס ווי יעקב לעשטשינסקי — דעם מחבר פון „דער יידישער אַרבעטער": אַ וואַ־גיק ווערק, וואָס האָט אויסגעטייטשט און באַגרינדעט על פּי יידישער עקאָנאָמיק די טעריטאָריאַליסטיש־סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע.

ס׳אַראַ ווייטער מהלך איז עס פאַר מיר געווען: פון די „ס.ס.ישע" „סכאָדקעס" אין רוזשינאַיער וואַלד; פון יענע עלעמענטאַרע רעדעס מצד די אַגיטאַטאָרן — ביז די באַלערנדיקע שמועסן פון אַ יעקב לעשטשינסקי אין דער תפיסה אויף ספּאַקאַינע!... הגם מ׳איז אין דער אָפּגעשלאָסנקייט געווען צעפּרעסן פון בענקשאַפט — דער פרילינג האָט דורכן קראַטן־

---

*) איצט מיטרעדאַקטאָר פון „די גאָלדענע קייט" אין תל־אָביב.

**) שפּעטער קדוש פון וואַרשעווער געטאָ.

פענצטערל געלאָקט, געררייצט מיט שטיקער בלויען הימל — פון דעסט־וועגן איז עס געווען אַ געוויסע גענוגטואונג, אַ שטיקל טרייסט פאַר מיר, וואָס איך — אַ יוגנטלעכער — געפין זיך אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט; וואָס מיר עסן, שלאָפן צוזאַמען און פאַרברענגען גאַנצע פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת אין איין צעלע. אַפילו אינעם אָרט פאַר אָפּגעזונדערט־קייט אין עק פון לאַנגן קאָרידאָר — אין דער אַלגעמיינער „אובאָרנאַיאַ״ — האָט מען אויך געמוזט זיך אָפּט באַגעגענען בעל־כורחו אויף אַ קאָ־לעקטיוון אופן... תפיסה איז אין איין טאָג מבטל אַלע כללים פון באָן־טאָן און בושה...

דער רעזשים אין דער צאַרישער תפיסה איז נישט געווען אַזאַ שטרענ־גער. מ'האָט אַריינגעלאָזט צייטונגען, ביכער; מ'האָט דערלויבט צו באַ־קומען שפייז־פעקלעך; צוגעלאָזט „סווידאַניעס״ *) מיט אַרעסטירטע אין באַשטימטע טעג. האָט מען אויך אָן מיר נישט פאַרגעסן אויף דער פריי: איין טאָג איז געקומען צו מיר מיין באַקאַנט מיידל פון שטעטל; אַ צווייט מאָל — צבי פרילוצקיס פרוי, וועלכע האָט מיר געבראַכט אַ טרייסט און דערמוטיקונג, אַז מצד דער רעדאַקציע ווערן געמאַכט באַמיִונגען מ'זאָל מיך באַפרייען.

אָבער ווי איך בין שפּעטער געוואָר געוואָרן, איז עס געווען גראָד פאַרקערט: דער אַרויסגעבער פון „אונדזער לעבן״ ש. האָכבערג, וועל־כער וואָלט מיך צוליב זיינע קאָנטשאַפטן מיט „נאַטשאַלסטוואָ״ יאָ געקענט זייער לייכט אַרויסראַטעווען פון טורמע, האָט עס אָבער נישט געטאָן מחמת ער איז שוין געווען אין כסדרדיקע קאָנפליקטן מיטן רעדאַקטאָר — מיט צבי פרילוצקין, און היות ווי איך בין דאָך געווען פרילוצקיס סעקרעטאַר, האָט ער עס אים צולהכעיס גאָרנישט געטאָן מיך צו באַפרייען...

אַז איך מאַך איצט אַ פאַראַלעל צווישן יענער צאַרישער תפיסה אין וואַרשע מיט דער סאָוועטישער טורמע אין גראָדנע, ווו איך בין אין 1940 געזעסן ווי אַ פאַרפאָלגטער פליט פון נאַצישן וואַרשע — איז עס ווי טאָג צו נאַכט... אין דער סאָוועטישער תפיסה בין איך געווען לחלוטין אָפּגע־

---

*) זעאונגען.

שניטן פון דער אויסערלעכער וועלט: מ׳האָט נישט צוגעלאָזט נישט קיין שפּייז־פּעקל, נישט קיין זעאונג; נישט דערלאָזט מיר געבן קיין שריפטלעכן צייכן פון זיך אַפילו צו מיין מאַמען, וואָס האָט צופעליק געוווינט אויף דער זעלבער גאַס, אַ שפּאַן פון דער תפיסה.

איז טאַקע די תפיסה־צעלע אויף ספּאַקאַינע געווען אַ מין „לייען־זאַל״: יעדער, ווער עס האָט נאָר געוואָלט, האָט אַריינגעקוקט אין די „שוואַרצע פינטעלעך״. ווו נאָך האָט אַ מענטש אַזוי פיל צייט צו לייענען ווי אין אַ תפיסה?... עס האָט אַפילו געקלעקט צייט און געדולד ביים יונגן עולם אַרויסצוגעבן אַ געשריבענע זאַמלונג א״נ „הינטער די קראַטן״. מיך האָט מען געקרוינט פאַר רעדאַקטאָר און קיין מיטאַרבעטער האָבן נישט גע־פעלט...

איך מייד אויס צו פאַרצייכענען דאָ מער פּרטים פון יענעם תפיסה־עפּיזאָד, כדי נישט איבערצוחזרן דאָס, וואָס איך האָב שוין ערגעץ אַנדערש „פאַראייביקט״ *).

***

נאָך די דריי חדשים אין תפיסה און „ציטאַדעל״ בין איך אַרויסגעשיקט געוואָרן פון וואַרשע „עטאַפּנים פּאַריאַדקאָם״ **), אין אַן אַרעסטאַנטן־וואַגאָן. לויט אַ פאַראָרדענונג פון דער צאַרישער מאַכט איז מיר פאַרבאָטן געוואָרן אויף אַ משך פון זעקס חדשים צו וווינען אין פיר פּוילישע צענטראַל־גובערניעס — מיט וואַרשעווער בתוכם. כ׳האָב געקאָנט אויסקלייבן צו לאָזן זיך פירן מיטן עטאַפּ וווהין איך וויל. האָט זיך מיר נישט געגלוסט גע־בראַכט צו ווערן אין מיין היים־שטעטל מיט פּאָליציייִשן „פּאַראַד״ און כ׳האָב אויסגעקליבן אַן אַנדער שטעטל — פּראַסניש, ביי מלאַווע — וווהין ס׳איז אָפּגעגאַנגען דער ערשטער עטאַפּ. און שוין אין אַ וואָך אַרום בין איך אַרויסגעפּאָרן פון פּראַסניש — שוין אָן פּאָליציייִשער שמירה — און דווקא צוריק קיין וואַרשע...

ס׳איז מיר זייער שווער געווען צו שיידן זיך אויף גאַנצע זעקס חדשים מיט דער אויסגעטרוימטער שטאָט, מיט מיין נייער ליכטיקער וועלט...

---

*) זע די דערציילונג „אין לאַנד פון פּיראַמידן״, אין מיין בוך „אין אומרו פון יאָרן״.

**) מיטן עטאַפּ.

אין וואַרשע האָב איך זיך אויפגעהאַלטן עטלעכע טעג ביי היימישע פון מיין שטעטל; געבראַכט זיך אין אָרדענונג נאָכן אַרעסט און געמאַכט פלענער ווי אַזוי אויף אַ נישט־לעגאַלן אופן אַדורכצושטופּן די פּאַרבאַטענע צייט. פלוצלינג אָבער באַקום איך אַ דעפּעשע פון גראָדנע. אַ זייער אַלאַר־מירנדיקע דעפּעשע פון מיינעם אַ פעטער: „קום תיכף צו פאָרן. דיין מוטער איז געפערלעך קראַנק. זי גייט אויס״... בין איך די זעלביקע נאַכט אַוועק־געפאָרן מיט אַ צעבראָכן געמיט קיין גראָדנע. איבערגעלעבט אין באַן אַ מוראדיקע נאַכט...

קיין גראָדנע בין איך אָנגעקומען אין אַ גרויען באַגינען. כ׳בין גע־גאַנגען צופוס פון וואָקזאַל איבער די פוסטע גאַסן. דאָס האַרץ האָט גע־פלאַטערט און זיך געקאָרטשעט פאַר ווייטאָג. ס׳האָט מיר געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן.

אַז כ׳בין צוגעקומען צו יענעם הויז אויף סלאָבאָדקע, — צו מיין מומען און פעטער, — וווּ ס׳האָט זיך דעמאָלט אויפגעהאַלטן מיין שוועסטער, האָב איך לכתחילה מורא געהאַט אָנצוקלאַפּן אין טיר... שפּעטער, אַז איך האָב עס לסוף געטאָן, האָט מיך ביי דער טיר באַגעגנט טאָקע מיין פעטער מיט אַ הייטערן „ברוך הבא״, ווי אַ „טריומפאַטאָר״:

— האַ? סקאַצל קומט! אַראָפּגעבראַכט דעם אורח... איך האָב געזאָגט דיין שוועסטער, אַז איך וועל דיך שוין אַראָפּברענגען פון וואַרשע...

די גאַנצע מעשה, הייסט עס, מיט מיין מוטער איז אַ בלאָף... היות מיינע נאָנטע זענען געווען שטאַרק אומרויִק וואָס כ׳בין צוריקגעפאָרן קיין וואַר־שע, האָט דער פעטער זיך עס אונטערגענומען מיך אַרויסצונאַרן פון דאָרט... פון איין זייט בין איך געווען גליקלעך וואָס מיט מיין מאַמען איז גאָר קיין בייז נישט געשען; פון דער אַנדער זייט אָבער בין איך געווען אש להבה אויף מיין פעטער, דעם „חכם עתיק״, פאַר זיין „געניאַלן טריק״...

אַז איך בין שוין בדיעבד יאָ אַוועקגעפאָרן פון וואַרשע, האָב איך באַ־שלאָסן צוצופאָרן אין שטעטל „צום טאַטן אין ווייגאָרטן״.

15

ווידער אונטערן היימישן הימל

מיין אָנקומען אין שטעטל — אין מיין כרך אמדור — איז געווען אַ שטיקל „סענסאַציע": ראשית מיין אַרעסט און באַפרייונג; והשנית די נייס, וואָס מ'איז געוואָר געוואָרן נאָך מיין אַוועקפאָרן פון שטעטל, אַז איך „שרייב אין די גאַזעטן"... פאַר דער קורצער צייט, וואָס איך בין דאָרט נישט געווען — אַ יאָר לערך — האָב איך אין „אונדזער לעבן" אָפּגעדרוקט צ"אַנד אַ דערציילונג פון שטעטלשן לעבן, אין וועלכע כ'האָב באַשריבן עטלעכע באַקאַנטע טיפּן. אַ פאַר האָב איך אַפילו אָנגערופן מיט די אמתע נעמען זייערע — נו, האָט עס דערמיט געקלונגען אין שטעטל. עס האָט געגעבן שטאָף יונג און אַלט צו ריידן און קאָמענטירן. מ'האָט די צייטונג געטראָגן פון שטוב צו שטוב.

געקומען בין איך איצט אין „פּאָעטישן הילוך": מיט מיינע לאַנגע האָר, שוואַרצער בינדע און שוואַרצער פּעלערינע, וואָס איז דעמאָלט אין דער מאָדע געווען ספּעציעל ביי דער באָהעם. האָט דאָך אַ פּעלערינע אויך פּרץ געטראָגן...

די יוגנט האָט מיך אַרומגערינגלט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמ־קייט. יעדער האָט געזוכט מיין געזעלשאַפט. מ'האָט אויף מיר געקוקט ממש מיט דרך־ארץ: אַ קלייניקייט, יאַנקל דעם לערערס זינדל — אַ שרייבער!... איז עס דאָך געווען אין יענער צייט פון אידעאַליזם ביי דער יוגנט, ווען דאָס געדרוקטע וואָרט איז געווען פאַרהייליקט; ווען עס זענען געווען פאַר־ברענטע חסידים פון בוך... פון שרייבער... ווען די יידישע יוגנט האָט געלייענט מיט קאָפּ און נשמה... ווען מ'האָט אַפילו געלערנט אויף אויס־ווייניק לידער פון יידישע דיכטער...

אינעם „אינטעליגענטני קרוזשאָק" *) פון שטעטל האָט מען דעמאָלט געהאַלטן אין לייענען אַרציבאַשעווס „סאַנין". דאָס דאָזיקע בוך איז געגאַנ־

---

*) אינטעליגענטן־קרייז.

גען פון האַנט צו האַנט. „סאַנין" איז געווען די אָפּטע טעמע אין די שמועסן פון דער יוגנט. מ'האָט געלייענט רוסישע שרייבער; אָבער אויך די יידישע ליטעראַטור איז נישט פאַרשעמט געוואָרן... פּרץ, רייזען, אַש זענען געווען ביי אַלעמען אויף די ליפּן.

עס האָט מיר פאַרשאַפט נחת דער פאַרשריט פון דער ביבליאָטעק, וואָס איך בין געווען איינער פון אירע גרינדער. איצט איז שוין שטאַרק אויסגעוואַקסן די צאָל פון אירע ביכער און לייענער. די שטעטלשע יוגנט לייענט אַ סך און איז טאַקע באַהאַוונט אין דער ליטעראַטור.

מיינע טאַטע־מאַמע האָבן נאָך געוווינט אין דער זעלבער אביונישער דירה — אַ קאַמער ביי יענעם. אָרעמע דלד אמות. אָבער עס האָט מיך געוואַרעמט די גרויסע ליבשאַפט פון די נאָענטסטע.

געווען זומער־לעב. טעג זענען געשטאַנען גאָלדענע און נעכט בלויע, לבנהדיקע. פלעג איך ווי אַ דורשטיקער אַרומבלאָנקען צווישן די לאָנקעס און שטעגן „הינטערן גלח", אין דער סביבה פון שטעטל און איינזאַפּן אין דער נשמה די שיינקייט פון דער צעגרינטער, צעדופטיקטער וועלט... אָפּט נישט אַליין, נאָר אין באַגלייטונג פון אַ „פאַרערערין"... געווען אין „איני־טעליגענטני קרוזשאָק" אַ פּאָר „פאַרערערינס", וואָס האָבן מיך געלאָקט מיט זייער צעבליטער מיידלשאַפט און צוזאָגנדיקע שמייכלען. צי איז עס ביי זיי געווען אונטער דער ווירקונג פון סאַנינען?... איך האָב נישט גע־פרעגט קיין קשיות. ס'איז גוט געווען צו לאָזן זיך פאַרפירן פון די מיידל־שע שמייכלען אין די בלויע לבנה־נעכט...

אַ פריילעכער, זאָרגלאָזער זומער געווען. גלייך ווי די השגחה אַליין וואָלט מיר אָפּגעצאָלט פאַר דער עוולה, וואָס די צאַרישע „אָכראַנע" איז לגבי מיר באַגאַנגען...

אָפּטע „וועטשערינקעס" אין זשיטאַראָדזשער וואַלד, אין דער גרויסער הילצערנער כאַטע פון אַ פּאָר בחורים וואַלד־סוחרים. דער וואַלד איז אין יענע נעכט געווען באַלויכטן דורך די פענצטער פון דער כאַטע. די יוגנט פון שטעטל האָט זיך געוויילט. מ'האָט געגעסן, געטרונקען כיד המלך: פאַר־מעגלעכע געווען די יונגע וואַלד־סוחרים. עמעץ האָט געשפּילט אויף אַ באַלאַלייקע. מ'האָט דעקלאַמירט, געזונגען. דער היימישער פיינער מנגן און רעציטאַטאָר אַלטער עפראָן (אָדער „אַלטער פּאַנסקי" — ווי מ'האָט אים

גערופן מחמת גבירישן יחוס) האָט „דערלאַנגט" זיין רעפּערטואַר: אַפּוכטינס „סומאַסשעדשי", אַריעס פון „רוסלאַן אי ליודמילאַ", „יעווגעני אַניעגין", „דעמאָן" און פיל אַנדערע. און לאהקע זיין שוועסטער — אַ מוזיקאַלישע שטוב געווען! — האָט געזונגען נאַדסאָנס וויינענדיקע לידער. בעת זי האָט אָנגעהויבן מיט עלעגישן טאָן: „טיאַזשאַלאַיע דיעטסטוואָ מניע פּאַלאַ נאַ דאָליו"... —איז דער גאַנצער עולם פאַרשטומט געוואָרן און די פּנימער זענען פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ וואָלקן, ווי אַלע וואָלטן אַריינגעפאַלן אין נאַדסאָנס מעלאַנכאָליע. אָבער די דאָזיקע טרויעריקע שטימונג איז נאָך דעם צעשטרייט געוואָרן פון וואַלסן און מאַזורקעס. יוגנט קאָן אי טרויערן, אי פאַרשיכורט ווערן פון פרייד...

אַזוי ביז אין גרויען פאַרטאָג אַריין.

**
*

אַז האַרבסט איז געקומען האָט עס מיך אַ ציי געטאָן צוריק אין דער גרויסער וועלט אַריין — צוריק קיין וואַרשע. בין איך דאָך שוין דאָרט אַריין מיטביידע פיס אין דער ליטעראַרישער סביבה, אין אַ צייטונג!

דער טערמין פון די זעקס חדשים „וויסילקאַ" *) איז נאָך נישט געווען געענדיקט. ס'האָט מיך אָבער שטאַרק געצויגן צום פאָרן. האָב איך איינ־גערעדט מיינע עלטערן, אַז נישקשה, נישט קיין גרויסע ריזיקע. נאָר אַ וואָך זעקס דאַרף איך זיך אויסהיטן. וועל איך זיין פאָרזיכטיק, נישט צו וואַרפן זיך אין די אויגן. ס'איז דאָך אַ פראַגע פון „תכלית": כ'קאָן נאָך ראַטעווען מיין פּאָסטן אין רעדאַקציע. האָבן זיי בלית ברירה, מיט שווערע הערצער, געמוזט מסכים זיין. בפרט, אַז אין שטוב האָט, ווי תמיד, געפּייפט דער דלות. מיין טאַטע איז פון זיינע „אוראַקן" און פונעם שרייבן „פּראָשעניעס" נאָך אַלץ נישט געוואָרן קיין „גביר"... און ס'איז גריילעך נייטיק געווען די עטלעכע רובל, וואָס איך פלעג שוין פון וואַרשע אָפּט אַריינשיקן...

האָב איך אויסגעבאָרגט דעם פּערזענלעכן דאָקומענט ביי אַ חבר, מיט וועמען כ'האָב אַמאָל געלערנט אין איין „חדר" ביי איטשע־בער דעם מלמד,

*) אַרויסשיקונג.

און בין אַוועקגעפאָרן. געקומען צוריק קיין וואַרשע און אין ערגעץ אַ נייער דירה זיך איינגעמאָלדן מיטן אויסגעבאָרגטן פרעמדן נאָמען — „אַברהם אייזען"...

16

צוריק אין וואַרשע

צוריקקומענדיק קיין וואַרשע בין איך באַלד געוואָר געוואָרן וועגן דער סענסאַציע אין יידישן צייטונגס־וועלטל: צבי פּרילוצקי האָט זיך ענד־גילטיק צעריסן מיטן אַרויסגעבער פון „אונדזער לעבן" שאול האָכבערג, איז אַרויסגעטראָטן פון דער רעדאַקציע און גרינדעט אַליין אַ צייטונג: „דער מאָמענט" — לויטן נאָמען פון זיינע טעגלעכע פּאָליטישע לייט־אַרטיקלען אין „אונדזער לעבן". צבי פּרילוצקי איז נישט אַליין: זיינע מיט־גרינדער זענען: זיין זון נח — דער אַדוואָקאַט און שריפטשטעלער, פון איין זייט, און פון דער צווייטער זייט — דער פּעדאַגאָג מאַגנוס קרינסקי, דער אייגנ־טימער און דירעקטאָר פון דער גימנאַזיע אויף מיאַדאָווע גאַס. מ. קרינסקי איז אויך געווען אַ פאַרלעגער. אין זיין פאַרלאַג זיינען דערשינען העברעיִשע לער־ביכער (טייל זיינע אייגענע), אַ העברעיִשער קינדער־זשורנאַל, דער יידישער זשורנאַל „ראָמאַן־צייטונג" (אונטער דער רעדאַקציע פון ה. ד. נאָמבערג) א"אַ.

צום „מאָמענט" זענען צוגעצויגן געוואָרן אַ ריי באַקאַנטע שרייבער און זשורנאַליסטן מיט הלל צייטלינען בראש. אין יענער צייט איז הלל צייטלין שטאַרק פּאָפּולער געווען דורך זיינע „בריוועלעך צו דער יידישער יוגנט". אַחוץ דעם איז גלייך אַנגאַזשירט געוואָרן די מיטאַרבעט פון גרויסן שריפטשטעלער־הומאָריסט שלום עליכם. די פּראָספּעקטן וועגן „מאָמענט" זענען פאַרשפּרייט געוואָרן איבער גאַנץ וואַרשע, צעקלעפּט געוואָרן אויף די ווענט פון די וואַרשעווער גאַסן און געסלעך. דאָס דערשיינען פון „מאָמענט" איז געווען אַ גרויס געשעעניש אין יידישן וואַרשע.

פאַרשטייט זיך, אַז איידער נאָך כ'בין געווען אין „אונדזער לעבן" האָט

מיך פֿריִער געצויגן אַרויפֿצוגיין צו מיין רעדאַקטאָר — צו צבֿי פּרילוצקין. כ׳בין אַרויף אין רעדאַקציע, ווו אַן עולם שרייבער איז געזעסן ביי שרייב-טישן און מ׳האָט שוין געגרייט דעם ערשטן נומער. אין רעדאַקטאָרס קאַבי-נעט איז ביים סעקרעטאַרן-טישל געזעסן מיין חבר א. ח. שעפּס (א. אַלמי). איך האָב עס שוין געוווּסט פֿון פֿריִער. היות ווי איך בין דאָך נישט געווען אין וואַרשע, האָט צבֿי פּרילוצקי אַנגאַזשירט א. ח. שעפּסן ווי זיין סעק-רעטאַר.

פּרילוצקי האָט מיך אויסגעפֿרעגט ווי עס איז מיר געגאַנגען פֿאַר דער צייט.

— ביים באַנדיט זייט איר שוין געווען?... — פֿרעגט ער מיך לסוף.

מיט דער באַצייכענונג „באַנדיט" האָט ער עס געמיינט האָכבערגן... אַ סברה, אַז יענער איז אים גוט אַריין אין די ביינער...

— דערווייל נאָך נישט, — ענטפֿער איך — אָבער מ׳וועט מסתמא מוזן צו אים אַרויפֿגיין.

— אויב איר וועט האָבן עפּעס אַ דערציילונג — ברענגט. אפֿשר שפּע-טער אַ ביסל וועט זיך מאַכן אַרבעט פֿאַר אייך.

דאָס זאָגט ער מיר ביים געזעגענען זיך, אַפּנים פֿילנדיק זיך אַ ביסל פֿאַרפּליכטעט לגבי מיר, זיין געוועזענעם סעקרעטאַר אין „אונדזער לעבן".

מיין אַרויפֿגיין צו האָכבערגן אָבער האָב איך אַ ביסל אָפּגעלייגט. קודם כל האָב איך געוואָלט איבערוואַרטן די פּאָר וואָכן ביז עס וועט זיך ענדיקן מיין אומלעגאַלקייט אין וואַרשע. אפֿשר האָט די „אָכראַנע" אַן אויג אויף מיין פֿריִערדיקן אַרבעט-פּלאַץ? אַ קשיא אויף אַ מעשה...

אין וואַרשע איז דעמאָלט אויך אַרויסגעגאַנגען „די נייע וועלט". די דאָזיקע צייטונג איז געגרינדעט געוואָרן מיט אַ יאָר צוריק לערך, אין 1909, דורך מרדכי ספּעקטאָר, בעת ער האָט זיך — נאָך פֿריִער ווי צבֿי פּרילוצקי — צעריסן מיט האָכבערגן און ער האָט אַליין „געמאַכט שבת פֿאַר-זיך", מיט אַן אייגענער צייטונג. ספּעקטאָר האָט געהאַט אַ סך ענערגיע און אונ-טערנעמונגס-גייסט, האָט ער אויסגעזוכט אַ פּאָר יידן מיט געלט און מיט סענטימענט פֿאַר אַ צייטונג. אַוועקגייענדיק פֿון „אונדזער לעבן" האָט ער אויך צוגענומען אַ פּאָר מיטאַרבעטער, צווישן זיי משה טייטשן, און זיי

אַריינגענומען אין „די נייע וועלט". ווי אַ הויפּט־מיטאַרבעטער האָט ער אַנגאַזשירט אַלעקסאַנדער קאַפּעלן (ד״ר א. מוקדוני), וואָס איז געווען אין דער צייטונג אַ „מעדכען פיר אַלעס": האָט געשריבן די לייט־אַרטיקלען, פּאָליטישע איבערזיכטן, דערציילונגען, טעאַטער־רעצענזיעס. ווי אַ רעצענ־זענט האָט ער נישט געקאַרגט קיין מוטיקע קריטיק און פלעגט אַרונטער־רייסן די שונדישע פּיעסן אין דעמאָלטיקן יידישן טעאַטער. ווי אַ קרבן פון אַלעקסאַנדער קאַפּעלס שאַרפער קריטיק איז אויך געפאַלן די פּיעסע „איינע פון יענע" פון פּאַולאַ ר. (נח פּרילוצקיס פרוי): אַ פּיעסע וואָס האָט געשילדערט דאָס לעבן פון דער אונטערוועלט: פּראָסטיטוטקעס... וכדומה. מוקדוני האָט עס געהאַלטן פאַר ביליקער שונד־סחורה און ער האָט געהאַט מוט צו זאָגן וועגן דעם וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן. און דאָס איז אָפּנים געווען דער שטענדיקער רוגז צווישן נח פּרילוצקין און ד״ר מוקדונין. קיין שונאים אין דעם קרייז פון ביליקן יידישן טעאַטער האָט אים דעמאָלט נישט געפעלט... איז ער דאָך אויך געווען איינער פון די פיר רעדנער (פּרץ, נאָמבערג, ווייטער און מוקדוני), וועלכע האָבן אין יענער צייט, אויף צוויי שבתדיקע מאַסן־אַקאַדעמיעס אין פילהאַרמאָניע, געשטורעמט דעם שונד־טעאַטער אין וואַרשע.

אַז „דער מאָמענט" האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין, האָט ער באַלד געוווּנען די יידישע גאַס. דער עלטערער „היינט" האָט אויסגעהאַלטן די קאָנקו־רענץ; אָבער די יונגע „נייע וועלט" האָט געקריגן אַ שטאַרקן קלאַפּ און איז איינגעגאַנגען פון טאָג צו טאָג. די יידישע פּרעסע אין פּוילן האָט תמיד געלעבט נישט בלויז פון אַנאָנסן, נאָר אויך פון טיראַזש, און אויב אַ צייטונג פאַרלירט לייענער, הייבט זיך אָן וואַקלען איר פונדאַמענט. „די נייע וועלט" האָט נאָך געזשיפּעט אַ פּאָר חדשים און לסוף איז זי פאַרמאַכט געוואָרן. מרדכי ספּעקטאָר איז דעמאָלט אַריינגעטראָטן ווי אַ הויפּט־מיט־אַרבעטער אין „מאָמענט".

דער „אונדזער לעבן" האָט זיך נאָך געהאַלטן, הגם אויך אים האָט די קאָנקורענץ שטאַרק געדריקט. ש. האָכבערג האָט אַלצדינג געטאָן, זיינע קאָנקורענטן אויף צולהכעיס, און אויפגעהאַלטן פאַר יעדן פּרייז די צייטונג.

***

אַז מיין „וויסילקאַ״־טערמין איז לסוף אויסגעגאַנגען און כ׳בין געוואָרן „כשר״, האָב איך זיך גלייך איינגעמאָלדן אויף דזיקע 13 — אויף מיין אייגענעם פּערזענלעכן דאָקומענט. און דעמאָלט ערשט בין איך אין איינעם אַ פּרימאָרגן אַרויפגעגאַנגען אין „אונדזער לעבן״. נישט מיט קיין גרינג געמיט בין איך געגאַנגען צו האַכבערגן. האַכבערג — דער האַרטער מענטש מיט די קליינע אייגעלעך, אין וועלכע עס האָט תמיד געברענט אַ שלעכט פייערל — איז מיר קיין מאָל נישט געווען צום האַרצן, און אַוודאי נישט זיין פאַרריסענע אשת חייל מיטן שטענדיק ברוגזן פּנים פון אַ דעספּאָטקע, וואָס איז געוווינט געווען צו קוקן אויף די מיטאַרבעטער ווי אויף אירע אונטערטאַנען...

אָבער איך האָב דאָך געמוזט גיין. האָב דאָך געמוזט אַרונטערשלינגען די ביטערע פּיל...

קעגן מיין דערוואַרטונג האָט מיך האַכבערג אויפגענומען מיט אַ באַזונדערער פריינטלעכקייט — גאָרנישט על פּי דער טבע זיינער. צי איז עס געווען דערפאַר וויל ער האָט זיך געפילט אַ ביסל דערשלאָגן פון זיינע קאָנקורענטן?...

ער האָט מיך אַריינגעבעטן צו זיך אין קאַבינעט, מיך אויספירלעך אויסגעפרעגט וועגן מיינע איבערלעבענישן אין אַרעסט און אַגב, ווי פאַרבייגייענדיק, מיך אַ פרעג געטאָן צי איך בין שוין „כשר״ פאַר דער „אָכראַנע״...

— וויססען זיע... — האָט ער באַנוצט זיין שטענדיקן דייטשמערישן רעדנסאַרט — מען מוז זיין פאָרזיכטיק...

איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז כ׳בין שוין אָפיציעל אַפילו איינגעמאָלדן כדת וכדין.

באַלד דערויף גיט ער אַ פרעג:

— זייט איר גרייט ווייטער צו אַרבעטן אין „אונדזער לעבן״?

— אדרבה, פאַר וואָס נישט.

— גוט. איר וועט איצט קאָנען אַרבעטן זעלבשטענדיק. אָן צבי פּריילוצקין... איר וועט פירן די פּראָווינץ: באַאַרבעטן די קאָרעספּאָנדענציעס פון לאַנד. כ׳וועל אייך געבן פון צייט צו צייט אויך די אויסלענדישע בריוו.

אַחוץ דעם וועל איך אייך איבערגעבן די פּראָווינציעלע רוסישע פּרעסע. אַז איר וועט געפינען אינטערעסאַנטע יידישע נייס, זעצט זיי איבער.

— אויסגעצייכנט! — כאַפּ איך זיך אָן.

און שוין באַלד צומאָרגנס בין איך ווידער געזעסן ביי אַ טיש אין רעדאַקציע „אונדזער לעבן" און בין אַזוי צוריק „אַריין אין די רעלסן". כ'האָב די רעדאַקציע־אַרבעט ליב געהאַט. אָבער מער פון אַלץ האָט מיך געפריים, וואָס איך האָב ווידער די געלעגנהייט און דאָס אָרט, ווו אָפּצו־דרוקן אָפט אַ דערציילונג, אַ ליד און אַ מאָל אויך אַ בילדל, צי פעליעטאָנדל (אונטערן פּסעוודאָנים א. בן־יעקב). איז דאָך פאַראַן, אַגב, מיט וואָס צו באַווייזן זיך פאַר מיינע מיידלעך „פאַרערערינס" אין דער „ליטעראַרישער אַלייע" פון זאַקסישן גאָרטן...

אין רעדאַקציע האָב איך געטראָפן אַ נייעם מיטאַרבעטער: דעם דיכטער י. א. לייזעראָוויטש, וואָס האָט געשריבן טאָג־טעגלעך לייט־אַרטיקלען אונ־טערן פּסעוודאָנים איזידאָר לאַזאַר. הגם האכבערג פלעגט, ווי תמיד, ביים סוף פון טעקסט פון דער צייטונג אונטערשרייבן: „רעדאַקטאָר־אַרויסגע־בער", פון דעסט וועגן פלעגט ער געבן דעם רוב מאַטעריאַל י. א. לייזע־ראָוויטשן צום איבערקוקן.

עס האָט ווייטער געאַרבעט צבי כהן, וועלכער האָט געליפערט זיינע פעליעטאָנדלעך, זיין וועכנטלעכן „ערב שבתדיקס" און פּראָווינץ־בילדער (וואָס איז פריער געווען מרדכי ספּעקטאָרס אַ רובריק).

איך זע ווידער בעל־יאושן (דעם שפּעטערדיקן ב. יאושזאָן — איטשע־לע). ער איז נאָך אַלץ געווען אין זיין לאַנגער קאַפּאָטע מיט אַ שפּאַלט פון הינטן, אין אַ שמאָל־חסידיש היטעלע. ער פלעגט אַלע טאָג קומען צוגיין ווי פון חסידים־שטיבל און פלעגט גוטמוטיק שמייכלען מיט זיינע בלויע אויגן. זיינע וואַרשעווער בילדלעך, וואָס ער פלעגט שרייבן, זענען אָפט געווען פּי־קאַנט און געפּעפּערט, און קיינער וואָלט בשום אופן נישט געזאָגט, אַז דאָס שרייבט אַ חסידישער בחור... בעל־יאושן האָט מען שטאַרק געלייענט און נישט אומזיסט האָט אים „דער מאָמענט" גאָר אין גיכן אויסגעכאַפּט.

צווישן די אַלטע מיטאַרבעטער איז אויך געווען דער פּיפּיקער כראָ־ניקער און רעפּאָרטאַזשן־שרייבער שלמה ביבער. ביבער האָט זייער גוט געקענט וואַרשע, די אַלע פעריפעריעס פון דער שטאָט און דער עיקר האָט

ער גוט געקענט די וואַרשעווער אונטערוועלט. פלעגט ער ליפערן זיינע סענ־סאַציאָנעלע, פּיקאַנטע רעפּאָרטאַזשן אונטער די נעמען „וואַרשעווער קעלערן און בוידים־שטיבלעך" און „דאָס שפּיגעלע פון וואַרשע". ש. ביבער איז געווען נישט קיין קליינער בעל־גוזמא און לצים אין רעדאַקציע פלעגן אי־בער זיינער אַ באַשרייבונג מאַכן די ברכה „על כזב ושקר"... ביבער איז פעיק געווען אויף זיך אַליין אויסטראַכטן אַזעלכע אויסטערלישע, נישט־געשטויגענע, נישט־געפלויגענע מעשיות, פון וואָס מען האָט געקאָנט אי־בערראַשט ווערן — (פאַרשטייט זיך, ווער ס׳האָט אים נישט געקענט...).

אַ קורצע צייט האָט געאַרבעט אין „אונדזער לעבן" א. ריקליס (ליריק). ריקליס האָט באַאַרבעט די אויסלענדישע פּרעסע און „געמאַכט" אויך אַ צייטונגס־ראָמאַן אין טעגלעכע המשכים, אונטערגעשריבן מיט עפּעס אַ נאָ־מען פון דער „הפטורה". אויך ריקליס — אַ מענטש מיט אַמביציע — האָט נישט געקאָנט דורכקומען מיט האַכבערגן און איז אַוועק, איבערלאָזנדיק דעם ראָמאַן אין מיטן, אַ נישט־פאַרענדיקטן. האַכבערג איז געווען אין אַ קלעם. נאָך אַ פּאָר טעג אָן המשכים, האָט ער זיך מיישב געווען און מיר פאָרגעלייגט, אַז איך זאָל פאַרענדיקן דעם ראָמאַן.

— סטייטש? — פרעג איך נאַיווּ, — ווי איז עס מעגלעך? איך האָב דעם ראָמאַן אַפילו נישט געלייענט...

— ס׳שאַט נישט... איר דאַרפט נישט לייענען... כ׳וועל אייך דערציילן דעם סיוזשעט. אין אַ רעדאַקציע דאַרף אַלץ זיין מעגלעך... איר ווילט דאָך ווערן אַ צייטונגס־מענטש...

און האַכבערג דערציילט מיר בקיצור, אין מינוטן בלויז, דעם אינהאַלט פון ראָמאַן, די האַנדלונג ביזן לעצטן המשך.

— וויססען זיע... אים, דעם הויפּט־העלד, דעם ליבהאָבער, וועלן מיר ברענגען צו זעלבסטמאָרד, און זי, זיין געליבטע, דאַרף נאָך דער טראַגעדיע אַנטלויפן פון איר רייך הויז און אַוועק קיין ארץ־ישראל... וויססען זיע... מיר וועלן מאַכן אַ ייִדישלעכן פינאַל... מאַכט עס אין פינף־זעקס פאָרזע־צונגען. נעמט זיך גלייך צו דער אַרבעט. לייגט אַלץ אָפּ אָן אַ צייט.

— כ׳וועל פּרווון... — האָב איך אַרויסגעשטאַמלט נישט זיכער.

און געטראַכט האָב איך: „אַ ברירה האָב איך? מען מוז דאָך ווייזן, אַז איך קאָן יאָ זיין אַ צייטונגס־מענטש"...

כ׳האָב מיין אויפגאַבע באַטראַכט פאַר אַ מין ספאָרט. ווי אויסטערליש, צו וואָס מען דאַרף אַלץ געפּרוווט ווערן אין אַ רעדאַקציע... פאַרפאַלן. האָב איך איבערגעקוקט אַ צענדליק פון די לעצטע המשכים, פאַרקאַשערט די אַרבל און גענומען ציִען ווייטער דעם פאָדעם. הגם איך האָב געשריבן אָן האַרץ, אָן געפיל, פון דעסט וועגן האָט זיך עפּעס באַקומען. דער פּלאַן איז געוואָרן אויסגעפירט. באַלד צומאַרגנס איז שוין געגאַנגען אַ המשך. און אַזוי ביזן פּאַטעטישן פינאַל, ווען די הויפּט-העלדין, וואָס אין איר האָט זיך צעפלאַקערט אַ נאַציאָנאַל געפיל, שווימט צו צו די ברעגעס פון היסטאָרישן יִדישן לאַנד...

אַז ריקליס האָט מיך שפּעטער געטראָפן, האָט ער מיך געפרעגט:

— זאָגט מיר, איך בעט איך, ווער האָט פאַרענדיקט דעם ראָמאַן אין „אונדזער לעבן״?

— דאָס איז אַ סוד פון רעדאַקציע... — האָב איך אים געענטפערט. אָבער ביי אַן אַנדער שפּעטערדיקער געלעגנהייט האָב איך עס אים יאָ גע־זאָגט — האָבן מיר ביידע דערפון געלאַכט.

נאָך דער מעשה מיטן ראָמאַן האָט מיר האָכבערג געשענקט מער אויפ־מערקזאַמקייט. ער פלעגט מיר שוין אונטעררוקן צום איבערקוקן „כתבים״, וואָס פלעגן אָנקומען לרוב יעדן טאָג אין רעדאַקציע. איז מיין שרייב־טיש געווען כסדר פאַרשאָטן מיט די שרייבעכצן — דערציילונגען, שירים, פּאָע־מעס, אַרטיקלען, פעליעטאָנען, אין אַלע זשאַנערן. יעדן טאָג פלעגט דער רעדאַקציע־קויש פול ווערן... איך האָב איינגעפירט אַ רובריק „תשובות פון רעדאַקציע״, אין וועלכע איך פלעג טייל „מחברים״ ענטפערן אויף אַ הו־מאָריסטישן אופן וועגן זייערע „ווערקע״...

האָכבערג פלעגט מיר אָבער אויך צווואַרפן צום איבערקוקן און צו־גרייטן צום דרוק אַפילו אַזעלכע מאַטעריאַלן, וואָס געהערן צו אַ רעדאַקטאָר; אָבער היות ווי ער האָט תמיד געפירט פּאָליטיק מיט זיינע רעדאַקטאָרן, האָט אים געלוינט אַזוי צו האַנדלען און אַזוי אַרום מינימיזירן זייער ראָל אין רעדאַקציע, כדי זיי זאָלן נישט מיינען, אַז אויף זיי שטייט די וועלט... פונקט ווי צבי פרילוצקי האָט געמיינט... און צו אַזאַ פרעצעדענס וויל ער שוין מער נישט דערלאָזן... אַגב האָט עס אויך ביי אים געהאַט אַ מאַ־טעריעלן אונטערשלאָג: זאָל אַ רעדאַקטאָר ביי אים נישט האָבן אַ צו גרויסן

אַפּעטיט אויף הויכע שכירות... דערפאַר טאַקע האָבן זיך די רעדאַקטאָרן אין „אונדזער לעבן", נאָך צבי פּרילוצקיס אַוועקגיין, צו לאַנג נישט געהאַלטן. זיי האָבן זיך כסדר געביטן: אַז לייזעראָוויטש איז אַוועק, איז אויף זיין אָרט געקומען ד"ר שמעון מילנער, וואָס איז נאָך קירצער געווען אויפן רעדאַקטאָרן־בענקל; נאָך מילנערן איז געקומען דער העברעיִשער און יידישער שרייבער מ. בן־אליעזר (מ. לאַזאַרסאָן); שפּעטער — ד"ר יהושע גאָטליב. אַזוי האָט זיך געביטן די דינאַסטיע רעדאַקטאָרן אין „אונדזער לעבן". קיין גוטער סימן פאַר דער צייטונג איז עס זיכער נישט געווען. „אונדזער לעבן" האָט געליטן פון שטאַרקער קאָנקורענץ מצד די צוויי גרויסע צייטונגען: פון עלטערן „היינט" און פון יינגערן „מאָמענט". יענע האָבן צוגעצויגן גאַנצע שטאַבן גוטע מיטאַרבעטער און האָבן געוווּנען די לייענער. מאַסן לייענער. האָכבערג האָט אויך געמאַכט אָנשטרענגונגען; האָט אויך געפּרוּווט קויפן וועןנישט־ווען מאַטעריאַלן ביי באַקאַנטע שרייבער; אָבער קיין צו ברייטע האַנט האָט ער נישט געהאַט און די צייטונג האָט זיך שווער געראַנגלט.

אין יענער צייט איז אָנגעגאַנגען אַ גערעג נאָך לייכטע צייטונגס־ראָמאַנען. יאַצקאַן — דער רעדאַקטאָר פון „היינט" — האָט דער ערשטער אָנגעמאַכט אַ טומל מיט אַ שונד־ראָמאַן „אין נעץ פון זינד" *), וואָס איז מיט אַ יאָר פריִער לאַנג געגאַנגען אין המשכים אויף די שפּאַלטן פון „היינט" און האָט געוווּנען לייענער אין די שווערע טויזנטער. און מיט אַזאַ „צאַצקע" ווי „אין נעץ פון זינד" האָט אַפילו עליכם שלום נישט געקענט קאָנקורירן...

„אין נעץ פון זינד" האָט אַרויסגערופן אַ שאַרפע רעאַקציע מצד די יידישע ליטעראַרישע קרייזן. מ'האָט קריטיקירט דערפאַר דעם „היינט" — אייגנטלעך יאַצקאַנען — פאַר דערלאַנגען אַזאַ קיצלדיקע שונדישע סחורה דעם לייענער. מ. וואַנווילד (ש. ל. קאַווע) איז אַרויס מיט אַן אָפענעם אַרונטעררייסערישן פּאַמפלעט קעגן יאַצקאַנען, וועלכער לאָזט זיך אויף די ביליקע שונדישע וועגן און דעמאָראַליזירט דעם יידישן לייענער. דער טומל האָט יאָ געהאַט אַ שטיקל פּעולה. די וויטערדיקע ראָמאַנען אין

*) דער אַנאָנימער מחבר איז געווען דער העברעיִשער און יידישער שרייבער א. ל. יאַקובאָוויטש (לעבט איצט אין ישראל).

„היינט" זענען געוואָרן סאָלידער, „צניעותדיקער"... אָבער די מאָדע פון לייכטערע ראָמאַנען האָט שוין אָנגעהאַלטן כסדר אין דער יידישער פּרעסע. די אַרויסגעבער האָבן געמיינט, אַז אַ שפּאַנענדיקער ראָמאַן — דאָס איז דער עיקר־באַדינג פאַרן דערפאָלג פון אַ צייטונג. דער ראָמאַן איז געגאַנגען אונטן, אונטערן שטריך, און אויבן זענען געגאַנגען די אַרבעטן פון די סאָלידע שרייבער. חברה לצים האָט זיך געוויצלט אויף דעם חשבון און פאַרגליכן עס מיט שלום אַשס „גאָט פון נקמה": אויבן האָט יעקל שאַפּשאַ־וויטש געהאַלטן פאַר דער טאָכטער אַ ספר־תורה, און אונטן, אין קעלער, האָט ער געהאַט אַ „הייזל"...

17

אין פּרצעס קלימאַט

יענע צייט אין וואַרשע האָט געהאַט איר קלימאַט. פּרצעס קלימאַט.

י. ל. פּרץ האָט געהאַט דעמאָלט אין „היינט" אַן אויטאָנאָם ווינקעלע. „מיין ווינקעלע" — האָט טאַקע געהייסן זיין טעגלעכע רובריק. דאָרט איז פּרץ געקומען מיט זיין וואָגיק וואָרט צו דער יידישער געזעלשאַפט. ער האָט רעאַגירט אויף אַלץ, אויף וואָס מען האָט געדאַרפט רעאַגירן. זיינע בליציקע אַפּאָריזמאַרטיקע קורצע אַרטיקלען אין אַן אייבערשטן ווינקל פלעגן ברייט קאָמענטירט ווערן אומעטום אין דער געזעלשאַפט, דער עיקר צווישן דער יידישער יוגנט. די יוגנט האָט כסדר אָנגעהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט אים — איר באַליבטן און אָנערקענטסטן אויטאָריטעט.

געווען דאַן אין וואַרשע נאָך אַנדערע שרייבער: מרדכי ספּעקטאָר, יעקב דינעזאָן, אַברהם רייזען, דוד פרישמאַן, שלום אַש, ה. ד. נאָמבערג א"אַ. אָבער פּרץ איז געווען דער פאָטער, דער מדריך. בעת זיינע פאָרלעזונגען אין „הזמיר", אויף לעשנאָ 40, איז דער זאַל תמיד געווען איבערפולט. פּרצעס וואָרט האָט תמיד געווירקט ווי אַ פאַראָל.

עס האָבן זיך געבילדעט אין וואַרשע שרייבערישע קרייזלעך, גרופּן, פון איין זייט די צייטונגס־פּעריפּעריע. אַ היפּשע צאָל שרייבער זענען געווען

באַשעפטיקט אין די פיר טאָג־צייטונגען — אין „מאָמענט", „היינט", „אונ־דזער לעבן" און „דער פריינד", וואָס האָט זיך איבערגעטראָגן קיין וואַרשע פון פעטערבורג צוזאַמען מיט זיין רעדאַקטאָר ש. ראָזענפעלד און זיינע הויפּט־מיטאַרבעטער, בראש מיט מרדכי טשעמערינסקי (ר' מרדכילע). אַחוץ די צייטונגס־קרייזן זענען געווען שרייבער אַזוי גערופענע „פרייע קינסטלער". טייל פון זיי אין פּרצעס קרייז, די שטענדיקע איינגייער אין זיין הויז אויף צעגליאַנע 1. טייל ווידער האָבן גראַוויטירט צו הלל צייטלינס „ליטעראַרישער שטוב". די דאָזיקע שרייבער פלעגן נאָר „גאַסטראָלירן" אין די צייטונגען מיט אַ דערציילונג, צי מיט אַ סקיצע אָדער ליד.

אין יענער צייט האָט אַברהם רייזען אַרויסגעגעבן די פּעריאָדישע זאַמלהעפטן „אייראָפּעיִשע ליטעראַטור" ביי י. לידסקין אין פאַרלאַג „פּראָגרעס". צו רייזענען האָבן געקלעפּט די יונגע שרייבער און די גאָר יונגע, די אָנפאַנגער. ער האָט זיי מקרב געווען מיט פאָטערלעכער ליבשאַפט. אין יעדן נומער „אייראָפּעיִשע ליטעראַטור" פלעגט ער דרוקן עפּעס פון אַ יונגן און נאָך צאָלן אַ סימבאָלישן האָנאָראַר אויך. דאָס פלעגט ער אַראָפּנעמען פון די קאַרגע פּאָר רובל, וואָס ער פלעגט באַקומען פון לידסקין. אין אַ געוויסן מאָמענט פון אַרבעטלאָזיקייט בין איך אויך געווען איינער פון די, וואָס האָבן גענאָסן פון רייזענס האָנאָראַרן. ער האָט ביי מיר געהאַט באַשטעלט אַן איבערזעצונג פון יאָהאַן יענסען (פון רוסיש, פאַרשטייט זיך...) און שפּעטער מיר אויסגעצאָלט האָנאָראַר: עטלעכע גרויסע קופּערנע צענערס...

איך געדענק: איין מאָל קומענדיק צו אַברהם רייזענען, אויף דזשיקע 3, האָב איך דאָרט געטראָפן שלום אַשן. כ'בין געבליבן שטיין פאַרנט, אַ נישט דרייסטער.

— קומט, קומט, איך האָב פאַר אייך האָנאָראַר...

און ער האָט גענומען נישטערן אין די וועסטל־קעשענקעס און אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט עטלעכע קופּערנע מטבעות...

און בעת־מעשה באַמערקט ער אַשן:

— מיינער אַ מיטאַרבעטער... אַ יונגער שרייבער...

אַש האָט זיך אַפילו אויף מיר נישט אומגעקוקט. עס האָט מיך שאַ־

קירט זיין גאַווהדיקייט. דערפאַר ביים אַוועקגיין האָב איך אים די האַנט נישט געגעבן, בעת איך האָב זיך געזעגנט מיט רייזענען.

פאַר יונגע שרייבער איז אַשס פאַרריסנקייט קיין נייס נישט געווען. דערפאַר האָבן אַלע יונגע אַזוי ליב געהאַט אברהם רייזענען — פאַר זיין גוטסקייט, פאַר זיין פשוט־מענטשלעכער התקרבות.

אין גרופּע יונגע שרייבער האָט זיך פאַרמאָסטן אַרויסצוגיין אין דער עפנטלעכקייט מיט עפּעס נייס; מיט עפּעס אַ ניי וואָרט. די באַראַטונגען און אַסיפות זענען פאָרגעקומען אַ מאָל ביי גדליהו וויסבאָרדן אין זיין דירה אויף פאַנסקע גאַס, אַ מאָל אויך ביי צבי כהן אויף שליסקע 60. מ׳האָט לאַנג גערעדט, דיסקוטירט מיט וואָס פאַר אַ ליטעראַרישן „מאַניפעסט״ אַרויסצוטרעטן; אָבער די דאָזיקע איניציאַטיוו האָט נאָר געבוירן סתם אַ זאַמלבוך — „בלומען״. די „בלומען״ (דער נאָמען קלינגט היינט זיסלעך...) האָבן מיט זיך נישט פאָרגעשטעלט קיין איינהייטלעכע גרופּע שרייבער, פון איין שול אָדער כאַראַקטער. ס׳איז אַרויסגעקומען אַ מין ליטעראַרישער מאַגאַזין, אין וועלכן עס זענען אַריין אַרבעטן נישט דווקא פון יונגע; אדרבה, מ׳האָט זיך באַמיט אַריינצונעמען אויך עלטערע שרייבער, כדי צו געווינען מער פּרעסטיזש. אַזוי געפינען מיר דאָרט אַרבעטן פון דוד פרישמאַן, אברהם רייזען, י. מ. וויסנבערג, מנחם, ז. סעגאַלאָוויטש, משה טײַטש א״אַ.

די דעמאָלטיקע יידישע יוגנט האָט אויפגענומען מיט ליבשאַפט יעדן אויסדרוק פון ליטעראַרישער שעפערישקייט. די יונגע לייענער זענען געווען אָפּנעמער פון אַלץ — פון בוך, פון זשורנאַל, פון זאַמלבוך. אַזוי האָט אויך דאָס זאַמלבוך „בלומען״ געהאַט אַ גוטע פאַרשפּרייטונג. אין יענער צייט האָט מען אַ בוך נישט געדאַרפט אַרומטראָגן איבער די הייזער, ווי די אַמאָליקע מחברים מיט די רויטע פּאַטשיילקעס... אַ בוך האָט מען נישט פאַרקויפט, ווי היינט בעוונותינו הרבים... אַ בוך האָט מען געקויפט. דער לייענער אַליין איז געקומען אין בוכהאַנדלונג נאָך אַ בוך. די דאָזיקע יונגע לייענער פלעגן עס אויספילן אַלע זאַלן, וווּ עס האָט געקלונגען דאָס יידישע וואָרט, דאָס יידישע ליד.

אַזוי דערמאָנט זיך מיר, למשל, אַזאַ מין פאַרלעזונג אין זאַל „האַר־מאָניע״ אויף דלוגע גאַס. אַ ליטעראַרישע פאַרלעזונג פון אַ גאַסט פון קראָקע — פון דעמאָלט יונגן דיכטער ש. י. אימבער. אימבער האָט אויף

דעם דאָזיקן אָוונט פאַרגעלייענט זיין נייע פּאָעמע „אסתרקע". דער היפּשער זאַל איז געווען געפּאַקט. מיט וויפל באַגייסטערונג האָט דער יונגער עולם אויפגענומען דאָס שיינע פּאָעטישע ווערק פון דעם יונגן דיכטער! פאַר אונדזערע היינטיקע באַגריפן, אין אונדזערע היינטיקע באַדינגונגען קאָן עס קלינגען פשוט אומגלויבלעך: יידישע יוגנט אויף אַ פאַרלעזונג פון אַ יידישן פּאָעט?!... און דער עיקר: יוגנט, וואָס איז פאַרליבט אין יידישער ליטעראַטור?!... וואָס ווייס און קען די יידישע ליטעראַטור?!...

אַ מאָל פלעגן די אָפטע ליטעראַרישע פאַרלעזונגען פון דעם און פון יענעם שרייבער באַהעפט ווערן מיט אַן אויפטריט פון אַן אַקטיאָר, וועלכער פלעגט רעציטירן דיכטערישע שאַפונגען. אין יענער צייט איז אַן אָפטער גאַסט אויף די וואַרשעווער יידישע עסטראַדעס — אין „הזמיר", צי אין זאַל „האַרמאָניע" — געווען דער יונגער דראַמאַטישער שוישפּילער מאַרק שוויד. שוויד, ווי דערמאָנט, איז געווען נישט נאָר אַקטיאָר, נאָר אויך דיכטער און אַן אָפטער איינגייער אין פּרצעס הויז. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין דער דראַמאַטישער סטודיע, וואָס פּרץ האָט בשעתו אָרגאַניזירט, כדי צו קאָנען זען זיינע דראַמאַטישע ווערק אויף דער בינע.

אַגב אורחא: מאַרק שוויד, וואָס לעבט איצט אין אַמעריקע און אַרבעט אין „פאָרווערטס", האָט יענע עפּאָכע און יענעם קלימאַט — פּרצעס קלימאַט — פאַראייביקט לעצטנס אין זיין בוך וועגן י. ל. פּרץ א"נ „טרייסט מיין פאָלק".

אין יענער סטודיע האָט אויך געשפּילט טעאַ אַרצישעווסקאַ — די פרוי פונעם סקולפּטאָר קראַטקאָ. ביידע נאָענטע פריינד פון פּרצן. טעאַ אַרצישעווסקאַ האָט געוווינט זינט לאַנגע יאָרן אין פּאַריז און איז לעצטנס באַקאַנט געוואָרן דורך אַ ליטעראַריש ווערק — דורך דער דראַמע „מרימל", — וואָס זי האָט פאַרעפנטלעכט. דער גורל האָט אויך געוואָלט, אַז אפרים קאַגאַנאָווסקי — דער דעמאָלטיקער גאָר יונגער איינגייער אין פּרצעס שטוב — זאָל אין די לעצטע עטלעכע יאָר פון זיין לעבן ווערן טעאַ אַרצי־שעווסקאַס מאַן. און אין איר וווינונג טאַקע און אונטער אירע בליקן האָט ער זיין נשמה אויסגעהויכט...

דאָס יאָר איז אויך טעאַ אַרצישעווסקאַ געשטאָרבן. אין איר צוואה

האָט זי אויסגעדריקט איר פאַרלאַנג, אַז מען זאָל זי קובר זיין נעבן קאַגאַ־באָווסקיס קבר. איר פאַרלאַנג איז דערפילט געוואָרן...

קיין וואַרשע פלעגן אָפט קומען שרייבער פון דער פרעמד. ווער אויף קורצע וואָכן, ווער אויף חדשים, ווער אַפילו אויף יאָרן. ווער עס האָט זיך ווי עס איז געגעבן אַן עצה מיטן „ואם תאמר מה נאכל", ווער עס האָט אַ ביסל אונטערגעהונגערט... די וואַרשעווער ליטעראַרישע קרעטשמע האָט צוגעצויגן ווי אַ מאַגנעט. טייל שרייבער, וועלכע האָבן געהאַט אַ זשורנאַ־ליסטישע „זשילקע", איז געלונגען צו פאַרבינדן זיך מיט אַ צייטונג.

אַ געוויסע צייט האָט יעקב פיכמאַן פאַרבראַכט אין וואַרשע און אַרום אים האָט זיך גרופירט אַ קרייזל שרייבער, דער עיקר די בעסאַראַבער. פיכ־מאַן האָט אָנגעפירט אין וואַרשע מיט העברעיִשע קורסן, וועלכע האָבן צוגעצויגן אַ היפשן קרייז יוגנט — לערערס און לערערקעס, דער עיקר פון פּראָווינץ, וועלכע האָבן זיך פערפעקציאָנירט אין דער העברעיִשער שפּראַך.

אויך אליעזר שטיינמאַן האָט זיך לענגער פאַרהאַלטן אין וואַרשע. שטיינמאַן האָט זיך פאַרבונדן מיטן „מאָמענט", ווו ער איז געוואָרן אַן אָפטער מיטאַרבעטער. ער האָט זיך שוין דעמאָלט אַרויסגעוויזן פאַר אַ זייער באַגאַבטן פובליציסט און פעליעטאָניסט.

אין וואַרשע האָט זיך אויפגעהאַלטן אַ געוויסע צייט אפרים אויערבאַך, וועלכער איז געקומען פון זיין בעסאַראַביע מיט זיינע ערשטע לידער אויפן וואַרשעווער ליטעראַרישן יאַרידל. כ'געדענק נאָך ווי היינט זיין יונגשאַפט און זיין קאָרפּולענטקייט, זיינע בלויע אויגן און זיין גוטמוטיקן שמייכל. ער האָט פאַראַדירט איבער די וואַרשעווער גאַסן אין אַ ברייטן לאַנגן בעזש־מאַנטל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שינעל. ער האָט גערעדט מיטן טיפּיש־בעסאַראַבישן דיאַלעקט, מיט די עכטע קמצ'ן און דערפאַר האָט מען אים גערופן: „דער מאָלדאָוואַן"...

עס האָט אַ בליץ געטאָן אין וואַרשע דער יונגער דערציילער משה שעליובסקי. הויך, שלאַנק און רירעוודיק. ער האָט זיך געהאַלטן אין קרייז פון זיינע ביטענער מיידלעך... די אַלע בחורים און מיידלעך פון דער ליט־ווישער פּראָווינץ פלעגן זיך שטענדיק האַלטן צוזאַמען. יעדער שטאָט און שטעטל האָט געהאַט איר קרייזל, איר קאָלאָניע. די לאַנדסלייט האָבן

זיך געקלאַמערט אײנע אָן די אַנדערע, כּדי נישט אַרײַנצופֿאַלן אין עלנט פֿון דער פֿרעמדער גרױסער שטאָט...

אין די קרײַזלעך פֿון די ליטװישע מײדלעך פֿלעגט זיך אױך װײַזן דער דעמאָלט „דעמאַנישער" יונגער דיכטער נחום י. (נחום יערוסאַלימטשיק), װאָס פֿלעגט זיך נישט לאָזן לאַנג בעטן און דעקלאַמירן זײַנע לידער. „דעמאַנישער" — די דאָזיקע באַצײכענונג האָב איך דעמאָלט אױפֿגעכאַפּט אין אײנעם פֿון יענע קרײַזלעך.

יונגע שרײַבער פֿלעגן זיך אױך אַ מאָל אַרײַנכאַפּן אין דער צװײטער „ליטעראַרישער שטוב" אױף שליסקע 60 — צו הלל צײטלינען. דאָרט האָט ר' הלל געװױנט לאַנגע יאָרן (ביז צו זײַן לעצטן װעג צום „אומשלאַגס־פּלאַץ"...). אין יענעם הױף האָבן אױך געװױנט דער העברעיִשער שרײַבער פֿישל לאַכאָװער און — װי דערמאָנט — צבֿי כּהן. אַזױ אַז דער הױף האָט שױן געגאָלטן פֿאַר אַ ליטעראַרישן הױף. אַפֿילו דער אַדמיניסטראַטאָר פֿונעם הױף — אַהרן לאַנגזאַם (פֿון פֿאַך — אַן אָקסן־הענדלער) — האָט אױך אונטערגעזינדיקט מיט דער פֿעדער און פֿלעגט אין „אונדזער לעבן" פֿון צײַט צו צײַט אָפּדרוקן אַ פֿעליעטאָנדל אונטערן פּסעװדאָנים „ראָזעטאַ". דער דאָזיקער לאַנגזאַם האָט געגאָלטן כּלומרשט פֿאַר אַ שטיקל מעצענאַט פֿאַר שרײַבער, כאָטש קײן גרױסע „זיבן זאַכן" האָט די ליטעראַטור נישט געהאַט פֿון אים. סײַדן אפֿשר האָט ער אױסגעפֿועלט געװיסע פֿאַרלײכטערונגען בײַם באַלעבאָס פֿון הױז (אױך פֿון פֿאַך אַן אָקסן־הענדלער) פֿאַר די שרײַבער־לאָקאַטאָרן, אָדער אַנדערע קלײנע „טובֿהלעך" פֿאַר דעם אָדער יענעם שרײַבער. אַזױ, למשל, האָט ער מיר אײן מאָל רעקאָמענדירט אַ לעקציע בײַם באַלעבאָס פֿונעם הױז אױף שליסקע 60 — אין אַ מאָמענט װען איך האָב זיך מאַטעריעל גענײטיקט; בעת איך האָב אַלײן „עקסטערנעװעט" און זיך אַרױסגעהאָלפֿן מיט אַ פּאָר לעקציעס.

איך בין, װי פֿון אָנהײב, געװען צוגעבונדן צום קרײַזל בײַ יהושע פּערלען אין הױז. פּערלע האָט שױן לסוף חתונה געהאַט מיט זײַן לאַנג־צעפּיקער שרהן און דאָס פּאַרליבטע פּאָרל האָט געװױנט אין אַ באַשײדענער דירה אױף נאַװאָליפּיע גאַס. דאָרט פֿלעג איך שטענדיק טרעפֿן מײַן ערשטן חבֿר פֿון װאַרשע — א. ח. שעפּס (א. אַלמי) — און די גאַנצע ראַדאָמער קאָלאָניע שרײַבער: גדליהו װײַסבאָרד, יוסף ראָזענפֿעלד, שפּעטער

מ. ד. גיסער. אַהין פלעגן אויך אַ מאָל אַריינקומען פּנחס גראַובאַרד און שמואל לעהמאַן — די זאַמלער פון פאָלקסלידער און פאָלקסווערטלעך, אינספּירירט פון נח פּרילוצקין, וועלכער האָט זיך תּמיד אָפּגעגעבן מיט ייִדישער לינגוויסטיק און פאָלקלאָר. נח פּרילוצקי פלעגט „עקספּלואַטירן" יעדן איינעם, וועמען ער האָט נאָר געקאָנט: סיי די יונגע שרייבער, וואָס פלעגן קומען צו אים נאָך ליטעראַרישע עצות; סיי סתּם ייִדן און ייִדענעס פון וואַרשע און פּראָווינץ, וועלכע פלעגן קומען צו אים ווי צו אַן אַדוואָקאַט נאָך יורידישע עצות. פּרילוצקי פלעגט זיי עקסטראַ אָנצי:ען אויף זייטיקע שמועסן און אַרויסבאַקומען פון זיי געוויסע ווערטלעך און רעדנסאַרטן פאַר זיינע זאַמלונגען...

אויך אַני הקטן בין געווען איינער פון זיינע „קרבנות" און האָב צו־געשטעלט נחן אַ היפּש פּעקל מאַטעריאַל: צונעמען פון שטעט און שטעטלעך פון גראָדנער געגנט און אַ סך לאָקאַלע שפּריכווערטער.

אַזוי אַרום זענען אויסגעוואָקסן נח פּרילוצקיס פאָלקלאָריסטישע זאַמ־לונגען, וועלכע זענען שפּעטער דערשינען אין בוך־פאָרעם.

***

קיין עכט־פּראָפעסיאָנעלער זשורנאַליסטן־סינדיקאַט, ווי שוין ביי אַ פרי:ערדיקער געלעגנהייט דערמאָנט, איז נאָך דעמאָלט אין וואַרשע נישט געווען. די פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן אין די רעדאַקציעס זענען דערליי־דיקט געוואָרן אויף אַן אידיווידועלן אופן. יעדער איינער איז דורכגעקומען מיטן אַרויסגעבער אויפן פּאַרצייטישן שטייגער, אין די ווענט פון אַרויס־געבערס קאַבינעט. ווי אַזוי און וואָס — דאָס האָט יעדער איינער געהאַלטן פאַר זיין סוד. נישט געווען קיין קאָלעקטיווער צוגאַנג צו די דאָזיקע ענינים. אַן אַלגעמיין שרייבערישע פאַראייניקונג — בלויז פון מאָראַלישן כאַראַקטער — איז יאָ שוין געווען אין וואַרשע. אין געוויסע עקסטראַ פאַלן פלעגט מען זיך פאַרשטענדיקן און רופן אַן אסיפה. קיין אייגענעם לאָקאַל האָבן שרייבער נישט געהאַט. פלעגט מען די אַסיפות רופן אין זאַל פון „הזמיר".

אַזוי האָבן די וואַרשעווער שרייבער — דורך זייער לויזער אָרגאַני־זאַציע — דורכגעפירט די גרויסע פּאָמפּיעזע אויפנאַמע פאַר מענדעלע מוכר ספרים בעת זיין באַזוך אין וואַרשע סוף זומער 1909. די פּייערונג

פאַרן „זיידן״ איז פאַרגעקומען אין שווייצער־טאַל. דער גרויסער זאַל איז געווען איבערפולט איבער די ברעגעס. אַזאַ יום־טוב האָט דאָס יידישע וואַרשע נאָך נישט געהאַט. דער ענטוזיאַזם ביי די וואַרשעווער יידן איז געווען אין לשער. און יאָרן לאַנג איז עס געבליבן אין זכרון פון די אַלע, וואָס האָבן איבערגעלעבט יענעם גרויסן יום־טוב.

אין מיין געדעכעניש איז געבליבן איינע פון די שרייבערישע פאַרזאַמלונגען אין „הזמיר״. אַ זייער שטורמישע אסיפה. דעם פאָרזיץ האָט געפירט י. ל. פרץ. איך געדענק נישט גענוי צוליב וואָס די פאַרזאַמלונג איז דעמאָלט גערופן געוואָרן. אין די דעבאַטן איז דורך עמעצן באַרירט געוואָרן די שאַרפע פּאָלעמיק, וואָס איז דאַן געפירט געוואָרן צווישן בעל־מחשבותן און הלל צייטלינען. בעל־מחשבות, אַ מענטש מיט קרענקלעכע נישט־באַהערשטע נערוון, איז פלוצלינג אויפגעשפרונגען פון זיין שטול און געמאַכט צייטלינען אַ פיינלעכע סצענע. ממש מיט שוים אויף די ליפּן, אויסערגעוויינלעך אויפגערעגט, האָט ער זיך מיט געביילטע פויסטן געריסן צו צייטלינען: „איך וועל אים...״ זיינע זידל־ווערטער זענען געווען אָן קאָנטראָל... די שכנים, וואָס זענען געזעסן נעבן בעל־מחשבותן, איז קוים געלונגען אים איינצוהאַלטן אין זיין קרענקלעכן נערוון־אויסברוך...

הלל צייטלין איז בעת־מעשה געשטאַנען אויף זיין פלאַץ אַ בלאַסער און פאַרגליווערטער און שטום געקוקט אויף דעם קרענקלעכן בעל־מחשבות און זיך מיט קיין וואָרט נישט אָפּגערופן. זיינע שטומע בליקן האָבן אויסגעדריקט פאַרווונדערונג און רחמנות...

אויך פרץ האָט געשוויגן. ער האָט פון דער בינע אָבסערווירט די פיינלעכע סצענע און בלויז מיט זיינע שאַרפע בליקן אַפּעלירט מ׳זאָל באַרויקן די געמיטער...

ווי וויטאָגלעך די סצענע איז נישט געווען, האָבן אַלע — אַפילו הלל צייטלין — בעל־מחשבותן מוחל געווען: ס׳האָבן אַלע גוט געוווסט, אַז ער איז אַ קראַנקער מענטש; אַ קרבן פון נעאוראַסטעניע און נאָך ערנסטערע חולאתן... און סוף־כל־סוף האָט דאָך יעדערער רעספּעקטירט דעם פּרעכטיקן ליטעראַטור־קריטיקער און סובטעלן עסייִסט. בעל־מחשבות איז דאָך עפּעס — בעל־מחשבות!...

18

אין דער קוזשניע פון געדרוקטן וואָרט

וואַרשע איז געוואָרן די קוזשניע פון געדרוקטן וואָרט. די צוויי צייטונגען — „דער מאָמענט" און „היינט" — האָבן זיך איינגעפעסטיקט אויף דער יידישער גאַס און געקריגן אַ נאָמען אין דער ברייטער יידישער וועלט. אַחוץ דעם האָט זיך שוין אויך פאַרפעסטיקט אין וואַרשע „דער פריינד", וואָס האָט זיך ערשט נישט־לאַנג, ווי דערמאָנט, איבערגעקליבן אַהער פון פעטערבורג. אויסער די יידישע צייטונגען האָט אין וואַרשע ווידער אַ מאָל אָנגעהויבן צו דערשיינען די אַלטע העברעיִשע „הצפירה", וואָס איר רעדאַקטאָר איז געווען נחום סאָקאָלאָוו און איר ערשטער גרינדער איז געווען ח. ז. סלאָנימסקי. דאָקעגן די קלענערע, די שוואַכערע צייטונגען, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין כוח און פּאַרנעס, זענען אַראָפּ פון דער אַרענע.

אַזוי איז אויך געשען מיט „אונדזער לעבן". דער מצב פון דער צייטונג איז געוואָרן קריטישער פון טאָג צו טאָג. דער טיראַזש האָט געהאַלטן אין איין פאַלן. אויב אין „מאָמענט", אין „היינט" און אין „דער פריינד" זענען כסדר פאָרגעקומען אינאָוואַציעס, אויסבעסערונגען, איז אין „אונדזער לעבן" געווען פונקט קאָפּויר. אויף די שפּאַלטן פון די דערמאָנטע גרויסע צייטונגען האָבן זיך כסדר געוויזן נייע נעמען, נייע פּראָמינענטע שרייבער און אין „אונדזער לעבן" האָט דער אַרויסגעבער געהאַלטן אין איין שניידן דעם בודזשעט, מאַכן איינשפּאָרונגען. האָבן טאַקע יענע צייטונגען געוווּנען טיראַזש, זענען געוואָרן מער פּאָפּולער, מער געלייענט, און אין „אונדזער לעבן" האָט דער אַרויסגעבער נישט נאָר נישט צוגעצויגן קיין נייע ליטעראַרישע קרעפטן, נאָר אַדרבה, אַפילו די אַלטע מיטאַרבעטער זיינע זענען אויך שיטערער געוואָרן. ווער עס האָט געקאָנט, האָט זיך געראַטעוועט ווי פון אַן אונטערגייענדיקער שיף... ש. האָכבערג איז נישט געווען ביכולת זיי צו פאַרהאַלטן, ווייל די קאַסע פון „אונדזער לעבן" האָט „געטאָגט"...

דעם שווערן קריזיס אין „אונדזער לעבן" האָבן באַלד דערפילט אַלע פערסאָנאַלן: מ'האָט אויפגעהערט צו צאָלן נאָרמאַל די לוינען. לכתחילה

האָט מען די מיטאַרבעטער צוגעוואָרפן קליינע אַוואַנסן; שפּעטער האָט שוין דערויף אויך נישט געקלעקט. אַזוי אַרום זענען געוואָרן איינגעשלונגען גאַנצענע וואָכן־לוינען. דערביי האָט האָכבערג — מיט דער הילף פון זיין פאַרריסענער אשה — געפירט אַ ספּעציעלע פּאָליטיק: מ׳האָט צוגעוואָרפן אַן אַוואַנס יענעם מיטאַרבעטער, אָן וועמענס אַרבעט דאָס דערשיינען פון דער צייטונג איז געווען אוממעגלעך. קיין יידישער פּראָפעסיאָנעלער סינ־דיקאַט איז דאַך נישט געווען, איז יעדער מיטאַרבעטער געווען אָנגעוויזן אויף אייגענעם באַראָט; אויף זיין אייגענער פעיקייט „אַרויסצורייסן״ פון האָכבערגן וואָס עס לאָזט זיך. די בעסטע מערכה האָבן געהאַט די זעצער. די צוויי לינאָטיפּיסטן, למשל, לעוויטאַן און זבונסקי פלעגן באַקומען אויס־געצאָלט דעם פולן לוין: פשוט דערפאַר, ווייל אויב מ׳האָט זיי נישט באַצאָלט די שכירות פאַר דער פאַרגאַנגענער וואָך, האָבן זיי אויסגעלאָשן דעם קעסל אין לינאָטיפּ און — סטאָפּ! האָכבערג מיט דער פלוניתטע זענען דאַן אומ־געלאָפן ווי פאַרסמטע, אונטערהאַנדלט מיט די שטרייקערס און סוף־כל־סוף האָט זיי האָכבערג בלית ברירה אַריינגערופן אין קאַבינעט, אָן עדות, און זיי געסילוקט די שכירות. די צייטונג איז שוין נאָך דעם אַרויס מיט אַ היפשער פאַרשפּעטיקונג.

די ערגסטע מערכה האָבן געהאַט די רעדאַקציע־מיטאַרבעטער. זיי זענען געווען פון די לעצטע, פון די באַוואָלהטסטע און זייערע נישט־אויס־געצאָלטע וואָכן־לוינען זענען כסדר געוואַקסן.

בעת דער קריזיס אין דער צייטונג איז פאַרשאַרפט געוואָרן, איז איר קאָרעקטאָר, כייקין, אַריבער אין „היינט״. דער „היינט״־רעדאַקטאָר, ש. י. יאַצקאַן, האָט געוווסט, אַז כייקין איז איינער פון די בעסטע קאָרעקטאָרן אין וואַרשע און אין דאַזיקן „שעת הכושר״ האָט ער אים אויסגעכאַפּט.

כייקין איז טאַקע געווען דער אמתער טיפּ קאָרעקטאָר. אַ פּעדאַנט אין אַלע הינזיכטן: אין זיין הלבשה, אין שטעלן זיינע פּאַמעלעכדיקע שטילע טריט, אין זיין תמיד פינקטלעך פאַרקעמטער געקרויזטער טונקל־גרוילעכער שעוועליור, אין די סימעטריש פאַרדרייטע וואָנצן און אין פּאַמעלעכדיקן ריידן זיינס, גלייך ווי ער וואָלט בעת מעשה אין זינען געהאַט די פּונקטו־אַציע פון יעדער פראַזע...

די קאָרעקטור איז געווען פאַרבונדן מיט נאַכט־אַרבעט. פּונקט אַכט

אַזייגער אין אָוונט פלעגט כייקין קומען אין רעדאַקציע און פאַרנעמען זיין שרייב־טיש. ער האָט אַריינגעלייגט אין אַ שופלאָד זיין פעקעלע „צידה לדרך" מיטן פלעשעלע טיי־עסענץ („קיפּיאַטאָק" פלעגט מען שוין תמיד מאַכן אויפן גאַז). די צייטונג פלעגט דאָך פאַרטיק ווערן אַרום דריי־פיר פאַרטאָג, מוז מען זיך דאָך אין מיטן דער אַרבעט דערכאַפּן דאָס האַרץ. פון שופלאָד פלעגט דאַן כייקין אַרויסנעמען זיינע אַרבעטס־מכשירים: זיין טינטער, זיין פען, זיין אַווירע, זיין רויטן בליישטיפט און אַלץ אויסלייגן אויפן טיש אין אַ סטאַבילן פּעדאַנטישן סדר — ווי אַלע נאַכט, ווי אַ גאַנץ יאָר. אַזוי סדרט אויס פּינקטלעך אַ ידישע פרומע באַלעבאָסטע ערב פּסח דעם סדר־טיש: ווו דעם מרור, ווו די חרוסת, ווו די זרוע... און אַז אַלץ איז ביי כייקינען אויפן טיש געווען שוין אויסגעסדרט, האָט ער זיך ערשט גענומען צו דער אַרבעט — צו נישטערן אין קאָרעקטן, צו זוכן גרייזן, גרייזן... כייקין האָט זיך ממש „געווילט" ביי דער אַרבעט. געווען גרייזן, וואָס פלעגן אַרויסרופן אויף זיין פּנים אַ שמייכל און ער פלעגט מורמלען צו זיך אַליין: „אָט גראָבע יונגען, עמי־הארצים"...

אַגב אורחא: אָט דער כייקין האָט געדינט אַברהם רייזענען פאַר אַ מאָדעל צו זיין סקיצע „גרייזן"...

אַז „אונדזער לעבן" איז געבליבן אָן אַ קאָרעקטאָר, האָט האָכבערג געוואָרפן אָן אויג אויף מיר און מיר פאַרגעלייגט, אַז איך זאָל איבערנעמען די אַרבעט. דערביי זאָל איך אויך פירן מיין רעדאַקציאָנעלע אַרבעט: איי־בערזעצן פון דער רוסישער פּראָווינץ־פּרעסע, באַאַרבעטן די קאָרעספּאָנ־דענציעס און שרייבן אַ מאָל אַ וואַרשעווער בילדל, אַ פעליעטאָנדל. געלט איז אים טאַקע געווען שווער צו צאָלן; אָבער קיין אַרבעט האָט ער נישט געקאַרגט...

איך האָב זיך געוואָקלט. ס'האָט מיר נישט געשמעקט די נאַכט־אַרבעט: אָפּרייסן זיך פון זאַקסישן גאָרטן... פון מיינע שרייבער־חברים... פון מיינע מיידלעך...

אָבער האָכבערג איז צו מיר צוגעשטאַנען; ער האָט געפּרוווט ווירקן מיט אַן „אומאָפּפרעגלעכן" אַרגומענט:

— איר זייט נאָך גאָר אַ יונגער מיטאַרבעטער... איר דאַרפט זיך צו־געוויינען צו מאַכן אין רעדאַקציע אַלע אַרבעטן, וואָס קומען אונטער...

דערפאַר בין איך ביי דער דאָזיקער אַרבעט געוואָרן מער „תקיף":
בעת מ'האָט אין רעדאַקציע אַפילו קיין אַוואַנס נישט אויסגעצאָלט די מיט־אַרבעטער, האָב איך איין מאָל און אַ צווייט מאָל — פונקט ווי די לינאָ־טיפּיסטן — „דערקלערט אַ שטרייק"... כ'בין געזעסן ביים שרייב־טיש, וואָס איז געווען פאַרלייגט מיט אַ באַרג קאָרעקטן, און האָב נישט געאַרבעט. די רעדאַקציאָנעלע אַרבעט האָט האָכבערגן נישט געאַרט. ביי אים איז רעכט געווען אָנצושטאָפּן די צייטונג מיט „שטרוי". אָבער קאָרעקטור? ווי קאָן מען אַרויסלאָזן אַ צייטונג אָן קאָרעקטור? עס קאָנען זיך באַקומען אַזעלכע קוריאָזן, אַז גאַנצע ווארשע וואָלט געקייכט פון געלעכטער... בעת מיינע שטרייקן פלעגט האָכבערג אַריינקומען צו מיר אַ פאַררויטיקטער, איין מאָל און אַ צווייט מאָל, און אַז עס האָט נישט געהאָלפן, פלעגט זיין אשה אַריינקומען כלומרשט מיט אַ שמייכעלע:

— מסיע זאַק, פּאַטשעמו וױ ניע ראַבאָטאַיעטיע?... *).

— איך דאַרף היינט באַצאָלן דירה־געלט... — פלעג איך איר ענטפערן.

אַ פּאָר מאָל איז מיר טאַקע נאָך אַזאַ שטרייק־סצענע געלונגען אַרויס־צורייסן פאַר אַ גאַנצער וואָך שכירות. אָבער סוף־כל־סוף האָט מיך דאָס פאַרפאַלק מיד געמאַכט, און איך פלעג אויך מוזן איינגיין אויף קליינע אַוואַנסלעך, שהי' פּהי', גלייך ווי אַלע רעדאַקציע־מיטאַרבעטער. און אַזוי זענען געוואָקסן די חובות. פון נישט־אויסגעצאָלטע וואָכן־לוינען זענען גע־וואָרן נישט־אויסגעצאָלטע חדשים־לוינען. די רעדאַקציע האָט זיך קאָלעק־טיוו פאַרבונדן מיט אַן אַדוואָקאַט, כדי צו באַוואָרענען אונדזערע חובות. אָבער די הוצאות, וואָס מיר האָבן דערין אַריינגעלייגט, זענען געווען נאָר קבורה־געלט... ווייל דער כיטרער סוחר האָכבערג מיט זיין אשת חייל האָבן געטאָן דאָס זייעריקע: האָכבערג האָט זיך יורידיש באַוואָרנט שוין פון פריִער, איבערשרייבנדיק זיין פאַרמעגן אויף זיין ווייבס נאָמען...

דער מצב פון די רעדאַקציע־מענטשן, וועלכע האָבן זיך נאָך געהאַלטן ביי דער אַרבעט, איז געוואָרן ממש קריטיש. טייל האָבן פשוט נישט גע־האַט מיט וואָס דעם טאָג איבערצולעבן. בפרט נאָך די מענטשן מיט פאַמי־ליעס... מיט ווייב און קינדער... קיין פראָפעסיאָנעלע הילפס־קאַסע איז דאָך

---

*) ה' זאַק, פאַר וואָס אַרבעט איר נישט?

נישט געווען און די זשורנאַליסטן זענען געווען ווי אויף הפקר... אין די רעדאַקציע־חדרים האָבן זיך אַרומגעדרייט מענטשן ווי די שאָטנס. אומבאַ־האָלפענע, פאַרביטערטע. האָכבערג מיט זיין פלוניתטע פלעגן אין אַזעלכע מאָמענטן לחלוטין נעלם ווערן און ס׳איז נישט געווען צו וועמען צו ריידן אַפילו...

עס איז געווען פאַר אַלעמען אַ דערלייכטערונג, וואָס נאָך אַ לאַנגזאַמער גסיסה האָט די צייטונג „אונדזער לעבן״ זיך לחלוטין אָפּגעשטעלט — נישט צוליב דער רעדאַקציע (קיינער אין רעדאַקציע האָט נישט געהאַט קיין האַרץ צו זיין דער שותף צום אונטערגאַנג פון דער צייטונג...), נאָר איבער אַנדערע בעלי־חובות: פאַר פּאַפּיר, פאַר פאַרב וכדומה... די אַלע רעדאַקציע־מיטאַרבעטער איז האָכבערג שולדיק געבליבן פאַר דריי חדשים גאַזשע...

19

זענען געקומען די אַסימילאַטאָרן...

דער אַמביציעזער ש. האָכבערג האָט זיך אָבער נישט געקאָנט שיידן מיט דעם צייטונגס־וועזן און ביי אים איז רעכט געווען זיך צו פאַרבינדן באַדאַי מיט די וואַרשעווער אַסימילאַטאָרן.

געווען אין וואַרשע אין די יאָרן פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה אַ קאַסטע אַזוי גערופענע אידיישע אַסימילאַטאָרן מיט הענריק נוסבוים בראש. די אַסימילאַטאָרן זענען נאָך דאַן געזעסן אין דער וואַרשעווער גמינע אויף גזשיבאָווסקע 26, פאַרפּאַנצערט ווי אין אַ פעסטונג. זיי האָבן זיך פאַרבונדן מיטן ייִדישן קלער, באַהערשט אַ ריי וויכטיקע אינסטיטו־ציעס און געבאַלעבאַטעוועט אין ייִדיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן — ביז, ווי די רוסן זאָגן: „דאָ פּאָרי אי ווֹרעמעני״...*) ביז די „נייע ווינטן״ האָבן אַ ווייע געטאָן אויף דער ייִדישער גאַס און זיי פאַריאָגט פון דער פעסטונג... אָבער דאָס געהער שוין צו אַ ווייטערדיק קאַפּיטל „וואַרשע״.

*) ביז אַ צייט.

דערווייל האָט זיך די אַסימילאַטאָרן פאַרגלוסט אַרויסצוקומען מיט זייער וואָרט אין דער ייִדישער עפנטלעכקייט. און דעמאָלט, נאָכן אונטער־גאַנג פון „אונדזער לעבן“, איז זיי אונטערגעקומען האָכבערג, ווי אַ שטילער שותף. און מ׳האָט זיך דערדערט: זיי האָבן דאָך דעמאָלט געהאַט סיי די דעה, סיי די מאה... און אויף די חורבות פון „אונדזער לעבן“ איז געבוירן געוואָרן די אַסימילאַטאָרישע צייטונג „נייעס“.

האָכבערג האָט צוגעצויגן פאַר אַ הויפּט־מיטאַרבעטער פאַר דער צייטונג דעם עלטערן זשורנאַליסט יצחק שפּירא, וועלכער האָט געאַרבעט ביזן סאַמע סוף אין „אונדזער לעבן“. איך האָב דאָרט אָנגענומען בלויז די טעכנישע אַרבעט פון קאָרעקטור און האָב דאָרט קיין מאָל קיין איינציקע אייגענע שורה נישט אָפּגעדרוקט. יצחק שפּירא האָט אין דער נייער צייטונג פונאַנדערגעבונדן די הענט. אַ זשורנאַליסט, וואָס האָט געשריבן אויפן מעטער, האָט ער אַליין אויסגעפילט דריי־פערטל צייטונג. ער האָט געשריבן אייגענע מאמרים און איבערגעזעצט די פּוילישע מאמרים פון די באַלעבאַטים־אַסימילאַטאָרן. אין זייערע מאמרים האָבן די אַסימילאַטאָרישע מחברים געפּרעדיקט און גערופן די ייִדישע געזעלשאַפט צו פאַרברידערונג מיט די פּאָליאַקן. ביידע נאַציעס האָבן דאָך אין בשותּפותדיקן גורל — צו לעבן אונטער צאַרישער אונטערדריקונג אויף דער פּוילישער ערד... דער לאַקריצדיקער טאָן פון די מאמרים האָט אָפט מאָל געמאַכט דעם איינדרוק, אַז די ייִדן זענען עס גאָר די גורמים, לכל הפּחות די מיטשולדיקע אין די פאַרשאַרפטע באַציִונגען מיט די פּאָליאַקן נעבעך, און זיי, די אַסימילאַטאָרישע „יאַהודים“, זענען עס די רודפי שלום...

אויך יצחק שפּירא, אַריינגייענדיק אין דער ראָל, פלעגט זיך אַ מאָל פאַרגעסן און אונטערזינדיקן מיט אַזאַ מין לאַקריץ־אַרטיקל, וואָס האָט געערדט מליצהדיק וועגן „פאַרברידערונג“... „קאָכאַימי שיען“...*).

אָבער די ייִדישע געזעלשאַפט אין פּוילן האָט די דאָזיקע צייטונג נישט גענומען ערנסט. דער געזונטער אינסטינקט ביי די פּוילישע ייִדן האָט זיי אונטערגעזאָגט: לא זו הדרך, נישט דאָס איז דער וועג... פון איין זייט האָט זיך שוין פאַרמירט אַ ייִדיש־נאַציאָנאַלער פראָנט, אַן עפנטלעכע מיינונג. די

---

*) לאָמיר זיך ליב האָבן...

שטים פון די יידישע וואָרטזאָגער האָט טאָג־טעגלעך אַראָפּגערעדט פון די שפּאַלטן פון דער נאַציאָנאַלער פּרעסע, און איבער אַלעם האָט זיך געהערט די שטים פון אַ י. ל. פּרץ...

און פון דער צווייטער זייט האָט די פּוילישע „ענדעציע" מיט איר שאָוויניסטישער יידנפרעסערישער „דוואַ גראָשע"־פּרעסע נישט אויפגעהערט צו שפּרייטן טאָג־טעגלעך איר גיפט און האַס קעגן יידן און דער אָפּגרונט צווישן יידן און פּאָליאַקן איז אַלץ טיפער געוואָרן...

די אַסימילאַטאָרן האָבן ביי זייער עקספּערימענט באַגראָבן אַ היפּשע סומע געלט און נאָך אַ קורצער עקסיסטענץ — אַ פּאָר חדשים לערך — איז די „נייעס" ליקווידירט געוואָרן.

ש. האָכבערג האָט דאַן געזען באַשיינפּערלעך, אַז ער האָט פאַרלוירן דעם באָדן אין וואַרשע; אַז ער וועט זיך שוין נישט קאָנען פאַרמעסטן קעגן אַזעלכע פעסטונגען ווי „דער מאָמענט" און „היינט" — האָט ער זיך אָפּגעזעגנט מיט וואַרשע און זיך איבערגעקליבן אין זיין מער היימישן אָדעס (ער האָט געשטאַמט פון פּאָדאָליע). און גראָד אין אָדעס האָט אים יאָ אָפּגעגליקט. דאָס איז שוין געווען אין דער צווייטער העלפט 1912. האָט ער דאָרט — זיכער צוזאַמען מיט אַ פּאָר געלט־יידן — מחיה מתים געווען זיין וואַרשעווער אונטערגעגאַנגענע צייטונג, טאַקע אונטערן זעלביקן נאָמען — „אונדזער לעבן".

אָדעס האָט דאַן געשמט מיט אירע גרויסע חשובע שרייבער, ווי: מענדעלע מוכר ספרים, חיים נחמן ביאַליק, שמעון פרוג, י. י. לינעצקי, י. ח. ראַווניצקי און אַנדערע. האָט האָכבערג טייל פון זיי צוגעצויגן ווי אָפטע מיטאַרבעטער אין „אונדזער לעבן". קיין אינערלעכע מיטאַרבעטער זענען זיי נישט געוואָרן, אָבער עפּעס אָפּדרוקן אין „אונדזער לעבן" — מהיכא תיתי. און דאָס האָט צוגעגעבן דער צייטונג פּרעסטיזש. ווי די איינציקע יידישע צייטונג אין דעמאָלטיקן אָדעס, איז איר דאָרט מיט דער צייט אויסגעקומען צו שפּילן אַן אָנגעזעענע ראָל אין יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. איר טיראַזש איז לפי ערך שטאַרק געוואָקסן. און האָכבערג איז ווידער געווען „אויפן פערדל". ווידער איז ער געשטאַנען בראש פון אַ צייטונג, ווידער דער טיטל „רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער"...

נאָכן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה אין 1914 האָבן זיך באַזעצט

אין אַדעס דוד פרישמאַן און מרדכי ספּעקטאָר. און ספּעקטאָר, וועלכער האָט געהאַט איבערגעריסן מיט האָכבערגן אין וואַרשע, האָט זיך מיט אים איצט ווידער פאַרבונדן און איז אַריינגעטראָטן אין רעדאַקציע „אונדזער לעבן" ווי אַ סטאַבילער מיטאַרבעטער. און ווידער שלום. ווידער גוטע פריינד.

אָפּגעשטעלט האָט זיך די צייטונג ערשט נאָך דער אָקטאָבער־איבער־קערעניש אין רוסלאַנד. די „באָלשעוויקעס" האָבן באַלד אין אָנהייב פון זייער הערשאַפט ליקווידירט די פּריוואַטע צייטונגען. אויס מיט דער פרעסע־פרייהייט, מיט פרייהייט פון וואָרט... זיי האָבן גלייך גענומען אונטער זייער קאָנטראָל די פעדערס פון די שרייבער און אויף די מיילער פון די בירגער האָבן זיי אויפגעהאָנגען אַ שלאָס...

דער שלאָס, וואָס הענגט נאָך עד היום הזה...

20

אין דער „מאָמענט"־משפּחה

נאָכן אָפּשטעלן זיך פון דער קיצור־ימימדיקער צייטונג „נייעס" גייען ביי מיר ווידער חדשים פון אַרבעטלאָזיקייט. אָבער פּוסט־און־פּאַס גיי איך נישט אַרום. האָב איך מער צייט צו אַרבעטן איבער זיך, צו לערנען זיך, צו לייענען, צו שרייבן. כאַפּ איך זיך פון צייט־צו־צייט אַריין צו פּרצן, כדי צו הערן פון אים אַ מיינונג וועגן אַ נייער אָנגעשריבענער זאַך. הער איך אַ מאָל אַ וואָרט פון קריטיק; אַ מאָל אַ וואָרט, וואָס גיט האָפענונג און דער־מוטיקט... מ'גייט אַרויף צו פּרצן ווי צו אַ טאַטן, וויל ווי שטרענג ער זאָל נישט זיין, איז ער דאָך פאָרט אַ טאַטע, וועמען מען גלייבט; צו וועמען מען האָט דעם אַבסאָלוטן צוטרוי.

פּרץ וווינט שוין נישט מער אויף צעגליאַנע 1. ער האָט זיך איבערגע־צויגן אויף די אַריסטאָקראַטישע יעראָזאָלימסקע אַלייען; אָבער די צעגליאַנע איז ביי די שרייבער נישט אַרויס פון זינען. אַפילו גייענדיק צו יעראָ־זאָלימסקע האָט מען תמיד געפילט בחוש, אַז מען גייט עס אייגנטלעך צו

צעגליאַנע 1... און אַוודאי און אַוודאי האָבן שרייבער עס געפילט אין פּרצעס הויז.

מיט פּרנסה זיך אויך ווי עס איז אַן עצה געגעבן: געקריגן אַ פּאָר לעקציעס; טעכניש קאָריגירט אַ פּאָר אויסגאַבן, צ״אַ אַ פּריש־געשלייערטן בריוונשטעלער, וואָס האָט אַנטהאַלטן ליבע־בריוו, ראָמאַנסן און אַנדערע שאַלעמויזן, וואָס די בוכהאַנדלונג פון איינשטיין (דזיקע 13) האָט אַרויס־געגעבן. געווען אויך אַזעלכע ביליקע פּירות אויפן וואַרשעווער ביכער־מאַרק...

שפּעטער האָב איך אויך געקריגן צופעליקע אַרבעט ביי קאָרעקטור אין „מאָמענט״. נישט די רעדאַקציע גופא האָט מיר געגעבן די אַרבעט, נאָר דער „מאָמענט״־קאָרעקטאָר י. י. פּויזנער, וועלכער האָט געאַרבעט ביינאַכט און מחמת שלאָפקייט האָט ער מיר אָפּגעגעבן צוויי נעכט אַ וואָך און געצאָלט מיר פון זיינע שכירות. פּויזנער איז געווען אַן אַלטער בחור מיט מיחושן און די נאַכט־אַרבעט האָט אים שיער נישט איינגעבראָכן. און איך, נאָך אַ יונג בחורל, האָב די נאַכט־אַרבעט אויסגעפּירט שפּילעוודיק; נישט געשפּירט קיין מאָל קיין איבעריקע אָנשטרענגונג. אדרבה, אַז איך פלעג אַרויסגיין פון דער אַרבעט, פלעגט זיך מיר נאָך אַ מאָל פאַרגלוסטן צו מאַכן אַ שפּאַציר איבער די וואַרשעווער שטילע באַגינענדיקע גאַסן. אויף נאַלעווקעס האָט מען שוין דעמאָלט געקאָנט הערן די שטים פון דעם בייגל־הענדלער, דעם אָפּגעריסענעם פאַרמעליקטן בחור: „פרישע, וואַרימע בײגל״... דאָ און דאָרט פלעגט מען באַגעגענען אויסגעפּוצטע מאַנסבילן און ווייבער: דאָס גייט מען שוין פון חתונות... אַ מאָל ווידער פלעגן מיך אַ לאָק טאָן די בונטע פאַרבן אויפן מזרחדיקן האָריזאָנט — דער ערב זון־אויפגאַנג — און איך פלעג אַזוי פאַרקריכן דורך די געסלעך צו די וויסל־בּרעגעס.

י. י. פּויזנער איז געווען אַ טשעקאַווער טיפּ. אַ מענטש אַ שתקן, אַ בן־תורה, אַ נחבא אל הכלים. אַ וואָרט איז ביי אים געווען אַ רענדל. ער האָט נישט געהאַלטן פון שיחת חולין. אויף זיין פּנים האָט מען זעלטן געזען אַ שמייכל. שטענדיק אַ פאַרטראַכטער, ווי אין עפּעס מעיין געווען. זיינע יונגע יאָרן האָט ער פאַרבראַכט אין ישיבות, טעג און נעכט איבער ספרים און זיך אויסגעטאָן פון גשמיות. און פון דאָרט איז ער עס אַרויס אין דער וועלט מיט אַן אויסגעקרימטער פּלייצע, אויף וועלכער ער האָט געטראָגן

דעם יידישן גלות... ער האָט אָנגעהויבן שרייבן, פאַרעפנטלעכט קליינע אַר־בעטן און מיט יאָרן שפּעטער האָט ער זיך אָנטפּלעקט אין דער עפנטלעכ־קייט מיט אַ גרעסער ווערק „מלכות משיח". דאָס איז געווען אַ מין רעלי־גיעזער מאַניפעסט, אין וועלכן ער האָט אַקומולירט אַלע זיינע מחשבות פון זיין התבודדותדיקן לעבן. פויזנערן דעם תלמיד־חכם האָט שטאַרק מקרב געווען הלל צייטלין און טאַקע אַ דאַנק צייטלינען איז ער אָנגעקומען אַרבעטן אין „מאָמענט".

געוווינט האָט פויזנער אין אַ קליין נעבעכדיק חדרל ביי עפּעס אַן אָרעמער פאַמיליע אויף פּאַדוואַל, אין וואַרשעווער אַלטשטאָט. אַז איך פלעג צו אים אַרויפקומען איין מאָל אין וואָך נאָך מיינע שכירות, פלעג איך אים דאָס רוב טרעפן אין בעט, הגם דאָס פלעגט שוין זיין אַרום צען אַזייגער אין דער פרי. נעבן אים אויף אַ בענקל זענען געווען אָנגעלייגט ביכער, ספרים.

— וואָס זשע ליגט איר אַזוי שפּעט?

— כ'בין, נישט פאַר אייך געדאַכט, נישט בקו הבריאות.

— וואָס איז אייך?

— נישט איך וויס, נישט די דאָקטוירים וויסן...

כאָטש דאָס האָט געקלאָנגט הייסן אַ וויץ, פון דעסטוועגן האָב איך נישט באַמערקט אויף פויזנערס פּנים קיין סימן פון קיין שמייכל.

איין מאָל איז אין דער אַנאָנסן־אָפּטיילונג פון „מאָמענט", אין די „גראַטולאַציעס", אַריינגעפאַלן אַזאַ מין דרוק־פעלער: ס'האָט עמעץ עמעצן באַגריסט צו אַ „פאַרלאָבונג". אָבער אָנשטאָט אַ בחור מיט אַ מיידל זענען על פּי דעם דרוק־פעלער „פאַרלאָבט" געוואָרן צוויי בחורים... צוויי מאַנס־בילשע נעמען.

מ'האָט די צייטונג אונטערגעטראָגן פויזנערן, יענער זאָל זען וואָס פאַר אַ קוריאָז ער האָט דורכגעלאָזט. פויזנער האָט געקוקט, געקוקט און אַפילו קיין שמייכל נישט געטאָן. לסוף האָט ער מיט דער גאַנצער ערנסטקייט געענטפערט:

— יאָ, ס'איז נישט מעגלעך... אָפּנים, ס'איז אַ גרייז...

מיט דער צייט, אַרבעטנדיק אין דער סביבה פון רעדאַקציע־קאָלעגן, אין איין חדר בציבור, האָט פויזנער ביסלעכווייז באַקומען אַ ביסל לשון.

ער פלעגט שוין אַ מאָל רעאַגירן אויף אַ באַמערקונג, אויף אַ וויץ, אַ מאָל אויך קרומלעך אַ שמייכל טאָן. מען זעט באַשיינפּערלעך, אַז אין אים איז פאָרגעקומען אַ שטיקל איבערברוך. און איין מאָל דערוויסט מען זיך אין רעדאַקציע, אַז פּויזנער האָט חתונה געהאַט. אַן אמתע סענסאַציע געווען. אַ שטילע חתונה איז עס געווען. ער האָט קיינעם פון רעדאַקציע נישט פאַרבעטן — אַחוץ הלל צייטלינען, וועלכער איז געווען אויף דער שטילער חתונה דער הויפּט־מחותן. צו ר׳ הללן איז פּויזנער דאָך געווען מער צוגע־לאָזן, אין געוויסער התקרבות. פּויזנערס זוגתו איז אויך געווען אַזאַ שטילע נשמה ווי ער. שעמעוודיק, בנעימותדיק ווי אַ רביצין. אַזוי שווייגעוודיק פלעגט זי קומען צו דער „מאָמענט"־קאַסע אָפּנעמען די שכירות, בעת איר מאַן פלעגט זיין אַ חולה און נישט קאָנען קומען צו דער אַרבעט. אַן אויס־געלייזטער פון אַלט־בחורשאַפט, איז ער שוין דעמאָלט נישט געלעגן איינער אַליין אין אַ חדרל, עלנט ווי אַ שטיין. אַרום זיין בעט האָט שוין אַרומגע־פאַדעט אַ פרוי, וואָס פלעגט אים קאָכן יאַיכלעך...

***

האַרבסט 1912 איז אַלמי אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע: ער האָט נישט געוואָלט דינען „פאָניען". צוליבן זעלביקן טעם האָט אויך פריִער מנחם געמוזט פאַרלאָזן וואַרשע. די רעדאַקציע „מאָמענט" האָט אַלמין האַרציק געזעגנט מיט אַ היימישער מסיבה. דער גאַנצער עולם פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע האָט אים באַגלייט צום ווינער וואָקזאַל — ווי אַן אייגענעם, ווי אַ משפחה־מענטש. איך בין אויך געווען צווישן די באַגלייטער — סיי ווי אַלמיס אַ חבר, מיין ערשטער חבר פון וואַרשע, סיי ווי שוין איינער פון רעדאַקציע־פּערסאָנאַל: צבי פרילוצקי האָט מיך גלייך אַריינגענומען אויף אַלמיס פּלאַץ — ווי רעדאַקציע־סעקרעטאַר.

בין איך ווידער אויס אַרבעטלאָזער. ווידער אויף אַ פּאָסטן, און דערצו אין אַ מער אָנגעזעענער צייטונג. און ווידער קומט מיר אויס צו אַרבעטן מיט מיין ערשטן רעדאַקטאָר — ווי אין „אונדזער לעבן". אין „מאָמענט" איז דער מצב אַ ביסל אַנדערש. קודם כל איז שוין פרילוצקי אַליין באַלע־באָס, נישט קיין אָנגעשטעלטער אַזוי ווי ביי האָכבערגן. איז ער תקיפער און זיכערער ביי זיך. איצט איז ער נישט נאָר שעף־רעדאַקטאָר, נאָר אויך

מיטאַרבעטער. פאַראַן איצט גאַנצע פינף באַלעבאַטים: ביידע פרילוצקיס (צבי און נח זיין זון), די צוויי ברידער פּרושאַנסקי (חיים און אַברהם) און דער מזרחיסט אליעזר זילבערבערג. די לעצטע דריי אַרבעטן אין אַדמי־ניסטראַציע.

אין רעדאַקציע „מאָמענט" איז די סביבה אַ היפשע. פאַראַן אַן אָנגע־זעענער שטאַב מיטאַרבעטער: הלל צייטלין, מרדכי ספּעקטאָר, צבי און נח פרילוצקי, י. ח. זאַגאָראָדסקי, דוד דרוק, דער טונקעלער, ב. יאושזאָן און אַנדערע. אַחוץ דעם איז דער „מאָמענט" אַ ליטעראַרישע אַכסניה פאַר אויסערלעכע שרייבער, וואָס קומען אָפט אַריין, כדי עפּעס אָפּצודרוקן אין דער פרייטיקדיקער ליטעראַרישער זייט. ווער איך ווידער אַריינגעצויגן אין דער רעדאַקציע־אַרבעט און קום אין כסדרדיקער באַרירונג מיטן שרייבערישן עולם.

א. אַלמי, הגם שוין אויף יענער זייט אַטלאַנטיק, האָט אָבער דעם קאָנ־טאַקט מיטן „מאָמענט" נישט איבערגעריסן און פלעגט זייער אָפט צושיקן מאַטעריאַל פאַר דער צייטונג — דאָס רוב בריוו פון אַמעריקע וועגן טשי־קאַווע דערשיינונגען אינעם דאָרטיקן ייִדישן לעבן. אַלמי איז פאַר די עטלעכע יאָר, וואָס ער האָט געאַרבעט אין „מאָמענט", געוואָרן אויך אַן אויסגעצייכנטער זשורנאַליסט, מיט אַ פיינעם זשורנאַליסטישן חוש. אַן איבעריקע באַשטעטיקונג, אַז אַפילו אַ פּאָעט, אַ לירי קער, וואָס זינגט וועגן הימל און שטערן, קאָן אויך האָבן אַ זין פאַר ערדישע, פּראָזאַישע מאַטעריעס, ווי עס איז זשורנאַליסטיק. אַלץ, וואָס אַלמי פלעגט צושיקן פון אַמעריקע, פלעגט מיר צבי פרילוצקי הייסן גלייך אַראָפּשיקן אין זעצעריי. ווי אַ רע־דאַקציע־סעקרעטאַר, פלעגט כמעט דער גאַנצער מאַטעריאַל דורכגיין דורך מיינע הענט. טייל מאַנוסקריפּטן פלעגט מען מוזן איבערקוקן, קאָריגירן. אַלמיס אַ כתב־יד פלעג איך קאָנען געבן זעצן מיט פאַרמאַכטע אויגן, נישט צורירנדיק זיך צו אים מיט דער פּעדער, — אַזוי פּרעציז און קאָרעקט זענען געווען זיינע זאַצן; אַזוי קלאָר אין לשון און אין סטיל און תמיד מיט אַחריות פאַר יעדן וואָרט. אַלע זענען געווען צופרידן פון אַלמיס מאַ־נוסקריפּטן — סיי דער רעדאַקטאָר, סיי דער רעדאַקציע־סעקרעטאַר, סיי דער זעצער און סיי דער קאָרעקטאָר. — „אַלמי איז שטענדיק אַ דרוק־פעיקער שרייבער"... — פלעגט זאָגן וועגן אים צבי פרילוצקי.

21

שרייבער און — פרויען

די רעדאַקציע „מאָמענט" איז געוואָרן אַ יידישער צענטער. אויסער שרייבער קומען אַהין אָפט באַקאַנטע געזעלשאַפטלעכע טוער, קולטור־מענטשן. דער „מאָמענט" איז געקניפּט און געבונדן מיטן יידישן לעבן אין אַלע זיינע אָפּצווייגונגען. עס פעלן נישט קיין צרות סיי פון די צאַרישע סאַטראַפּן, סיי פון די פּאָליאַקן־אַנטיסעמיטן. און מיט אַלע שווערע הערצער קומט מען אין רעדאַקציע.

כ׳בין ווידער אַן אָפטער איינגייער צו די פרילוצקיס אין הויז. אויך דאָרט קאָן מען אָפט טרעפן שרייבערס, עסקנים. פון די אָפטע איינגייערס ביי די פרילוצקיס איז געווען דער אַלטער דאָקטער טעאָדאָר הינדעס, צבי פרילוצקיס אַן אידייען־חבר, אַ חובב ציון. ד״ר הינדעס איז געווען אַן אינ־טערעסאַנטער מיטשמועסער, מיט עכט יידישן הומאָר און פּקחות. ער פלעגט תמיד טראָגן אַ ברייטע טונקל־ברוינע פּעלערינע און איז געווען שטאַרק אָנזעעוודיק אין שטאָט. די גאַסטפריינדלעכע פּעפּי, פרילוצקיס פלונית, פלעגט זיך פלייסן מיט איר כיבוד פאַר די געסט. אויפן טיש האָבן גע־שפּיגלט די גלעזער טיי; פון קלאָשן האָבן געלאָקט פיינע פירות, קיכעלעך פון עטלעכע מינים. פלעגט זיין געמיטלעך ביים גאַסטפריינדלעך סערווירטן טיש פון די פרילוצקיס.

צווישן די געסט ביי די פרילוצקיס פלעגט מען אָבער קיין מאָל נישט זען זייער שנור — נחס פרוי, די שרייבערין פּאָולאַ ר. דאָס איז געווען מחמת אַן אַלטן ברוגז, וואָס ציט זיך זינט נחס חתונה. די עלטערן זענען געווען קעגן דעם שידוך. באַזונדערס זי, פּעפּי, איז געווען שטאַרק אומ־צופרידן פון דער שנור. פּאָולאַ ר. האָט שוין פריער געהאַט אַ מאַן, מיט וועלכן זי האָט זיך צעשיידט: יענער האָט געהאַט נישט גאָר קיין גוטן נאָמען... דעריבער טאַקע איז פּעפּין דער שידוך נישט געווען צום האַרצן. נח אָבער האָט זיך נישט גערעכנט מיט דער קעגנערשאַפט פון די עלטערן און האָט מיט איר יאָ זיך פאַרבונדן כדת משה וישראל. עס האָבן אים

אימפּאָנירט אירע שרייבערישע וואַלאָרן, איר באַקאַנטשאַפט מיט דער עליטע פון די פּוילישע שרייבער, ווי סטאַניסלאַוו פּשיבישעווסקי, קאַזימיר טעטמאַיער א״אַ. און אַוודאי האָט זי אים געמוזט אויך אימפּאָנירן ווי אַ ראַפינירטע פרוי...

אין יענער צייט האָט נח פּרילוצקי פאַרעפנטלעכט אַ ביכעלע לידער „פאַרן מזבח״ (נח האָט אַ מאָל אויך געזינדיקט מיט לידער) — אַ זאַמלונג ליבע־לידער, געווידמעט זיין אויסדערוויילטער. געווען דאָרט סענטימענטאַלע און אולטראַ־עראָטישע מאָטיוון, וועלכע האָבן נישט געשמעקט טייל מפונקים. ש. ניגער איז דעמאָלט אַרויס מיט אַ שאַרפער רעצענזיע קעגן דאָזיקן ביכעלע שירים. „שפּינוועבס״ — האָט געהייסן יענץ אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט שטאַרק אַרונטערגעריסן די דאָזיקע לידער. ניגער האָט אין זיי געזען נישט קיין אויסדרוק פון אמתדיקער, נאַטירלעכער עראָטיק, נאָר — פּערווערזיע... נישט קיין עכטן פּאָעטישן אויפבראַז פון געפיל, נאָר — שפּינוועבס... נחס עלטערן האָבן שטאַרק עגמת נפש געהאַט צוליבן ביכעלע „פאַרן מזבח״, וואָס זיי האָבן געהאַלטן פאַר מעשה־ילדות, בפרט אַז זיי האָבן געוווּסט, אַז דער גורם פון אָט די לידער נחס איז זי, פּאַולאַ ר., די שנור זייערע...

**
*

אין יענע יאָרן פלעגן געוויסע יונגע שרייבער זיך כאַפּן אַרויסצוגעבן יום־טוב־בלעטער. מ׳פלעגט אָפּמאַכן מיט אַ פאַרלעגער און אים צושטעלן אַ צוגעגרייטן מאַטעריאַל. אַזוי זענען דעמאָלט דערשינען אין וואַרשע די העפטן „ניסן״, „אלול״, „תשרי״, „פּסח־בלעטער״, „שבועות־בלעטער״ א״אַ. צו אַ פּאָר האָב איך אויך געהאַט אַ שייכות. אי מ׳פלעגט האָבן אַ געלעגנהייט עפּעס אָפּצודרוקן, אי מ׳האָט נאָך פאַרדינט ביים פאַרלעגער אַ ביסל האָנאָראַר. דער פלייסיקסטער צושטעלער פון אַזעלכע יום־טוב־בלעטער איז געווען ליפּאַ קעסטין — אַן עלטערער שוואַרצער בחור, וואָס פלעגט ליפערן וויצן פאַר די הומאָריסטישע אָפּטיילונגען פון די וואַרשעווער צייטונגען, און אין זיינע יום־טוב־בלעטער פלעגט ער שוין אויך אָפּדרוקן זיינע יום־טובדיקע מעשיות.

אין 1913 האָב איך אויך צונויפגעשטעלט און רעדאַגירט אַ ליטעראַ־

רעדאַקציע־מיטאַרבעטער פון „מאָמענט“ (1932)

1) אַברהם זאַק, 2) א. פּערעלמאַן, 3) ל. קעסטין, 4) ב. קאַרלינססקי, 5) י. טונקל, 6) צבי פּרילוצקי, 7) יוסף העפּטמאַן, 8) י. י. פּראָפּוס, 9) ז. סעגאַלאָוויטש, 10) א. ראָזענפעלד, 11) י. פויזנער, אַ11) ל. לענעמאַן, 12) ש. יאַנאָווסקי, 13) מ. טורקאָוו, 14) א. גראַפּמאַן, 15 מ. פּאָמעראַנץ, 16) י. באָרענשטיין, 17 ק. קאַרלינסקי, 18) פּנחס קאַץ, 19) א. ז. כהן, 20) נ. זילבערבערג, 21) א. ז. כאַנאַכאָוויטש, 22) מ. קרימסקי, 23) י. מ. אַפּעלבוים. 24) י. שפּיראָ, 25) י. מ. ברוין, 26) נח פּרילוצקי, 27) ב. כילינאָוויטש, 28) הלל צייטלין, 29) מ. סוריץ, 30) י. פּערלע.

ייִדישע שרײַבער אין וואַרשע ערב דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.
עס זיצן פון רעכטס צו לינקס: נחמן מייזיל, איציק מאַנגער, א. אַלמי (בעת אַ באַזוך),
אברהם זאַק, אפרים קאַגאַנאָווסקי און יהושע פערלע.

רישע זאַמלונג „זומער־צייט״, אין וועלכער עס זענען אַריין אַרבעטן פֿון אַ גאַנצער ריי שרייבער: לידער, דערציילונגען, אַרטיקלען. מיין אַרויסגעבער איז געווען חיים פּרושאַנסקי, איינער פֿון די „מאָמענט״־שותפים. היות דעמאָלט איז אין וואַרשע געווען זלמן שניאור, האָב איך זיך אויך געווענדט צו אים, אַז ער זאָל מיר עפּעס געבן פֿאַר דער זאַמלונג. כ׳בין געקומען צו אים אין האָטעל „ראָסיאַ״ אויף נאַוואָליפּקי גאַס. ס׳איז שוין געווען אַרום 11 פֿאַר מיטאָג, אָבער שניאור איז נאָך געלעגן אין בעט.

— אַזוי שפּעט אין בעט? — חידוש איך זיך.

— אוי די ווייבער, די ווייבער... — האָט ער זיך ווי פֿאַרענטפֿערט. — זיי לאָזן גאָר נישט שלאָפֿן גיין ביי נאַכט...

הערנדיק וועגן וואָס כ׳בין געקומען צו אים, האָט ער באַלד אַ זאָג געטאָן:

— און האָנאָראַר?... גיט אַ דריי רובלדיקן באַנקנאָטל, וועל איך אייך געבן אַ ליד.

און אַזוי איז טאַקע געווען: כ׳האָב אים דערלאַנגט פֿאָרויס דעם האָנאָראַר און שניאור האָט אַרויסגענומען פֿון אַ טעקע אַ פּעקל כתב־ידן און אויסגעקליבן פֿאַר מיר אַ ליד, געשריבן מיט זיין דראָבנעם פּערלדיקן כתב.

מיט זלמן שניאורן פֿלעגט מיר אויסקומען אין יענער צייט זיך צו באַגעגענען אויף קאַרמעליצקע ראָג דזיעלנע, אין סיגאַלינאַס אַ קעפֿיר־אַנשטאַלט. איך פֿלעג אַהין אָפֿט אַריינקומען טרינקען קעפֿיר אין די פֿרימאָרגנס, פֿאַרן גיין אין רעדאַקציע. איין פֿרימאָרגן בעת איך בין געזעסן דאָרט ביי אַ טישל, איז אַריינגעקומען שניאור. דערזעענדיק מיך, האָט ער זיך צוגעזעצט ביי מיין טישל. דער שמועס איז ביי אונדז געווען וועגן ווייבער... אָנגערעגט דערצו האָט די יונגע בלאָנדע קאַסירערין — אַ וואַרשעווער אַסימילירט מיידל. שניאור — נאָך אין פֿולן מאַנסבילשן גלאַנץ, מיטן שוואַרצן, צוגעשוירענעם פֿראַנצויזישן בערדל, מיט די גליִענדיקע אויגן — האָט מיר געמאַכט באַמערקונגען אויפֿן חשבון פֿון דער קאַסירערין. איר ליכטיק פּנים, איר בלאָנדע, פּוכיקע פֿריזור, איר פֿיין־ליניִרטער האַלדז, די בלויקייט פֿון אירע אויגן — אין דעם אַלעם פֿילט ער אַ סימפּאַניע... עס זינגט פֿון איר אַרויס...

און אַזוי ריידנדיק, האָט ער כסדר געשיקט צו איר זיינע בליקן. איך האָב באַמערקט, אַז זי פילט עס; ווייס, אַז מען רעדט עס וועגן איר און זי, אַ זשעניִרטע, האָט אויסגעמיטן צו קוקן אויף אונדז.

איך האָב שניאורן געזאָגט, אַז מיר געפעלט גראָד די צווייטע קאַסי־רערין — איר „סמענאַ" — וואָס טוישט זיך מיט איר אַ טאָג איבער אַ טאָג. יענע איז אַ ראַסאָווע ברונעטין, אַ קאַווקאַזערין, טאַקע סיגאַלינאַס אַ קרובה. אַ מיידל אַ ברען, מיט שוואַרצע אויגן, וואָס קאָנען אָנצינדן אַ שרפה אין אַ מאַנסבילש האַרץ... מיט יענער, — דערצייל איך שניאורן, — בין איך קנעפּל שבקנעפּל... ווען איך טרעף יענע ביי דער קאַסע, פאַרשפּעטיק איך שוין דאָ צו דער אַרבעט... מיר ריידן און פאַררעדן זיך, און כ׳טרינק דעם קעפיר אַזוי לאַנגזאַם, מיט כסדרדיקע הפסקות...

— יאָ, אמת, אויך יענע איז אַ טשיקאַווע מיידל; אָבער מיר געפעלט די בלאָנדע. קוקט אָן, אָט אַ שטייגער, איר פאַרבאָרגן שמייכעלע... דאָס פאַזירט זי דאָך איצט פאַר אונדז... זי שפּילט, די ממזרטע...

מיר איז אַזש געוואָרן אומבאַקוועם פאַר דער קאַסירערין, ווען שניאור האָט כסדר זשעניִרט מיט זיינע בליקן אין איר זייט. האָב איך זיך דער ערשטער אויפגעהויבן. שניאור איז אויך מיטגעגאַנגען מיט מיר אין רעדאַקציע.

צומאָרגנס האָב איך געטראָפן אין קעפיר־אַנשטאַלט „מיין" מיידל, די קאַווקאַזערין, און מיט אַ טאָג שפּעטער — שניאורס בלאָנדינקע. מיט מיר איז זי געווען אַ ביסל היימישער, ווי מיט אַ סטאַבילן גאַסט, און זי פרעגט מיר גלייך:

— ווער איז עס דער מאַן, מיט וועמען איר זייט אייערנעכטן דאָ געזעסן?

איך זאָג איר, אַז דאָס איז אַ באַוווסטער יידישער און העברעישער פּאָעט.

— ווי איז זיין נאָמען?

איך זאָג איר; אָבער דאָס אַסימילירטע יידישע מיידל האָט קיין מאָל נישט געהערט אַזאַ נאָמען. פון וואַנען? אַז איר מוטער־שפּראַך איז פּויליש.

איר שול־שפּראַך פּויליש און רוסיש. און קיין יידיש קען זי נישט — נישט ריידן, נישט לייענען. און קיין העברעיש אַוודאי נישט.

— ער געפעלט זיכער פרויען ווי אַ שיינער מאַן... — פּראָוואָציר איך.

— און מיר געפעלט ער נישט... — זאָגט זי שמייכלענדיק. — ער זעט אויס ווי אַ טיפּישער „סאַמיעץ"... *).

און דערביי דערציילט זי מיר, אַז איין טאָג איז ער צו איר צוגעגאַנגען, איר אַ ווייז געטאָן אַ פּאָטאָ און געפרעגט: „ביע יאַ לי עטאָ?" **). און זי האָט נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס ער גייט עס איר ווייזן זיין פּאָטאָ.

איך האָב זיך יאָ אָנגעשטויסן און איר אויפגעקלערט: דאָס האָט ער איר געוואָלט ווייזן דאָס בילד מיט זיין נאָמען, וואָס אַ פאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן, כדי זי זאָל וויסן, אַז ער איז עס דער פּאָעט זלמן שניאור... אַפּנים, אַז אַפילו אַ זלמן שניאור קאָן אַריינפאַלן אין נאַיוויטעט לגבי אַ שיין בלאָנד מיידל . . .

אין יענעם זומער — דעם זומער 1913 — איז שניאור צוריקגעקומען פון צאָפּאָטער פּליאַזשע — אַ פרישער, אָן אָפּגעברענטער — און האָט אָפּגעדרוקט אין „מאָמענט" זיינע איינדרוקן פון יענעם דייטשישן קוראָרט. אַ בילדל פון פּרוויזשער נאַקעטקייט און מאַנסבילשער צעשטיפּטקייט אויפן באַלטיק־שטראַנד. פון זיין באַשרייבונג האָט געאָטעמט מיט יונגשאַפט, שפּיל און גלוסטעניש...

יאָ, די ווייבער, די ווייבער... די ווייבער האָבן דעם דעמאָלטיקן דאָן־זשואַנישן שניאור באַוועלטיקט. אים און זיין מוזע. און פון יענעם פּעריאָד, אַפּנים, שטאַמען עס זיינע פּרעכטיקע לידער און פּאָעמעס פון ליבע און שיינקייט. און דעמאָלט האָט מען עס אויף דער יידישער גאַס אומעטום געהערט זינגען שניאורס וווּנדערלעכע „מאַרגעריטקעס" — אַ ליבע־געזאַנג, וואָס האָט פאַרכאַפּט די פאַרבענקטע הערצער פון דער יידישער יוגנט...

---

*) זכר. — **) צי איך בין עס?

22

אויף דער גרענעץ פון אַ תקופה

דאָס יאָר 1913 איז געווען די גרענעץ פון אַ תקופה. אין 1914 איז געפאַלן דער שאָס אין סאַראַיעוואָ און באַלד נאָך דעם האָבן זיך צערעדט די האַרמאַטן...

דאָס יאָר 1913 איז אויך געבליבן ווי אַ געדענק־יאָר פאַר דער יידישער וועלט. דאָס איז געווען דאָס יאָר פונעם ביילִיס־פּראָצעס אין קיִעוו, ווו אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק איז דורך די צאַרישע שוואַרצע־מאהדיקע מושלים אַוועקגעזעצט געוואָרן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. אונטערן צייכן פון דאָזיקן אינסצעניזירטן פּראָצעס האָבן געפלאַטערט יידישע הערצער אין גאָר דער וועלט...

אַ באַזונדערע צערודערונג האָט דעמאָלט געהערשט צווישן די יידן אין וואַרשע. די פּוילישע באַפעלקערונג, וואָס איז תמיד אין איר גרויסער מערהייט געווען אַנטיסעמיטיש געשטימט, איז אין די טעג און וואָכן פונעם ביילִיס־פּראָצעס געווען היפּער־היפּער אָנגעשפיצט און האָט מיט הנאה אויפגעכאַפּט אַלע וויסטע פּלאַפּלערייען פון די אינספּירירטע, אונטערגעשטעלטע עדות פון דער אונטערוועלט אינעם קיִעווער געריכט־זאַל.

האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעריע כוליגאַנישע עקסצעסן קעגן יידן. מ׳איז באַפאַלן יידן אויף עפנטלעכע פּלעצער, אין זאַקסישן גאָרטן, אין די אַלייען. אין די גאַסן־זידלערייען האָט אַ ייד נישט געהאַט קיין אַנדער נאָמען ווי נאָר: „ביילִיס״; אַ יידישע פרוי — „ביילִיסאָווע״...

עס האָט זיך אויך צערעדט די פּוילישע שאָוויניסטישע פּרעסע, וואָס האָט אונטערגעכאַפּט יעדע גיפטיקע העצע קעגן יידן. די אַלע אומזיניקייטן און שקרים פון אַ פּראַנייטיס האָט זי צעלייגט אויף טעלערלעך; דאַקעגן האָט זי פאַרטושט די דערקלערונגען פון די עקספּערטן מצד דער פאַרטיידיקונג, ווי: הרב מזאה, פּראָפעסאָר בעכטערעוו, אַדוואָקאַטן גרוזענבערג, מאַקלאַקאָוו א״אַ.

יידן אין פּוילן האָבן איבערגעלעבט שווערע טעג. די וואַרשעווער יידי־

שע צייטונגען זענען יעדן טאָג אַרויס, ווי אין מלחמה־צייט, מיט אַפּווער־אַטאַקעס. פאַרשטייט זיך, אַז יידישע פּובליציסטן, די עפּנטלעכע וואָרט־זאָגער, האָבן אין יענער צאַרישער צייט נישט געהאַט די פולע פרייהייט אין זייערע אַרויסזאָגונגען. די האַנט פון דעם צענזאָר האָט מיט אַ רויטער בליישטיפט אויסגעמעקט די שאַרפערע אויסדרוקן פון יעדן אַרטיקל. און נישט זעלטן פלעגן יידישע צייטונגען קאָנפיסקירט ווערן. די צייטונגען זענען יעדן טאָג פול געווען מיט די אויספירלעכסטע באַריכטן און דער עיקר מיט די באַשרייבונגען פון די אייגענע ספּעציעלע קאָרעספּאָנדענטן, וועלכע זענען עקסטראַ געשיקט געוואָרן קיין קיעוו.

אין רעדאַקציע „מאָמענט" — פּונקט ווי אין די אַנדערע רעדאַקציעס: פון „היינט" און פון „פריינד" — האָט זיך טאָג־טעגלעך גערודערט. עס פלעגן כסדר אַריינקומען באַקאַנטע געזעלשאַפטלעכע עסקנים און סתם יידן פון פאַרשיידענע שטאָט־געגנטן מיט נייעסן — ווי פון אַ „פראָנט"... אַ יידישע רעדאַקציע האָט דעמאָלט אויסגעזען ווי אַ זיץ־אָרט פון גענעראַל־שטאַב...

אַפילו נאָך די שפּאַנענדיקע טעג פונעם בייליס־פּראָצעס, וואָס האָט זיך געענדיקט סוף־כל־סוף מיט אַ „העפּי ענד" פאַר יידן בכלל און פאַרן אומגליקלעכן ייד מענדל בייליס בפרט, — איז נאָך פון דעסט וועגן אין וואַרשע לאַנג, לאַנג נישט איינגעשטילט געוואָרן דער צעיושעטער פּוילישער כוליגאַניזם און אַ ייד אין גאַס האָט נאָך אַלץ אָפט פאַרנומען דאָס זידל־וואָרט: „בייליס"...

אָבער יידן האָבן אויסדויער און מיט זייער אַלטן בטחון קומען זיי איבער די שווערע צייטן, וואַרטנדיק אויף בעסערע, אויף ליכטיקערע... ווער נאָך ווי יידן זענען תמיד געוווינט צו וואַרטן אויף אַ משיח? — — —

האָט דאָס יידישע וואַרשע ווייטער געלעבט מיט איר שטייגער, מיט איר ריטעם. יידן פון נאַלעווקעס און גענשע, פון טוואַרדע און גזשיבאָוו האָבן געהאַנדלט, געמסחורט — דאָס איז געווען פאַרן חומר, פאַר גשמיות. אָבער יידן האָבן זיך אויך פאַרנומען מיט רוחניות: ווער מיט תורה־יידיש־קייט, מיט ישיבות, מיט חסידות און רביים, און ווער — מיט וועלטלעכע ענינים: מיט קולטור, מיט בילדונג, מיט ליטעראַטור און מיט וועלט־דער־לייזערישע אידעאַלן... ווער לעגאַל — אין די בירגערלעכע באַוועגונגען:

ציוניסטישע, דעמאָקראַטישע, פאָלקיסטישע; ווער — אין אונטערגרונט, אין די רייען פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען: „בונד“, „ס. ס.“, „פּועלי־ציון“, אַנאַרכיסטן. אַ טייל פון דער ייִדיש־אַסימילאַטאָרישער יוגנט איז אַריין אין די רייען פון „פּ. פּ. ס.“ און זיך דאָרט אויסגעלעבט.

און דאָ, פאַרשטייט זיך, האָט אויך די צאַרישע „אָכראַנע“ אויף דאַני־לאָוויטשעווסקע גאַס געהאַט וואָס צו טאָן... דערויף זענען דאָך געווען אין איר רשות די תּפיסות: דער „פּאַוויאַק“ אין האַרץ פון ייִדישן ראַיאָן; די ציטעווייליקע תּפיסה אויף ספּאָקאָינע גאַס; די תּפיסה אויף מאָקאָטאָוו; דער וואַרשעווער „ציטאַדעל“, ווו ס'האָט זיך ספּעציעל באַרימט געמאַכט דער „צענטער פּאַוויליאָן“. אין „צענטן פּאַוויליאָן“ זענען געווען פאַרשלאָסן דורך דער „אָכראַנע“ די סאַמע קאַרפּן־קעפּ פון דער „קראַמאָלע“. און דאָרטן, אין די אַלע תּפיסות, האָבן זיך ייִדישע מענטשן, ייִדישע פרייהייטס־קעמפער, יאָ באַגעגנט מיטן בעסערן פּוילן: מיט די פּוילישע רעוואָלוציאָ־נערן, מיט די פּאָליטישע טוער פון פּויליש־סאָציאַליסטישן אונטערגרונט. און דאָרט אין די תּפיסות איז אָפט מאָל יאָ געקומען צו אַ געוויסער פאַר־ברידערונג. דאָרט אין די פינצטערע קאַזעמאַטן האָבן פאַר אַלעמען גע־לויכטן די וויזיעס פון אַ בעסערן, פון אַ פרייערן פּוילן... די וויזיעס פון אַ מיצקעוויטש, פון אַ נאַרוויד, פון אַן עליזאַ אָרזשעשקאָ, פון אַ זשע־ראָמסקי...

פּאַראַלעל מיט דעם אַלעמען האָט זיך געוועבט אין וואַרשע אַ שעפעריש לעבן — אַ לעבן נישט נאָר פאַרן חומר, נאָר אויך פאַר דער נשמה. אַ לעבן פון שיינקייט און פּאָעזיע. די פּאָליאַקן אונטערן צאַרישן יאָך האָבן באַשאַפן אַ היפּשע ליטעראַטור. ווער פון די פּוילישע שרייבער עס האָט געלעבט אין „קאָנגרעסוווקע“; ווער אין אַלט־יחוסדיקן קראָקע, וואָס האָט געהערט צו עסטרייך, אָבער זייער וואָרט איז דערגאַנגען איבער די איינ־געשטעלטע גרענעצן פון צעטיילטן פּוילן. די פּאָליאַקן האָבן פאַרמאָגט אין וואַרשע פּרעכטיקע טעאַטערס מיט גאָר פיינע, הויך־באַגאַבטע אַקטיאָרן, ווי אָסטערוואַ, יונאָשאַ סטעמפּאָווסקי, ווענגזשין, סאָלסקי, פּשיבילקאַ־פּאָטאָצ־קאָ, די סוברעטין־זינגערין מעסאַלוונאַ א״אַ. די וואַרשעווער אָפּערע האָט געשפּילט טאָג־טעגלעך. פון אירע בינע־ברעטער פלעגן פון צייט צו צייט אַראָפּגלאַנצן אַזעלכע גאַסטראָליאָרן־„שטערן“ ווי שאַליאַפּין, באַטיסטיני,

די יאַפּאַנערין טייקאָ קיוואָ און אַנדערע גדולים. די פילהאַרמאָניע איז אָנ־געגאַנגען מיט אירע פּרעכטיקע סימפאָנישע קאָנצערטן, אונטערן דירי־זשאַר־שטעקעלע פונעם גאָונישן, טעמפּעראַמענטפולן ייִד זדזיסלאַוו בירנ־בוים, וועלכער פלעגט דיריזשירן גאַנץ בעטהאָווען אויף אויסווייניק.

אין אַלע טעאַטערס, ווי אין אָפּערע און פילהאַרמאָניע, האָט מען געזען פּראָפּאָרציאָנעל מער ייִדן ווי פּאָליאַקן. געווען אַזוי פיל ייִדישע מעלאָ־מאַנען, וואָס פלעגן נישט אַדורכלאָזן קיין איין וויכטיקן קאָנצערט אין פיל־האַרמאָניע און קיין איין בעסערע פאָרשטעלונג אין דער אָפּערע. ווער פון די מעלאָמאַנען עס האָט זיך נישט געקאָנט פאַרגינען צו קויפן אַזוי אָפט איינטריט־קאַרטן, פלעגט גיין אויף „גאַפּע״, אונטערקויפנדיק מיט אַ מטבע די בעלעטיאָרן...

ייִדישע באַזוכער פלעגן אויך אויספילן די זאַלן פון „זאַכענטאַ״ — דער טעמפּל פון דער פּוילישער קונסט — און פלעגן זיך אַנטציקן מיט די גרויס־פאַרנעמיקע לייוונטן פון אַ מאַטייקאָ, פון אַ גראָטגיער און אַנ־דערע גרויסע קינסטלער.

אויך אין ייִדישן טעאַטער־וועלטל איז דעמאָלט געווען לעבעדיק. אין וואַרשע האָבן געשפּילט אַ ריי טעאַטערס: קאַמינסקיס טעאַטער אויף אָבאָזש־נע, ראַפּעל און עפּעלבערגס „עליזעום״־טעאַטער אויף קאַראָווע, מוראַנאָ־ווער טעאַטער, „ערמיטאַזש״. עס האָבן געגלאַנצט די נעמען פון יענע בינע־שטערן: די מאַמע פון ייִדישן טעאַטער אסתּר־רחל קאַמינסקי, אַברהם־יצחק קאַמינסקי, זשעלאַזאָ, לאַנדאַו, ניעראַסלאַווסקאַיאַ, יוליוס אַדלער, רודאָלף זאַסלאַווסקי, די קאָמפּאַנייעצעס, די פּישזאַנס און פיל, פיל אַנדערע. אַן אָפּטע גאַסטראָלערין אין אָפּערעטן־טעאַטער איז געווען קלאַראַ יאַנג, וואָס האָט געהאַט אַ סך חסידים. אסתּר־רחל קאַמינסקי האָט שוין דעמאָלט געוווּנען די הערצער פון פּובליקום מיט איר קרוין־ראָל אין „מירעלע אפרת״.

אין יענער צייט האָט מען אין ייִדישן טעאַטער געשפּילט דראַמעס און אָפּערעטן. די אָפּערעטע האָט אָפט גענומען די אויבערהאַנט. מ'האָט היפּש געשוינדעוועט. „בינקע פּינקע״ איז דעמאָלט געווען אַן אָפטער גאַסט אויף דער ייִדישער אָפּערעטן־בינע. אין בעסערן ייִדישן טעאַטער זענען געגאַנגען פּיעסן פון יעקב גאָרדין (גאָרדין האָט געשלאָגן רעקאָרד), דוד פּינסקי, קאָברין, ליבין, אַ מאָל אויך פּרץ הירשביין א״אַ. י. ל. פּרץ האָט נישט

געהאַט קיין מזל צום ייִדישן טעאַטער — זיינע דראַמעס זענען געווען „צו ליטעראַריש" פאַרן דעמאָלטיקן ייִדישן טעאַטער... העכסטנס פלעגן דראַמ־קרייזלעך אויספירן זיינע איינאַקטערס, ווי: „ס׳ברענט" א״אַ. זיין פרווו צו שאַפן אַ טעאַטער־סטודיע מיט אַמאַטאָרן האָט נישט געהאַט קיין זיכערע באַזע און די סטודיע האָט נישט געהאַט קיין אַריכת ימים.

די ייִדישע טעאַטערס האָבן געשפּילט אַלע טעג פון דער וואָך. געווען אין וואַרשע אַ ייִדיש טעאַטער־פּובליקום, פאַר וועמען צו שפּילן. אין ייִדישן טעאַטער איז תמיד אָנגעגאַנגען אַ קאָנקורענץ און יעדער האָט געוואָלט איבערשטייגן דעם אַנדערן מיט אינאָוואַציעס, מיט גאַסטראָליאָרן. די טעאַ־טער־אַנאָנסן אין די ייִדישע טעגלעכע צייטונגען האָבן פאַרנומען דעם אויבנאַן. און אויך אין רעקלאַמע האָבן די ייִדישע טעאַטערס זיך באַמיט איבערצושטייגן איינע די אַנדערע. יעדער האָט גערימט זיין סטאַר, זיינע קרעאַציעס.

אויסער די פּראָפעסיאָנעלע טעאַטערס זענען אָפט געווען אין וואַרשע אינדיווידועלע אויפטריטן אויף אַמאַטאָרישע עסטראַדעס, דער עיקר אין „הזמיר". ביים „הזמיר" האָט זיך אויסגעבילדעט אַ פיינער כאָר — פרי׳ער אונטער דער לייטונג פון נאַראָווליאַנסקין און שפּעטער פון שניאורן. דער דעמאָלט שוואַרץ־טשופּריניקער שניאור איז געווען אַ דיריזשאָר מיט ברען, מיט טעמפּעראַמענט. ער האָט גרופּירט אַרום זיין כאָר אַ גאַר היפּשן יונגן עולם. פון זיי זענען אַרויסגעקומען געשולטע זינגער, וואָס האָבן זיך שפּע־טער צעשפּרייט איבער דער וועלט.

*****

אין יענער צייט האָב איך געוווינט אין אַ בשותפותדיקן צימער אויף דזיעלנע 11. מיין מיטוווינער איז געווען אַ שטיקל „זעמליאַק" — אַ בחור פון סקידל, אַ שטעטל בשכנות פון מיין כרך אַמדור. הערשל שקלאַרסקי האָט ער געהייסן. זיין „האָבבי" איז געווען — מוזיק. ער האָט געשפּילט אויף אַן אינסטרומענט — אויף אַ גיטאַרע, וואָס איז דעמאָלט אין דער מאָדע געווען אין די אַמאַטאָריש־מוזיקאַלישע קרייזן. דער דאָזיקער בחור האָט מיך סוגערירט און אַריינגעצויגן אין זיין מוזיקאַליש וועלטל און מיך אויך געמאַכט פאַר אַ מעלאָמאַן. צוזאַמען מיט אים בין איך אויך געוואָרן

אָן אָפּטער באַזוכער פון פילהאַרמאָניע און אָפּערע. ס׳האָט מיך געצויגן אַהין ווי אַ מין שיכרות. כ׳בין ממש געוואָרן אַ הייסער חסיד פון בעטהאָווען און טשייקאָווסקי. ווען מ׳פלעגט געבן אין פילהאַרמאָניע בעטהאָווענס ניינ־טע סימפאָניע אָדער טשייקאָווסקיס זעקסטע פּאַטעטישע סימפאָניע, איז פאַר מיר געווען אַן אמתער יום־טוב. כ׳פלעג ווערן אמתדיק מיטגעריסן פון די כשופדיקע קלאַנגען, וואָס האָבן אָנגעפילט דעם איבערפולטן פּרעכטיקן פילהאַרמאָניע־זאַל. איך האָב זיך דאָרט אין אַזעלכע רגעס געפילט דער־הויבן ווי אין אַ הייליקן טעמפּל. כ׳האָב געשפּירט בחוש, אַז דער כוח פון דער מוזיקאַלישער שיינקייט איז טיפער, שטאַרקער און מעכטיקער אין אויסדרוק ווי דער כוח פון דיכטערישן וואָרט. מהאי טעמא קאָן אַ דריי־טויזנט קעפּיקער עולם אין פילהאַרמאָניע זיצן מיט אַזאַ פאַרכאַפּטן אָטעם — אַ געפאַנגענער פון די כשופדיקע קלאַנגען... אין אַ ליד, אַ שיין ליד, פאַנגט אונדז מער די מיסטעריע, וואָס פליסט אַרויס פון צווישן די שורות איידער די ווערטער גופא. און אָט די מיסטעריע פונעם ליד איז שוין דעמאָלט ענלעך צו מוזיק. פאַר דער מיסטעריע פון ליד דאַרף מען אָבער האָבן אַ זייער דין געהער צו קאָנען אויפכאַפּן די שיינקייט, דעם ריטמישן קלאַנג און ווידערקלאַנג פון אַ פּיליזאַנגדיקער שורה...

דערמאָנט זיך מיר אַ קוריאָז פון יענער צייט:

איך זיץ איין מאָל אין אָפּערע, אין דער צווייטער ריי, אויף אַ פּלאַץ, וואָס „דער מאָמענט" האָט דאָרט געהאַט סטאַביל. נעבן מיר איז געזעסן ז. וועגדראָף מיט זיין פרוי, אויף די צוויי פּלעצער פון „היינט". וועגדראָף איז שוין דעמאָלט פּאָפּולער געווען צוליב זיין „פּראַוואָזשיטיעלסטוואָ", וואָס ער האָט סעריעסווייז געדרוקט אין „היינט". אין די ערשטע רייען פון דער אָפּערע זיצט תמיד די „סמעטענע" פון דער געזעלשאַפט. אַחוץ פאַר פּרעסע זענען דאָ רעזערווירט פּלעצער פאַרן גענעראַל־גובערנאַטאָר און פאַר אַנדערע דיגניטאַרן. די דאָזיקע פּלעצער ווערן קיין מאָל נישט פאַרקויפט. אויף די שטולן זענען צוגעשלאָגן מעשענע טעוועלעך צו וועמען זיי געהערן. דאָס מאָל זענען די דאָזיקע רייען געווען כמעט קאָמפּלעט באַזעצט. מ׳האָט געגעבן טשייקאָווסקיס „יעווגעני אָניעגין". די דאָזיקע אָפּערע האָט מען, ווי אַלע אַנדערע, געשפּילט אין פּויליש, אָבער לענסקין האָט דאָס מאָל געשפּילט אַ רוס, אַ גאַסטראָלער, וואָס האָט געזונגען אין רוסיש. ס׳איז

געווען אַ ביסל קאָמיש, ווען לענסקי האָט זינגענדיק גערעדט רוסיש מיט זיינע פּאַרטנערן, וואָס האָבן גערעדט און געזונגען אין פּויליש. און ווענדראַף האָט אין דער שטיל אַלע ווילע צוגעוואָרפן אין מיין זייט אַ באַמער־קונג, אַ וויץ אויפן חשבון פון גאַסטראָליאָר. דער עיקר — ער איז אים נישט געפעלן געוואָרן ווי אַ זינגער. אַ שוואַכער לענסקי. „מיט אַזאַ שטימע — שעפּטשעט מיר ווענדראַף — בעטשעט מען אין דער פּאַראַפיאַלער צערקווע און מ׳פאַרט נישט אויף גאַסטראָלן אַזש קיין וואַרשע"... דאָס ערגסטע איז געווען וואָס ווענדראַף האָט אין אַ געוויסן מאָמענט גאָר אָנגע־הויבן דרימלען. די אויגן האָבן זיך אים צוגעמאַכט און דער קאָפּ האָט זיך אַ ביסל אַראָפּגענייגט. זיין פרוי פון יענער זייט האָט עס באַמערקט און אים אַ שטויס געטאָן אין זייט. אָבער ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און ווענדראַף איז ווידער אַריינגעפאַלן אין זיסן דרימל... די שכנים אין אונדזער ריי זענען געוואָרן אויפמערקזאַם דערויף און געוואָרפן בליקן צום שלאָפנדיקן. דערצו איז געווען אַ מאָמענט, ווען דער גאַסטראָליאָר איז גע־שטאַנען זייער נאָענט פון דער ראַמפּע און ער האָט זיכער געזען ווי אין דער צווייטער ריי שלאָפט מען אין ביי זיין געזאַנג... ס׳איז מיר אַזש פיינ־לעך געוואָרן די סיטואַציע און כ׳האָב געוואַרט, אַז ווענדראַפס פרוי זאָל געבן אַ מער ענערגישן שטויס איר שלאָפנדיקן מאַן. ווענדראַף איז וואַך געוואָרן ערשט ביים סוף פון אַקט, ווען די אַפּלאָדיסמענטן האָבן אים אויפגעריסן.

— וואָס האָט זיך אייך געחלומט?... — פרעג איך אים.

ווענדראַף האָט זיך ווי פאַרענטפערט:

— אַ זינגער איז עס? אַ דראַנג! נישט קיין זינגער און נישט קיין אַקטיאָר. דאָס איז לענסקי?! ער זעט דאָך אויס ווי אַ ישיבה־בחור!...

***

אַן אינטערעסאַנטער פּעריאָד געווען פאַר מיר דאָס דעמאָלטיקע וואַר־שע: זיך איינגענעסטיקט אין אַ גרויסער צייטונג, דערוואָרבן חברים, פריינד. ווילע מיידלעך־„פאַרערערינס" האָבן צעבאַלעוועט... (שמח בחור ביל־דותך...). די וועלט פון מוזיק האָט פאַרשיכורט. אַזוי פיל שיינקייטן האָבן זיך צעשפּילט אין יענע וואַרשעווער יאָרן... אָבער פון דעם אַלעמען האָב

איך זיך געמוזט אין איינעם אַ טאָג שיידן: אויף פאַר מיר האָט זיך דער־נענטערט דאָס פאַטאַלע יאָר, ווען איך מוז גיין דינען „פאָניען": דאָס פערצנטע יאָר. צושטעלן זיך מוז איך אָבער פריִער — אין האַרבסט 1913.

אייגנטלעך וואָלט איך געדאַרפט נאָכטאָן דעם ביישפיל פון מיין חבר אַלמי און פון מנחמען און אַוועקפאָרן באַצייטנס קיין אַמעריקע. עס האָט זיך מיר פשוט קיין מאָל נישט געלייגט אויפן שׂכל פאַר וואָס האָט אַברהם רייזען אָפּגעגעבן גאַנצענע עטלעכע יאָר „פאָניעס" קאַזאַרמע... אָבער היות ווי איך האָב געהאַט זיכערע שאַנסן באַפרייט צו ווערן ווי אַן „ערשטער לגאָטניק" (כ'בין געווען אַ בן יחיד), איז מיר געווען אַ שאָד צו פאַרלאָזן מיין וואַרשע (זי איז געוואָרן מיינע...) שוין אויף שטענדיק... האָב איך באַ־שלאָסן זיך יאָ צוצושטעלן צום „פריזיוו". פאַרפאַלן, וועל איך פאַרלירן אַ פּאָר חדשים אין קאַזאַרמע (לויט יענער פּראָצעדור האָב איך געקאָנט באַ־פרייט ווערן ערשט פון פּאָלק). האָב איך זיך מיט זייער אַ שווער געמיט אָפּגעזעגנט מיט אַלץ און מיט אַלעמען, געזאָגט אַלעמען: „אויף גיכן ווידער־זען" און בין אַוועקגעפאָרן קיין גראָדנע. היות ווי פון גראָדנע האָט מען דאַן געשיקט רעקרוטן דאָס רוב קיין מינסק, האָט מיר הלל צייטלין מיטגע־געבן אַ בריוו צו איינער אַ דאָרטיקער באַקאַנטער פּערזענלעכקייט מ'זאָל מיר מיטהעלפן זיך צו ראַטעווען פון „גוישע הענט"...

איך האָב אָבער געמאַכט אַ פאַלשן חשבון. אַ חשבון אָן באַלעבאָס. גע־שיקט האָט מען מיך נישט קיין מינסק, נאָר קיין זשיטאָמיר. און דער עיקר — מיינע שאַנסן באַפרייט צו ווערן פון פּאָלק זענען געוואָרן שוואַכער און שוואַכער ביז זיי זענען אין גאַנצן צערונען געוואָרן. עס האָט אויסגעפעלט צום קאָנטינגענט און דערפאַר האָט מען נישט געלייגט קיין אַכט אויף „ערשטע לגאָטעס". און אַזוי בין איך אַריינגעדרייט געוואָרן אינעם בלו־טיקן קאָשמאַר פון 1914...

דאָ דאַרף איך אָפּשיקן די לייענער צו מיינע צוויי ביכער: „פאָניע גנבֿ" און „אונטער די פליגל פון טויט". דאָרטן וועלן זיי געפינען דעם המשך...

אויף
די בריגן
פון
ניעמאַן

23

אין אַ פאַרבלוטיקטן שינעל

אָנהייב ווינטער נײַנצן־הונדערט־פופצן האָב איך זיך אומגעקערט פון מלחמה־פראָנט אין מײַן היימישן גראָדנע. כ׳בין דאָרט אָפּגעוואָרט געוואָרן פון מײַן שוועסטער, וואָס האָט דאָרט געוווינט מיט איר משפחה; פון טאַטע־מאַמע, וועלכע זענען עקסטראַ געקומען פון מײַן שכנותדיקן געבוירן־שטעטל.

כ׳בין געקומען אין מיליטערישע קליידער, מיט אַן איבערגעבונדענער פאַרוווּנדעטער האַנט, אָנגעהאָנגען אויף אַ פּעטליע, און אין אַ פאַרבלו־טיקטן שינעל. נישט מיט פרעמד בלוט איז דער שינעל פאַרפלעקט געווען, נאָר מיט מײַן אייגן בלוט... בלוט, וואָס נאָכן „כאַפּן" די קויל האָט גערונען פון מײַן האַנט אין משך פון אַ היפּשער צײַט, בעת מײַן לויפן פון דער „פּאָזיציע" דורך נאַכט און חושך, ביז אַ סאַניטאַר פון אַ טראַנשייע אין „טיל" האָט מיר פאַרלייגט דעם ערשטן באַנדאַזש.

נאָכן וואַלגערן זיך אין די מיליטערישע לאַזאַרעטן פון קורסק, וואָראָ־ניעזש, סאַראַטאָוו האָט מיך אַ מיליטעריש־מעדיצינישע קאָמיסיע באַפרײַט אויף אַ זעקס־חדשימדיקע דערהאָלונג. איידער איך האָב באַקומען אין סאַ־ראַטאָוו די באַפרייונגס־פּאַפּירן מיטן „געלד־פּאַיאָק" און באַן־בילעט האָב איך נאָך עטלעכע טעג „פּאַראַדירט" אין שטאָט מיט מײַן ווײַסן באַנדאַזש: בין איך דאָך געווען אַ יחסן, אַ „געראָי" *)... פון די ערשטע פאַרוווּנדעטע... מענטשן אין גאַס האָבן געקוקט אויף מיר מיט אַ מין דרך־ארץ. אומבאַ־קאַנטע פלעגן מיר אונטערטראָגן „כיבוד": ווער אַ „פּיראָג", ווער אַן עפּעלע. איין סטודענטקע, מיט גלאַנציקע בליקן פון עקזאַלטאַציע, מיט אַ האַרציק

---

*) העלד.

שמייכעלע, דערלאַנגט מיר אין גאַס אַ בלימל — אַן אימאָרטעל. האָב איך צוגענומען מיט פרייד סיי איר בלימל, סיי איר זיסן שמייכל...

אַזאַ מזל האָבן געהאַט נאָר די ערשטע פאַרוואונדעטע, די ערשטע העלדן. שפּעטער זענען די פאַרוואונדעטע געוואָרן אויס יחסנים — ווען איבער גאַנץ רוסלאַנד האָבן זיך געצויגן פון די פראָנטן די לאַנגע, לאַנגע סאַניטאַר־עשאַלאָנען; ווען רוסלאַנד איז אָפּגעגאַנגען מיט בלוט...

פאָרן אַרויספאָרן פון סאַראַטאָוו האָב איך נאָך באַוויזן אַריינצוכאַפּן אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג; אַ באַזוך אין שטאָטישן מוזיי און גאָר שיינע שפּאַצירן ביי די ווייס־פאַרשנייטע ברעגעס פון דער פיל־באַזונגענער וואָלגע —

„וואָלגאַ, וואָלגאַ,
מאַט' ראָדנאַיאַ...

אויפן לאַנגן וועג פון סאַראַטאָוו קיין גראָדנע האָב איך געמאַכט אַן איבעררייס אין ווילנע. ווי פאָרט מען עס פאַרביי דאָס יידישע ווילנע און מ'כאַפּט נישט אַ בליק אויף אַנשי שלומנו — אין רעדאַקציע פון דער יידישער צייטונג, ווו זלמן רייזען האָט געקיניגט?...

אַ דערשלאָגנקייט, אַ דערדריקטקייט האָט געהערשט אין שטאָט. אַ סך יידן האָבן זיך עוואַקוירט אין טיף „ראַסיי״.

אויך אין גראָדנע איז נישט געווען בעסער. כ'האָב עס גלייך דערשפּירט אין ערשטן טאָג פון מיין אָנקומען אַהין. דאָרט זענען די פראָנטן נאָך נענטער געווען. מזרח־פּרייסן איז דאָך געווען מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. און יידן דערציילן, אַז אין דער שטילקייט פון דער נאַכט הערט מען אַפילו אַ מאָל די דונערן פון קאַנאָנאַדעס. אין גראָדנע איז געווען אַ סך מיליטער. מ'האָט תמיד געזען אויף די גאַסן מאַרשירנדיקע ראָטעס. „פּאָניע״ מאַרשירט מיט געזאַנג — כאָטש פון די פראָנטן זענען נישט געקומען קיין פריילעכע ידיעות.

ראַז, דוואַ,
אידיאָם מי נאַ וויראַגאַ —
זאַ מאַטושקו ראַסיו,
זאַ נאַשעוואָ צאַריאַ...

**
*

דעם פאַרבלוטיקטן שינעל האָב איך באַלד אין די ערשטע טעג אויס־געטאָן און פאַרביטן אויף ציווילע קליידער, די גרויסע שטיוול מיט די הויכע כאַליעוועס — אויף עלעגאַנטע לאַטשן, און כ׳בין ווידער געוואָרן אַ ציווילער מענטש. מ׳האָט אָבער אויף מיר געזען אַן אַנדער צייכן פון פראָנט — דעם מאַרלע־בינט אויף מיין האַנט. די קוראַציע פון מיין האַנט איז נישט קיין קורצע. הגם קיין אָרגאַנישע באַשעדיקונג איז נישט געווען (די קויל האָט דורכגעשפּאַצירט דורך דער האַנטפלאַך, נישט אָנגרייפנדיק נישט קיין ביין, נישט קיין אָדער), פון דעסט וועגן זענען עטלעכע פינגער געווען כמעט אומבאַוועגלעך. מ׳האָט געדאַרפט מאַכן טאָג־טעגלעך מאַסאַזש, וואַנעס, כדי די האַנט צוריקברענגען צו איר נאָרמאַלן צושטאַנד. אָבער וואָס איז די איילעניש?... אין מלחמה־צייט קומט אַ קראַנקע האַנט צונוץ...

און אַזוי בין איך שפּעטער מיט אַ וואָך, נאָך די שווערע איבערלע־בענישן אויפן פראָנט, אַריינגעפאָרן אויף אָפּרו און אַנטשפּאַנונג אין מיין היים־שטעטל — אין „כרך" אַמדור.

אין שטעטל בין איך געווען די „סענסאַציע" פון טאָג: דער ערשטער פאַרוווּנדעטער, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון פראָנט. ייִדן זענען מיר געקומען אָפּגעבן שלום־עליכם. און איטלעכער האָט געקוקט אויף מיר ווי אויף אַ בייז ווונדער; ווי אויף איינעם וואָס קומט פון יענער וועלט. יעדער איינער האָט מיך אויסגעפרעגט ווי אַזוי איז עס אויפן פראָנט? צי בין איך טאַקע געווען ממש אין סאַמע פייער?...

— איר האָט דאָך די בעסטע ראיה... — ווייז איך זיי מיין איבערגע־בונדענע האַנט.

— צי זייט איר אויך געגאַנגען „נאַ שטיקי"?...*) — פרעגט מיך ווער.

— צום גליק נישט...

דער נייגעריקער פרעגער האָט טאַקע אָנגערירט אַ וויטיקלעכן ענין: „נאַ שטיקי"... אויפן פראָנט האָט מיך תמיד געפּייניקט דער געדאַנק: „ווי וועל איך אויסזען און וואָס וועל איך טאָן ווען עס קומט מיר אַנטקעגן אַן עסטרייכער מיט אַ פאַרמאָסטענער שפּיז אַנטקעגן מיין ברוסט?"... אין קאַזאַרמע האָב איך רויק געקאָנט אַריינשטעקן דעם שטיק אין אַן אָנגע־

*) אויף באַגנעטן.

שטאָפּטן שטרוי־זאַק (טשוטשעלאָ); אָבער אין אַ מענטשלעכער ברוסט? אין מענטשלעכע געדערעם?!... ווי האָב איך עס איין מאָל אויפגעשווי־ דערט, בעת איך האָב געזען ווי איינער אַ רוסישער סאָלדאַט האָט אַריינ־ געשטאָכן דעם שטיק אין בויך פון אַ טויטן, מיינענדיק, אַז יענער לעבט נאָך... אָבער דער גורל איז, צו מיין גליק, געווען צו מיר גנעדיק און מיך נישט געשטעלט אין אַזאַ גרויזאַמער לאַגע...

דער מרא דאתרא פון שטעטל — הרב ראובן כ״ץ — האָט געשיקט צו מיר אַ שליח און מיך זייער געבעטן איך זאָל צו אים אַריינקומען. נו, אַז אַ רב רופט, דאַרף מען גיין. אויך דער רב איז געווען גוואַלדיק טשעקאַווע אָנצו־ קוקן אַ מענטשן, וואָס קומט פון גיהנום. ער האָט מיר געגעבן אַ וואַרעמען שלום־עליכם און מיך געבעטן זיצן. ער האָט מיך אָפּגעהאַלטן אַ היפּשע צייט און פאַרשאָטן מיט פראַגן.

— אוי להן לאזנים שכך שומעות!... — רופט ער אויס, אויסהערנדיק פון מיר אַ ביסל פּרטים; אַ בינטל שוידערלעכקייטן פונעם פעלד פון טויט.

— איר דאַרפט בענטשן גומל — גיט ער צו, — ס׳איז אַ גרויסער נס און אַ גרויסער זכות, אַז מען גייט אַרויס אַ לעבעדיקער פון אַזאַ פייער...

און פאַרן אַוועקגיין דריקט ער מיר די האַנט און בענטשט מיך:

— זאָל אייך דער רבונו של עולם להבא אויסהיטן פון אַזעלכע סכנות...

און שוין ביי דער טיר רעדט ער ווייטער:

— נאָך אַלעמען לייגט זיך עס מיר נישט אויפן רעיון ווי אַזוי קאָנען עס מענטשן ביי זיך פועלן צו מאָרדן איינע די אַנדערע. פאַר וואָס און פאַר ווען?... גלאַט זיך אויסשעכטן אין די הונדערטער, אין די טויזנטער?... רחמנא ליצלן! וואָס טראַכט אַ מענטש בעת מעשה? וואָס, אַ שטייגער, האָט איר געטראַכט?...

— מיר דוכט זיך אַלץ, — ענטפער איך, — אַז קיין לעבעדיקער מענטש איז מסתמא נישט געפאַלן פון מיינער אַ קויל...

— פון וואַנען ווייסט איר עס? איר זייט דאָך געווען אין פייער...

— יאָ, כ׳בין געווען אין פייער נישט איין מאָל, נאָר מערערע מאָל. אָבער שיסן איז מיר אויסגעקומען אויף בלינד. קיין מענטשן האָב איך דאָן אָנטקעגן גאָרנישט געזען. האָב איך אַ וואָלקן צעשאָסן מיט מיינע קוילן...

— ווען אַלע וואָלטן געשאָסן אין די וואָלקנס, וואָלטן דאָך קיין מענטשן נישט געפאַלן...

***

דער שניי אין שטעטל האָט איינגעהילט אין ווייסן די געסלעך, די הייזקעס. כ׳פלעג אַמאָל זייער ליב האָבן די ווינטערדיקע שטילקייט אין שטעטל. אָבער דער איצטיקער ווינטער האָט נישט געבראַכט די שטילקייט וואָס אַלע יאָר. דאָס שטעטל איז געוואָרן אַ טראַנזיט־פּונקט פאַרן רוסישן מיליטער. זייער אָפט זענען דאָ דורכגעגאַנגען כלערליי מיליטערישע אָפּטיילונגען, „אָבאָזן״. מ׳האָט געצויגן צום פראָנט און פון פראָנט. מ׳האָט תמיד געשפּירט די מלחמה־שטימונג אין דער לופט. אין געוויינלעכע שלום־צייטן, אין די לעצטע יאָרן, איז קיין גאַרניזאָן אין שטעטל נישט געווען. איצט סטאַציאָנירן שוין דאָ עטלעכע אָפּטיילונגען מיט אַ קאָמענדאַנט, וואָס איז דער פאַקטישער באַלעבאָס פונעם שטעטל. און אַז איך בין אָנגעקומען, האָב איך, ווי אַ סאָלדאַט אויף דערהאָלונג, זיך געמוזט מעלדן צו אים אין קאַנצעלאַריע און ווייזן מיינע פּאַפּירן פון דער סאַראַטאָווער מיליטעריש־מעדיצינישער קאָמיסיע.

האַרט ביים שטעטל, אין הויף פון ידישן פּריץ — אין מוניס הויף — איז געווען איינגעאָרדנט אַ מיליטערישער לאַזאַרעט, ווו עס זענען געלעגן קראַנקע סאָלדאַטן פון גאַרניזאָן אָדער פון דער סביבה. דער מעדיצינישער פּערסאָנאַל איז נישט געווען קיין אָרטיקער, נאָר פון ציווילע רוסן, מיט־געבראַכטע פון די מיליטערישע אָפּטיילונגען.

אַזוי אַז כ׳האָב דאָס שטעטל געטראָפן אַן אַנדערס, אָנגעלאָדן מיט אומרו, וואָס איז אַהער דערגאַנגען פון די פראָנטן.

כ׳בין דאָ אַריינגעפאַלן אין אַ סימפּאַטיש אינטעליגענטיש קרייזל: גע־ווען דאָ דער דאָקטער יודל ליפּניק פון גראָדנע, דער אַפּטייקער יתום און זיין פרוי נעמי, די לערערס הימלפאַרב, דער „אַמעריקאַניעץ״ אַברהם־זעליק פרידמאַן א״אַ. צווישן זיי אויך אַ פּאָר יונגע מיידלעך, ציליע און דאָרע, וואָס צוליב מלחמה האָבן זיי געמוזט איבעררייסן זייער שטודיום און האָבן זיך דאָ פאַרנומען מיט געבן „אוראָקן״; ווילע מיידלעך, מיט היפּשער אינטעליגענץ, וועלכע האָבן אַ ביסל פאַרגרעסערט דעם קליינעם

ענגן קרייזל. דער זאַמלפּונקט איז געווען ביים אַפּטייקער — אין דער ווייסער געמויערטער געביידע אין צענטער שטעטל. דאָרט האָט מען אָפט פאַרבראַכט די אָוונטן ביי שפּיגלדיקע גלעזער טיי. אַהין פלעגן אויך אַריינ־קומען דער „וראַטש"*) פון לאַזאַרעט און איינע אַ קראַנקן־שוועסטער, מאַריאַ פּעטראָוונאַ: אַ בלוי־אויגיק בלאָנד מיידל, מיט אַ גוטמוטיקן סימ־פּאַטישן שמייכל. ביידע האָבן זיך גערן געטוליעט צום ייִדישן קרייזל און געזוכט אַ ביסל היימישקייט אין דער אָפּגעריסנקייט פון זייערע ווייטע רוסישע היימען.

האָב איך דאָרט גערן פאַרבראַכט די אָוונטן אין געמיטלעכע שמועסן. מ'האָט דאָרט גערעדט וועגן פּאָליטיק, ליטעראַטור, געוויכוחט. דער באַלע־באָס פלעגט אַ מאָל אַ שפּיל טאָן אויף אַ פּיסהאַרמאָניע. די מיידלעך פלעגן אַ זונג טאָן עפּעס פון נאַדסאָנען. אַ מאָל פלעגט ווער עפּעס רעציטירן, פאַרלייענען. אַ מאָל ווידער פלעגט מען אויך פאַרברענגען אַן אָוונט מיט פלאַכן פאַרוויל — מיט אַלגעמיינעם שפּיל אין „פלירט באַגאָוו"**). בעת אַזאַ שפּיל האָט מיר מאַריאַ פּעטראָוונאַ גענומען צושיקן גאַר, גאַר ראָמאַנ־טישע פראַזן, כלומרשט געוואָרפענע פון פאַרשיידענע מיטאָלאָגישע געטער און געטינס — פון צעאוס, פון אַפּאָלאָ, פון ווענוס, פון דיאַנאַ וכדומה. דאָס דערלאַנגען מיר די קאָרטלעך אין דער שפּילעריי איז געווען באַגלייט פון איר שמייכלען צו מיר, אַ גאָר באַזונדער רמזימדיק שמייכלען, און לסוף איז געקומען צו אַ פאַרבעטונג אין איר צימער ביים לאַזאַרעט, וואָס אין מוניס הויף, צו אַ היימיש אימפּראָוויזירטן אָוונט־ברויט. דער דאָזיקער וויזיט מיינער האָט אַגב גורם געווען אַ שטומע, פאַרשטיקטע אייפערזוכט־סצענע מצד דעם „וראַטש"... אָבער איך בין דאָך געווען גאָט די נשמה שולדיק. די איניציאַטאָרין איז דאָך געווען זי, מאַריאַ פּעטראָוונאַ, און איך בין דאָך נישט מחויב געווען צו וויסן זייערע פערזענלעכע חשבונות...

און אַזוי האָט זיך געוועבט די צייט אינעם ערשטן מלחמה־ווינטער אינעם קליינעם שטעטל. מיטן געמיט און מיט מיין גאַנצער התמדה האָב איך זיך דאַן איבערגעגעבן צו פאַרפיקסירן די איבערגעלעבטע גרוילן אויף

*) מעדיצינער. — **) פלירט פון געטער.

די פעלדער פון טויט. עס האָבן זיך צעוואָקסן קאַפּיטלעך פון מיין „אונטער די פליגל פון טויט".

פלעג איך זיך אויך פאַרגינען צו ליגן אויף מיין געלעגער ביזן שפּעטן פרימאָרגן אין מיין טאַטע־מאַמעס אָרעמען שטיבל און קוקן פאַרטראַכט צו די קווייטן פון די פאַרפרוירענע שויבן, הינטער וועלכע עס האָבן געבוי־שעוועט שניי־זאַווערוכעס. אין דמיון האָב איך פאַרנומען קרעכצערייען, געשרייען פון פאַרווונדעטע... פאַרבלוטיקטע... פון יונגע לעבנס מיט צע־ריסענע אברים...

— גאָט צו דאַנקען, וואָס דו ביסט שוין אין דער היים... — זאָגט מיין מאַמע. — ווען דו ביסט נאָך, חלילה, אויפן פראָנט אין אַזעלכע פרעסט... גאָט מיינער!

און דער טאַטע גיט צו:

— אויף דער קויל, וואָס האָט דיך געטראָפן אין האַנט, דאַרף מען זאָגן: גם זו לטובה... ס'איז בדמיך חיי...

יאָ, מיין טאַטע איז גערעכט: בדמיך חיי...

24

ווען עס ריידן די קאַנאָנען...

דער ווינטער ניינצנהונדערט פופצן איז באַגלייט געוואָרן מיט דער מוזיק פון קאַנאָנען אויף די נאָענטע רוסיש־דייטשישע און רוסיש־עסטרייכישע פראָנטן און אַזוי אויך אויף די ווייטע מערב־פראָנטן פון די אַליאירטע. נאָך דער גרויסער מפּלה פון סאַמסאָנאָווס אַרמיי האַרבסט־צייט אין די מאַזו־רער בלאָטעס, אין די פליינען פון מזרח־פּרייסן, האָט זיך פּאָניע אונטערגע־גאַרטלט, געוואָרפן דיוויזיע נאָך דיוויזיע פון זיינע רעזערוון און זיך איינ־געפּעסטיקט אין די צוריקגעצויגענע פּאָזיציעס און דער געראַנגל איז ווייטער אָנגעגאַנגען. ווען אָט דער גרויסער מפּלה פון סאַמסאָנאָווס אַרמיי האָט עס טאַקע שפּעטער דער באַקאַנטער רוסישער פּאָעט און סאַטיריקער דעמיאַן ביעדני אָנגעשריבן זיין הומאָריסטישע פּאָעמע „קאַק סאַראַק טשעט־

וויאָרטאַיאַ דיוויזיאַ וו' ראַי פּאָפּאַלאַ" — ווי אַזוי די 44סטע דיוויזיע איז אַריין אין גן־עדן...

דערווייל זענען אָנגעקומען איוב־בשורות וועגן די ייִדישע שטעטלעך אין פּוילן, הינטער די רוסישע פראָנטן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעריע בלבולים, אַז ייִדן זענען שפּיאָנען; אַז ייִדן פאַרסמען די ברונעמער וכדומה. ווי אַ פּועל־יוצא פון די דאָזיקע בלבולים איז געקומען דער גירוש־באַפעל פון אַרמיי־פירער ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש. אויף אַן אַכזריותדיקן אופן האָט מען אַרויסגעשיקט די ייִדן פון אַ גאַנצער ריי ישובים. ייִדן האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייערע היימען נאַקעט און בלויז, איבערלאָזנדיק זייער האָב־און־גוטס אויף הפקר פאַר די קאָזאַקישע האָרדעס און מאַראָדערן. די ייִדישע צייטונגען, וואָס פלעגן דערגיין בישט־רעגולער אין שטעטל, זענען געווען איבערגעלאָדן מיט ייִדישע צרות... די קרבנות פונעם גירוש האָבן זיך געצויגן קיין וואַרשע, צו ייִדן בני רחמים, און געזוכט שוץ. וואַרשעווער ייִדן האָבן מאָביליזירט זייער הילף פאַר די פאַרטריבענע. בראש פון דער הילפס־אַקציע פון די ייִדישע קינדער זענען געשטאַנען יעקב דינעזאָן און י. ל. פּרץ. פּרץ האָט זיך אַזוי איבערגענומען מיט די ייִדישע צרות און דער עיקר מיטן גורל פון די ייִדישע קינדער, אַז ער איז געוואָרן איינגע־בראָכן. ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן האָט ער געווידמעט זיינע כוחות דער זאָרג פאַרן קינד. ביזן לעצטן טאָג און אויך — ביזן לעצטן ליד... ווייל אויך זיין לעצט ליד האָט געזאָלט זיין געווידמעט דעם ייִדישן קינד. געווען איז עס אין יענעם פאַטאַלן פסח־פרימאָרגן, ווען פּרץ האָט אָנגעהויבן שרייבן אַ קינדער־ליד און בלויז די ערשטע קורצע צוויי שורות האָט ער באַוויזן אָנצושרייבן:

שטילער, שטילער,
דאַנקען וויל ער...

פּרץ האָט דאָס ליד נישט געענדיקט; דאָס האַרץ פון דעם גרויסן ייִד און גרויסן שרייבער האָט אויפגעהערט קלאַפּן...

די באַשריבענע פּרטים אין אַ צייטונג וועגן פּרצעס טויט און זיין ריזיקער לוויה האָבן צערודערט מיין געמיט. עס האָט זיך צעברענט אין מיר די נאָסטאַלגיע נאָך דער וואַרשעווער סביבה פון שרייבער. אין יענע

מלחמה־באַדינגונגען האָט גאָר נישט געקאָנט זיין קיין רייד מכוח צוריק־פאָרן קיין וואַרשע.

דאָס יידישע וואַרשע אָן פּרצן. יידישע שרייבער האָבן פאַרלוירן אַן אַדרעס... צו וועמען וועלן איצט ציִען יידישע שרייבער?... ווער וועט זיי איצט דערמוטיקן, אָנצינדן, פליגל געבן? — — —

די פאַריתומטקייט האָט אויך מיך אין דער ווייטנס געגרייכט...

*****

איינטאָניק האָט זיך פאַר מיר געגרוקט דער ווינטער אין מיין קליינעם שטעטל. מ׳איז זיך יעדן אָוונט צונויפגעקומען אין דער דירה פונעם אַפּטייקער און פּאָליטיקירט. אויפן טיש זענען געלעגן די וואָגיקסטע צייטונגען, ווי: „ריעטש״, „בירזשעוויִאַ וויעדאָמאָסטי״, „קיִעווסקאיאַ מיסל״. עולם האָט זיך געטיילט אויף „רוסן״ און „דייטשן״. דאָס הייסט, טייל האָבן געגלייבט, אַז זיגן וועט רוסלאַנד; טייל האָבן געהאַלטן, אַז דייטשלאַנד וועט אַרויס מיט נצחון פון דער מלחמה. אַ גאָר הייסער „דייטש״ איז געווען דער אַפּטייקער. זיין הויפּט־אַרגומענט איז געווען אַ פּשוטער: „אַז מ׳הייבט אָן מיט יידן; אַז מ׳מאַכט גירושים, פּאָגראָמען — מוז מען האָבן המנס מפּלה״... און ווי אַן אמתער „סטראַטעג״ האָט ער באַוויזן, אַז פּאָניע מוז פאַרשפּילן; אַז די דייטשישע טעכניק מוז זיגן.

דער שאַרפסטער קעגנער פון די דייטשן איז געווען אין שטעטל לייזער שואלס — דער למדן און משכיל, וואָס פלעגט אַלע אָוונט לערנען „עין יעקב״ פאַר אַ טיש יידן אין גרויסן בית־מדרש. לייזער שואלס האָט גע־האַלטן, אַז די דייטשן זענען נאָך גרעסערע עמלקים ווי פּאָניע. ביי פּאָניען קאָן מען פאַר אַ טרונק בראָנפן אַלצדינג פּועלן; ביי די דייטשן אָבער — לא יזכר. אַז עס צעקאָכט זיך ביי זיי די יוכע, קאָנען זיי אומברענגען מענטשן... ווי אמתע גזלנים... און אַז לייזער שואלס האָט געלייענט (ער האָט אַליין געלייענט אַלע טאָג די „בירזשעוויִאַ וויעדאָמאָסטי״) וועגן אַ דייטשישן נצחון, האָט עס אים ממש טיף וויי געטאָן.

מיין טערמין פון די זעקס חדשים דערהאָלונג האָט זיך דערווייל גע־רוקט. אָט, אָט און ס׳וועט איבערלויפן. און וואָס ווייטער? ווידער גיין אויפן פראָנט? איך פאַר מיר האָב באַשלאָסן, אַז איך בלייב „נייטראַל״... אַז מער

מיש איך זיך נישט און גיי נישט מער מלחמה האַלטן... פאַר וועלכע מעשים טובים זאָל איך גיין לייגן דעם קאָפּ פאַר פּאַניעץ אינעם אומזיניקן קריג? בפרט די לעצטע איוב־בשורות וועגן די יידישע גירושים האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט מיין ווידערווילן צו גיין ווידער אונטערן ביקס. און כדי נישט צו גיין האָב איך געהאַט אַ פּאַסיוו מיטל: נישט צו היילן מיין פאַר־וווּנדעטע האַנט; נישט צו מאַכן נישט קיין וואַנעס, נישט קיין מאַסאַזש — אַזוי אַז די פינגער פון מיין לינקער האַנט זענען ווייטער, ווי אין סאַמע אָנהייב, געבליבן אומבאַוועגלעך ווי שטעקלעך. מיט אַזאַ האַנט קאָן מען מיך נישט שיקן אויפן פראָנט. מ׳קאָן נישט „פּאָ אוסטאַווו״... *).

צושטעלן זיך צו אַ מיליטערישער קאָמיסיע האָב איך געדאַרפט אין יוני. אָבער אין גראָדנע איז עס פאַר מיר געווען נישט גינציק: דאָ זענען די קאָמיסיעס געווען ס׳רוב דעמאָראַליזירט צוליב „כאַבאַר״... זיי האָבן זיך צוגעווינט מ׳זאָל זיי געבן אין יד אַריין דורך „מאַכערס״... איז מיר איינגעפאַלן זיך צוצושטעלן צו אַ קאָמיסיע אין אַ רוסישער שטאָט, ווייט פון יידישן „תחום המושב״. איך האָב אויסגעקליבן נאָווגאָראָד וואָס ביי פּעטערבורג. גראָד האָב איך דאָרט געהאַט אַ היימישן, אַ „זעמליאַק״ פון שטעטל — דעם „זובנאָי וראַטש״ **) באַריס עפראָן, אַ זון פון דעם למדן און משכיל לייזער שואלס. דער דאָזיקער באַריס פלעגט זיך פון צייט צו צייט אַראָפּכאַפּן צו גאַסט אין שטעטל און פלעגט פאַרברענגען מיט די שטעטלשע אינטעליגענטן אויף זייער לאַנגן גאַניק. אויך ער — ווי זיין ברודער אַלטער („אַלטער פּאַנסקי״ — ווי מ׳האָט אים גערופן) און ווי זיינע צוויי שוועסטערס לאהקע און באַשקע — איז געווען אַ בעל־מנגן און פלעגט זינגען אָדער גאָר אויספייפן באַקאַנטע אָפּערן־אַריעס. דערביי האָט ער זיך נאָך אַליין באַגלייט אויף אַ גיטאַרע. אַ באמת מוזיקאַלישע שטוב געווען.

איז מיר — אויף דער עצה פון די עפראָנס — איינגעפאַלן טאַקע אַהין צו פאָרן, קיין נאָווגאָראָד, אויף קאָמיסיע. הגם אויף באַריסן גופא האָב איך נישט געלייגט קיין צופיל האָפענונג, ווייל ער איז געווען אין מיינע אויגן אַ שטיקל באַרימער און נישט צופאַרלאָזלעך ווען עס האַנדלט זיך

---

*) לויטן קאָדעקס. — **) ציין־דאָקטער.

אין טאָן אַ טובה פאַר עמעצן. ער האָט געהערט צו דער קאַטעגאָריע מענטשן, וואָס זאָגן לייכט צו איטלעכן און וואָס זעלטן זענען זיי עס מקיים.

פאַר אַ דריי־רובלדיקן באַנקנאָט האָב איך געפּועלט ביים שרייבערל פון גראָדנער „וואָינסקי נאַטשאַלניק", אַז מ'זאָל מיינע פּאַפּירן איבער־שיקן קיין נאָווגאָראָד (צום דאָרטיקן „וואָינסקי נאַטשאַלניק"), ווו איך וויל זיך כלומרשט זען מיט מיינע קרובים פאַרן גיין אויפן פראָנט... און אין מיטן מאַי האָב איך זיך טאַקע געלאָזט אין וועג אַריין. אין וועג האָב איך געמאַכט עטלעכע איבערדרייסן: אין ווילנע, דווינסק, פּסקאָוו און סטאַראַיאַ רוסאַ. אומעטום פאַרבראַכט צו צוויי־דריי טעג. באַקענט זיך מיט די באַ־דינגונגען אין די קאָמיסיעס און געפּאָרן ווייטער. אומעטום גייט אָן דער „שאַכער־מאַכער"... אין סטאַראַיאַ רוסאַ האָב איך זיך באַקענט מיטן שוחט און ער איז גראָד געווען אַ שטיקל „מאַכער" ביי די קאָמיסיעס. אומעטום, זע איך, קוקט פּאָניע אויס מ'זאָל אים געבן אין יד אַריין. אָבער מיר איז גראָד נישט געגאַנגען דערין מ'זאָל ביי מיר נעמען שוחד. איך האָב דאָ־קעגן מורא געהאַט טאָמער פאַל איך אַריין אין אַ קאָמיסיע, ווו די דאָק־טוירים זענען דעמאָראַליזירט, און צוליב מיין נישט געבן זיי קיין שוחד קאָנען זיי צו להכעיס וועגן מיר אַ זאָג טאָן: „גאָדיען"...*) בין איך דערפאַר געלאָפן ווייטער און ווייטער. און אַזוי בין איך אָנגעקומען ביז נאָווגאָראָד.

25

די פאַרבאָטענע ערד

אין נאָווגאָראָד האָב איך באַלד געהאַט אַ פיינעם ברוך־הבא: אין אָוונט האָב איך זיך איינגעמאָלדן אין האָטעל „קיטאַי" און באַלד אין דער פרי, בעת כ'בין נאָך געלעגן אין בעט, קלאַפּט אָן צו מיר אַ גאָראָדאָוואָי און רופט מיך אין „אוטשאַסטאָק" **).

---

*) ער טויג, איז מיליטער־פעיק.

**) קאָמיסאַריאַט.

— וו׳ טשאָם דיעלאָ? *) — פרעג איך ביים „קנעפּל“.

— ניע מאָגו זנאַט׳ **).

אין קאָמיסאַריאַט ווער איך עס געוואָר. עס פרעגט מיך דער עלטסטער:

— ווי אַזוי זייט איר געקומען אַהער?

— וואָס הייסט ווי אַזוי?

— איר זייט דאָך אַ ייד, און אַ ייד האָט דאָך נישט קיין רעכט צו קומען אַהער, אויסער דער „טשערטאַ אַסיעדלאָסטי“... פּאָניאַלי? ***).

דאָס האָט מיר געקלונגען ווי ביטערער חוזק און כ׳בין אַרויס מיט לשון:

— אמת, כ׳בין טאַקע אַ ייד; אָבער קיין נאָוואָגראָד בין איך געקומען ווי אַ סאָלדאַט. אַ סאָלדאַט פון פראָנט! אַ סאָלדאַט, וואָס האָט פאַרגאָסן זיין בלוט פאַרן פאָטערלאַנד...

און בעת מעשה הייב איך אונטער מיין פאַרווונדעטע האַנט, וואָס איז נאָך אַלץ געווען (צוליב „סטראַטעגישע“ טעמים...) פאַרבונדן מיט אַ מאַרלע־בינט...

יענער איז אָבער נישט נתפּעל געוואָרן און האָט מיר קאַלט אַ זאָג געטאָן:

— דער ענין וועט גיין צום פּאָליצמייסטער. אין צוויי טעג אַרום דאַרפט איר זיך מעלדן אין קאַנצעליאַריע פון פּאָליצמייסטער.

אין אַ פּאָר טעג אַרום הער איך פון פּאָליצמייסטער גופא די זעלביקע טענה און נאָך מיט שטאַרקערער אַקצענטירונג:

— ווייסט איר נישט, אַז ווי אַ ייד האָט איר נישט קיין רעכט צו וווינען אויסער דער „טשערטאַ אַסיעדלאסטי“?

— ערשטנס, — ענטפער איך, — בין איך נישט געקומען אַהער וווי־נען, נאָר זען זיך מיט מיינע קרובים; צווייטנס, בין איך אַ פאַרווונדעטער סאָלדאַט.

---

*) אין וואָס גייט עס?

**) כ׳קאָן נישט וויסן.

***) תחום המושב. פאַרשטאַנען?

— ניין, איצטער זייט איר נישט קיין סאָלדאַט. איצטער זייט איר אַ ציווילער, אין ציווילע קליידער.

— יאָ, אָבער אין דריי וואָכן אַרום דאַרף איך דאָ שטיין אויף קאָמי־סיע און גיין צוריק אויפן פראָנט.

דער פּאָליצמייסטער טוט אויף מיר אַ קוק מיט אַ טעמפּן בליק און פּסקנט אָפּ:

— ווסיאָ ראַוונאָ *), איר זייט אַ ייִד און קאָנט נאָר אַדורכפאָרן און זיך נישט פאַרהאַלטן אין שטאָט.

— אָבער מיינע פּאַפּירן זענען שוין דאָ ביים „וואָיִנסקי נאַטשאַלניק".

פאַרטראַכט ער זיך אַ וויַיל און מעלדעט מיר זיין באַשלוס:

— אייער ענין וועט איבערגיין צום גובערנאַטאָר. מ'וועט אייך אַהין אַרויסרופן.

איצט האָט עס שוין געדויערט פינף טעג ביז אַ גאָראָדאָוואָי האָט מיר געבראַכט אין האָטעל די „פאַרבעטונג". ביים גובערנאַטאָר האָט מיך אויס־געהערט זיינער אַ געהילף. אויף דאָ די זעלבע טענות, דער זעלבער דיאַ־לאָג. כ'בין אַ ייִד און אַ ייִד דאַרף געדענקען, אַז ער איז רעכטלאָז... אַז פּראָסטיטוטקעס מעגן יאָ וווינען אויסער דער „טשערטאַ" און אַ ייִד נישט. סיידן ייִדן גרויסע „קופּצעס", פּראָפעסיאָנאַלן און אַפילו ייִדישע פּראָסטי־טוטקעס מיט אַ „געלן בילעט"... „נו — טראַכט איך ביי זיך — איז נישט קיין מצווה אַלץ צו טאָן, כדי נישט צו גיין פאַרגיסן בלוט פאַר פּאָניען?"...

איך האָב לסוף דעם באַאַמטן אויפגעוויזן, אַז אויב מ'וועט מיך צווינגען צו פאַרלאָזן די שטאָט, דאַן מוזן זיי מעלדן דעם „וואָיִנסקי נאַטשאַלניק" ער זאָל צוריקשיקן מיינע פּאַפּירן קיין גראָדנע, און דאָס וועט גורם זיין כ'זאָל זיך נישט קאָנען צושטעלן צום טערמין. דער דאָזיקער אַרגומענט האָט, זעט אויס, יאָ געווירקט. כ'האָב עס דערקענט אין זיין מינע. אַפּנים, אַז זיי האָבן שוין געהאַט אַ באַשטעטיקונג פון „וואָיִנסקי נאַטשאַלניק", אַז מיינע פּאַפּירן זענען טאַקע דאָ. לסוף הייסט ער מיר קומען מאָרגן נאָך אַ תשובה. און די תשובה איז געווען, אַז מיר איז דערלויבט צו פאַרבלייבן אין נאָווגאָראָד נאָר איבער דער קאָמיסיע...

*) אַלצאייגס.

„פאַניע קוואס... — האָב איך געטראַכט — מער דאַרף איך דאָך נישט"...

**
*

האָב איך, הייסט עס, נאָך אַ פּאָר וואָכן צום טערמין און כ'קאָן דאָ אַ ביסל „גוליאַיען" אין דעם רוסישן נאָווגאָראָד — אויף דער פאַרבאָטענער ערד...

קום איך אַריין אַמאָל צו מיין „זעמליאַק" דעם ציין־דאָקטער און יענער נעמט מיך אויף גאָר פריינטלעך און פאַרבעט מיך אַפילו אויף מיטאָג. און טאַקע ביי דעם דאָזיקן מיטאָג ווער איך געוואָר, אַז ער לעבט דאָ אַן איינזאַם לעבן; אַז ער זיצט איינער אַליין ביים טיש; אַז ער איז צעשיידט מיט זיין פרוי און עס באַדינט אים אַן עלטערע רוסישע קעכין; אַז זיין געוועזענע פרוי איז געבליבן אין זיין האַרץ ווי אַ געשוויר... („קאַק יאַזוואַ" — לויט זיין לשון). הגם איך בעט אים גאָרנישט (עפעס גלייב איך נישט אין זיינע טובות...), פון דעסט וועגן זאָגט ער מיר אַליין צו, אַז ער קען זיך גוט מיט איינעם אַ רוסישן דאָקטער, וואָס איז היימיש מיטן דאָקטער פון דער מיליטעריש־מעדיצינישער קאָמיסיע און אַז ער וועט מיט אים ריידן וועגן מיר. אָבער פון די רייד זיינע פיל איך באַלד אַרויס, אַז... נעכ־טיקע טעג. אַ באַרימער ווי תמיד. און אין גרונט דאַרף איך דאָך גאָרנישט זיינע טובות. מיין האַנט גופא וועט מיר שוין ביישטיין...

קום איך אַריין אין רעסטאָראַנען, אין אין „טשאַינאַיאַ" *), אין אַ צווייטער. קוק איך זיך צו ווי פאַניעס זיצן ביי פאָרציעס טיי מיט סמאָראָדינאַ **). דאָ טרינקט מען נישט קיין טיי פון גלעזער. דאָ באַשטעלט יעדערער אַ פּאָר־ציע טיי. אַ גאַנצע פאָרציע „קיפּיאַטאָק" האָט צוועלף גלעזער, אַ האַלבע — זעקס. דעם „קיפּיאַטאָק" דערלאַנגט מען אין אַ פאָרצעלאַיענעם טשייניק. אויפן טשייניק — אַ קלענער טשייניקל מיטן עסענץ. מען גיסט זיך אָן אין פאָרצעלאַיענע טעפּלעך, פון די טעפּלעך — אין די טעצלעך. זופּט מען אַזוי פון די טעצלעך כסדר, איינס נאָכן אַנדערן, ביז דער „קיפּיאַטאָק" אין גרויסן טשייניק ווערט אויסגעליידיקט. פון די שטערנס קאַפּעט דער

---

*) טיי־הויז. — **) קאָנפיטורן פון ווייַנפּערלעך. —

שווייס; אָבער מ׳טרינקט, מ׳זופּט. דאָ ערשט האָב איך גוט פאַרשטאַנען דאָס ווערטל „טשאַי ס׳ פּאָלאָטענצעם״ *). ביי אַזאַ טרינקען קאָכעדיקן טיי מוז מען האָבן אַ האַנטעך פאַרן פאַרשוויצטן פּנים...

באַזוך איך אויך אַ טעאַטער און האָב הנאה — שוין נישט צום ערשטן מאָל — פון טשעכאָווס „קאַרשן־גאָרטן״. שליס איך עטלעכע באַקאַנטשאַפטן מיט ייִדן אין שטאָט, מיט לאַנגאָנסטיקע איינוווינער פון נאָווגאָראָד, אָפּ־שטאַמיקע פון „ניקאָלאַיעווסקי סאָלדאַטן״ **). די קינדער און קינדס־קינ־דער פון די קאַנטאָניסטן, שוין הי געבוירענע, האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט — ווער ביי מלאכות, ווער ביי מסחר. כ׳באַקען זיך מיט אַ פּאָר ייִדישע „באַ־רישניאַס״, וועלכע ווייזן מיר די מערקווערדיקייטן פון שטאָט; די פּאַרקן, די שפּאַציר־פּלעצער, דעם טייך וואָלכאָוו, וואָס שניידט דורך די שטאָט און איז אַזוי מאָלעריש מיט זיינע ברעגעס. מ׳ווייזט מיר אין איין אָרט אויפן ברעג אַ היסטאָריש יאַכט־שיפל פון דער צאַרינטע יעקאַטערינאַ דער גרוי־סער. דאָס יאַכט־שיפל ווערט דאָ אָפּגעהיט ווי אַ רעליקוויע. איך באַקוק דעם נאָווגאָראָדער קרעמל, די פּילצאָליקע צערקוועס, וועלכע זענען קאָנ־צענטרירט אויף איין פּלאַץ. איך הער ווי זיי צעקלינגען זיך מיט אַזאַ ברייטקייט און מאַיעסטעטישקייט.

דער עיקר פאַרכאַפּן מיך די ווייסע נעכט. ס׳איז פּונקט די צייט פון די ווייסע נעכט, ווען פון הימל נידערט גאָר נישט אַראָפּ קיין פּינצטערניש. דער טאָג ביים פאַרגיין ווערט נאָר טונקל־גרויער און פאַרנאַכטיק. נישט מער. איך בלאָנקע אַרום אין די דאָזיקע ווייסע נעכט אַן אומרויִקער. עפּעס געפינט איך מיך נישט. עפּעס פעלט מיין געמיט. מיר פעלט גראָד די טונקל־קייט, די בלויקייט און פאַרבענקטקייט פון נאַכט...

*) טיי מיט אַ האַנטעך...
**) קאַנטאָניסטן.

26

אין די ווײַסע נעכט

I

אויף די גאַוואַראָדער גאַסן זע איך אויך די מלחמה: דאָ־דאָרטן באַגעגן איך מענטשן אין האַקי־מונדירן, מיט פאַרוווּנדעטע הענט, אָנגעהאָנגענע אויף פּעטליעס; אַנדערע גייען אָנגעשפּאַרט אויף קוליעס, אָדער מיט פאַר־באַנדאַזשירטע קעפּ. פאַרבײַגייער קוקן זיי נאָך מיט באַדויערן: „קרבנות פאַרן פאָטערלאַנד״...

אויך אויף מײַן האַנט אין מאַרלע־בינט כאַפּט װער אַן אויפמערקזאַמען בליק: „צי איז עס אויך אַ קרבן?״... זיכער איז מען נישט, ווײַל איך גיי דאָך אָנגעטאָן ציוויל. אַזוי קוקט מען מיר נאָך אין רעסטאָראַן, צי אין אַ געוועלב, וווּהין איך קום אַרײַן עפּעס קויפן. אַ מאָל שעמט זיך נישט אַ פאַרקויפער מיך צו פרעגן: „ס׳פראָנטאָ?״ *). און אַז איך באַשטעטיק, קוקט מען שוין אויף מיר מיטן געוויסן דרך־ארץ: „אַ העלד״...

אײַן פרימאָרגן בין איך געגאַנגען באַזוכן דעם שטאָטישן מוזיי. ס׳איז נאָך געווען צו פרי; די טירן זענען נאָך געווען געשלאָסן, — האָב איך זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק אינעם סקווערל, וואָס ביים מוזיי. האָט אָפּנים מײַן מאַרלע־בינט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אַ יונגער פרוי, וואָס האָט איינע אַליין אַרומגעשפּאַצירט אינעם סקווערל. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַן וואַקלעניש צו מיר געשיקט די סטערעאָטיפּישע פראַגע:

— ווי ס׳פראָנטאָ?

און מײַן באַשטעטיקונג האָט גורם געווען נאָך אַנדערע פראַגן: „פון וועלכן פראָנט?״ „פון וועלכן פּאָלק?״

אַ געוויינלעכע זאַך געווען אין ערשטן מלחמה־יאָר דאָס אָפּשטעלן

---

*) פון פראָנט?

אַפילו אין מיטן גאַס פאַרוואונדעטע און זיי פאַרשיטן מיט פראַגעס. האָב איך אויך דעם איצטיקן פאַל אָנגענומען פאַר זייער נאַטירלעך.

— אַנטשולדיקט מיך, — זאָגט זי, — איך פרעג עס נאָך, ווייל איך האָב אַ ברודער אויפן פראָנט... איך זוך עמעצן, וואָס קומט פון זעלבן פאָלק. אפשר קאָן איך צופעליק אָפּנעמען אַ גרוס פון מיין ברודער, פון וועמען עס איז שוין זינט חדשים קיין ידיעה נישטאָ.

— אפשר איז ער אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט? — זאָג איך.

— הלוואי וואָלט עס אַזוי געווען... ווער ווייס... פון פאָלק האָט מען אונדז געענטפערט: „בעז וועסטי פּראָפּאַל" *).

איך פרוּוו זי טרייסטן, אַז טאָמער וואָלט מיט אים, חלילה, עפּעס געשען, וואָלט מען אין פאָלק געוווּסט, און די תשובה וואָלט געווען אַ גאַנץ אַנדערע. זי קוקט מיך אָן מיט גלאַנציקע אויגן, אין וועלכע עס האָט אַ שטראַל געטאָן אַ האָפענונג.

— זעצט אייך צו אַ ביסל! — לייג איך איר פאָר. — ס'איז מיר נישט אָנגענעם וואָס איר שטייט און איך זיץ ווי אַ פּריץ.

זי האָט זיך תיכּף צוגעזעצט, גלייך ווי זי וואָלט שוין געוואַרט אויף מיין פאַרבעטונג. און אַז זי איז שוין געזעסן, האָט זי מיך אָנגעקוקט, ווי מיט נייגעריקייט, און ווייטער באַרירט די טעמע „פראָנט":

— ווי איז עס אויפן פראָנט? עס מוז זיין שרעקלעך, גאָט מיינער! מענטשן זאָלן זיך שעכטן איינע די אַנדערע...

— מלחמה... — ענטפער איך לאַקאָניש.

— מיין אָרעמער ברודער! — רופט זי אויס מיט אַ זיפץ.

איך באַמערקט אַ טרער אין איר בליק.

— אייער ברודער איז דאָך נישט דער איינציקער. מיליאָנען זענען אויף די פעלדער...

— אָבער וואָס קומט מיר אַרויס דערפון? איך האָב דאָך נאָר איין ברודער. אַ שיינער, יונגער בחור... בלוט און מילך...

און אין אַ ווײַלע אַרום איבעראַשט זי מיך מיט אַן אומגעריכטער פראַגע:

---

*) פאַרלוירן אָן שפּורן.

— איר זייט אַ ייִד?...

איך האָב עס פֿון איר נישט דערוואַרט. זי אַליין זעט אויס ווי אַ הונדערט־פּראָצענטיקע רוסין. לויטערע בלויע אויגן און אַ נעזל ווייט נישט קיין סעמיטישער.

און אַז איך ענטפֿער איר, זאָגט זי באַלד:

— יאַ טאָזשע יעווריקאַ*).

— ניעוזשעלי ? ! **).

צעשמייכלט זי זיך און זאָגט מיר שוין אין ייִדיש:

— אַ ייִדישע, אַ ייִדישע...

זאָג איך איר שוין אויך אַ פּאָר ווערטער אין ייִדיש. אָבער איר ייִדיש איז אַ האַרטער, נישט קיין נאַטירלעכער, אויסגעמישט מיט רוסיפֿיציזמען, און כ׳גיי ליבערשט איבער מיט איר ווידער אויף רוסיש. ווער איך שוין איצטער היימישער, דרייסטער. הייב איך זיך אויף מעשה־דזשענטלמען און שטעל זיך פֿאָר פֿאַר איר. ווייס איך שוין אויך איר פֿאַמיליע־נאָמען. סך־הכל הייסט זי קאָרנפֿעלד.

— קאָרנפֿעלד געפֿעלט מיר זייער, — רייד איך אין לייכטערן טאָן. — אַ פּאָעטישער פֿאַמיליע־נאָמען. און איר אַליין... אייערע בלויע אויגן דער־מאָנען טאַקע די בלימלעך, וואָס וואַקסן צווישן קאָרן...

און כ׳גיב נאָך צו אַ זינגעוודיקע פֿראַזע פֿון אַ באַקאַנטן מאָטיוו:

„עך, וואַסילקי, וואַסילקי" — — —
(עך, קאָרנבלימלעך, קאָרנבלימלעך — — —)

צעלאַכט זי זיך. און אין איר געלעכטער פֿאַרשווינדט דער אומעט, וואָס איך האָב געזען ביי איר ערשט פֿריִער, בעת זי האָט גערעדט וועגן איר ברודער אויפֿן פֿראָנט.

אַ דיסקרעטער קאָמפּלימענט פֿאַר אַ פֿרוי קאָן לייכט ענדערן איר שטימונג...

— איר ווייסט, — זאָגט זי, — איך האָב אייך שוין איין מאָל געזען.

— מיך געזען? — ווער איך פֿאַראינטריגירט. — וווּ? ווען?

---

*) כ׳בין אויך אַ ייִדין. — **) צי דען טאַקע ? !

— אין טעאַטער. פּאַריקן מיטוואָך.

— אמת, אמת. אויף „קאַרשן־גאָרטן״.

— יאָ, אויף „קאַרשן־גאָרטן״. בעתן אַנטראַקט האָב איך אייך געזען שפּאַצירנדיק אין פאָיע. כ׳האָב באַלד דערקענט, אַז איר זייט דאָ אַ פרעמדער.

— איר קענט דען אַלעמען אין שטאָט? אַלע מענער?...

— אַלעמען וואָלט געווען צופיל... — שמייכלט זי חנווּדיק. — אָבער ייִדן קען איך כמעט אַלע. קיין צופיל ייִדן וווינען דאָך דאָ נישט אין דער רוסישער שטאָט.

גייט שוין ביי אונדז אָוועק אַ שמועס וועגן אָרטיקן ייִדישן לעבן. איצט בין איך שוין דער פראַגן־שטעלער. דערציילט זי מיר וועגן אַן איינציקן בית־מדרש, ווו ייִדן באַגעגענען זיך. אַ קליינע צאָל גאָר פרומע דאַווענען דאָרט אַלע טאָג; ווייניקער פרומע קומען אין בית־מדרש אַלע שבת; נאָך ווייניקער פרומע — נאָר איין מאָל אין יאָר: ימים נוראים.

— אין טעאַטער זייט איר געווען אַליין? — פרעג איך זי דיפּלאָמאַטיש, וועלנדיק וויסן צי עמעצער האָט שוין איבער איר וועטאָ־רעכט...

— אַליין... — ענטפערט זי מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן בליק: — כ׳גיי אָפט אַליין. אַזוי ווי איצט, אַ שטייגער.

— האָט איר נישט קיין חברים? חברטעס? אָדער איין חבר?...

זי האָט, נישט אויפהייבנדיק איר בליק, געענטפערט:

— מיינע חברטעס זענען נישט שטענדיק פריי. גיי איך אַליין.

כ׳זע, אַז וועגן „חברים״, אָדער „חבר״, פאַרשווייגט זי. בין איך דיס־קרעט און פרעג מער נישט. צו וואָס זיין צודרינגלעך מיט איבעריקע פראַגעס צו אַן אומבאַקאַנטער?

פון די ווייטערדיקע רייד ווער איך געוואָר אַ פּאָר פּרטים פון איר לעבן: אַז זי איז אַ טאָכטער פון אַ היגן סוחר און אַז צוליב דעם פאָטערס שלעכטע געשעפטן האָט זי געמוזט איבעררייסן איר שטודיום אין פּעטערבורגער אוניווערסיטעט. ס׳האָט זיך ביי מיר געריסן אַ פראַגע: „צי דען מוז מען עס פאַרלאָזן דעם אוניווערסיטעט מחמת דעם טאַטנס שלעכטע געשעפטן?״ כ׳קען סטודענטן, וואָס גיבן זיך אַן עצה; וואָס טוען עפּעס אַן אַרבעט; וואָס זענען קאָרעפּעטיטאָרס וכדומה — אַבי צו קאָנען שטודירן ווייטער. אָבער כ׳האָב עס פאַרשוויגן, נישט וועלנדיק זי אפשר שאָקירן מיט אַזעלכע

רייד. פאַר וואָס קומט עס איר, דער פרעמדער, גאָר־גאָר סימפּאַטישער פרוי?...

אָנשטאָט צו פרעגן וועגן איר שטודירן האָב איך זי עפּעס אַנדערש געפרעגט:

— איז אייך כאָטש נישט פרעמד די ייִדישע וועלט?...

— קיין ייִדיש לייען איך נישט. קיין מאָל נישט געלערנט. כ׳לייען נאָר רוסיש, אַ ביסל פראַנצויזיש. וועגן ייִדן און פון ייִדן לייען איך נאָר אין רוסיש. כ׳קען, למשל, פרוגן.

און גלייך ווי זי וואָלט מיך געוואָלט איבערצייגן, גיט זי אַ זונג אַ שורה פון פרוגס אַ ליד:

אונעסי מאָיו דושו וו׳ טו סיניויו דאַל — — —
(טראָג אַוועק מיין נשמה אין טיף־בלויער ווייט)

און אַז איך דערצייל איר וועגן ייִדישן וואַרשע, ווערט זי פּאַראינט־ריגירט.

— יאָ, אינטערעסאַנט זיך צו באַקענען מיט אַזאַ ייִדישע שטאָט! — זאָגט זי — זאָל זיך נאָר ענדיקן די מלחמה, וועל איך מאַכן אַזאַ רייזע. איך האָב דאָך שוין פון איצט אָן אַ באַקאַנטן אין וואַרשע... — שמייכלט זי צו מיר. — איר וועט מיר געבן אייער אַדרעס?...

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן.

און אין אַ ווײַלע אַרום פרעגט זי:

— צי קענט איר שוין אונדזער שטאָט?

— אויסערלעך שוין יאָ. עס שמעקט דאָ מיט פּראָווינץ.

— יאָ, אמת. אומעטיקלעך דאָ. צו איינטעניק און צו שטיל.

— די צערקוועס לאָזן זיך דווקא זייער אָפט דאָ הערן... — באַמערק איך.

— יאָ, נאָר די צערקוועס... אָבער פאַראַן דאָ אַ סך שיינקייטן אַרום דער שטאָט. דער טייך, די ברעגעס, די וועלדער... ווייסט איר וואָס? מאָרגן, זונטיק, מאַכן מיר — איך מיט אַ פּאָר חברטעס — אַ שפּאַציר אין „כו־טאָנסקי מאָנאַסטיר״. איר קענט דעם „כוטאָנסקי מאָנאַסטיר״?

— ניין, פון וואַנען זאָל איך אים קענען?

— גוט, מיר וועלן אייך מיטנעמען. מען פאָרט צו אַהין מיט אַ דאַמ־פּער. זייט מאָרגן אין האַפן פּונקט צוויי ביי טאָג.

— אויסגעצייכנט! כ׳בין אייך באמת זייער דאַנקבאַר. כ׳בין דאָך דאָ אַליין.

— קומט, — זאָגט זי, — כ׳וועל אייך ווייזן דעם האַפן און דעם פּלאַץ, ווו מיר וועלן זיך טרעפן.

גייען מיר שוין ביינאַנד. דעם באַזוך אין מוזיי לייג איך אָפּ אויף שפּעטער.

— ווי מאָדנע, — רייד איך אין סענטימענטאַלן טאָן, — פריִער האָב איך אומגעבלאָנקעט איינער אַליין, געפילט זיך אַזוי פרעמד אין דער שטאָט, און איצטער... גוט, גוט, וואָס איר פאַרהאַלט זיך ווי אַ פרייער מענטש; וואָס איר רעכנט זיך נישט מיט די אָנגענומענע קאָנוועגאַנסן; מיט די אָפיציעלע פאָרשטעלענישן. אַ דאַנק דעם גייען מיר צוזאַמען ווי אַלטע באַקאַנטע. נישט אמת?...

— יאָ, יאָ, אַלטע באַקאַנטע... — לאַכט זי חנעוודיק און טוט אַ בליק ביי זיך אויפן האַנטזייגערל. — שוין זינט אַ שעה מיט אַ פערטל...

מיר זענען צוגעקומען צום האַפן.

— אָט דאָ ביי די טרעפּלעך טרעפן מיר זיך מאָרגן צוויי ביי טאָג.

— אויסגעצייכנט!

מיר קערן זיך אום און אויף איינער אַ גאַס שטעלט זי זיך אָפּ:

— דאָ געזעגענען מיר זיך, — זאָגט זי.

— איר האָט מיר נאָך נישט געזאָגט אייער נאָמען...

— מיין נאָמען? סאָפיאַ דאַווידאָוונאַ. און אייער נאָמען?

איך זאָג איר.

אַ וואַרעמער האַנטדרוק און אַ זיסער שמייכל פון דער צאַרטער, בלוי־אויגיקער פרוי.

II

צומאָרגנס פאַר צוויי בין איך שוין געווען אין האַפן, אויף דעם אָפּגע־רעדטן פּלאַץ. כ׳בין אָנגענעם איבערראַשט געווען, ווען כ׳האָב אויך זי,

סאָפּיען, שוין דערזען. אויך זי איז געקומען פאַר דער צייט. און נאָך אַן איבעררעַשונג: זי איז געקומען אַליין, אָן חברטעס...

— מיינע חברטעס זענען היינט גראָד פאַרנומען, — האָט זי זיך ווי פאַרענטפערט פאַר מיר, — און אַזוי ווי מיר האָבן דאָך שוין אָפּגערעדט, בין איך אַליין געקומען...

— איך באַנוגן זיך דערמיט, וואָס איר זייט געקומען, סאָפּיאַ דאַווי־דאָוונאַ... — ענטפער איך אין לייכטן טאָן.

כ׳האָב אויסגעקויפט צוויי פאַר־קאַרטן און מיר זענען איינגעשטיגן אין ווייסן דאַמפער, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ ריזיקער שוואַן. מיר האָבן אויסגעקליבן אַ ווינקל אויפן אייבערשטן דעק און זיך באַקוועם איינגעזעצט איינער נעבן אַנדערן. סאָפּיע איז היינט געווען אָנגעטאָן אין העלן, אין אַ טיולענער בלוזקעלע. דעם זשאַקעטל האָט זי געהאַלטן אויפן אָרעם. ס׳איז געווען אַ שיינער זומערדיקער טאָג. אַ בלויער הימל און בלוי אויך סאָפּיעס שמייכלדיקע אויגן.

דער דאַמפער איז אַרויסגעפאָרן פון שטאָט. די נאַטור האָט אַן עפן געטאָן פאַרן בליק די רחבותדיקע פרייקייט און גרינקייט.

— איר זעט דאָרטן, דאָרטן ביים טייך? — ווייזט זי מיר מיט אַ פינגער, — דאָס איז דער „כוטאָנסקי מאָנאַסטיר“.

אין דער ווייטנס האָב איך געזען אַ לאַנגע ווייסע געביידע מיט אַ סך, אַ סך פענצטער. ס׳האָט אויסגעזען ווי די געביידע וואָלט זיך אַרויסגע־הויבן פון סאַמע וואַסער.

מיר האָבן גערעדט, דערציילט; פאַרטיפט געווען איינער אין אַנדערנס רייד און מחשבות. איך האָב געלאָזט מערער איר ריידן, דערציילן. עס האָבן מיך אינטערעסירט פּרטים פון איר לעבן; פון איר סביבה; וועגן אירע פעטערבורגער יאָרן; וועגן אירע חברטעס. זי האָט דערמאָנט אַ מאַשאַ, אַ שוראַ, אַ ראָזאַ...

— פאַר וואָס דערמאָנט איר גאָרנישט קיין איין מאַנסבילשן נאָמען?...

— האָב איך אַ געלעגנהייט זי שפּאַסיק אַ פרעג צו טאָן.

— אַז ס׳וועט קומען דער פּאַסיקער מאָמענט, וועל איך דערמאָנען...

כ׳בין פאַראינטריגירט, אָבער כ׳פרעג מער נישט. פאַרשטיין פאַר־שטיי איך, אַז עפּעס פאַרשווייגט זי; עפּעס באַהאַלט זי אויס. דאָס דערקען

איך אין דעם אַ ביסל סודותדיקן טאָן פון איר זאָג: „אַז ס׳וועט קומען דער פּאַסיקער מאָמענט״...

מיר פאַררײדן זיך אַלץ מער און דערווייל גליטשט זיך דער דאַמפער אַלץ ווייטער איבערן שטילן וואָלכאָוו, וואָס איז צעגלאַנצט און צעבליצט מיט מיליאָנען פונקען אַנטקעגן דער זון. און אָט שווימען מיר שוין צו צו אַ קליינעם האַפן, ווו מיר שטייגן אויס.

צוערשט באַקוקן מיר דעם „כוטאָנסקי מאָנאַסטיר״, וואָס זעט אויס ווי אַן אמתע פעסטונג. אַ ריזיקע, מאָנאָטאָנע געביידע, וואָס זעט אויס ווי אַ קאַזאַרמע, אַרומגעצאַמט מיט אַ גרינעם געדיכט־באַבלעטערטן פּאַרקאַן, וואָס פאַרשטעלט פון דער וועלט דאָס אָפּגעזונדערטע לעבן פון די מאָנאַכן. אָבער נישט דער מאָנאַסטיר אינטערעסירט אונדז אין די רגעס — נישט מיך און נישט מיין פּאַרטנערין. אונדז ציִען די גרינע מאָכיקע שטעגן אינעם בערגלדיקן וואַלד, וואָס ביי די ברעגעס פון טייך.

בלאָנקען מיר און לאָזן זיך פאַרפירן דורך די שטעגן און שטעגלעך אין טיפעניש פון וואַלד. ביים איבערשפּרייזן ערגעץ עפּעס אַ שמאָלן גראָבן נעם איך סאָפיען מעשה־קאַוואַלער אונטערן אָרעם, און אַזוי גייען מיר שוין געאָרעמטע כסדר. מיר קומען אַזוי צו צו אַ הערלעך מאַלעריש ווינקעלע אין וואַלד. אַ פּונקט, פון וואַנען מ׳זעט דורך אַ וואַלד־וועג, אין פּערספּעק־טיוו, די געבויגענע ליניעס פונעם טייך. לייג איך פאָר צו מאַכן דאָ אַ „ביוואַק״, אַן אָפּרו. זי האָט גאָרנישט דאַקעגן. זעצן מיר זיך צו אויפן גרינעם טעפּיך פון וואַלד — אויף אַ באַקוועם בערגעלע, וואָס איז פאַר אונדז ווי אַ באַנק. כ׳ווער פאַרשיכורט פונעם סאָסנע־אַראָמאַט, פון דעם וואַסער־שפּיגל ווייט אין דער נידער און — צו וואָס לייקענען? — פון דער בלויקייט פון סאָפיעס אויגן — — —

מיר פילן זיך ווי אויף אַן אינדזעלע. נישטאָ מער קיינער אַחוץ אונדז ביידן. איך און זי. זי און איך. פאַרגעסט מען זיך אין אַזעלכע רגעס אַן אַלץ און אַלעמען. אויך זי, סאָפיע, האָט זיך געקאָנט פאַרגעסן — — —

אין שעהען אַרום — ווער האָט דען געהאַט אַ באַגריף פון צייט? — בלאָנקען מיר ווידער איבער די וואַלד־שטעגן. מיר קומען אַזוי צו צו אַ כאַטע ביי אַ ראַנד פון וואַלד.

— דאָ קענען מיר אַריינגיין עפּעס צובייסן, — זאָגט סאָפיע.

מיר גייען אַהין אַריין און סאָפיע — אויפן רוסישן שטייגער — הייסט שטעלן דעם סאַמאָוואַר. אויפן פרימיטיוון טיש ווייזט זיך דאָרפיש עסנ־וואַרג: שוואַרצברויט, פּוטער, קעז, סמאַראָדינאַ. און ס'האָט לאַנג נישט געדויערט ווי דער סאַמאָוואַר האָט אָנגעהויבן סיקען, אונטערזינגען און די באַלעבאָסטע, אין אַ דאָרפישן קאָלירטן סאַראַפאַן, האָט אים אַרויפגעשטעלט אויפן טיש.

געמיטלעך האָט זיך געצויגן אונדזער דאָרפישע סעודה. מיר האָבן געגעסן, געטרונקען מיט גרויס אַפּעטיט, טוישנדיק זיך דערביי מיט רייד, מיט גאָר־גאָר היימישע רייד.

— איר ווייסט, סאָפיאַ דאַווידאָוונאַ, — זאָג איך, — מיר שיינט, אַז מיר קענען זיך שוין גאָר־גאָר פון לאַנג. גלייך ווי מיר וואָלטן געווען לאַנג צעשיידט און איצט האָבן מיר זיך ווידער באַגעגנט...

סאָפיע הערט עס אויס מיט אַ דין שמייכעלע און מיט כמעט אַראָפּ־געלאָזטע אויגן. זי רעאַגירט נישט מיט קיין וואָרט.

— דאָס איז די מיסטעריע פון לעבן... — הייב איך אָן פילאָסאָפירן.

— צו וואָס אַריינטראַכטן? — רופט זיך אָפּ סאָפיע, — לאָמיר נעמען דאָס לעבן אַזוי ווי עס שטייט און גייט. אָן קאָמענטאַרן...

— מסכים. אָן קאָמענטאַרן...

אַז מיר האָבן שפּעטער, נאָכן פאַרלאָזן די כאַטע, ווידער אַרומגעשפּאַ־צירט געאָרעמט איבער די וואַלד־שטעגן, איז סאָפיע געוואָרן זייער באַ־ריידעוודיק. דאָס מאָל, זע איך, האָט זיך איר געגלוסט אַרויסצווייזן איר בקיאות אין דער רוסישער ליטעראַטור. זי דערמאָנט שרייבער, ווערק. זי האָט אַ ספּעציעלע שוואַכקייט צו פּאָעזיע. זי איז פאַרליבט אין די קלאַסישע פּאָעטן — אין פּושקינען, אין לערמאָנטאָוון. פּושקינס „יעוועגעני אָניעגין“, צי לערמאָנטאָווס „דעמאָן“ האָט זי געלייענט שוין צענדליקער מאָל. ס'איז איר אויך נישט פרעמד די נייע רוסישע דיכטונג — בלאָק, באַלמאָנט. מיט אַ געוויסער צייט צוריק, לויט אירע רייד, איז זי אַפילו געווען באַאיינפלוסט פון אַרציבאַשעווס „סאַנין“ — ווען ס'איז געווען אין דער מאָדע; ווען ער האָט פאַרכאַפּט די רוסישע יוגנט. ווען ס'וועט איר אומעטיק אויף דער נשמה; בעת זי טראַכט וועגן טויט, דעמאָלט רעציטירט זי אין מחשבה

פושקינס „בראָזשו לי יאַ וודאָל אוליץ שומניך״ *), אָדער לערמאָנטאָווס „וויכאָזשו״ **).

— וועגן טויט?! — וווּנדער איך זיך, — איר, אַזוי יונג, טראַכט וועגן טויט?

— שטעלט איך פאַר, אַז כ׳האָב די לעצטע צייט געהאַט אַפּט אַזעלכע מאָמענטן...

— קאָן מען וויסן פאַר וואָס?

— עס וועט אפשר קומען דער פאַסיקער מאָמענט... נישט איצט ווילט זיך מיר ריידן וועגן דעם...

כ׳זע ווידער, אַז עפּעס פרעסט זי; אַז עפּעס פייניקט זי אין דער נשמה. וואָס באַהאַלט זי אויס פון מיר? ווען וועט עס זיין דער „פאַסיקער מאָמענט״?...

— ווען איך וויל מיך דערמוטיקן, — ציט זי ווידער איר טעמע, — הייב איך פאַר מיר אַליין אָן זינגען גראָד באַדסאָנס אַ ליד. אַ ליד, וואָס איז אַן אויסנאַם פון אַלע זיינע טרויעריקע לידער.

און זי צעזינגט זיך מיט פּאַטאָס, מיט צעגלאַנצטע אויגן:

דרוך מאָי, בראַט מאָי — — — —
(פריינט מיינס, ברודער מיינס)

עס גייט איבער צו מיר איר צעזונגענע שטימונג. עס נעמט מיך דורך ווי אַ זיסער פלואיד...

פלוצלינג בלייבט זי שטיין, ווי אַן אויפגעוואַכטע פון אַ חלום:

— מיין גאָט! ס׳איז דאָך שוין נאַכט...

— וואָסער נאַכט? ס׳איז דאָך נאָך ליכטיק...

— איר האָט פאַרגעסן, אַז ביי אונדז זענען איצט די ווייסע נעכט.

— אָך! — כאַפּ איך זיך צום האַנטזייגערל.

ס׳איז שוין טאַקע ביין, ס׳האָט שוין געדאַרפט זיין טונקל. אָוונט. און אויב ביז איצט האָב איך זיך געפילט אומהיימלעך אין די ווייסע נעכט,

*) „ווען כ׳בלאָנקע דורך דעם רויש פון גאַסן״. — **) „כ׳גיי אַרויס״...

בין איך היינט אַזוי פרײדיק געשטימט. כ׳בין אַזוי דאַנקבאַר דער ווייסער נאַכט, וואָס האָט געמאַכט פאַרגעסן אָן צייט...

אָנגעזאָפּט זיך מיט פרייד און מיט שיינקייט, האָבן מיר זיך אומגעקערט מיטן דאַמפּער אין שטאָט אַריין. דאָס וואַסער איז געווען שטיל ווי ביי טאָג. בלויז די זון האָט איצט געפּעלט אינעם טייך־שפּיגל. עמעץ אויפן דעק האָט זיך צעשפּילט אויף אַ האַרמאָשקע. אַן אַנדערער האָט אַ זונג געטאָן אַ פּראָנט־לידל. אינעם לידל האָט זיך גערעדט וועגן בערג און וועלדער, וועגן דייטשישע טאָלן און וועגן צעזייטע קברים פון רוסישע העלדן...

סאָפיע איז געוואָרן שווייגעוודיק, פאַרטראַכט. באַלד רעדט פון איר אַרויס:

— ווער ווייס... מיין ברודער אויפן פראָנט... ווו איז ער איצט?...

ביים געזעגענען זיך ריידן מיר אָפּ זיך ווידער צו טרעפן מאָרגן אין אָוונט, טאַקע אינעם זעלבן סקווערל ביים מוזיי, אויף דער זעלבער באַנק. כ׳וואָלט געזאָגט: „אויף דער מזלדיקער באַנק״...

III

און אַזוי האָבן די ווייסע נעכט אין נאָווגאָראָד אויפגעהערט צו זיין פאַר מיר אומעטיקע... כ׳האָב שוין נישט געבענקט מער נאָך דער טונקל־קייט. כ׳האָב ביי טאָג נאָר געבענקט נאָך סאָפיען. און אַז זי איז געקומען, האָט זי מיטגעבראַכט מיט זיך פרייד. מיר האָבן יעדן אָוונט אַרומגעבלאָנ־קעט אין אַן אַנדער אָרט, אין דער פּעריפעריע פון שטאָט, אין די הינטער־שטאָטישע פרייקייטן. מיר זענען פאַרקראָכן אין אַזעלכע פּלעצער, ווו זי גופא, סאָפיע, איז נאָך ביז איצט גאָר קיין מאָל נישט געווען. מיר האָבן אויסגעזוכט די שענסטע ווינקעלעך פון דער סביבה; ווו נאָר ס׳האָט גע־לאָקט אַ בערגל, אַ טונקעלער וועלדל. אַ מאָל פלעגן מיר אויך אַריינגיין אין אַ קנייפּע, אין אַ רעסטאָראַן. ס׳איז פאַר אונדז קיין מאָל שפּעט נישט געווען. אַז שטענדיק איז געווען טאָג, שטענדיק ליכטיק. קיין מאָל איז דאָך פינצטער נישט געוואָרן — אין די פריידיקע ווייסע נעכט...

איין טאָג איז סאָפיע געווען מיין גאַסט. אין דרויסן האָט פונקט גע־רעגנט און ס׳איז נישט מעגלעך געווען צו מאַכן ערגעץ אַ שפּאַציר. אין

דער קאַלטער עלנטקייט פון מיין צימער אין האָטעל „קיטאַי" האָט סאָפיע אַריינגעבראַכט אַ סך פרייד... מיר האָבן געגעסן און געטרונקען צוזאַמען. גערעדט, דערציילט, געשפּאַסט. סאָפיע איז דאָס מאָל געווען באַזונדערס ריידעוודיק. איז אַפילו אַריינגעפאַלן אין אינטימערע טענער, וואָס זענען שכיח צווישן נאָענטע.

פלוצלינג איז זי אַריינגעפאַלן אין אַ לענגערן שווייגן. איר הייטערקייט איז פון איר אַוועק, ווי דער אָפּפלוס פון אַ כוואַליע ביים ברעג ים.

— פאַר וואָס אַזאַ שווייגן? — פרעג איך זי.

ס'איז פאַר מיר געווען אַ רעטעניש די אומגעריכטע ענדערונג פון איר שטימונג; דער איבערגאַנג פון פריידיקער צעשמייכלטקייט אין שטור־מער מעלאַנכאָליע...

— פאַראַן סיבות... — ענטפערט זי סודותדיק.

— איז עס נאָך אַלץ פאַר מיר אַ סוד?

— יאָ, אַ סוד... איבעריקנס, זאָגט מיר, ווען וועט איך אויסקומען אַוועקצופאָרן פון אונדזער שטאָט?

— כ'מיין, אַז אין אַ וואָך אַרום מסתמא. נאָך דער קאָמיסיע. און אפשר וועל איך נאָך בלייבן אַ ביסל לענגער... עס ווענדט זיך אָן רעזולטאַט פון דער קאָמיסיע...

געזאָגט האָב איך: „אָן רעזולטאַט פון דער קאָמיסיע"; אָבער בעת־מעשה האָב איך געטראַכט, אַז עס ווענדט זיך אויך אָן איר, אָן סאָפיען... איך פיל דאָך באַשיינפּערלעך, אַז עס וועט מיר אַ שאָד זיין די צעשיידונג מיט איר...

— איך וויל נישט — זאָגט זי — איר זאָלט אַוועקפאָרן נישט וויסנדיק דעם סוד, וואָס איך האָב פון אייך אויסבאַהאַלטן ביז אַהער...

איך ווער שטאַרק געשפּאַנט.

— כ'וועל אייך זייער דאַנקבאַר זיין פאַר אָפנהאַרציקייט. כ'בין פאַר־וואַנדלט אין איין געהער.

— גוט, מיין ליבער פריינד... איך האַלט אייך פאַר אַ פריינד... נישט אמת?...

— אומבאַדינגט, סאָפיאַ דאַווידאָוונאַ! כאָטש אונדזער באַקאַנטשאַפט איז אַזוי קורץ, דאָך זענען מיר שוין ווי פריינד. און אפשר אַ ביסל מער...

— הערט, מיין ליבער פריינד, — הייבט זי אָן צו ריידן מיט אַ זייער ערנסטן טאָן און אויף איר געזיכט באַווייזט זיך נישט קיין שמייכל, ווי תּמיד ביי איר ריידן. — איר האָט אַוודאי וועגן מיר געקאָנט באַקומען אַ מיינונג, אַז כ׳בין אַ לייכטזיניקע פרוי... אונדזער באַקאַנטשאַפט איז דאָך אין גרונט אַ גאַסן־באַקאַנטשאַפט... און דאָך... און דאָך... אַזעלכע נאָענט־קייטן... אָט בין איך ביי אייך אין האָטעל...

— רעדט נישט אַזוי, סאָפיאַ דאַווידאָוונאַ! — פּרוּוו איך איבעררייסן.

— אונדזער לעבן איז אַוועק אַ ביסל ווייטער פון די קאָנווענאַנסן.

— קאָן זיין... אפשר... אָבער פון דעסט וועגן האָט איר אין האַרצן געקאָנט טראַכטן נישט אַזוי גינסטיק וועגן מיר... כ׳קען דאָס לעבן, כ׳קען די מענער. און דערפאַר האָב איך שטענדיק אָפּגעהיט די דיסטאַנץ מיט מענער, גלייך ווי אַלע פרויען פון מיין שטאַנד. אָבער אין דעם פאַל מיט אייך האָב איך געהאַנדלט אַנדערש ווי געוויינלעך און דאָס צוליב — מיין מאַן...

— איר האָט אַ מאַן?!

— יאָ, ליידער... איך האָב אַ מאַן... אַ מאַן, וואָס האָט מיך געבראַכט צו דער ערגסטער אַנטוישונג און אַפילו פאַרצווייפלונג...

פון גרויס איבערראַשונג האָב איך נישט געפונען אין ערשטן אויגנבליק קיין פּאַסיקע ווערטער. האָב איך געשטומט; זי האָט אָבער ווייטער גערעדט. ס׳האָט געקלונגען ווי אַ ווידוי:

— אין די גאָר קורצע טעג זענען מיר געוואָרן נאָענטע פריינד און ס׳גלוסט זיך מיר אייך אַלץ צו דערציילן, כדי איר זאָלט וויסן; כדי איר זאָלט מיך נישט משפּטן... צו פרי האָב איך געהאַט די טרויעריקסטע דער־פאַרונג: סך־הכּל בין איך איצט זעקס און צוואַנציק יאָר אַלט. שוין פיר יאָר נאָך מיין חתונה. כ׳בין געגאַנגען אונטער דער חופּה, דעם אמת גע־זאָגט, נישט דורכן אייגענעם אויסוואַל, נאָר צוליב דער צודרינגלעכקייט פון מיינע טאַטע־מאַמע, די יורדים. זיי האָבן געציטערט טאָמער וועל איך פאַרזעסן, אָדער גאָר טאָמער האָב איך חתונה מיט אַ קריסט. קיין סך ייִדן זענען דאָך דאָ נישטאָ. און דערצו איז דער חתן געווען אַ גאַנץ פאַרמעגלע־כער מענטש. איר ווייסט דאָך, עס קומען פאָר נישט ווייניק חתונות ביי ייִדן מער צוליב חשבון ווי צוליב ליבע. אין מיין פאַל איז עס געווען צוליב

ליבע — צו מיינע עלטערן... נאָר זיי צוליב האָב איך לסוף מסכים געווען אויפן שידוך. מיין לעבן וואָלט אפשר ווי עס איז אַוועק אין דער באַלע־באַטישער גרויקייט, ווען נישט... ווען נישט אַ צופעליקע אַנטדעקונג...

זי האָקט אָפּ אַ ווייל. כ׳זע, אַז איר איז נישט אַזוי לייכט צו ריידן; אָבער איך פרעג נישט איבער. זאָל זי אַליין דערציילן, אויב זי וויל. לסוף ציט זי ווייטער דעם פאָדעם:

— כ׳בין געוואָר געוואָרן דורך אַ צופאַל, אַז מיין מאַן פירט אַ טאָפּל־לעבן. אַז ער טרעפט זיך מיט אַנדערע פרויען. ער איז אַפילו נישט שטאַרק איבערקלייבעריש. ס׳איז רעכט ביי אים צו פאַרברענגען מיט פּראָסטע ווולגאַרע פרויען. מיט פרויען פון דער אונטערוועלט... כ׳וויל נישט אַריינ־גיין אין פּרטים ווי אַזוי איך האָב רעאַגירט; ווי עס האָט אָנגעהויבן אויס־זען אונדזער צוזאַמענלעבן נאָך מיין „אַנטדעקונג״. צום גליק איז קיין קינד ביי אונדז נישטאָ. כ׳האָב אָנגעהויבן פאָדערן אַ גט. אָבער ער וויל נישט הערן דערפון. לעצטנס בין איך אַוועק פון שטוב און בין ווידער ביי טאַטע־מאַמע. פאַר חרפּה און עגמת נפש זענען ביידע גרוי געוואָרן...

די לעצטע ווערטער האָט זי אַרויסגעבראַכט מיט אַ נישט באַטירלעכן קול. אין האַלדז האָט איר גענומען ווערגן. אירע אויגן זענען פאַרלאָפן גע־וואָרן מיט טרערן. זי האָט פאַרשטעלט דאָס געזיכט אין ביידע הענט, ווי ווערלנדיק פאַרבאָרגן פון מיר איר איינגעבראָכנקייט...

פאַר מיר איז איצט אַלץ קלאָר געוואָרן. אירע נישט־דערזאָגטקייטן ביז אַהער זענען פאַר מיר אויסגעטייטשט געוואָרן. כ׳האָב דערזען פאַר זיך אַ טראַגישע, אַן אָפּגענאַרטע פרוי. איר גאַנצע באַקאַנטשאַפט מיט מיר — און זי איז דאָך אין גרונט געגומען די איניציאַטאָרין פון דער באַקאַנט־שאַפט. — איר טרעפן זיך מיט מיר, איר דערנענטערונג צו מיר — אַלץ איז געווען דיקטירט פון איין ברענענדיקן געפיל: פון נקמה!... נקמה אָן איר מאַן, וואָס האָט צעבראָכן איר לעבן. און איך — איך בין עס נישט־וויסנ־דיקערהייט געווען דאָס געווער, דער אָביעקט פון איר נקמה... דורך איר שנעל נאָענט ווערן מיט מיר האָט זי עס פאַר זיך אַליין געוואָלט אונטער־שטרייכן איר „באַפרייונג״, איר אָפּרייסן זיך מיט גוף און נשמה פון יענעם און איבערגיין איבער אים צו איר אייגן זעלבשטענדיק לעבן...

כאָטש איך האָב אין גרונט מיינע באַגעגענישן מיט סאָפיען באַטראַכט

נאָר ווי אַן עפּיזאָד צווישן אַ בחור מיט אַ מיידל און כאָטש אין מיינע דע־מאָלטיקע יונגע יאָרן און שטימונגען (כ׳בין נאָך יונגער געווען מיט אַ פּיר יאָר פון סאָפיען) בין איך בכלל זייער ווייט געווען פון „תכלית״, — פון דעסט וועגן האָט סאָפיעס ווידוי מיך אָפּגערוקט צוריק, אויף אַ דיסטאַנץ. כ׳האָב באַלד דערפילט אַ טיפע מחיצה צווישן אונדז. איבער אונדזער שנעל־געוואָרענער נאָנטשאַפט האָט זיך פאַרצויגן אַ וואָלקן... איך האָב סאָפיען זייער גוט פאַרשטאַנען, האָב פאַרשטאַנען, באַרעכטיקט און אויס־געטייטשט די פּסיכאָלאָגישע מעגלעכקייט פון דער שנעלער דערנענטערונג צו מיר, דעם פרעמדן, דעם צופעליקן באַקאַנטן, מצד דער דאָזיקער טראַ־גישער פרוי...

איך האָב מיט סאָפיען זיך ווייטער באַגעגנט, אַרומגעשפּאַצירט מיט איר; אָבער יענער צויבער פון דער דעראָבערטער נאָנטשאַפט איז פאַר־שוווּנדן...

אין מיין זיכרון איז זי פאַרבליבן מיטן נאָמען: „די פרוי פון די ווייסע נעכט״...

27

אַ סאָלדאַט אַן ווינרעכט

די נאָוואָראָדער מיליטעריש־מעדיצינישע קאָמיסיע, וואָס האָט באַ־טראַכט מיין פאַרוווּנדעטע האַנט, האָט דאָס מאָל קיין צו לאַנגן אורלויב מיר שוין נישט געגעבן: נאָר אויף דריי חדשים האָט זי פאַרלענגערט מיין באַפרייונגס־טערמין.

אויך גוט. אַבי נישט אַריינגיין צוריק אין פאַניעס קליידער...

האָב איך יענעם טאָג זיך געלאָזט ווילגיין און שפּעט אין דער נאַכט פאַרבראַכט אין אַ קנײַפּע צוזאַמען מיט מיין „זעמליאַק״, דעם ציין־דאָקטער. יענער האָט זיך באַרימט, אַז אַ דאַנק זיינע באַמיִונגען האָט מען מיך באַ־פרייט. איך האָב, ווי תמיד, ווייניק אמונה געהאַט אין זיינע באַרימערייען...

באַגינען, ווען כ׳בין נאָך געווען פאַרזונקען אין זיסן שלאָף, האָבן מיך אויפגעוועקט שטאַרקע קלעפּ אין טיר פון מיין האָטעל־צימער.

— קטאָ טאַם? *)

— ז׳ פּאָליציאי... **), — הער איך אַ גראָבע שטים.

כ׳גיי אַראָפּ עפענען און דערזע פאַר זיך אַ גאָראָדאָוואָי. ער פרעגט איבער מיין נאָמען און זאָגט מיר גלייך:

— איר מוזט היינט פאַרלאָזן די שטאָט. אומבאַדינגט! אויב נישט, וועלן מיר אייך אַרויסבאַגלייטן...

— לאַדנאָ... ***), — זאָג איך און פאַרקלאַפּ האַסטיק די טיר. כ׳וויל זיין צורה מער נישט אָנקוקן.

וואָס פאַניע איז! ווי פינקטלעך עס אַרבעט די מאַשין, בעת מ׳דאַרף משלח־זיין אַ ייִד אָן „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ״ ****)... אין זעלביקן טאָג זענען זיי שוין געוואָר געוואָרן אַז כ׳בין באַפרייט און אַז מיין פוס טאָר דאָ מער נישט טרעטן אויף דער „הייליקער״ ערד...

כ׳בין נאָך געלעגן אַ ביסל אין בעט; אָבער קיין שלאָף האָט מיך שוין נישט גענומען. עס האָט געברענט אין מיר דער צאָרן קעגן פאָניעס ברוטאַלער באַציִונג צו אַ ייִד. מעג עס זיין אַ סאָלדאַט פון פראָנט... עך, פאָניע קוואַס!... „ניין, ניין! — האָט אין מיר געשריִען אַ קול — כ׳וועל אייך אין די דריי חדשים נישט היילן מיין האַנט... מער וועל איך פאָניעס שינעל נישט אָנטאָן... פאַר קיין אופן נישט!״...

כ׳האָב זיך אין דער גיך אָנגעטאָן און בין אַראָפּ אין קאָנטאָר פון האָטעל זיך אויסצוחשבונען.

— דאָ איז מען געווען פון פּאָליציי, — זאָגט מען מיר — מ׳האָט אונדז באַפוילן, אַז מיר זאָלן אייך תיכף אויסמעלדן.

— כ׳פאָר שוין היינט סיי־ווי־סיי אַוועק פון אייער נאָווגאָראָד... — ענטפער איך סאַרקאַסטיש.

כ׳האָב זיך נאָך אומגעדרייט אַ היפּשע צייט איבער די גאַסן. אַ געפיל

*) ווער איז דאָרט? — **) פון פּאָליציי. — ***) גוט. — ****) ווינרעכט.

פון פאַראַכטונג האָט אין מיר געברענט און זיך נישט געקאָנט באַרויִקן. שפּע־טער בין איך אַריין אין אַ „טשאַינאַיאַ” צו פּרישטיקן. כ׳בין געזעסן ביי אַ פענצטער און אַרויסגעקוקט צום דרויסן. אין דער ווייטנס זעען זיך די פעסטונג־ווענט פון נאָווגאָראָדער קרעמל און די אַלע צערקוועס מיט די ברייטע באַגילדעטע ביזאַנטינישע קופּאָלן, מיט דער היסטאָרישער סאָפיען־קירכע, געבויט נאָך פון יאַראָסלאַוו מודרי. איך קוק און איך טראַכט: „מוחל אייער יחוס! מוחל אייער אימפּאָזאַנטע גלאָקן־קלינגעריי, וואָס פאַרטומלט נאָר די מוחות פון אָרעמען פאָלק! איך, דער רעכטלאָזער ייד, דער ייד אָן ווינרעכט, בין נישט געקומען אַהער אייך צו באַוווּנדערן, צו שמעקן אייער ווייַרעך... כ׳בין געקומען בלויז צו ראַטעווען מיין ביסעלע פרייהייט, וואָס איך וויל נישט אַוועקשענקען — און אַוודאי מיין בלוט נישט פאַרגיסן — פאַר אַזאַ פּאָליציייִשן „דערזשי מאָרדו”־רעזשים — — — — — — — — — —

כ׳בין אַראָפּ צום האַפן. עס האָט זיך מיר געגלוסט צוריקצופאָרן מיטן דאַמפּער. כ׳האָב לאַנג נישט געדאַרפט וואַרטן. סך־הכל אין אַ קאַרגער שעה אַרום האָט דער דאַמפּער גערירט. פראַשטשאַי, זיי מיר געזעגנט, נאָווגאָראָד סעווערסקי! נאָווגאָראָד וועליקי! פאַר גאַסטפריינטשאַפט דאַרף דיר אַ ייד נישט דאַנקען... און דיין גאַנצער היסטאָרישער יחוס גייט מיר אָן ווי דער פאַראַיאָריקער שניי...

דער דאַמפּער האָט זיך דערווייטערט פון שטאָט, געשווומען איבערן רויִקן וואָלכאָוו דורך די גרינע רחבותן און אַזוי אַריינגעשווומען אין דער אומרויִקער אַזיערע אילמען. דער אילמען האָט געקאַפּריזעוועט מעשה־ים. זיינע כוואַליעס האָבן זיך געבערגלט און געהוידעט דעם דאַמפּער אַרויף און אַראָפּ. טייל פּאַסאַזשירן האָבן מחמת איבלדיקייט קיין אָרט זיך נישט גע־קאָנט געפינען. און גאַנצע דריי שעה האָט געדויערט די שפּיל — כאָטש סך־הכל פערציק ווערסט האָט די אַזיערע אין דיאַמעטער. דער עולם האָט פרייער אָפּגעאָטעמט ווען דער דאַמפּער איז לסוף צוגעשווומען צו סטאַ־ראַיאַ רוסאַ.

28

ווי „פאַניע" איז אַנטלאָפן

בין איך ווידער אין שטעטל. האָב איך שוין דאָס מאָל ווייניקער צו ציילן די טעג פון מיין קירצערן אורלויב. זיצט מען יעדן אָוונט אין אַפּטייק, ווו דער „שטאַב" פון די שטעטלשע פּאָליטיקער און „סטראַטעגן" באַהאַנדלען דעם מצב אויף די פראָנטן. מ'טייטשט אַריין אין די דיפּלאָמאַטישע באַריכטן פון גענעראַל־שטאַב, וואָס דרוקן זיך טעגלעך אין די צייטונגען. מ'זעט באַשיינפּערלעך, אַז די רוסישע אַרמייען קריגן מוראדיקע קלעפּ אויף אַלע פראָנטן. די דייטשיש־עסטרייכישע אַרמייען זענען אומעטום אין בערגעאַנגאַנגען אין אָנגריף און רוקן זיך אַריין אַלץ טיפער אין דער רוסישער טעריטאָריע. שטעט פאַלן איינע נאָך די אַנדערע. עס גייט אַ מעכטיקער אָנגריף אויף וואַרשע. פּאַניע מוז לסוף אָפּטרעטן און וואַרשע מיט איר ציטאַדעל און אַלע פאָרטן פאַלן אַריין צו די דייטשן.

די „דייטשן" פון אונדזער „שטאַב" אין דער אַפּטייק טריומפירן איבער די „רוסן". זיי ווייזן שוואַרץ אויף ווייס, אַז אַט גאָר אין גיכן וועט עס דערגיין ביז צום ניעמאַן, ביז גראָדנע. דער פאַרקאָכטער „דייטש" — דער אַפּטייקער — זאָגט צו מיר מיט אַ שמייכעלע:

— זייט רויִק, איר וועט שוין פאַרשפּאָרן גיין אויפן פראָנט...

— איך האָב גאָרנישט דאַקעגן... — ענטפער איך.

גאָר אין גיכן גייט שוין דער אָנגריף אויף ביאַליסטאָק פון צוויי זייטן: פון וואַרשע און פון מזרח־פּרייסן. די דייטשן שפּאַרן מיט דער גרעסטער פּאַרע. מיר פילן אויך דעם פיבער אין שטעטלשן גאָרניזאָן. דורכן שטעטל ציט דורך טאָג און נאַכט אַ סך מיליטער. עס הילכן די שווערע רעדער פון דער אַרטילעריע איבערן ברוק.

אַן אומרויִקער זומער געוועזן. אין די נעכט האָט מען שוין זייער דייטלעך געהערט דעם אָפּהילך פון קאַנאָנאַדעס. דאָס איז פון דער מזרח־פּרייסישער זייט, פון וואַנען עס רייסט זיך די דייטשישע כוואַליע. און אַט קומען אָן יידן פון גראָדנע און דערציילן וועגן דער בהלה דאָרט. די דייטשן

רוקן זיך אַלץ נעענטער, נעענטער צו דער שטאָט. עס קומען שוין פּאָר שלאַכטן ביים ניעמאַן. און אָט דערגייט שוין אַ נייס, אַז די רוסן אַליין האָבן אויפגעריסן אין גראָדנע די בריק איבערן ניעמאַן; אַז די שלאַכטן קומען שוין פּאָר גאָר־גאָר נאָענט פון שטאָט.

טייל פון די „זאַפּאַסנע״, וואָס ריכטן זיך אויף מאָביליזאַציע, לויפן אין דער ריכטונג צו ביאַליסטאָק, כדי באַצייטנס אַריינצופאַלן צום דייטש — הגם פון מאָביליזאַציע האָט כלל קיין רייד נישט געקאָנט זיין: ווער זשע האָט שוין איצט אין דער בהלה געקאָנט דורכפירן די מאָביליזאַציע?... אַז אַלץ לויפט אין פּאַניק, אַלץ עוואַקוירט זיך.

וואָס שייך מיר — איז געבליבן אין „שטאַב״ פון אַפּטייק, אַז איך האָב נישט צוליב וואָס זיך מטריח צו זיין: נאָך איידער עס וועט אויסגיין מיין באַפרייונגס־טערמין וועט שוין דער דייטש זיין דאָ ביי אונדז...

און אַזוי איז טאַקע געווען: אין די ימים נוראים־טעג האָט מען שוין געגראָבן אַקאָפּעס הינטערן שטעטל. די רוסישע אַרמיי האָט אָפּגעטראָטן אין איילעניש. אַפילו דער קאָמענדאַנט פון שטעטל איז שוין אויך נעלם געוואָרן. בלויז איינצלנע סאָלדאַטן האָבן אַרומגעבלאָנקעט און געזוכט זייערע אָפּטיילונגען. אַנדערע זענען מיט אַ כיוון אָפּגעשטאַנען, כדי אַריינצופאַלן אין געפאַנגענשאַפט...

אין די דאָזיקע בהלה־טעג האָבן די רוסן געכאַפּט שמואל דעם שטעטלשן משוגענעם, אים אַרויסגעפירט הינטערן שטעטל און דערשאָסן ווי אַ שפּיאָן... ייִדן האָבן שוין דאַן געלעבט אין אימה און פּחד. קאָזאַקן מיט די טשופּרינעס זענען דורכגעפלויגן ווי מלאכי חבלה אויף זייערע פלינקע פערדלעך, פאַרהאַלטן זיך ביי געוועלבלעך, געהייסן זיך געבן מאַכאָרקע, עסנוואַרג וכדומה און קיין גראָשן נישט געצאָלט. מ׳האָט פאַרהאַקט טיר און טויער. און אין איינער אַ נאַכט איז האַרט הינטערן שטעטל פאָרגעקומען אַ היפּשע שיסעריי. ביקסן־קוילן האָבן אויך פאַרבלאָנדזשעט און אַדורכגעזשומעט איבער די געסלעך. ייִדן מיט ווייב און קינד זענען געלעגן אין קעלערס, אין גריבער און מורא געהאַט דעם קאָפּ אַרויסצושטעקן. מיר איז אויסגעקומען צו זיין די נאַכט אין איין קעלער, אין אַ גרינוואַרג־גאָרטן, צוזאַמען מיט ר׳ לייזער שואלס, דעם פאַרקאָכטן „רוס״. ער האָט כסדר געזאָגט תהילים, קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל, מיט אַ געבראָכענעם טרויעריקן

קול. ער האָט ממש איבערגעלעבט ווי אַ גרויס אומגליק, וואָס די דייטשן קומען אַריין.

— וואָס זשע נעמט איר זיך אַזוי איבער, ר׳ לייזער? — פרעג איך אים — איר וועט טאַקע אַזוי בענקען נאָך „פּאָניען״?

— איר וועט אָנקוקן די פּרייסן. זיי זענען גרעסערע עמלקים ווי „פּאָניע״...

באַגינען איז שטיל געוואָרן. מ׳האָט נישט געהערט מער קיין איין שאָס. האָט איינער ריזיקירט און איז אַרויס פון קעלער. נאָך אים אַ צווייטער, אַ דריטער. און באַלד האָט זיך צעטראָגן דער קלאַנג, אַז שוין, זיי זענען שוין דאָ, די דייטשן!

כ׳געדענק דעם ערשטן דייטש, וואָס כ׳האָב דערזען אַרויסקומען פון אַ זייטיק געסל. ער איז עס געווען פון דער „ראַזוויעדקאַ״ *).

— גוטען טאַג! זינד היער קיינע רוסן דאַ? — פרעגט ער מיך.

כ׳בין צוגעקומען ביז צום מאַרק־פּלאַץ. דאָרט איז שוין געשטאַנען אַ גאַנצע קאָמפּאַניע דייטשן. נעבן זיי זענען געווען רעדלעך ייִדן. מ׳האָט זיי מכבד געווען מיט פּאַפּיראָסן, שוועבעלעך און יענע זענען געווען אַזוי צוגעלאָזן. — „דאַנקע שען״, „דאַנקע שען״... — האָבן זיי געענטפערט אויפן כיבוד...

דערווייל זענען אָנגעקומען פון די פעלדער נאָך פרישע קאָמפּאַניעס דייטשן. דער מאַרק איז געוואָרן פול מיט דייטשישן מיליטער. פון דער וואָלקאָווויסקער גאַס איז אָנגעקומען דער דייטשישער „אָבאָז״. אַ לאַנגע שורה גרינע וועגענער מיט אַמוניציע, מיט פּראָוויאַנט. אַ ביסל שפּעטער, אין זעלביקן פרימאָרגן, איז צו דער אַפּטייק פאַרפאָרן אַ קאַרעטקע פון רויטן קרייץ. פון אינעווייניק זענען אַרויסגעשטיגן אַן אָפיציר און עטלעכע סאַניטאַרן מיט קרייצן אויף די אַרבל. זיי זענען גלייך אַרויף אין דער אַפּ־טייק. דער אַפּטייקער האָט זיי באַגעגנט מיט אַ שמייכל — ווי לאַנג באַ־גערטע פריינט... די דייטשן זענען אַהין געקומען ווי צו זיך, אין אייגענער באַלעבאַטישקייט... האָבן גענומען גיין פון איין פּאָליצע צו דער אַנדערער און אַראָפּגענומען כמעט יעדן צווייטן סלאָיק.

---

*) אויסשפּיר־פּאַטרול.

— דאָס בראָוכען וויר... אונד דאָס בראָוכען וויר... אונד דאָס אויך...

דער אַפּטייקער, אַן איבערראַשטער, האָט אויף זיי אויסגעשטעלט אַ פּאָר צעשראָקענע אויגן:

— מיינע הערען... וואָס זאָל עס בעדויטען?...

— זײַען זי'ע רוהיג, מיין הערר. וויר צאָהלען... וויר צאָהלען פיר אַללעס... — האָט ער באַקומען אַ תשובה.

אַז די סאַניטאַרן האָבן אויסגעראַמט כמעט אַ האַלבע אַפּטייק און אַראָפּגעטראָגן די כלערליי מעדיצינען אונטן אין קאַרעטקע, האָט דער אָפּי־ציר אַרויסגענומען אַ בלאָקל, אָנגעשריבן עפּעס אַ קוויטל און דערלאַנגט דעם אַפּטייקער:

— ביטטע שען, מיין הערר. זי'ע ווערדען דאַמיט אין די'ע קאָמאַנדאַנ־טור געהן... אַאוף וויעדערזעהן, מיין הערר!

דער אַפּטייקער איז געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערט פון אויפרעגונג און צאָרן. ער האָט געקנייטשט אין האַנט דאָס נאַרישע „צעטל" און לסוף האָט פון אים אַרויסגעשאָסן:

— יעקע באַנדיטן! דו מוזסט האָבן אַ וויסטע מפּלה!...

דער פאַרברענטער „דייטש" איז באַלד אין ערשטן פּרימאָרגן געוואָרן דער גרעסטער שונא פון די דייטשן. און אַז דער שכן פון אַנטקעגן דער אַפּטייק, ר' לייזער שואלס, דער פאַרקאָכטער „רוס", האָט געהערט וואָס די דייטשן האָבן אָפּגעטאָן דעם אַפּטייקער, האָט ער טריומפירנדיק איראָניזירט:

— ווי דען... נאַרישע מענטשן... איך האָב זיי באַלד געזאָגט, אַז זיי קענען נישט די פּרייסן... די עמלקים... איצט זעט איר שוין...

29

אין אַ שווערער צײַט

באַלד ווי די דייטשן זענען אַריין האָבן זיי צעהאָנגען פּלאַקאַטן מיט אַ וואָרענונג, אַז אויסבאַהאַלטענע רוסישע מיליטער־לייט — סאָלדאַטן ווי אָפיצירן — דאַרפן זיך אין משך פון פיר און צוואַנציק שעה מעלדן אין

דער זשאַנדאַרמעריע. ווען נישט ווערט יעדער געכאַפּטער מיליטערמאַן באַשטראָפט ווערן מיט טויט־שטראָף. בין איך, פאַרשטייט זיך, געווען איינער פון די וואָס האָבן זיך צוגעשטעלט. כ׳בין זיכער געווען, אַז איך וועל אינטערנירט ווערן אין אַ געפאַנגען־לאַגער. אָבער אויך דאָס מאָל, לגבי די דייטשן, איז מיר בייגעשטאַנען דער מאַרלע־בינט אויף מיין פאַרווונדעטער האַנט. אין דער זשאַנדאַרמעריע האָב איך געטענהט, אַז כ׳בין אויפן פראָנט פאַרווונדעט געוואָרן און לחלוטין באַפרייט פון מיליטער־דינסט ווי אַן אינוואַליד. האָט מען מיך טאַקע נישט אינטערנירט, נאָר האָב זיך יעדן שבת געמוזט מעלדן אין דער זשאַנדאַרמעריע ווי אַן „עהעמאַליגער קריעגסאַנגעהעריגער" *). יעדעס מאָל ביים מעלדן זיך האָט מען פאַרשריבן די דאַטע אין מיין פאָרמולאַר־בויגן. אַזוי איז עס שוין געווען ביזן סוף פון קריג — צוערשט אין שטעטל, שפּעטער אין מיין גראָדנער וווין־אָרט.

דעם מאַרלע־בינט האָב איך נאָך געטראָגן אַ געוויסע צייט צוליב דעם כאַפּן אויף צוואַנגס־אַרבעט. מ׳האָט געדאַרפט פאַרריכטן וועגן, אויפגעריסענע בריקן — האָט מען געכאַפּט אין די גאַסן יונגע מענטשן און זיי געשיקט צו דער אַרבעט. איז מיר דער מאַרלע־בינט געווען ווי אַ קמיע קעגן די כאַפּעניש. ערשט שפּעטער, ווען דאָס לעבן אין דער אָקופּאַציע איז שוין געוואָרן נאָרמאַלער, האָב איך אַראָפּגענומען דעם מאַרלע־בינט און אין משך פון גאָר אַ קורצער צייט האָבן די פינגער פון דער האַנט אָנגעהויבן פון זיך אַליין צו פונקציאָנירן, גאָר אָן דער הילף פון וואַנעס, פון מאַסאַזשן. די קויל, הייסט עס, וואָס איך האָב געכאַפּט אויפן פראָנט, איז געווען פאַר מיר אַן אמתע ברכה. ס׳איז אין דער אמתן מקוים געוואָרן דער „בדמיך חיי"...

***

אַ שווערער ווינטער האָט זיך אָנגערוקט פאַרן שטעטל — דער ערשטער ווינטער (1915־1916) פון דער דייטשישער אָקופּאַציע. דער קיניג הונגער איז געוואָרן אַ בן־בית אין יידישע היימען. די דייטשן האָבן, ווי די היישעריקן, אויסגעראַמט די תבואות פון די דערפער, האָבן רעקווייזירט

*) געוועזענער סאָלדאַט.

פערד, בהמות, חזירים און זיך ווייניק גערעכנט מיט דער נויט פון די מענטשן. אויך געוויסע סחורות — לעדער, מעטאַלן, כעמישע פּראָדוקטן — זענען געוואָרן „בעשלאַגנאַהמט" *). אַלץ פאַרן פראָנט, פאַר דער קריגס־אינדוסטריע. דער אָרעמאַנסקער האַנדל־וואַנדל פון די שטעטלשע ייִדן איז געוואָרן פּאַראַליזירט. בלויז גרויסע איינשטעלער האָבן זיך גענומען צו „שמוגל". מ'האָט „געשמוגלט" פון איין זאָנע אין דער אַנדערער פאַרשיי־דענע פאַרבאָטענע סחורות און פּראָדוקטן און יענע ריזיקאַנטן האָבן גע־מאַכט אַ לעבן. די אָרעמע קרעמער האָבן פאַרמאַכט די קרעמלעך: נישט געווען וואָס צו פאַרקויפן. זענען ייִדן געגאַנגען מיט ווייב און קינד אין די שכנישע דערפער און געבעטלט ביי באַקאַנטע פויערים אַ ביסל פּראָדוקטן — אַ דאָרפישע לחמא, אַ ביסל קאַרטאָפל, אַ קווערטל גערשטענע גרויפּן, אַ ביסעלע לינדזן, אַרבעס. געווען באַרמהאַרציקע פויערים, וואָס האָבן נישט אָפּגעזאָגט און צוגעוואָרפן עפּעס פון זייערע מאָגערע, האַלב־ליידיקע שפּייכלערס.

איין טאָג האָט מיין פאָטער מיך געבעטן כ'זאָל מיט אים מאַכן אַ שפּאַ־ציר (אַליין איז אים געווען אומעטיק) אין צוויי שכנישע דערפער — פּראַ־קאָפּאָוויטש און לוצקאָווליאַן — צו זיינע באַקאַנטע פויערים, פאַר וועמען ער שרייבט שטענדיק „פּראָשעניעס" **) און וועלכע האַלטן זייער שטאַרק פון אים. מיין טאַטע איז נישט געגאַנגען מיט ליידיקן. ער האָט מיטגענומען אַ צענדליק פּעקעלעך מאַכאָרקע און שוועבעלעך, כדי אויסצוטוישן זיי אויף שפּייז־פּראָדוקטן. קיין צו גרויסן דערפאָלג האָט אָבער מיין טאַטע נישט געהאַט — זיינע באַקאַנטע פויערים זענען אַליין געוואָרן יורדים. די דייטשן האָבן אויסגעליידיקט זייערע שייערן, זייערע שטאַלן. געלאָזט זיי נאָר אַ מינימום אויף זריעה און די נשמה צו דערכאַפּן; אַן איינציק בהמהלע, צי אַ חזיר. דאָך איז מיט ליידיקן מיין טאַטע נישט צוריקגעגאַנגען. זיין מיט־גענומענער זעקל איז געווען אָנגעפילט מיט „סוכאַרעס" פון שוואַרץ־ברויט, מיט קאַשע, מיט אַן אויסגעטריקנט קעזל.

אין שטיבל ביי אונדז האָט היפּש געפּייפּט דער דלות. געווען טעג

---

*) רעקווירירט.

**) בקשות.

ווען די מאַמע האָט פּשוט נישט געהאַט וואָס אַריינצולייגן אין טעפּל און אָפּקאָכן אַן אָרעמען „וואַרמעס"...

מיין טאַטנס פּרנסה — לערעריי — איז כמעט ווי ליקווידירט געוואָרן פון זיך אַליין. ער איז דאָך געווען דער עיקר אַ רוסישער לערער, און רוסיש ביי די דייטשן איז געווען — לא יזכר! דעמאָלט איז עס מיר געקומען אויפן רעיון זיך „אַ נעם צו טאָן" צו דייטש. מיט דער גאַנצער התמדה האָב איך געלערנט די שפּראַך. פריַער אַליין, נאָך דעם אינאיינעם מיט די צוויי לערערקעס פון שטעטל — ציליע און דאָרע. אויך זיי האָבן געמוזט מיטגיין מיט דער צייט, כדי צו קאָנען אָנגיין מיט זייער לערער־פאַך. מיר האָבן אַזוי אַרום געשאַפן אַ מין „אַקאַדעמיש ווינקעלע" פון דריי: געלערנט, געלייענט, „געזוברעוועט" אויפן עקסטערנישן שטייגער. אונדזער התמדה האָט גיך געגעבן רעזולטאַטן. מיר האָבן שוין בקרוב געשלונגען די דיכ־טונגען פון היינע, פון געטהע, די דראַמעס פון שילער; געחזרט אַפילו לי־דער און באַלאַדעס אויף אויסווייניק — לויט די שול־מנהגים. אַזוי גאַנצע־נע לאַנגע ווינטער־אָוונטן, ביים שיין פון אַ נאַפט־קורניקל. אינעם שטיבל איז טאַקע געווען טריב און חושכדיק; אָבער אין די נשמות האָט עס גע־לויכטן און געזונגען... מיר האָבן זיך געקוויקט מיט דער שיינקייט פון די פערזן און נישט געפילט דעם חושך און אָפּט מאָל דעם נאָגנדיקן הונגער...

מיר האָבן דעם הונגער פאַרשריַען מיט היינעס „די לאָרעליי", מיטן „בוך דער ליעדער", מיט געטהעס „ערלקעניג", מיט שילערס „דער רינג דעס פּאָליקראַטעס", „דער האַנדשוה" וכדומה.

און אַזוי בין איך געוואָרן אין שטעטל לערער פון דייטש (און נישט נאָר פון דייטש): האָב פאַרנומען מיין פאָטערס פּלאַץ. איך האָב אָנגענומען פון אַכט ביז צען „אוראָקן" אַ טאָג. מיינע שילער זענען געווען קינדער און יוגנטלעכע. און אַזוי בין איך יעדן טאָג אומגעקראָכן פון איין שטיבל אין אַנדערן און איינגעזאַפּט די ריחות פון די אָרעמע דלותדיקע יידישע היימען... אַחוץ די לעקציעס האָב איך אויך — פּונקט ווי מיין פאָטער ביי די רוסן — געשריבן „געזוכעס" *) צו פאַרשיידענע דייטשישע „בעהערדען". אַזוי אַז מיט פּרנסה איז ביי אונדז אין שטיבל געוואָרן אַ ביסל בעסער. נאָר „אַ

*) בקשות.

ביסל", ווייל אומשטיינס געזאָגט וואָס מ'האָט געצאָלט אַ לערער אין שטעטל! ס'האָט אין די גוטע צייטן געקלעקט קוים אויף וואַסער צו דער קאַשע...

איין מאָל באַקום איך אַ מעלדונג כ'זאָל זיך צושטעלן צום וואַכמייסטער פון שטעטל. אַז כ'קום צו אים אין קאַנצעלאַריע, זאָגט ער מיר, אַז צו אים איז דערגאַנגען אַ ידיעה וועגן מיין שרייבן „געזוכע"; אַז אויב איך וויל זיך דערמיט ווייטער פאַרנעמען, דאַרף איך צאָלן „געביר"*)... האָב איך אים באַדאַנקט און זעלטן שוין, און מער פאַרזיכטיק, זיך באַנוצט מיטן דאָזיקן „פאַך"...

***

נישט געקוקט אויפן גרויסן הונגער, האָט די יידישע יוגנט זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט — קונסט!... ס'איז געגרינדעט געוואָרן אין שטעטל אַ דראַמאַטישער קרייז, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן צו שפּילן טעאַטער. צום דאָזיקן קרייז האָבן געהערט: מיינע צוויי פאַרטנערקעס פונעם „אַקאַדעמישן ווינקעלע" ציליע און דאָרע, אפרים צרפת, די עלטערע סולקע דעם רבס**) און אַנדערע. רעזשיסער איז געווען „אברהמל דער גרויסער", אַ בחור מיט אַקטיאָרישן ניצוץ. דער דאָזיקער דראַמקרייז האָט טאַקע אויפגעפירט גאָרדינס „די שחיטה" און ליבינס „געבראָכענע הערצער". געשפּילט האָט מען אין גרויסן זאַל פון דער „אוטשילישטשע". ווי פאַר יענער צייט און פאַר יענע פּראָווינציעלע באַדינגונגען איז עס רעלאַטיוו געווען אויף אַ געוויסער מדרגה. דאָס הייסט, ס'האָט געקאָנט זיין ערגער...

די דאָזיקע טעאַטער־שפּילעריי האָט זיך דעמאָלט פאַרשפּרייט אין גאַנצן געביט פון „אָבאָסט" (אָבעראָסט) — אין גראָדנע און אין די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך. אין גראָדנע זענען אַגב געווען בעסערע און דערפאַרענע כוחות. אַהין פלעגן אין נאָרמאַלע צייטן קומען גאַסטראָלירן באַקאַנטע טעאַטער־טרופּעס פון דער יידישער וועלט. איצט, בעת דער אָקופּאַציע, קאָנען זיך טעאַטער־אַנסאַמבלען נישט אַזוי לייכט און נישט אַזוי אָפט באַוועגן. האָבן זיך אין שטאָט גופא געבילדעט טעאַטער־סטודיעס. די

*) שטייערן.

**) אַגב: דעם מחברס שפּעטערדיקע שוויגער...

בעסערע איז געווען די סטודיע פון שמואל גאַרבער, וואָס האָט זיך אַרומ־געריננגלט מיט פּעקע יונגע לייט און זיך פאַרמאָסטן צו געבן ערנסטערע ספּעקטאַקלען. אין גאַרבערס סטודיע האָבן געשפּילט סאָניע סטאַראַדוב (שפּעטער פּראָפעסיאָנעלע שוישפּילערין סאָניע אַלטבוים), קריינע עקשטיין (וואָס האָט אויך געשריבן סענטימענטאַלע לידער), נחמה סטאָם, נחום קרינסקי, גאַרבער אַליין און זיין שוועסטער א״אַ. אַגב, פאַר גאַרבערס סטודיע, אויף זיין באַשטעלונג, האָב איך שפּעטער איבערגעזעצט אויף ייִדיש מאַקס נאָרדויס פּיעסע „דאָס רעכט אויף ליבע״, וואָס איז געגאַנגען מיט אַ געוויסן דערפאָלג.

אין גראָדנע האָט זיך אויך דעמאָלט געבילדעט אַ טרופּע פון אָרטיקע פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן און זינגער, וואָס האָבן געגלאַנצט אין אָפּערעטעס. צווישן זיי זענען געווען: כאַש, קדיש, טרילינג, ראָזאַ מאַלאָוויסט, מינדל ראַבינאָוויטש, אזארך א״אַ.

אַזוי אַז גראָדנע איז אָנגעגאַנגען ווי אַ טעאַטער־שטאָט און די שטעט־לעך פון אַרום האָבן זיך שטאַרק מתקנא געווען און אויך אַרויסגעקומען מיט טעאַטראַלע „פאַרמעסטן״...

***

אין די אָוונטן פלעגט מען זיך נאָך אָפט צונויפקומען ביים אַפּטייקער יתום. די גאַסטגעבער זענען געווען אין אַ דערשלאָגענער שטימונג. יתום האָט זיך גאָר נישט געקאָנט באַרויִקן נאָך דער גרויסער „טשיסטקע״, וואָס די דייטשן האָבן געמאַכט ביי אים אויף די אַפּטייק־פּאָליצעס... מיטן „צעטל״, וואָס די סאַניטאַרן האָבן אים איבערגעלאָזט, האָט ער קיין גראָשן נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען. און ער איז שוין פאַרבליבן אַן אַנטי־דייטש אויף זיין גאַנץ לעבן...

מ׳האָט, ווי תמיד, דאָרט אין חברותא פּאָליטיקירט. קיין רוסישע צייַ־טונגען זענען דאָך שוין נישט געווען. האָט מען געלערנט פּשט אין די באַריכטן פון דייטשישן גענעראַל־שטאַב, אין די פּאָליטישע אָפּשאַצונגען פון „בערלינער טאַגעבלאַט״, „פאָסישע צייטונג״ א״אַ.

מ׳האָט גערעדט, דערציילט וועגן גרויסן דלות אין די הייזער. מ׳האָט דערמאָנט די „גוטע צייטן״ ביי „פּאָניען״, ווען מ׳האָט נאָך געטרונקען טיי

מיט צוקער; ווען מ׳האָט נאָך געשמירט פּוטער אויף חלה; ווען מ׳האָט געגעסן די פעטע טשאָלנטער מיט די געשמאַקע קוגלען...

— זכרנו את הדגה... — באַמערקט יתום מיט אַ ביטערן שמייכל.

— איצט איז אַ צייט פון מאַרמעלאַדע... — זאָגט אַ צווייטער.

און אַז מען דערמאָנט „מאַרמעלאַדע״ ציטירט שוין עמעץ אַ פּאָר שורות גראָד פון אַ דייטשישן ליד:

מאַרמעלאַדע, מאַרמעלאַדע,
דיר אַליין געווידמעט איך די באַלאַדע...

און עמעץ אַנדערש ציטירט אַ יידישע פּאַראָדיע:

מאַרמעלאַדע, מאַרמעלאַדע,
מען שטעלט עס אויפן שענסטן טיש,
מען עסט עס אַנשטאָט פליישׁ און פיש...

אַזוי גייט אָן דער תליה־הומאָר.

— סוף־כל־סוף וועט יעקע ברעכן דעם קאַרק... — האָט זיך יתום געטרייסט. — וואָס פאַרמאָגן זיי דען, די יעקעס, אַחוץ מאַרמעלאַדע און טשוועקעס אויף די זוילן?...

די שטוב ביי יתומען איז שוין איצט נישט געווען צו דערקענען. פריער פלעגט מען די באַזוכער יעדן אָוונט אויפנעמען מיט פיינעם כיבוד. איצט שטעלט מען נאָר אויפן טיש אַ בלאָס גלעזל טיי און דאָס אָן צוקער. די גאַסטגעבער אַליין האָבן גענוצט צום טיי סאַכאַרינקעס. און נישט קיין חידוש. אין אַלע שטיבער איז געווען פּוסט. ברויט האָט מען געקריגן אויף „קאַרטן״, אויסגערעכנט אויפן גראַם. און וואָס פאַר אַ ברויט? ברויט געמישט מיט לובין. אַ געוויקס, וואָס מ׳נוצט פאַר פערד. מ׳האָט שוין לאַנג פאַרגעסן דעם טעם פון אַן עכט שטיקל שוואַרץ־ברויט. פון ווייס־ברויט איז שוין אָפּגערעדט. יידן האָבן שבת געמאַכט אַ „המוציא״ נישט אויף חלה, נאָר אויף אַ שטיק שוואַרצע לחמא עניא... און קידוש האָט מען געמאַכט נישט איבער וויין, נאָר איבער אויסגעקילטן טיי...

— יעקע דלפון... — האָבן יידן געקרעכצט און זיך אויסגעטענהט: — מ׳האָט געקלאָגט זיך אויף „פּאַניען״. ביי „פּאַניען״ האָבן דאָך יידן געלעבט ווי די קייסאָרים. מ׳איז נישט געווען זשעדנע נאָכן שטיקל ברויט. מ׳האָט

געזען אַ שטיקל פוטער פאַר די אויגן, אַ פּיצל פלייש אויף שבת, צו יום־טוב. איצט אָבער... ווער האָט געשיקט נאָך אים, נאָכן דייטש? ווער האָט אים דאָ געדאַרפט?... יעקע דלפון!...

30

אין לייב נײַדוסעס פּריצישן הויף

אָנהייב זומער 1916 באַקום איך אַ בריוו פון גראָדנע — פון יונגן פּאָעט לייב נײַדוס. ער איז ערשט נישט לאַנג צוריקגעקומען פון הונגעריקן ווילנע „צום טאַטן אין ווײַנגאָרטן", אין זייער זאַטן גוט קוסטין. זייענדיק איצט אין גראָדנע, האָט ער זיך דערוווּסט וועגן מיר און ער וויל מיך זייער זען. אַגב האָט ער ליטעראַרישע פּלענער אין שייכות מיט גראָדנע, און ער לייגט מיר פאָר צו מאַכן אַ באַגעגעניש טאַקע בײַ זיי אין גוט — אין קוסטין, — וווּהין ער פאַרבעט מיך זייער האַרציק. קוסטין געפינט זיך אַ קאַרגע צוויי וויאָרסט פון קוזניצע, און קוזניצע פון אַמדור איז 14 קילאָמעטער סך־הכל, — מיט דער האַנט צו דערלאַנגען.

איז קלאָר, אַז די דאָזיקע פאַרבעטונג האָט מיך זייער דערפרייט. בין איך דאָך שוין אַזוי לאַנג אָפּגעריסן פון מײַן וואַרשעווער שרײַבערישער סביבה. האָט מיך איצט אַ צי געטאָן צו אַ פעדן־חבר, אַ פּאָעט, וואָס איך קען נאָך נישט פּערזענלעך; וואָס קען אים נאָר פון לייענען, אָבער וואָס זײַנע לידער ריידן צו מײַן נשמה...

אַגב האָט מיך שטאַרק אינטריגירט נײַדוסעס מיליע — דאָס הויז פון אַ יידישן פּריץ, אַ יידיש־פּריצישער הויף. טשעקאַווע זיך צו באַקענען מיט דעם דאָזיקן פּענאָמען.

גאָר גיך איז אונדזער באַגעגעניש צושטאַנד געקומען.

מײַן שפּאַציר (צופוס — ווײַל אַ פור אַהין איז נישט אַזוי אָפט גע־גאַנגען) האָב איך געמאַכט צוזאַמען מיטן יידיש־דײַטשישן מיליטערמאַן, אינזשיניער בענאָ לוסטיג. לוסטיג האָט זיך פאַרליבט אין אַ קוזניצער מיידל: אין דער פריזער דערמאָנטער קריינע עקשטיין, די ליבהאָבערין פון

דער דראַמאַטישער סטודיע אין גראָדנע. איצט האָט זי זיך געפונען אין איר היים־שטעטל קוזניצע — איז עס בענאָ לוסטיג געגאַנגען צו איר מיט אַ באַזוך. אַגב: די דאָזיקע פאַרליבעניש האָט זיך אין גיכן טאַקע פאַרענדיקט מיט אַ חופּה כדת משה וישראל...

(דיגרעסיע: אין 1950 האָב איך די פאַמיליע לוסטיג — מיינע אַלטע גוטע פריינד — באַזוכט אין ישראל, אין גבעתיים. לוסטיג איז געווען אָנגעשטעלט ווי אַן אָנגעזעענער אינזשיניער אין דער תל־אביבער עיריה; זייער זון משה לוסטיג — אַ באַגאַבטער מוזיקער, האָט געשפּילט אין ישראל־ראַדיאָ. איצט זענען שוין אַלע דריי: קריינע, בענאָ, משה — אויפן עולם האמת... אַ בייזוויליקער שפּיל פון גורל!...).

די פּערצן קילאָמעטער פון אַמדור ביז קוזניצע זענען שנעל פאַרביי־געלאָפן אונטער אונדזערע יונגע טריט. אַ קפיצת הדרך...

ניידוס האָט שוין פון מיין ענטפער־בריוול געוווסט ווען איך קום אַן קיין קוזניצע און ער האָט מיך דאָרט אָפּגעוואַרט ביי אַ באַקאַנטער פאַמי־ליע, ווי ס׳איז אָפּגערעדט געווען. אַריינקומענדיק אַהין, האָב איך געטראָפן ניידוסן אַרומגערינגלט פון דער שטעטלדיקער יוגנט. קוזניצע האָט זיך שטאַרק געגרויסט מיט איר דיכטער. מיט וואָסער פיעטעט און ליבע מ׳האָט אים אין די אויגן געקוקט!

כ׳האָב ניידוסן, פאַרשטייט זיך, באַלד דערקענט אין דער מסיבה: שוין בלויז די דיכטערישע „טשופּרינע" איז געווען אַ סימן מובהק...

שוין אונדזער ערשטע באַגעגעניש איז געווען זייער אַ האַרציקע. מיר האָבן זיך ביידע באַלד געפילט ווי אַלטע באַקאַנטע, ווי אַלטע גוטע פריינד, וואָס זענען געווען אַ געוויסע צייט צעשיידט און איצטער זעען זיי זיך ווידער.

איך האָב זיך געלאָזט פירן פון ניידוסן אין זיין היים — אין גוט קוסטין, וואָס ליגט סך־הכל אַ צוויי קילאָמעטער הינטערן שטעטל. ביזן סוף פון דער לעצטער גאַס זענען מיר באַגלייט געוואָרן פונעם גאַנצן עולם יוגנט. ס׳האָט שיער נישט אויסגעזען ווי אַ „פּראָצעסיע". יעדן האָבן אונדז נאָכגעקוקט: פאַרויס צוויי לאַנג־האָריקע פאַרשוינען און הינטער אונדז — דער עולם בחורים און מיידלעך פונעם שטעטל.

דער דאָרפישער שמאָלער וועג איז געווען אַזוי פרידלעך, אַזוי גאַסט־

פריינטלעך און היימיש. פון די לאָנקעס און פעלדער ביי דער זייט, פון דיביימער אַרום האָט געווייעט מיט רו — מיט דער געבענטשטער רו, נאָך וואָס ניידוס איז עס איצט געקומען אַהער...

אַ גאַנצע וואָך האָב איך פאַרבראַכט אין קוסטין מיט לייב ניידוסן.

אַ צו שאַרפער קאָנטראַסט איז עס געווען צווישן מיין אָרעמער היים — דערצו נאָך אין יענע שווערע אָקופּאַציע־באַדינגונגען — און ניידוסעס היים! די גאַנצע סביבה, די שיינקייטן פון דער לאַנדשאַפט, די שירה פון די פייגל, די קלומבעס בלומען, די אַלט־פאַרגרינטע סאַזעווקעס אין שאָטן פון געדיכטע ביימער, דער שיכרותדיקער אַראָמאַט פון די אַרומיקע פעלדער און וועלדער, דאָס גרויסע פריצישע הויז מיט די גערוימע טיפיש־פריציש־מעבלירטע חדרים, די גאַסטפריינטשאַפט פון די מענטשן ביים פיין־סער־ווירטן, פאַר יענע צייטן שפעדיקן טיש אין עסזאַל — דאָס אַלץ האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק ווי כ׳וואָלט אַריינגעפאַלן אין אַ ווינקל פון גן־עדן...

כ׳האָב זיך אין משך פון די טעג דערנענטערט צו לייב ניידוסעס גאַנצער משפחה. אַלע האָבן נאָך דעמאָלט געלעבט: ניידוסעס פאָטער, מוטער, עלטערער ברודער און אַפילו זיין אַלטיטשקע באָבע, צו וועלכער ער האָט אַזעלכע האַרציקע לידער געשריבן.

דער פאָטער און ברודער — הגם ביידע זענען געווען טיפּן פון אַמאָליקע יידישע משכילים, דער עיקר זיין ברודער — האָבן ווי מענטשן פּראַקטישע, סוחריש־ניכטערע געקוקט אויף זייער לעאָנען ווי אויף אַ שטיקל „טשודאַק”: פּאָעזיע... לידער... גאַנץ פיין... טאַקע אַן ענין פון כבוד... אָבער תכלית, תכלית! אַ דערוואַקסענער מענטש *) מוז דאָך טראַכטן אויך וועגן תכלית...

זייער באַציִונג — כ׳וואָלט געזאָגט בעסער: זייער רעזערוו — צו לייב ניידוסן איז מיר קלאָר געוואָרן פון די שטענדיקע שמועסן און וויכוחים בעת די מאָלצייטן ביים גרויסן רונדן טיש אין געררימען עסזאַל. זיין משפחה האָט פון אים געוואָלט דערלעבן נחת: חתונה מאַכן אים און אַרייננעמען אין דער לעדער־פאַבריק, וואָס ביי זיי אין הויף. תכלית!

---

*) ניידוס איז דעמאָלט אַלט געווען סך־הכל 26 יאָר.

ווי ווייט אָבער איז לייב ניידוס געווען פון זייערע פּראַקטישע אינטע־רעסן, פון תּכלית — ווי הימל פון ערד! אַז אים האָט גאָר געלאָקט די בלויקייט פון הימל, די פילפאַרביקייט פון אַ שמעטערלינג, דער כּשוף פון אַ לבנה־נאַכט... אַז אין אים האָט גאָר געברענט אַן אַנדער פייער — דער דיכטערישער סנה, וואָס ברענט און ווערט קיין מאָל נישט פאַרלאָשן, דער פלאַם פון יצירה...

און דאָס האָט טאַקע געשאַפן אַ סטאַבילע מחיצה צווישן דיכטער און זיינע בני־בית.

איך דערמאָן זיך, אַ שטייגער, אַזאַ מין וויכּוח ביי יענעם רונדן טיש:

אָפּשלאָגנדיק די אַרגומענטן פון פאָטער און ברודער, וועלכע האָבן געטענהט, אַז קודם־כּל מוז מען זיין אַ מענטש פון תּכלית — האָט לייב ניידוס געלאָזט אין גאַנג אַזאַ מין פּאַסוס:

— דאָס לעבן פון סתם אַ תּכלית־מענטש, אַ פּיליסטער, איז דאָך זייער קורץ — מעג ער זיין דער גרעסטער עושר. און אַז ער שטאַרבט, איז ווער טרויערט נאָך אים? — בלויז זיין משפּחה. אָבער אַ שרייבער — נישט קיין גרויסער גביר, נאָר אַ גרויסער שרייבער... — איז אומשטערבלעך! ער לעבט תּמיד אין זכּרון פון פאָלק!

און דערביי האָט ער אילוסטרירט:

— אָט איז אין פאַריקן יאָר — איר ווייסט דאָך — געשטאָרבן י. ל. פּרץ. פּרץ איז כּידוע נישט געווען קיין גביר. ער האָט כּל ימיו געאַרבעט ווי אַן אָנגעשטעלטער אין וואַרשעווער גמינע, ביי דער עווידענץ פון מתים... אָבער פּרץ איז דאָך געווען — פּרץ! האָט ער געהאַט אַ לוויה פון העכער 200.000 מענטשן. דאָס גאַנצע יידישע וואַרשע האָט מלווה געווען פּרצן. גרויס און קליין, קינד און קייט. ס'איז געווען אַ פאָלקס־טרויער נישט נאָר ביי די וואַרשעווער יידן, נאָר אין דער גאַנצער יידישער וועלט!

— איז זאָגט זשע אַליין, — האָט ער צום סוף טריומפירנדיק אויסגע־פירט, — איז דען נישט גלייכער צו זיין אַ גרויסער שרייבער איידער אַ גרויסער עושר?...

דער גאַנצער עולם ביים טיש האָט גוטמוטיק געלאַכט. אַלע האָבן שוין געוווּסט, אַז לעאָן קאָן צוליב אַ גלייכוואָרטל, אָדער אַ פּאַסיקן גראַם, אַריינזאָגן אַפילו אַן אייגענעם טאַטן. אָבער אינעם גוטמוטיקן שמייכלען

און איבערקוקן זיך פון טאַטן און ברודער האָב איך דערקענט אויך זייער איראָנישע מחשבה: „אַ בטלן“...

און צוהערנדיק זיך צו דער רעפליק פוןביידע „צדדים“ ביים טיש, האָט זיך מיר געטראַכט:

ווי ווילד איז דער געדאַנק צו ווען מאַכן פון לייב ניידוסן — דעם באַהעמיען, דעם שטיפער פון פאַרנאָס — אַ פשוטן פיליסטער אין וואַרעמע שטעק־שיך און אין אַ שלאָפראָק פון אַ נגידישן באַלעבעסל...

ווי אַ גאַסט אָבער האָב איך געמוזט געדענקען אָן טאַקט און זיך אָפּ־האַלטן פון אַרויסצוזאָגן וואָס איך טראַכט. נאָר ס׳האָט מיר בעת־מעשה אַ בליק געטאָן אין דער מחשבה און ס׳האָט זיך מיר געוואָלדיק געגלוסט אַ ציטיר־טאָן אויפן אַדרעס פון די כל־המיני פיליסטערס אַ סטראָפע פון מאַקסים גאָרקי:

А вы на земле проживете,
Как черви слепые живут.
Ни сказки про вас не расскажут,
Ни песни про вас не споют...

ווי בלינדע אויף דר׳ערד וועט איר לעבן,
אַזוי ווי די ווערעם צוגלייך;
קיין מעשהלע וועט מען נישט וועבן,
נישט זינגען קיין ליד וועגן אייך...

**
*

אין יענע טעג, ביי אונדזערע לאַנגע שפּאַצירן און שמועסן, איז מיר לייב ניידוס זייער נאָענט געוואָרן. מיר האָבן זיך גוט דערקענט, שטאַרק זיך באַפריינדעט. אמת, מיר האָבן שפּעטער פאַרבראַכט צוזאַמען צוויי יאָר לערך אין גראָדנע (1917—1918); אָבער קוסטין איז געווען דער יסוד, די באַזע פון אונדזער פריינדשאַפט. די צייט אין דער אָפּגעזונדערטקייט, צווישן דער שטילקייט פון נאַטור, דאַרף געמאָסטן ווערן מיט אַן אַנדער מאַסשטאַב, מיט אַן אַנדער דימענסיע. אויב אין דער גרויסער שטאָט דאַרף מען אַ מאָל האָבן דערויף יאָרן, זענען אין דער דאָרפישער שלווה און שטילקייט געצוג טעג. אַגב: פאַראַן מענטשלעכע נאַטורן פאַרשלאָסענע, וואָס בלייבן תמיד

פאַר איך ווי אַ ספינקס. שווער צו געפינען אַ שליסל צו זיי. ניידוס, פאַרקערט, איז בטבע געווען אַ זייער האַרציקער און אָפנהאַרציקער. האָט ער נאָר דערשפּירט אַ גייסטיקע נאָענטקייט צו עמעצן, האָט ער באַלד פאַר יענעם אַלע קעמערלעך פון זיין נשמה געעפנט, איז געוואָרן אינטים. אין משך פון דער וואָך צייט בין איך שוין געווען קוראַנט אין אַלע פּרטים פון זיין לעבן און וועזן: אין זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן, אין די געענדיקטע און נישט־געענדיקטע, אין פאַרטראַכטע און געפּלאַנטע, אין זיינע וויכטיקסטע איבערלעבענישן און — אַפילו אין זיינע ליבעס...

אַגב: די שטאַרקסטע ליבע זיינע זינט זיינע שילערישע יאָרן אין גראָדנע איז געווען אַן אומגליקלעכע, ווייל זיין „אָביעקט" — אויך אַ שילערין אין גראָדנע — איז שפּעטער קראַנק געוואָרן אויף טובערקוליאָז. אַ געוויסע צייט האָט זי צוליב דעם פאַרבראַכט אין דער שווייץ; אָבער אָן דערפאָלג. און כאָטש עס זענען שפּעטער געקומען אַנדערע פרויען, אַנדערע קורץ־דויערנדיקע עפּיזאָדן — אין זיין חלום אָבער איז זי געווען פאַרוועבט, — זי, די „איינציקע", ווי ער האָט זי שטענדיק אָנגערופן.

ניידוס האָט מיר פאַרגעלייענט אירע בריוו, געשריבן אין אַ פיינעם יידיש, קענטיק, זי איז געווען אַן אינטעלעקטועל־רייכע, נישט־דורכשניטלעכע פרוי. ער אַליין האָט צו איר אַ סך לידער געשריבן, און נישט נאָר לידער — גאַנצע פּאָעמעס זיינע געווידמעט דער דאָזיקער ליבע זיינער. דאָס בוך „ליריק" (ווילנע־יעקאַטערינאָסלאַוו, 1915) טראָגט טאַקע אויפן שער־בלאַט די ווידמונג „ח. ג." — דאָס איז זי טאַקע, חיה גאַזשאַנסקי, פון סלאָנים. איצט, אויף אַזאַ דיסטאַנץ פון יאָרן, איז עס שוין געשיכטע און אין אַספּעקט פון געשיכטע קאָן מען שוין אירע איניציאַלן דעשיפרירן.

און דאָ — אַ קליינע דיגרעסיע, וואָס וועט פאַרלויפן אַ ביסל די געשילדערטע צייט:

די טראַגישע ווירקלעכקייט קלינגט סימפּאַטאַטיש, כ'וואָלט געזאָגט גורלדיק:

אין זיינע שוואַרצע אַגונגען — פאַראַן נישט ווייניק אַזעלכע אין נײדוסעס לידער — האָט דער דיכטער געזונגען צו איר, צו דער איינציקער:

אין אָנהייב פון אַ פרילינג

וועסט נישט זיין אויף מיין לחיה,
ס'איז געוויס אַזוי באַשערט!
אָך, מיין איינציקע, מיין טרייע,
אפשר בין איך עס נישט ווערט...

אפשר האָב איך נישט פאַרדינט עס,
איך זאָל זען דיך ביי מיין טויט...
אָך, מיין לעצטער גליק צערינט עס
אין דעם לעבנס אַלטן קויט!...

דיינע צאַרטע פינגער האַלטן
אין דער גוססדיקער האַנט,
אויף דיין ברוסט דעם קאָפּ באַהאַלטן,
איין מינוט כאָטש זיין ביינאַנד...

הייס אַ קוש טאָן דיינע ליפּן,
דיין צעבליטע רויזנפּאַר;
און מיין פּנים קיל באַזיפּן
זאָל די וועל פון דיינע האָר...

אָך, מיין איינציקע, מיין טרייע, —
כ'ווייס, אַז דאָס וועט נישט געשען...
און אַפילו מיין לוויה
וועסטו, טייערע, נישט זען!

(„לעצטער ווייטאָג", אין „ליטווישע אַראַבעסקן")

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אָדער אין זיין ליד „נאָך מיין טויט" (אין זעלבן באַנד) זינגט דער דיכטער:

אָך, נאָך אַ ביסל, נאָך אַ ביסל, —
און איך וועל שטאַרבן ווייט פון דיר;
און עפנען וועט אַ שוואַרצער שליסל
די טיר פון אייביקייט פאַר מיר.

און דו וועסט ווייטער בלייבן לעבן
אין גרויען טומל פון דער וועלט,
מיט די דעראינערונגס־געוועבן
אין דיין פאַרטרויערטן געצעלט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די דאָזיקע צוויי לידער האָט לייב ניַידוס געשריבן אין קוסטין עפּעס מער ווי מיט אַ יאָר שפּעטער — דעם 6סטן סעפּטעמבער, 1916. און ס'איז אַ רעטעניש, אַ מיסטעריע ממש, פון וואַנען האָט זיך אין אים פאַרקליבן אַזוי פיל טרויער, אַזאַ טראַגישע העלזעערישקייט וועגן זיין נאָענטן קבר? — — —

זי, די איינציקע, איז טאַקע אויף דער לוויה נישט געווען; אָבער לאַנג האָט זי שוין אויך נישט געלעבט. קורץ נאָך ניידוסעס טויט האָט זי זיך אויך געזעגנט מיט דער „וועלט פון טרויער און טרערן"...

און ווען איך האָב שפּעטער געהערט אויך וועגן איר פריצייטיקן טויט, האָט זיך געטראַכט, סענטימענטאַל געטראַכט:

„„הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו" — — —

**
*

איך משך פון דער וואָך האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו אָבסערווירן אין קוסטין סיי די וואָכעדיקע טעג, סיי אַ שבת. אין די וואָכעדיקע טעג איז יעדער איינער פון דער משפחה געווען פאַרנומען מיט זיין פונקציע: דער פאָטער — יצחק — האָט אויפגענומען און געשמועסט מיט לעדער־סוחרים וועגן מסחר. עס פלעגן קומען כמעט יעדן טאָג סוחרים פון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך קויפן בשתיקה סחורה — בשתיקה, ווייל אין דער אָקופּאַציע־צייט איז לעדער געווען אַ טריפער אַרטיקל — „בעשלאַגנאַהמט".

דער עלטערער ברודער — הערמאַן — האָט זיך פאַרנומען מיט די פעלדער פונעם גוט. די ערד איז אין גרעסטן טייל אַוועקגעגעבן געוואָרן אין אַרענדע צו די שכנישע פויערים. די ניידוסעס האָבן אויסגענוצט בלויז אַ טייל ערד פאַרן פאַרזיי פון פאַרשידענע גרינסן.

די מוטער האָט זיך פאַרנומען מיט דער אויפזיכט איבער דער שטובי־קערווירטשאַפט.

די באָבעשי פלעגט, ווי איר שטייגער, זיצן אויף דער וועראַנדע מיט אַ גראָבן „קרבן־מנחה"־סידור אָדער מיט אַ „צאינה וראינה" און איז געווען פאַרטיפט אין איר וועלט...

לייב ניידוס, האָב איך באַמערקט, פלעגט גאָרנישט וועלן בייזיין ביי די אַלע געשעפטלעכע ענינים און ער פלעגט מיך אַוועקרופן אויף אַ שפּאַציר,

ווייל אויפן שפּאַציר האָט ער זיך אויך געקאָנט פאַרנעמען מיט זיינע ענינים — ענינים ליטעראַרישע. ער האָט מיר טאַקע אויף אַזאַ שפּאַציר דערציילט וועגן זיין פּלאַן: זייענדיק לעצטנס אין גראָדנע האָט ער געהאַט אַ שמועס מיטן אייגנטימער פון אַ דרוקעריי — מיט מיילאַכאָוויטשן — און מיטן פּרעסע־פאַרשפּרייטער נח באַס וועגן אַרויסגעבן אין גראָדנע פּעריאָדישע ליטעראַרישע זאַמלהעפטן. ער האָט שוין אַפילו אַ נאָמען פאַר דער אויס־גאַבע: „ניעמאַן" וועט זי הייסן. ער בעט מיך אגב איך זאָל באַצייטנס צו־גרייטן מאַטעריאַל און וואָס מער, ווייל קיין פּראָפעסיאָנעל־ליטעראַרישע כוחות אין גראָדנע גופא זעט ער נישט פאַר. מ׳וועט אַליין מוזן פאַרקאַשערן די אַרבל...

— כ׳בין שוין אַפילו געווען — דערציילט ער מיר — אין „קרייזאַמט" וועגן אַ דערלויבעניש. דער מיליטערישער צענזאָר, — גראָד אַ ייִד, שיף הייסט ער, — האָט מיר צוגעזאָגט זיין הילף צו באַקומען די דערלויבעניש. כ׳האָב עקסטראַ אָנגעגעבן פאַר דער מאַכט, אַז דער צוועק איז אַ פילאַנטראָ־פּישער...

— מ׳דאַרף פּרוּוון — זאָג איך. הגם דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך זיך באַצויגן סקעפּטיש צו ניידוסעס פּלאַן: די צייט איז נישט געווען אַזאַ גינ־סטיקע, אָבער כ׳האָב מיט קיין שום וואָרט נישט געוואָלט קילער מאַכן זיין ענטוזיאַזם.

**
*

שבת איז געווען אַ פריילעכער טאָג אין קוסטין. פון שטעטל זענען באַלד „באָכן קוגל" געקומען געסט צו לייב ניידוסן — אַ היפּשע גרופּע יונגוואַרג: בחורים און מיידלעך. קוזניצער יונגע מיידלעך מיט צעבליטע בעקלעך און האַלב־שעמעוודיקע שמייכלען. מ׳האָט פאַרנומען דעם זאַל, ווו ס׳איז גע־שטאַנען אַ דיוואַן ווי אַ חית: דריי וועגט האָט ער פאַרנומען. מ׳האָט דעקלאַ־מירט, מ׳האָט געזונגען ייִדישע פאָלקס־לידער. פאַרשטייט זיך, אַז די הויפּט־אַטראַקציע איז געווען ניידוס אַליין. ער האָט דערלאַנגט אין „בומער" נאָכן אַנדערן. מ׳האָט שוין אין קוזניצע געקענט זיין „רעפּערטואַר" און ס׳האָבן זיך געהערט שטימען:

— איצט דעקלאַמירט „נעמילע"!

— „אַ זון מיט אַ רעגן“!

— „מיין באָבעשי“!

ניידוס האָט זיך נישט געלאָזט בעטן. ער האָט כּסדר רעציטירט און געזונגען. געזונגען און באַגלייט זיך אויף דער אַלטער פּיאַנאָ. דאָס רוב האָט ער אָבער ליב געהאַט צו זינגען פאָלקס־לידער. בעת ער האָט גענומען זינגען שטימונגספול זיין אייגן סענטימענטאַל, עלעגיש ליד „בלימעלעך בלויאינקע“, האָט דער גאַנצער עולם אונטערגעכאַפּט און מ׳האָט געזונגען אין כאָר:

בלימעלעך בלויאינקע, בלימעלעך צאַרטינקע,
רייצט נישט דאָס האַרץ, וואָס עס נאָגט:
פּונקט אַט אַזעלכענע בלויאינקע אייגעלעך
האָט מיין געליבטע פאַרמאָגט...

אַזוי האָט מען פאַרבראַכט אין קוסטין מיט יידישע לידער ביזן אָוונט — אין דעם אַלטפרענקישן זאַל, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו אַ פּוילישן פּעדאַל און ווו ס׳האָבן אַמאָל געקלונגען גאַנץ אַנדערע ניגונים — אַלנפאַלס נישט קיין יידישע... איצט איז דאָס הויז אַ יידישס, דער פּריץ אַ ייד, דאָס זינדל פון פּריץ — אַ יידישער דיכטער... איז די לופט דאָ שוין אָנגעזאַפּט מיט יידישקייט, קלינגט דאָ איצט יידיש געזאַנג און די אַלטע פּיאַנאָ מוז נאָך אויף דער עלטער צוברומען יידישע אַקאָרדן... און אויף דער וועראַנדע מוז שוין די אַלטיטשקע באָבעשי פרום זאָגן:

„אוי גאָט פון אברהם, פון יצחק, פון יעקב“ — — —

31

מיט ניידוסן צוזאַמען

קורץ נאָך מיין פאַרלאָזן קוסטין באַקום איך ווידער אַ בריוו פון לייב ניידוסן — און ווידער פון גראָדנע. ער שרייבט מיר, אַז ער האָט נישט געקאָנט לאַנג איינזיצן אין קוסטין — איך האָב אים גוט פאַרשטאַנען... —

און ער בלייבט אין גראָדנע און גרייט שוין צו דעם ערשטן העפט „ניעמאַן“; אַז איך זאָל וואָס פריִער צושיקן מיין מאַטעריאַל.

נאָך אין זעלבן יאָר באַקום איך שוין צוגעשיקט פון ניידוסן אַ היפש ביסל עקזעמפּליאַרן פון „ניעמאַן“, כדי צו אָרגאַניזירן די פאַרשפּרייטונג אין שטעטל.

לאַנג האָב איך שוין אין מיין אַמדור נישט געקאָנט פאַרבלייבן — עס האָט מיך געצויגן צו ניידוסן. אָנהייב 1917 בין איך מיט אַלעמען אַריבער־געפאָרן קיין גראָדנע און בין שוין געווען מיט אים צוזאַמען. עס האָט זיך דאַן אָנגעהויבן אין גראָדנע און אין די אַרומיקע שטעטלעך אַ סעריע פון אונדזערע געמיינזאַמע אויפטריטן, ליטעראַרישע אָוונטן, רעפעראַטן, לעבע־דיקע ציַיטונגען וכדומה. ניידוסעס פּאָפּולאַריטעט איז געוואַקסן. ער איז געוואָרן דער ליבלינג, דער „קליו“ פון יעדער מסיבה. אַלע — קליין און גרויס — האָבן אין גראָדנע ניידוסן געקענט. שוין מיט זיין אויסערלעכ־קייט האָט ער אויף דער גאַס צוגעצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט: שלאַנק, עלעגאַנט, דאָס רוב אין אַ העלן ספּאָרט־אַנצוג מיט קורצע הויזן און אין ברוינע שיך מיט הויכע געשנורעוועטע כאַלעוועקעס ביז די קני. דערצו די טונקעלע, געדיכטע שעוועליור. און פאַרשטייט זיך, אַז די גרעסטע אויפ־מערקזאַמקייט האָבן אים געשענקט פרויען. האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן ביי אים וויקלען אַ קייט פון לייכטע אַוואַנטורעלעך. אַז מען איז יונג, איז מען לייכטזיניק, ווייס מען אָפּט נישט פון קיין גרענעצן. ס'האָט זיך אַנטוישט נישט איין פרוי, וועלכע האָט געמיינט, אַז פון ניידוסן קאָן זיין אַ „מאַטע־ריאַל“ פאַר אַ חתן... אפשר האָט זיין לייכטע באַציִונג צו פרויען געשטאַמט דערפון, וואָס אין גרונט האָט ער נישט אויפגעהערט צו טראַכטן פון יענער — פון זיין „איינציקער“, וואָס שמאַכט נעבעך אַ קראַנקע אין איר סלאָנים, אפשר וועט זי פאָרט געזונט ווערן?

אין דער באַנעמונג צו מענטשן איז ניידוס געווען לייכט, נישט אָנגע־צויגן, אָן פּאָזע. ער האָט תמיד ליב געהאַט צו שיטן מיט וויציקע, טרעפלע־כע גראַמען. ער פלעגט זיך דערביי אַזוי פאַרגאַלאָפּירן און אַריינזאָגן יענעם, — אַזוי אַז עס איז אים אין דער „זיבעטער ריפּ“. ס'פלעגט אויף אים אָבער דערפאַר קיינער נישט האָבן קיין פּאַראיבל: מ'האָט געקענט זיין גוטמוטיקן טאָן.

אברהם זאַק

עטלעכע ניידוסעס גראַם־שטראַם לדוגמא*):

צום ערשטן בעסטן באַקאַנטן:

„זאָגט מיר, אַ שטייגער,
וויפל איז דער זייגער?
שנעל, זייט נישט קיין פגר!"

אין אַ יידישער קאַפיי:

זייט מוחל, קעלנער!
אַזאַ טיי גיט מען זעלנער,
און אייער פּיראָג
טויג אויף אַ קלאָג...

צום ציוניסטישן עסקן נח באַס, וואָס האָט געהאַט אַ פרוי אַ בונדיסטין:

זאָגט נאָר, ר' נח,
מ'דאַרף זיך אָנטאָן אַ כח,
צו שליסן אַ בונד
מיט אַ ווייבל פון „בונד"...
אויף וועלכן גרונט? —
ס'איז, כ'לעבן, אַ שפּאַס,
ר' נח באַס!

אין פאַבריקמאַכעריי:

פאַניע קוראַזש,
איך קום מיט מיין פּאַזש,
מאַכטס אַ וואַרע!
מאַכט יינגער מיין מראה,
רירט זיך, יונגערמאַן,
נישט שטייט ווי אַ באַלוואַן!

איין מאָל דערציילט מיר ניידוס אַזאַ מין קוריאָז:
אויף דער דאָמיניקאַנער גאַס האָט אים אָפּגעשטעלט אַן אָפיציר און פאַרגעלייגט אַ מטבע:

---

*) נישט אַלע טעקסטן ברענג איך עקזאַקט פון זכרון, אָבער לויטן זשאַנער פון ניידוסעס עקספּראָמפּטן זענען זיי אַלע אויטענטיש.

— האַבען זיע, מיין הערר, הער פינפציג פפעניגע און לאַססען זיע זיך די האַארע שנײַדען...

— איז וואָס זשע האָט איר אים געענטפערט? — פרעג איך.

— איך האָב אים געענטפערט, אַז צוליב אַזאַ גרויסמוטיקייט האָט זיך נישט געלוינט צו קומען אַזש פון בערלין...

— אָבער, — גיט צו ניידוס, — דער חכם פון „מה נשתנה" האָט תמע־וואָטע דערויף געענטפערט:

— איך קאָממע ניכט אױס בערלין, זאָנדערן אױס קעלן...

**
*

כ׳וויל אויך ענדיקן דאָס קאַפּיטל מיט אַ קוריאָז:

איין מאָל, אין מיטן ווינטער, קערט זיך ניידוס אום פון אַ קורצן באַזוך אין קוסטין (ער האָט געמוזט פון צייט־צו־צייט אַהין פאָרן נאָך „רעסורסן" פון דער מאַמעס „קניפּל"... דער פאָטער איז נישט געווען אַזוי פזרנדיק פאַר אים...).

— איר ווייסט, — זאָגט ער מיר, — כ׳גיי שוין ווערן אַ סוחר...

— האַ?!

— אָט זעט! — טוט ער מיר אַ וויז אונטערן בעט.

כ׳טו אַ בליק — לעדער. עטלעכע גרויסע שטיקער פּאָדעשווע־לעדער.

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער היים האָט מען אים אָנשטאָט מזומן געלט געגעבן אַ ביסל לעדער צו פאַרקויפן. זיינע בני־בית האָבן גע־וואָלט אים אַזוי־אַרום צוגעוווינען צו מסחר...

— אפשר האָבן אייערע שטוביקע פאַר איך שוין אויסגעזוכט אַ כלה?

— מאַך איך שפּאַס.

לייב ניידוס האָט זיך שנעל באַפרייט פון זיין „פעקל": ער האָט אויפ־געזוכט זייערס אַ ידיד, אַ וויטן קרוב — סאַפּירשטיין, — וועלכער האָט ביי אים צוגענומען די פלאַכטעס לעדער און באַלד צו מאָרגנס געבראַכט אים דאָס געלט אין שטוב אריין. איך דערמאָן בכוונה דעם דאָזיקן נאָמען, ווייל סאַפּירשטיין איז געווען אַ ייד אַ משכיל, וואָס אויסער מסחר פלעגט ער נאָך אַ מאָל אונטערזינדיקן מיט דער פען. אגב, אויך אין „ניעמאַן" איז געדרוקט זיינס אַ פעליעטאָן אונטערן פסעוודאָנים „רמב"ן".

דער דאָזיקער סאַפּירשטיין האָט פאַרשפּאַרט לייב נײַדוסן צו פאַרנעמען זיך מיטן דאָזיקן מסחר...

און זײַנע בני־בית האָבן זייער ציל נישט דערגרייכט... לייב נײַדוס איז געבליבן ווייטער דער „בטלן“, וואָס האָט נישט געוואָלט פאַרבײַטן אומשטערבלעכקייט אויף עולם־הזה, וואָס האָט, אגב, בײַ אים געדויערט אַזוי קורץ...

32

אין דער שטילער ניעמאַן־שטאָט

גראָדנע האָט אין די אָקופּאַציע־יאָרן געלעבט אַן אָפּגעזונדערט לעבן, פון די גרעסערע יידישע צענטערן איז זי געווען אָפּגעריסן. די פאַרבינדונג מיט ווילנע איז געווען אַ באַגרענעצטע. וואַרשע איז ווי געווען אויף אַן אַנדער קאָנטינענט. אַ נענטערן קאָנטאַקט האָט גראָדנע אָנגעהאַלטן מיט ביאַליסטאָק, וואָס האָט אויך געהערט צום זעלבן „אָבעראָסט“־געביט.

אָבער גראָדנע האָט געהאַט פײַנע יידישע עסקנים, אַ שיינע אינטעליגענץ, אַן אידעאַליסטישע יוגנט און דאָס יידיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן האָט פּולסירט אין די אייגענע אײַנגעשרומפּענע ראַמען.

אַ גרויסע ראָל האָט אין שטאָט געשפּילט די געזעלשאַפט „יידישע קונסט“, וואָס איז געוואָרן אַן אמתער יידישער קולטור־צענטער. אַרום דער דאָזיקער אינסטיטוציע האָבן זיך גרופּירט קולטור־טוער, די געציילטע פּענמענטשן, לערער, אַקטיאָרן. אירע גרינדער זענען געווען צוו"אַנד: נח באַס, ד"ר באָראַדיצקי, געלגאַר, שמואל גאַרבער און אַנדערע. אין דער ערשטער פּאַזע איז אין דער „יידישער קונסט“ געווען סעקרעטאַר דער לערער און זשורנאַליסט ב. קאַסין, — אַ מענטש מיט פײַנער אינטעליגענץ און בעסערן געשמאַק. בײַ דער דאָזיקער געזעלשאַפט איז געשאַפן געוואָרן אַ ביבליאָטעק, אַ לייען־זאַל, אַ צוגענגלעכער בופעט און תמיד האָט מען דאָרט געטראָפן באַזוכער. דאָס הויז פון דער „יידישער קונסט“ אויף „פּלאַץ פּאַראַד“ (פּאַראַדנאַיאַ פּלאָשטשאַד) איז גאָר גיך געוואָרן פּאָפּולער נישט נאָר אין שטאָט,

נאָר אויך אין די אַרומיקע שטעטלעך, פון וואַנען יוגנט פלעגט זיך אָפּט אַראָפּכאַפּן אַ נאַש טאָן פון קולטור אין דער „יידישער קונסט"... די פאַר־אַנשטאַלטונגען — רעפעראַטן, קאָנצערטן, לעבעדיקע צייטונג — פלעגן דאָרט תמיד צוציִען אַ היפשן עולם. דורך דער טריבונע פון דער „יידישער קונסט" זענען דורכגעגאַנגען די באַקאַנטסטע פיגורן פון יידישן גראָדנע: נח באַס, ד״ר באַראַדיצקי, קאַלעצקי, ד״ר ליפּניק, הלל איסר יאַנאָווסקי, אברהם מענעס, קאַסין און נאָך אַנדערע.

איז פאַרשטענדלעך, וואָס ווי נאָר מיר — לייב ניידוס און איך — האָבן זיך באַזעצט אין גראָדנע, זענען מיר געוואָרן בני־בית אין דער „יידישער קונסט", ווו מיר האָבן געפונען אַן אמתע היים. אין איינעם אַ פרייטיק־צו־נאַכט נאָך אונדזער אָנקום האָט מען דאָרט פאַר אונדז איינגעאָרדנט אַ פייערלעכן „דיכטער־אָוונט" און דער זאַל איז געווען פול איבער די ברעגעס. מיר האָבן ביידע אויסגעפילט די גאַנצע פּראָגראַם פון אָוונט מיט רעציטאַציעס פון אייגענע לידער. ניידוס ווי אַ רעציטאַטאָר איז געווען אַן אמתער אַקטיאָר. יעדעס ליד, וואָס ער האָט רעציטירט, איז געווען ממש געשפּילט. ער האָט פאַרן צוהערער בולט געמאַכט יעדן ניואַנס פון פערז, אַרויסגע־בראַכט די מוזיקאַלישקייט פון זיינע געגראַמטע שורות. דער עולם איז אָוועק פון יענעם אָוונט אַן איבערגעלאָדענער, און אונדזערע אַ באַקאַנטע — די פּאָפּולערע דאָקטאָרין גרשוני — האָט אונדז שפּעטער געזאָגט אין גוט־מוטיקן שפּאַס, אַז מ'האָט זי אָנגעשטאָפּט מיט פּאָעזיע אַזוי ווי אַ וווּרשט... בעתן אָוונט איז אויבן־אָן, ביי דער סאַמע עסטראַדע, אויך געדולדיק געזעסן דער דייטשישער מיליטערישער צענזאָר, דער ייִד שיף, דער רעדאַקטאָר פון דער „גראָדנאָ'ער צייטונג", וועלכער פלעגט קומען אָמטלעך אויף אַלע פאַר־אַנשטאַלטונגען. דאָס מאָל האָט ער אַפילו געגעבן אין זיין צייטונג אַ פיינעם באַריכט וועגן דעם „דיכטער־אָוונט", וועלכן ער האָט אָנגערופן „הער־פאָרראַגענד".

אויף די קינסטלערישע אָוונטן פון דער „יידישער קונסט" — אין איר אייגענעם לאָקאַל און אַ מאָל אויך אין שטאָטישן טעאַטער — פלעגן אויפ־טרעטן די זינגערין גירשקאָכון, די זינגערין מאַלאַוויסט, דער זינגער לוואָ־וויטש, דער מוזיקער וויגדאַראָוויטש (אַקאָרדעאָן), די פּיאַניסטין טשערטאָק, דער יונגער קאָמפּאָניסט און דיריזשאָר בינשטיין, די באַגאַבטע אַקטריסע

סאָניע סטאַראַדוב און פיל אַנדערע אַקטיאָרן, פּראָפעסיאָנעלע און פון דראַמאַטישע סטודיעס.

די דאָזיקע אָוונטן האָבן אויך צוגעצויגן די אַסימילירטע און האַלב־אַסימילירטע אינטעליגענץ, וועלכע איז געווען רוסיפיצירט און ווייט פון ייִדישן וואָרט, פרעמד דער ייִדישער קולטור. זי האָט זיך תמיד אויסגע־לעבט מיט דער רוסישער שפּראַך און מיטן רוסישן בוך. איצט אָבער, ווען רוסיש איז אַראָפּ פון דער אַרענע; ווען די דייטשן האָבן אַרויסגעשטויסן רוסיש פון די אַלע לער־אַנשטאַלטן און בכלל פון געזעלשאַפטלעכן לעבן — איצט האָט די ייִדישע אינטעליגענץ, בלית ברירה, זיך ביסלעכווייז אַ קער געטאָן מיטן פּנים צו ייִדיש. און דאָס האָט מען אויך באַמערקט אויף די אַלע אָוונטן פון דער „ייִדישער קונסט", ווו צווישן עולם האָבן זיך אויך געפונען די אַלע דערוואַקסענע פון ייִדיש — די „גרים"... מיט דער צייט האָבן זיך די סטודענטן און געוועזענע רוסישע גימנאַזיאַל־לערערינס צוגע־וווינט צו די ייִדישע מסיבות, האָבן ליב באַקומען דאָס ייִדישע וואָרט, דאָס ייִדישע ליד. טייל זענען אַפילו געוואָרן הייסע חסידים פון ייִדיש.

האָט זיך פאַר אונדז אָנגעהויבן אַ סעזאָן פון ליטעראַרישע אָוונטן און רעפעראַטן. און נישט נאָר אין גראָדנע. אויך פון דער אַרומיקער פּראָווינץ האָט מען אונדז פאַרבעטן צו קומען מיט אונדזערע פּראָגראַמען. אין דער פּראָווינץ פלעגן די אָוונטן פאָרקומען — ווו אין אַ שולע, ווו אין עפּעס אַ שייער. אַזוי זענען מיר געווען צוזאַמען אין מיין אַמדור, אין ביידוסעס קוז־ניצע, אין אזיאָר און אַנדערע שטעטלעך. אַ מאָל פלעגן מיר אויך מיטנע־מען אַ זינגער און דער אָוונט איז שוין דאַן געווען אַ ליטעראַריש־וואָקאַ־לישער.

אין אַזיאָר איז דערגאַנגען צו אַזאַ מין קוריאָז: אַהין איז מיט אונדז מיטגעפאָרן די יונגע זינגערין ראָזע מאַלאָוויסט. קומענדיק אין שטעטל און דערוויסנדיק זיך, אַז דער אָוונט קומט פאָר אין אַ שייער, האָט מאַלאָוויסט בשום אופן נישט געוואָלט אויפטרעטן. „עס פּאַסט נישט פאַר מיר צו זינגען אין אַ שייער"... — האָט זי געטענהט. אייגנטלעך וואָלט זי אַליין נישט אַזוי מקפּיד געווען, נאָר זי האָט מורא געהאַט פאַר איר מוזיקאַלישן אַפּוטרופּוס, מיכאל טרילינג, וואָס וואָלט איר נישט מוחל געווען אַזאַ חטא... עס האָבי נישט געהאָלפן קיין רייד, קיין בקשות מצד די איינאָרדענער — זי איז טאַקע

אין שייער נישט געגאַנגען. די איינאָרדנער פונעם אָוונט אין אַזאַ זענען געווען ממש פאַרצווייפלט: זיי האָבן שוין געהאַט צעהאָנגען אין די גאַסן פלאַקאַטן מיט גרויסע געכתיבהטע אותיות, אַז עס וועט אויפטרעטן די באַרימטע זינגערין — און דאָ אַזאַ דורכפאַל.

האָט זיך ניידוס מרחם געווען אויף זיי און אַ סוף געמאַכט צו זייער פאַרצווייפלונג.

— ווייסט איר וואָס, רבותי? איך וועל זינגען... — האָט ער זיי באַרו׳קט.

— וואָס הייסט?... איר וועט זינגען?!...

— יאָ, איך וועל זינגען. זאָרגט איך נישט. דער רבונו של עולם וועט שוין העלפן...

און אַזוי איז טאַקע געווען. און דער רבונו של עולם האָט טאַקע געהאָלפן...

נאָך אונדזערע אויפטריטן אין ליטעראַרישן טייל, ווען ס׳איז געקומען צום מוזיקאַלישן, איז אויף דער עסטראַדע (עטלעכע ברעטער אויף פעסער...) דערשינען לייב ניידוס און האָט „אַוועקגעלייגט״ אַ גאַנצע סעריע פאָלקס־לידער איינס נאָכן אַנדערן — ער האָט נישט געקאַרגט... אָנגעהויבן האָט ער מיט אַ פאַראַפראַזע פונעם פאָלקס־ליד „איך בין שוין אַ מיידל אין די יאָרן״. ניידוס האָט געזונגען:

איך בין שוין אַ בחור אין די יאָרן,
וואָס האָסטו מיר דעם קאָפּ פאַרדרייט?
איך וואָלט שוין לאַנג אַ חתן געוואָרן
און אפשר טאַקע חתונה געהאַט...

עולם האָט געלאַכט און געקוואָלן און באמת הנאה געהאַט פון דער אומגעריכטער אַטראַקציע. דער „זאַל״ האָט געשטורעמט פון אַפּלאָדיסמענטן און ניידוס האָט געמוזט כסדר זינגען אויף ביס. און אַ רעפּערטואַר האָט ער געהאַט גאָר אַ רייכן. האָט ער נישט געזשאַלעוועט.

ניידוס איז אין דער אמתן געווען אַ מיידים אויף אַלץ: אין דעקלאַמירן, אין זינגען, אין שפּילן — הגם קיין נאָטן האָט ער נישט געקענט. ער איז אָבער געווען בטבע אויסערגעווייגלעך מוזיקאַליש. נישט אומזיסט זינגט עס אַרויס פון זיינע פערזן...

געדענקט זיך מיר אויך אונדזער ווינטערדיקע נסיעה קיין אַמדור. דאָס מאָל אויף דעם ליטעראַריש־וואָקאַלישן אָוונט איז דער זינגער געווען לוואַ־וויטש, וועלכער איז נישט געווען אַזוי קאַפּריזנע ווי די מאַלאַוויסט און ער האָט געזונגען פֿאַרן אַמדורער עולם די בעסטע נומערן פֿון זיין פּראָגראַם: זשאָסעלינס וויגליד, אַזעס טויט פֿון „פּער גינט" און פֿיל אַנדערע.

דער אָוונט אין אַמדור איז פֿאַרגעקומען אין בערל „קאָזאַקס" מויער, וואָס אויפֿן מאַרק. אַ ריזיקער עולם האָט אויסגעפּילט דעם „זאַל". מ'האָט שיער נישט צעשפּאַרט די ווענט. ס'האָט יעדער געוואָלט אָנקוקן די ביידע לאַנג־האָריקע פּאָעטן, בפרט אַז איינער פֿון זיי איז געווען אַן אייגענער, אַ בן עיר... נו, און לייב ניידוס איז דאָ שוין אויך געווען גוט באַקאַנט און האָט אַלעמען ממש איבערראַשט מיט זיין רעציטירן, מיט זיין דעקלאַמירן, מיט זיין גאַנצן געשטעל און גרויסער שוואַרצער טשופּרינע... זענען די אָוואַציעס געווען אין לשער.

אין אַמדור האָט אונדז אויפֿגענומען מיט אַ מיטאָג דער שטעטלשער אינטעליגענט אַברהם־זעליג פֿרידמאַן. זיין פּלונית, אסתר־לאהקע די אַקו־שערקע, האָט זיך זייער געסטאַרעט און אָנגעשטעלט אַ טיש מיט כל־טוב: שמאַלץ־הערינג אין בוימאייל מיט ציבעלעס און פּעפּער, ריזיקע קאָטלעטן, אַ ליטווישן קאַרטאָפּליאַנעם קוגל מיט פֿעטן יויך און אַנדערע גוטע זאַכן, ממש אַ מיטאָג דע לוקס פֿאַר יענע אָקופּאַציע־באַדינגונגען...

אַגב מיט אונדז דריי — די דריי „קרעפּטע" — איז מיטגעפֿאָרן ניידו־סעס אַ „סעזאָן־מיידל", ווי אַ „ליטעראַרישע ביילאַגע", און זי איז מיט אונדז מיטגעגאַנגען אויף אַלע אויפֿנאַמעס און באַזוכן. דאָס מיידל — מאַריינע האָט זי געהייסן — איז אָנגעגאַנגען ווי אַ ווייטע קרובה ניידוסעס. זי האָט נישט געגלאַנצט מיט אינטעליגענץ; איז אָבער געווען געניג באַחנט צו פֿאַראינ־טריגירן אַ בחור און זי האָט געלייגט גרויסע האָפֿענונגען אויף ניידוסן. אָבער אין דער אמתן איז זי געווען ביי אים ווי איינע פֿון אַלע זיינע „סעזאָן־מיידלעך". האָט טאַקע איר טעותדיקער חשבון איר געקאָסט שפּעטער אַ ביסל עגמת־נפש...

צוריקגעפֿאָרן פֿון אַמדור זענען מיר אין אַ ברייטן, אין שטרוי־אויס־געבעטן שליטן. ס'איז געווען אַ לינדע ווינטער־נאַכט און די שטימונג איז

ביי אונדז אַלעמען געווען אַ הייטערע. אין מיטן וועג האָט זיך נײַדוס צע־זונגען, פאַראָדירנדיק אַ באַקאַנט פאָלקס־ליד:

אַוועקגעפאָרן, אַוועקגעפאָרן,
אַ פולע בויד פּאָעטן...
איינער שרייט: גיכער פאָרט,
עס ווערן קאַלט די קאָטלעטן...

אַזוי כסדר...

שפּעטער איז אַוועק אַ פאַרמעסט צווישן אונדז ביידן אין אימפּראָוויזאַציע: ער אַ פערז מיט אַ גראַם — איך אַ פערז מיט אַ גראַם; ער אַ סטראָפע — איך אַ סטראָפע. די טעמאַטיק פון די אימפּראָוויזאַציעס איז געווען דער אַקופּאַציע־שטייגער מיט זיינע קוריאָזע און כאַראַקטעריסטישע דער־שיינונגען. די אימפּראָוויזירטע הומאָריסטישע אַקטואַליעז האָבן געמאַכט בגילופין אונדז גופא און די מיטפאָרער.

לייב ניידוס איז געווען אַ מייסטער אין אימפּראָוויזאַציעס, אין לייכטן פערז. דאָס זאָגן אויך עדות זיינע הומאָריסטישע לידלעך, קופּלעטן אונטער די פּסעוודאָנימען לעאָנאַרדאָ, לאָלאָ, לייבקע רייכלס, וואָס ער פלעגט ביי געלעגנהייטן פאַרעפנטלעכן. עס איז כדאַי צו ציטירן אַ פּאָר אַזעלכע סטראָפן פון זיינע הומאָריסטישע לידלעך לדוגמא, וואָס נײַדוס האָט גע־דרוקט אין ליטעראַרישן זאַמלהעפט „ניעמאַן“, וואָס איז דערשינען אונטער זיין רעדאַקציע. איינס — „רעפּעטיציעס“ — איז געווידמעט די דעמאָלטיקע טעאַטער־„ליוביטיעלעס“:

עס הודזשעט, עס טומלט,
עס קלאַפּן די טירן,
עס טראָגן זיך פּיסקלעך —
מען לויפט — — רעפּעטירן...

דאָ „קרייצער סאָנאַטע“
(מען שיסט זיך גאָר פיין),
און דאָרטן די שמאַטע
„אַ מענטש זאָל מען זיין“...

דאָ — „טעאָדאָלינדע“
און דאָרט — „זיין ווייבס מאַן“...

און אַלץ איז לטובת
פון דעם אָרעמאַן...
אאַז״וו.

נאָך מער פּאָפּולער אין גראָדנע איז געוואָרן לייב ניידוסעס (לעאָנאַר־דאָס) אַ הומאָריסטיש לידל „די ברעכאַלקע *)". „די ברעכאַלקע" האָבן יידן גערופן דעם שווייצער־טאָל, דאָס גערטל אין צענטער שטאָט. דאָרט אין שאָטן פון די געדיכטעביימער פלעגן פאָרקומען אַלערליי באַגעגענישן און „סווידאַניעס" פון פאַרליבטע פּאָרלעך. אַ סך גראָדנער אין דער וועלט גע־דענקען גוט די „ברעכאַלקע" און טייל געדענקען אויך עד היום ניידוסעס פּאַראָדיע אויף דער „ברעכאַלקע". נישט איין מאָל, דערמאָנענדיק צווישן גראָדנער לאַנדסלייט ניידוסן, טוט ווער אַ דעקלאַמיר:

מיין גוטינקע און ליבינקע,
מיין טייערע „ברעכאַלקע" —
איך ליב דיך ווי אַ פּעטינקע,
אַ יום־טובדיקע האַלקע...

ס'באַהאַלטן זיך דאָ טעכטערלעך
פון שטרענגע מאַמעס, טאַטעס,
און קוקן צו דער גאַס אַרויס
ווי חיות הינטער קראַטעס...
אאַז״וו.

און בעת אין דעם הונגעריקן גראָדנע האָט דער זייער ענערגישער נח באַס אָרגאַניזירט ביי דער „יידישער קונסט" אַ „מיטלשטאַנדסקיך", ווו יידן פלעגן קאָנען באַקומען אַ נאַרהאַפטן טעלער זופּ פאַר אַ צוגענגלעכן פּרייז, — איז דאָרט אויך ניידוס געווען צווישן די עסערס, און אויך דאָרט האָט ער געהאַט אַ געלעגנהייט צו שיטן מיט זיינע וויציקע גראַמען. דער פאַרוואַלטער פון קיך איז געווען איינער אַן עלטערער בחור מיטן נאָמען געץ. פלעגט ניידוס ביים טיש זיך צעלאָזן מיט זיינע אימפּראָוויזאַציעס:

*) ברעכאַלקאַ — די געגנעזע פון רוסישן וואָרט „ברעדיט", ד״ה רעדן פון וועג, פּלוידערן, פאַנטאַזירן.

אין אָנהייב פון אַ פרילינג

העי, פאַניע געץ,
זייט נישט קיין פאַדליעץ,
און גיט אַ ביסל פּעטס...
פאַר דעם טעלער לינדזן
צאָל איך גרויסע צינזן...

דער עולם עסערס ביים טיש האָט זיך אַמוזירט און געהאַט אַן אומזיסטן צייט־פאַרטרייב...

**
*

דער סעקרעטאַר פון דער „יידישער קונסט“, ב. קאַסין, איז אַריין אַרבעטן אין דער יידישער אָפּטיילונג פון דער דייטשישער „גראָדנאָער צייטונג“ *) און איך האָב פאַרנומען זיין אָרט אין דער אינסטיטוציע. כ'בין געוואָרן סעקרעטאַר, ביבליאָטעקאַר און רעדאַקטאָר פון דער לעבעדיקער צייטונג. אין דער דאָזיקער צייטונג האָבן מיטגעאַרבעט אַלע אָרטיקע כוחות. געוועזן טייל באַגאַבטע מענטשן. גאַר געלונגענע אַקטועלע הומאָרעסקעס פלעגט צושטעלן איינער אַ ליוביטש, אַ זעצער פון גאַנס דרוקעריי. הומאָרעסקעס פלעגן אויך שרייבן סאַפּירשטיין און סאָלץ. עס האָבן כסדר מיטגעאַרבעט צבי טאַרלאָווסקי, דובליאַנסקי, ב. קאַסין, ד״ר באַראַדיצקי, נח באַס, לעווענשטיין און אַנדערע. די לעבעדיקע צייטונג איז אין סך־הכל געווען אַ פיינע דאָקומענטאַציע, אַן אויסגעצייכנטער שפּיגל פונעם יידישן גראָדנע אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

זינט איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער „יידישער קונסט“ איז לייב ביידוס דאָרט געוואָרן נאָך אַן אָפטערער באַזוכער. ווען ער פלעגט קומען, פלעגט ער זיך גלייך צוכאַפּן צום קלאַוויר און שפּילן און זינגען, זיך אַליין אַקאָמפּאַנירנדיק. און תמיד האָבן אים אַרומגערינגלט צוהערער, באַוווּנדערער. ער פלעגט זינגען און שפּילן איין פאָלקס־ליד נאָכן אַנדערן, איין ראָמאַנס נאָכן אַנדערן. ער פלעגט פאַרוואַרפן זיין שוואַרצע טשופּרינע און זיך פאַרגיין אין געזאַנג:

---

*) לכתחילה איז די צייטונג דערשינען אין צוויי שפּראַכן: דייטש און פויליש; שפּעטער האָט זי איינגעפירט אויך אַ יידישע זייט.

אברהם זאַק

צווי טייבעלעך זענען איבערן וואַסער געפלויגן...
אאַז״וו.

אָדער ער האָט פאַרצויגן זיין אייגענעם סענטימענטאַלן ראָמאַנס:

בלימעלעך בלויאינקע — — —

33

דער כישוף פון ייִדישן וואָרט

אין די יאָרן 1917—1918 איז אין שטילן ייִדישן גראָדנע געווען געגנוג לעבעדיק און פּילפּאַרביק. אויב פּאַר סתם מענטשן איז דער פּאַרקער פון איין אָקופּאַציע־געביט אין אַנדערן געווען זייער באַשווערט, איז אָבער פּאַר קינסטלער נישט געווען קיין צו שטרענגע „שפּערע״, קיין גרענעצן. אַק־טיאָרן, זינגער, מוזיקער, לעקטאָרן האָבן פון צייט־צו־צייט יאָ געקאָנט באַ־קומען פון די דייטשישע „באַהערדן״ די נייטיקע „גענעמיגונג״ צו פאָרן וווּהין זיי ווילן. נו, איז אין גראָדנע אַוועק אַ סדרה פון ייִדישע „פאַראַנ־שטאַלטונגען״: טעאַטער, קאָנצערטן, פאַרלעזונגען, רעציטאַציעס וכדומה. ייִדיש! ייִדיש! דאָס ייִדישע לשון האָט דאָמינירט. ייִדן האָבן דערפילט אין שטאָט דעם כישוף פון ייִדישן וואָרט...

היות ווי עפנטלעכע אויפטרעטונגען אין רוסיש זענען געווען פאַרבאָטן, האָט זיך צו מיר איין מאָל געווענדט אַפילו אַ רוסישע זינגערין איך זאָל פאַר איר איבערזעצן ציגיינער־ראָמאַנסן פון רוסיש אויף ייִדיש. אויך אַ רוסין האָט נעבעך געמוזט פאַרזוכן דעם טעם פון גלות און האָט געמוזט זיך אויסלערנען מיינע ייִדישע טעקסטן פון אַזעלכע עכט־רוסישע לידער ווי „אוכאַר קופּיעץ״, „וואָלגאַ, וואָלגאַ״, „זאַביטי ניזשניִע לאָבזאַניאַ״, „מאָי קאָסטיאָר״ און אַנדערע.

לייב נייַדוס האָט איינגעלייגט וועלטן מ׳זאָל אַראָפּברענגען פון ווילנע זלמן רייזענען. ס׳איז אונדז געלונגען צו באַוועגן אַן אימפּרעסאַריאָ (דעם בוכהענדלער איבערסקי) און נאָך אַ פּאָר אַנדערע קולטור־עסקנים — און דער פּלאַן איז געלונגען. זלמן רייזען איז געקומען מיט אַ שיין־באַארבעטן

רעפּעראַט וועגן דער ראָל און דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער שפּראַך. דעם רעפּעראַט האָט רייזען געהאַלטן אין שטאָט־טעאַטער פאַר אַ פול־גע־פּאַקטן זאַל.

נאָכן רעפּעראַט האָבן מיר פאַר זלמן רייזענען איינגעאָרדנט אַ היימישע מסיבה פון קולטור־פריינד, אינעם הויז פון דער אַקטריסע מינדל ראַבינאָ־וויטש (די בת־הרב). ביי אַ באַשיידן סערווירטן טיש (כפי די אָקופּאַציע־באַדינגונגען...) האָבן מיר זיך משמח געווען עד שהגיע זמן של שחרית... ביידוס האָט געוויזן זיינע מוזיקאַלישע קונצן: ער האָט אויסגעשפּילט מיט אַ גאָפּל איבער פּלעשער און גלעזער אַ גאַנצע פּאָפּורי פון פאָלקס־לידער און דער עולם האָט זיך שטאַרק אַמוזירט. זלמן רייזען האָט אונדז אָפּגעגעבן אַ גרוס פון די שרייבער אין ווילנע און געשטילט אַ ביסל אונדזער בענק־שאַפט נאָך שרייבערישער סביבה.

קורץ נאָך דעם איז געקומען קיין גראָדנע אַן אַנדער פּען־מענטש — משה שאַליט. אויך שאַליט האָט געצויגן אַן עולם אין טעאַטער. בכלל האָבן ייִדן אין גראָדנע געהאַט אַ הונגער נאָך אַ ייִדיש וואָרט און פלעגן קומען אויף יעדן רוף, צו היגע און אַוודאי צו גאַסט־רעדנער. מיט אַזאַ מין דורשט און בייגיר פלעגן אַמאָל ייִדן אין די שטעטלעך לויפן אין בית־מדרש הערן אַ געקומענעם באַרימטן מגיד...

שפּעטער — דאָס איז שוין געווען אין פרילינג 1918 — האָט זיך גע־וויזן אין גראָדנע ווי אַן אייגענער, אַ בן־עיר — דער פּאָעט לייב יפה. זייער אָפט פלעגט עס לייב יפהן אַ ציי טאָן צו די היימישע ניעמאַן־ברעגעס און ער פלעגט זיך אַראָפּכאַפּן אין זיין היימשטאָט, אין דעם משפּחה־הויז פון די יפהס בשכנות פונעם ניעמאַן, אויף דער פאַרשטאָטער זייט. לייב יפהס דע־מאָלטיקער רעפּעראַט אין שטאָט־טעאַטער איז געווען אויף אַ ציוניסטישער טעמע און אים זענען געגאַנגען הערן גרויס און קליין. דער צווייטער, ייִנגע־רער, גראָדנער לייב — לייב ביידוס — איז דעמאָלט גראָד געווען אין קוס־טין, איז מיר אַליין אויסגעקומען צו באַזוכן לייב יפהן אין זייער משפּחה־שטוב. לייב יפה האָט שוין דעמאָלט, קאָן מען זאָגן, פאַרענדיקט מיט זיין רוסישן פּעריאָד אין זיינע לידער. לידער האָט ער שוין איצט געשריבן אין ייִדיש. אין די אָקופּאַציע־יאָרן איז עס זיכער געווען אויס אַקטועל. אָבער, דעם אמת געזאָגט, זענען מיר בעסער געפעלן זיינע רוסישע דיכטונגען. זיי

זענען ביי יפהן געווען עכטער, צאַרטער, לירישער, מער אינטים, זיינע ייִדי־שע לידער האָבן אָפּט געשמעקט מיט פּובליציסטיק...

ביי אונדזער באַגעגעניש האָב איך געזען, אַז יפה האָט אַ סך גערודלט צו פּאָעזיע און ער האָט מיך געבעטן כ׳זאָל אים ווייזן מיינע לידער; געבעטן לייענען נאָך און נאָך. ער האָט אַליין אַריינגעקוקט אין די פאַרשריבענע בלעטלעך און געמאַכט פאַרשידענע באַמערקונגען, פאַרגלייכן; ציטירט פון דעם און פון יענעם דיכטער. הגם ער איז געווען אַ פּאַרטיי־מענטש, אַ פּאָלי־טיקער; אָבער זיין נשמה איז געווען פאַרחברט, געקניפּט און געבונדן מיט דער מוזע.

נישט קיין קליינע אַטראַקציע אין שטאָט איז געווען דער גאַסטראָל פון־נעם וואַרשעווער קאַנטאָר גרשון סיראָטע און זיין טאָכטער העלענע סיראָטע — אַ פיינע סובטעלע זינגערין. סיראָטע איז אויפגעטראָטן אין טעאַטער מיט אויסערלעכער מאַיעסטעטישקייט, אין אַ שוואַרצן סורדוט און הויכן צילינדער. ער האָט די גראָדנער מעלאָמאַנען באַצויבערט מיט זיין שטאַר־קער „כלי״, מיט זיין מתיקותדיקער נגינה. אויסער סקאַרבאָווע ניגונים — זיין „הבן יקיר״! זיין „ומפני חטאינו״! זיין „ונתנה תוקף״! — האָט ער נאָך געזונגען אַ ציקל פאָלקס־מאָטיוון, וואָס האָבן מיטגעריסן. גרויס דערפאָלג האָט אויך געהאַט זיין טאָכטער העלענע מיט איר לירישן מעצאָ־סאָפּראַן. זי איז געווען אַ פיינע אינטערפּרעטאַטאָרין פונעם ייִדישן פאָלקס־ליד. אירע „צוויי טייבעלעך״, איר „יאָמע, יאָמע״ און אַנדערע זענען אַלעמען אַריין אין נשמה.

לייבניידוס איז אויפגעטראָטן אין דער „ייִדישער קונסט״ מיט צוויי רעפעראַטן: „פּרץ און שלום עליכם״ און „די ייִדישע פּאָעזיע״. מיט די זעל־בע רעפעראַטן איז ער געפאָרן קיין ביאַליסטאָק. דאָרט האָט ער זיך באַ־פריינדעט מיטן שרייבער און פּעדאַגאָג פסח קאַפּלאַן און נאָך מער — מיט קאַפּלאַנס טאָכטער, סאָניע... אַז ניידוס איז צוריקגעקומען פון ביאַליסטאָק, האָט ער זיך פאַר מיר פאַרטרויט (ער האָט פאַר מיר נישט געהאַט קיין סודות...) וועגן זיין עקספּראָמט־ראָמאַן מיט סאָניע קאַפּלאַן, וועלכע איז אָנגעגאַנגען פאַר אַ זינגערין, און אַז ער וויל זי טאַקע אַראָפּברענגען קיין גראָדנע אויף אַ קאָנצערט. ער האָט געלאָזט אין גאַנג אַלע זיינע איניציאַ־טיוועס און סאָניע קאַפּלאַן איז טאַקע לסוף געקומען צו פאָרן זינגען ייִדישע

אבֿרהם זאַק און לייב נײַדוס אין גראָדנע (1917)



לייב נײַדוס **און** אברהם זאַק **אין גראָדנע** (1917)

פאָלקס־לידער. דער קאָנצערט איז אַראַנזשירט געוואָרן אין שטאָטישן טעאַ־טער — מיט אַ גרויסן דורכפאַל... גראָדנע איז געווען אַ שטאָט פון מבינים אויף טעאַטער, אויף זינגערס. און זי, סאָניע קאַפּלאַן, איז געווען אַ גאָר שוואַכינקע זינגערין. העכסטנס וואָלט זי געקאָנט אויפטרעטן אויף אַ קליי־נער עסטראַדע פון אַ פּאַראײַנדל, אָבער בשום אופן נישט אין אַ טעאַטער־זאַל. אָבער זיין ציל האָט ניידוס יאָ דערגרייכט: סאָניע איז געווען זיין גאַסט העכער אַ וואָך צייט... און צופיל צייט האָבן דאָך זיינע „סעזאָן־ראָמאַנען" קיין מאָל נישט געדויערט... דער סוף איז געווען, אַז פּסח קאַפּלאַן איז צוליב דעם געוואָרן ברוגז מיט לייב ניידוסן. מסתמא האָט קאַפּלאַן (אַ טאַטע!) אויך לכתחילה געמאַכט אַ טעותדיקן חשבון, אַז ניידוס ווערט אַ חתן צו זיין טאָכטער...

**
*

אין דער „יידישער קונסט" אַרבעט איך נאָר אַ פּאָר שעה אַ טאָג. האָב איך דערגאַנצט מיין פּרנסה דורך אַנדערע אַרבעטן: געשריבן קאָרעספּאָנ־דענציעס פאַר דער ווילנער יידישער צייטונג „לעצטע נייס" (אונטער דער רעדאַקציע פון זלמן רייזען); אָנגענומען אַ לעקציע פון יידיש און דייטש אין אַ חדר־שול, וואָס איז געווען אונטער דער השגחה פון דייטשישן שול־אַמט און דערפאַר פלעג איך אָפט האָבן אַ וויזיטאַטאָר, אַ יעקע פונעם זעלבן אַמט; האָב אויך געהאַט אַ לעקציע פון יידיש און יידישער ליטעראַ־טור אויף אָוונט־קורסן פאַר דערוואַקסענע ביי די פועלי־ציון (אונטער דער אָנפירונג פון מיין אַמדורער בן־עיר אַדין); אַ חוץ דעם האָב איך אָנגענומען אַ פּאָר פּריוואַטע לעקציעס פון יידיש און יידישער ליטעראַטור ביי רוסי־פיצירטע גראָדנער „באַרישניאַס"... — אַזוי אַז מיט פּרנסה האָב איך זיך שוין געקאָנט אָן עצה געבן און כ׳בין שוין אויך געווען אַפילו ביכולת צו אונטערשטיצן מיינע עלטערן, וואָס האָבן זיך אויך איבערגעצויגן פון אַמדור קיין גראָדנע און געוווינט צוזאַמען מיט מיין שוועסטער — שוין להשתקע. געוואָרן גראָדנער.

אַ טשעקאַווע לעקציע האָב איך געהאַט ביי אַ דייטש — אַ דייטשישער מאַיאָר. רעקאָמענדירט האָט מיר די לעקציע אַ באַקאַנטער, און עד היום איז מיר געבליבן אומפאַרשטענדלעך וואָס עס האָט באַוויגן דעם ריין־

ראַסיקן דייטשישן מאַיאָר זיך אויסצולערנען לייענען און שרייבן ייִדיש. עטלעכע מאָל אין וואָך, אין די נאָכמיטאָג־שעהען, פלעג איך צו אים אַריינ־קומען אין דעם פיינעם דעפּאַרטאַמענט, וואָס ער האָט פאַרנומען אויף דער דאָמיניקאַנער גאַס. ער האָט מיך תמיד אויפגענומען מיט פריינטלעכער העפלעכקייט, מיט דעם טראַדיציאָנעלן „קאַפּעע אונד קוכן", און נאָכן צו־בייסן פלעגט זיך אָנהייבן די לעקציע. איך האָב פאַר אים געקויפט אַן עלעמענטאַר לערן־ביכל פון די ווילנער פּעדאַגאָגישע אויסגאַבן, וואָס פלעגט באַנוצט ווערן אין די ייִדישע אָנהייב־שולן. און זייער קאָמיש האָט עס מיר אויסגעוויזן: פאַר מיר זיצט אַ ריזיקער דייטש, אַ הויכער, אַ דיקער, אַ בלאָנדער, מיט וועמען איך הייב אָן פון „אלף־בית"... נעבן אים איז שטענ־דיק געלעגן אויסגעצויגן אויף דער פּאַדלאָגע אַ ריזיקער קודלאַטער כלב, ווי ער וואָלט זיך אויך געוואָלט אויסלערנען ייִדיש...

מיין אויסטערלישער שילער האָט גיך אַוואַנסירט. ער האָט זיך אויס־געלערנט דעם אלף־בית, דעם ניקוד — און גענומען סילאַביזירן. ביסלעכ־ווייז האָט ער אָנגעהויבן לייענען שנעלער און שנעלער. און פאַרשטאַנען האָט ער כמעט יעדעס וואָרט — אויסער די העברעיִזמען, פאַרשטייט זיך. דעם טראַפאַרעט „וועלכער ייִד פאַרשטייט עס נישט קיין דייטש?" האָב איך פאַראַפראַזירט: „וועלכער דייטש פאַרשטייט עס נישט קיין ייִדיש?"... מיט דער צייט האָט ער מיך געבעטן איך זאָל מיט אים לייענען עפּעס פון מיינע שריפטן. האָב איך אים געגעבן לייענען לידער. ער האָט זיי פאַוואָליע גע־לייענט און צעקייט.

— קענען זי שילער? געטהע? — פרעגט ער מיך.

און אַז איך רוף אים אָן אַ ריי ווערק, וואָס איך האָב געלייענט פון די דאָזיקע שרייבער, איז ער אויפן זיבעטן הימל.

איך האָב ריזיקירט און אים איין מאָל ביים קאָנסומירן זיין טראַדי־ציאָנעלן „קאַפּעע אונד קוכען" אַ פרעג געטאָן:

— וואָס האָט איך באַוויגן צו לערנען ייִדיש?

— גאַנץ איינפאַך, — ענטפערט ער, נישט טראַכטנדיק — מיר קומט אויס אין גראָדנע צו באַגעגענען זיך מיט ייִדן, ווילט זיך מיר קענען זייער שפּראַך...

האָב איך דערביי אַ טראַכט געטאָן: „הלוואי וואָלטן אַלע „שמענדריקעס" אַזוי געטראַכט וועגן יידיש"...

אָבער געבליבן בין איך דאָך מיט אַ פרעג־צייכן בנוגע דעם דייטשישן מאַיאָר. איז עס טאַקע אַזוי ווי ער זאָגט? אין דער אמתן האָט ער צו יידיש אַרויסגעוויזן אַן ערנסטן אינטערעס — סיי פון לינגוויסטישן קוקווינקל, סיי פון ריין מענטשלעכן. און מיט וויפל פּינקטלעכקייט און דאַנקשאַפט פלעגט ער מיר יעדעס מאָל נאָך דער לעקציע דערלאַנגען מיין האָנאָראַר — די פּאָר רייכסמאַרק־באַנקנאָטן. גיי ווייס זיינע כוונות...

און איצט, בעת די דאָזיקע שורות ווערן געשריבן; נאָך דער „לעקציע", וואָס די דייטשן האָבן אונדז געגעבן, דעם יידישן פאָלק, — וואָס פאַר אַן אַסאָציאַציעס קאָנען איצט ביי מיר אַרויסרופן יענע לעקציעס מיינע מיטן דייטשישן מאַיאָר?...

34

קומען ווידער גאַסטראָליאָרן

ס'איז געקומען אויף גאַסטראָלן קיין גראָדנע קאַמפּאַניעץ מיט זיין אַנסאַמבל און מיט זיין רעפּערטואַר. די טרופּע איז אייגנטלעך באַשטאַנען פון אַ משפּחה — אַן אַקטיאָרן־משפּחה: קאַמפּאַניעץ אַליין, זיין פרוי, זיינע דריי טעכטער אַניעלאַ, נינינאַ און באַריסאַווא, זיינע איידעמס פּאַליאַקאָוו און סאָקאָלאָוו. די טרופּע האָט געלופטערט די אַלט־באַקאַנטע אָפּערעטעס און פּיעסן. גראָדנער יידן האָבן דעמאָלט געזען קאַמפּאַניעצן אין זיין גלאַנץ־ראָלע פון גאָלדפאַדענס „כשוף־מאַכערין". אין דער דאָזיקער ראָלע האָט זיין מייסטערשאַפט אים נישט פאַרראַטן ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן. פאַר דער דאָזיקער ראָלע — אינעם מכשפה־קלייד און טשעפּיק — איז ער ווי געבוירן געוואָרן...

נאָך דעם ווי די טרופּע האָט געענדיקט איר גאַסטראָל איז נאָך סאָקאָלאָוו ווייטער געבליבן מיט עטלעכע אַקטיאָרן און האָט אויפגעפירט סטרינ־

בערגס „דער פאַטער", וואָס איך האָב פאַר אים איבערגעזעצט אין ייִדיש. אַזוי אַז מיינע „דזשאַבן" האָבן זיך פאַרמערט און פאַרצווייגט...

עס פלעגט אַ מאָל אויך אַ גרילץ טאָן אין גראָדנער טעאַטער אַ שונדישע מאַכערייקע. דערמיט פלעגן אונטערזינדיקן די ברידער כאַש און קדיש — הגם אין גרונט נישט קיין שלעכטע אַקטיאָרן. אויף זייער קאָנטע איז פאַרשריבן די אויפפירונג פון בעסערע אָפּערעטעס, ווי „באַיאַדעראַ", „טשאַרדאַשפירשטין" א"אַ. (מיט דער באַטייליקונג פון נחמה, מינאַ ראַבינאָוויטש, ראָזע מאַלאַוויסט א"אַ).

אין זיכרון גרילצט מיר נאָך עד־היום כאַשס אַ וווּלגאַר קופּלעטל פון אַ שונדישער פּיעסע:

יענטע די רויטע,
יענטע די רויטע,
יענטע די רויטע מויד...

געקומען אויך פון וואַרשע אויף גאַסטראָלן אין גראָדנע דאָס קינסטלער־פּאָרל מנחם קיפּניס און זמרה זעליגפעלד. און ביידע נעמען איין גראָדנע מיט זייער געזאַנג, מיט זייער שלל פאָלקסלידער. זיי גיבן איין קאָנצערט, אַ צווייטן, אַ דריטן. קיין צו שטאַרקן טענאָר האָט נישט קיפּניס, אָבער ער איז אַ גרויסער בעל־מנגן, אַ זינגער מיט ייִדישן נוסח, מיט עכט ייִדישן קנייטש, מיט ספּעציפיש ייִדישע פּליטערלעך. און זמרה זעליגפעלד איז געווען אַ זינגערין מיט אַ ריינער מעטאַלענער שטים. זייער רעפּערטואַר איז געווען אומגעהייער רייך. קיפּניס איז אַגב געווען אַ זאַמלער פון ייִדישע פאָלקסלידער. וווּהין ער פלעגט קומען, פלעגט ער זוכן און נאָכפרעגן ביי פאָלקס־מענטשן אויף ניגונים, פאָלקסלידער; פלעגט אויסהערן דעם און יענעם און פאַרצייכענען עס אין נאָטן. אויך אין גראָדנע האָט ער צ"אַ אויפגענומען אַ כאַראַקטעריסטיש פאָלקסליד — „אַ חברטע" — וואָס איז זייער פּאָפּולער געווען אין יענע מקומות און וואָס איז אַריין אין זעליגפעלדס רעפּערטואַר. וועגן דאָזיקן פאָלקסליד האָט קיפּניסן געהאַט דערציילט דער גראָדנער אַקטיאָר ש. גאַרבער: ער האָט געאַרבעט ווי אַ פעלדשער אין אַ קליניק פאַר ווענעריש קראַנקע, און דאָרט האָבן אַ פּאָר גאַסן־מיידלעך געזונגען דאָס דאָזיקע ליד. קיפּניס איז נישט פויל געווען און האָט באַזוכט

גאַרבערן אין יענער קליניק און גאַרבער האָט אים צונויפגעפירט מיט יענע „זינגעריגס", פון וועמען ער האָט אויפגענומען די ווערטער מיט דער מעלאָדיע פון „אַ חברטע".

אַגב אורחא דערמאָנט זיך מיר: אַז איך בין איין מאָל אַריינגעקומען אין דער דאָזיקער קליניק צו גאַרבערן, אין די ענינים פון דער „יידישער קונסט", האָבן מיר יענע „זינגערקעס" אינעם הויפּל מקבל־פּנים געווען אויך מיט אַ זמר:

האָט אַ יאָלד אַ קאַפּעליוש — — —

מנחם קיפּניס איז געווען מוזיק־רעצענזענט און פעליעטאָניסט פון וואַרשעווער „היינט" — אַזוי אַז ער האָט מיר געבראַכט אַ סך גרוסן פון דעם און פון יענעם פון דער ליטעראַרישער סביבה אין וואַרשע. דערציילט ער מיר אַגב, אַז קיין לייכט לעבן האָבן נישט די יידישע שרייבער אין אָקופּירטן וואַרשע; אַז די צייטונגען ראַנגלען זיך גאַנץ שווער און ביטער פאַר זייער עקסיסטענץ; אַז גלייכער — זאָגט ער מיר — כ'זאָל זיצן אין גראָדנע און אויסדויערן, עד שיעבור זעם... אַגב קאָן איך סיי ווי סיי נאָך נישט טראַכטן וועגן איבערפאָרן קיין וואַרשע: אויך אין גראָדנע בין איך דאָך כסדר אונטער דער אויפזיכט פון דער זשאַנדאַרמעריע, וווהין איך מוז יעדן שבת קומען זיך מעלדן ווי אַן „עהעמאַליגער קריעגס אַנגעהעריגער".

וואָס מנחם קיפּניס האָט פאַר מיר יאָ געטאָן איז — דאָס מיטנעמען פאַרן „היינט" מיין פאַרענדיקטן מאַנוסקריפּט פון מיין מלחמה־בוך „אונטער די פליגל פון טויט". איך האָב אים געוויזן נאָר אַ פּאָר קאַפּיטלען, איז ער גלייך אַרויס מיט לשון:

— גזלן, וואָס זשע שוויגט איר? וואָס זשע האַלט איר אין שופלאָד אַזאַ מאַטעריאַל?

און גאָר אין גיכן, נאָך קיפּניסעס צוריקפאָרן קיין וואַרשע, טראָגט מיר אונטער נח באַס — דער צייטונגס־פאַרשטייער אין גראָדנע — אַ נומער פון „היינט", ווו ס'איז מיט גרויסע קידוש לבנה־־אותיות און מיט גרויס פּאָמפּע אַנאָנסירט מיין מלחמה־ווערק, וואָס וועט אין גיכן זיך אָנהייבן דרוקן אויף די שפּאַלטן פון „היינט". באַלד דערויף קומט מיר אויך אָן אַ בריוו

פונעם „היינט"־רעדאַקטאָר ש. י. יאַצקאַן, וועלכער פרעגט מיך אָן וועגן האָנאָראַר. מה יקר?...

אין סך־הכל: קיין ווערק האָט מיר נישט אַריינגעבראַכט אַזאַ האָנאָראַר, וויפל איך האָב דעמאָלט באַקומען פון „היינט". עס האָט מיר געקלעקט אויף אַ היפשע צייט צום לעבן בהרחבה, צו וווינען אין אַ בעסערן צימער און צו „דאַטשעווען", צוזאַמען מיט מיין מוטער, אויף קאַלאָזשע נאָך אַ דורכגעמאַכטן פלעק־טיפוס, וואָס איז דעמאָלט געווען שטאַרק אין דער „מאָדע"...

**
*

גלוסט זיך אויך צו דערמאָנען נאָך אַ טשעקאַוון גאַסטראָל אין יענעם גראָדנע — דעם גאַסטראָל פון יוסף ווינאָגראַדאָוו. ווינאָגראַדאָוו איז געקומען פון ווילנע, וווּ ער האָט געוווינט אין די מלחמה־יאָרן. ער איז געווען אַ באַרימטער באַריטאָן פון דער פעטערבורגער קייזערלעכער אָפּערע. ער איז שוין געווען אַ מענטש אין די זעכציקער, אָבער זיין שטים איז נאָך געווען אין פולן גלאַנץ. באַלד מיט זיין ערשטן קאָנצערט האָט ער מיטגעריסן דעם עולם. ער איז געווען אַ מייסטער סיי אין קלאַסישן רעפּערטואַר, סיי אין יידישן פאָלקסליד. זיין פיגאַראָ פון „דער באַרביער פון סיוויל" איז געווען אַ שעדעווער. און וויפל האַרץ און נשמה, וויפל מתיקות און יידישן ווייַ האָט ער אַריינגעלייגט אין פּרצעס „געבעט", אין די „דריי בייטאַרינס", אין „קדיש" פון לוי יצחק בערדיטשעווער, אין „דודעלע". ווינאָגראַדאָוו איז באמת געווען אַ חד במינו. אַ גאָט־געבענטשטער קינסטלער נישט נאָר אין געזאַנג, נאָר אויך אין אַרטיסטישער אינטערפּרעטאַציע. בעת ער האָט געזונגען אַברהם רייזענס „צום העמערל" האָט איר אין זיין פנים און אין דער מימיק געזען און געפילט בפועל ממש די ליידן, דעם יאוש און דאָס צעבראָכענע האַרץ פונעם יידישן אביון...

ווינאָגראַדאָוו אַליין איז געווען אַן אָפּשטאַמיקער פון דער יידישער אָרעמשאַפט, פון דער אָרעמער יידישער גאַס. אינטעלעקטועל איז ער צו ווייט נישט אַוועק און געבליבן אַ גאַנץ פרימיטיווער מענטש; אָבער זיין געבענטשטע שטים האָט פאַר אים געעפנט אַלע טירן און ער איז דערגאַנגען ביז דער פעטערבורגער קייזערלעכער אָפּערע, וווּ ער האָט פאַרנומען

אַ גאָר חשובע פּאָזיציע — הגם ער איז געווען אַ ייִד... די בעסטע ראַיה וואָס פאַר אַ גרויסער קינסטלער ער איז געווען איז דער פאַקט, וואָס לגבי אים איז נישט גילטיק געווען אין צאַרישן רוסלאַנד דער „קראָמע יעוו־רייעוו"...

עס איז מיר באַשערט געווען צו טאָן מיט יוסף ווינאָגראַדאָוון אַ בשותפותדיקע אַרבעט: אַרויספירן אָפּערע אויף דער ייִדישער בינע! ווי־נאָגראַדאָוו האָט מיר דערציילט, אַז זינט ער איז אַוועק פון פּעטערבורג און לעבט צווישן ייִדן, פייניקט אים דער געדאַנק: פאַר וואָס זאָל מען אויף ייִדיש נישט שפּילן קיין אָפּערע? פאַר וואָס דראַמע יאָ, אָפּערעטע יאָ און אָפּערע נישט? און ער האָט מיר פאָרגעלייגט איך זאָל פאַר אים איבערזעצן אין ייִדיש אַן אַקט פון „דעמאָן" און אַן אַקט פון „מאַזעפּאַ". מיר איז דער ענין געפעלן געוואָרן און כ'האָב זיך עס אונטערגענומען. ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און כ'האָב די איבערזעצונג געמאַכט. אַגב האָט ער מיר נאָך געגעבן צום איבערזעצן אַ גאַנצע ריי אַנדערע מאָטיוון און לידער פון זיין רוסישן רעפּערטואַר — פון טשייקאָווסקי, גלינקאַ, ראַכמאַנינאָוו, רובינ־שטיין א"אַ. אַזוי אַז זיין רעפּערטואַר איז געוואָרן אויסגעפּילט אינעם רוב מיט מיינע איבערזעצונגען.

גאָר אין גיכן איז אין גראָדנע געוויזן געוואָרן די סענסאַציע — אָפּערע אין ייִדיש! גראָדנע האָט געהאַט דעם זכות, אַז דאָרט זאָל פאָרקומען די פּרעמיערע. צום ערשטן מאָל אָפּערע אין ייִדיש! פאָרגעקומען איז דער ספּעקטאַקל אין אַ קינאָ־זאַל אויף דאָמיניקאַנער גאַס. דער זאַל איז געווען אויסגעפּילט איבער די ברעגעס. אין דיביידע אַקטן פון „דעמאָן" און „מאַזעפּאַ" האָבן מיטגעשפּילט די ווילנער זינגערין קאָנטאַראָוויטש און דער ווילנער זינגער אָרליוק. און די דערוואַרטונג האָט נישט אָפּגענאַרט: ווינאָ־גראַדאָוו איז ערשט אַרייַן אין טראַנס. איז ער דאָך געווען קודם־כל אַן אָפּערע־זינגער. האָט ער אַ גלאַנץ געטאָן מיט זיין גאַנצן כישוף — ווי אַן אַקטיאָר און ווי אַ זינגער בחסד עליון. די אַריעס פון „דעמאָן": „נישט וויין, מיין קינד" און „כ'בין יענער"... די אַריע „דריי אוצרות" פון „מאַזעפּאַ" אין ווינאָגראַדאָווס געזאַנג און אינטערפּרעטאַציע האָט מען לאַנג נישט געקאָנט פאַרגעסן...

די דאָזיקע אָפּערע־ספּעקטאַקלען האָט יוסף ווינאָגראַדאָוו שפּעטער

איבערגעחזרט אין אַ גאַנצער ריי אַנדערע שטעט: אין ווילנע, וואַרשע, לאָדזש אאַז״וו. ווינאָגראַדאָוו, קאָן מען זאָגן, איז געווען דער פּיאָנער אויפן דאָזיקן געביט. נאָך דעם איז געקומען אין וואַרשע אַן אַנדער פּרוּוו פון אָפּערע אויף יידיש: די אָפּערע „דוד און בת־שבע" פון משה בראָדערזאָן און מוזיק פון הענעך קאָן.

ס'איז געבליבן נאָר אַ פּרוּוו...

35

עכאָס פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע

עס איז שוין נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. דער רוסי־שער שטורעם האָט אַ ווייע געטאָן מיט ווינטן איבער שטעט, איבער לענדער. אַן אויפטרייסלונג איז באַלד געקומען אויף די רוסיש־דייטשישע פראָנטן. ס'איז גיך דערגאַנגען צום וואָפנשטילשטאַנד. די מלחמה האָט נאָר ווייטער געפלאַקערט אויף די מערב־פראָנטן.

דאָס פּאָליטישע לעבן אין גראָדנע, וואָס איז אין די מלחמה־יאָרן געווען אָפּגעשטאָרבן, האָט איצט ווידער אויפגעלעבט. פּאַרטייען, וואָס האָבן געהאַט אויפגעגעבן יעדע פּאָליטישע אַרבעט, זענען ווידער געוואָרן טעטיק; האָבן ווידער געמאַכט „סכאָדקעס", פאַרזאַמלונגען אין פּריוואַטע און האַלב־פּרי־וואַטע לאָקאַלן. עס האָבן ווידער אַרויסגעוויזן סימנים פון לעבן אַלערליי יידישע גרופּירונגען, פּאַרטייען און פּאַרטייעלעך — בירגערלעכע און סאָ־ציאַליסטישע: דער „בונד", די „פּאַראייניקטע" (אַמאָליקע „ס. ס."), ציוניסטן פון אַלע שאַטירונגען.

די „פּאַראייניקטע" האָבן געהאַט אַ פיינע גרופּע אינטעליגענץ און אַרבעטער. אין דער אָנפירונג זענען געווען דער גימנאַזיאַל־לערער אָסטרינ־סקי, קאָפּלאַן, קאָברינסקי א״אַ. צו זייערע פאַרזאַמלונגען פלעגן די „פּאַר־אייניקטע" פאַרבעטן שטענדיק מיך מיט ניידוסן (אויך ניידוס איז געווען אַ סימפּאַטיזירער פון „ס. ס.").

די איבערקערעניש אין רוסלאַנד האָט אויפגערודערט די געמיטער פון

דער יידישער יוגנט. מ׳האָט געשפּירט אין דער אַטמאָספּערע, אַז עס רוקן זיך נייע צייטן; אַז אויך יידן דאַרפן גרייט זיין צו ראַדיקאַלע שנויים. צו טראַנסצעדענטאַלע געשעענישן. קיין פּאַרטיי האָט אָבער קלאָר נישט גע־קאָנט שטעלן איר פּראָגנאָז בנוגע די אָנקומענדיקע צייטן. איבער אַלץ איז געווען פאַרשפּרייט אַ שלייער פון אומבאַשטימטקייט. מ׳האָט עפּעס דער־וואַרט... ווי וועט אָבער אויסזען, ווי וועט זיך געשטאַלטן דאָס לעבן אין חדשים אַרום? אין אַ יאָר אַרום? — קיינער האָט נישט געקאָנט זיין קיין נביא.

**
*

דערמאָנט זיך מיר אַ שטיקל אויפברויז פון יענער צייט אויך אין דער „יידישער קונסט״. אַן אויפברויז, פון וועלכן איך בין דער גורם געווען. געווען איז עס צוליב מיינעם אַ רעפעראַט וועגן דער שפּראַכן־פראַגע. שוין דער נאָמען גופא פון רעפעראַט — „יידיש — די שפּראַך פון אונדזער קולטור״ — האָט געשפּאַנט די געמיטער, און מענטשן זענען געקומען קריי־געריש געשטימט. דער זאַל פון דער „יידישער קונסט״ איז געווען איבער־פולט. עס זענען געקומען די סאַמע „פּני״ פון די פּאַרטייען.

אין עצם האָט דער פּאָרטראַג מיט גאָר נישט געדאַרפט שאָקירן די ליבהאָבער פון העברעיש. ער איז נאָר געווען געצילט קעגן די פאַנאַטיקער, די אולטראַ־אולטראַ־העברעיסטן, וואָס האָבן זיך באַצויגן מיט ביטול און פאַראַכטונג צו אונדזער פאָלקס־לשון — ווי צו אַ „זשאַרגאָן״, ווי צו אַ „שפחה״ — און האָבן שוין דעמאָלט זיך אַרומגעטראָגן מיט דער אוטאָפּיע צו העברעיזירן דעם גלות...

נאָכן רעפעראַט האָבן זיך פאַרשריבן אַ גאַנצע ריי אָפּאָנענטן: קעגנער און אויך פאַרטיידיקער. די פאַרטיידיקער זענען געקומען מצד די יידיש־סאָציאַליסטישע קרייזן. זיי האָבן זיך פאַרשריבן נישט כדי צו פּאָלעמיזירן מיט מיר, נאָר, אַדרבה, ווי „אַליאירטע״ אין דער מלחמה... די דיסקוסיעס אַרום מיין פּאָרטראַג האָבן געדויערט גאַנצע דריי אָוונטן נאָכאַנאַנד און שטענדיק איז געווען דער זאַל געפּאַקט. דורך דער רעדנער־טריבונע זענען דעמאָלט דורכגעגאַנגען: נח באָס, ד״ר באַראַדיצקי, לעווענשטיין, יוסף ליפּ־ניק, הלל איסר יאַנאָווסקי, קאַלעצקי, דוכט אויך אַברהם מענעס א״אַ.

דער דאָזיקער רעפּעראַט און די הייסע דיסקוסיעס אַרום אים האָבן ווי סימבאָליזירט יענע צייט, וואָס איז געווען אָנגעלאָדן מיט אויפּברויז...

מיטן דאָזיקן פּאָרטראַג האָב איך — נאָך גראָדנע — געמאַכט אויך אַ טור איבער אַ גאַנצער ריי שכנישע שטעט און שטעטלעך, ווי: אַמדור, סאָקאָלקע, סקידל, לונע, לידע, נאָוואָגרודעק, איוויע, זשעלודאָק, זשעטל, וואָלקאָוויסק. אין וואָלקאָוויסק — דוד איינהאָרנס שטאָט — איז מיין אויפטריט אָראַנזשירט געוואָרן אין אַ שבת ביי טאָג, „נאָכן קוגל״, אינאיינעם מיטן אויפטריט פונעם בונדישן שליח פון ביאַליסטאָק ב. טאַבאַטשינסקי. כמעט אין אַלע שטעט האָט מיין פּאָרטראַג אַרויסגערופן הייסע וויכוחים און די געמיטער זענען געוואָרן אויפגערודערט. אומעטום האָבן זיך שוין געפונען אַ פּאָר קנאים, וועמען עס זענען נישט געפעלן געוואָרן מיינע אויספירן.

36

אַ גרוס פון דער צעברויזטער מאָסקווע

כדאי צו פאַרצייכענען אַ כאַראַקטעריסטישע באַגעגעניש אין וואָלקאָוויסק. געקומען אַהין בין איך פרייטיק ביי טאָג, און נאָכן באַשטעלן אַ „נומער״ אין אַן אַכסניה בין איך אַוועק — ווי עס זינגט זיך אין פאָלקסליד — „דאָס שטעטעלע באַקוקן״. מ׳האָט מיך אַרומגעפירט איבער די גאַסן פון שטאָט און געוויזן מיר אַלע טשעקאַוועקייטן — אַזוי אַז אומגעקערט אין דער אַכסניה האָב איך זיך שפּעטלעך אין אָוונט. כ׳בין צוגעקומען צו דער טיר — פינצטער. די טיר איז אָפן, אָבער אינעווייניק ברענט נישט קיין ליכט. קיין עלעקטריע איז דאָרט נישט געווען און דער נאַפט־לאָמפּ איז אויסגעגאַנגען, און מחמת שבת האָט דער פרומער באַלעבאָס נישט אָנגעצונדן מער קיין פייער. ער איז געשטאַנען אין דער טיר און, אַפּנים, געוואַרט אויף מיר. דערנעבן זענען געשטאַנען צוויי מיידלעך. בלייב איך אויך שטיין און טויש זיך מיט זיי מיט אַ פּאָר ווערטער. און שוין אין די ערשטע מינוטן ווער איך געוואָר, אַז איינע פון די צוויי מיידלעך איז ערשט נישט לאַנג, נאָכן שליסן דעם וואַפנשטילשטאַנד, צוריקגעקומען, ווי אַ פּליטה, פון

רוסלאַנד. ווער איך נייגעריק און שטעל איר איין פראַגע נאָך דער אַנדערער. דער באַלעבאָס האָט נישט קיין געדולד און זאָגט „אַ גוטע נאַכט".

— איר קאָנט נאָך שטיין אויב איר ווילט, — זאָגט ער אונדז, — ווען איר וועט אַריינגיין, פאַרגעסט נישט פאַרריגלען פון אינעווייניק די טיר.

בין איך נאָך אַ היפּשע צייט געבליבן ביי דער אָפענער טיר מיט די צוויי מיידלעך. די געקומענע פון רוסלאַנד איז אַ באַריידעוודיקע — רעדט זי, דערציילט זי. פון אירע רייד שאַף איך זיך אַ בילד פון די מאָסקווער גאַסן בעת די שטורמישע טעג. איך ווער אַלץ מער פאַראינטריגירט; אָבער דאָס צווייטע מיידל טוט פּלוצלינג אַ זאָג, אַז זי איז שוין מיד און זי וויל שוין גיין שלאָפן. גייען מיר אַלע אַריין אינעווייניק און פאַרריגלען די טיר. דאָס שלעפעריקע מיידל געזעגנט זיך און גייט אַוועק אין איר חדר און איך מיט דער באַריידעוודיקער בלייבן נאָך שטיין אַ ווײַלע אין פינצטערן קאָרידאָר.

— ס'גלוסט זיך נאָך נישט שלאָפן, — זאָג איך גאַנץ אומשולדיק, — איר דערציילט טשעקאַווע זאַכן.

— איך בין נאָך אויך נישט שלעפעריק, — ענטפערט זי, — אין דעם טומלדיקן מאָסקווע האָט מען זיך אָפּגעוווינט פון שלאָפן... אויב איר ווילט, קאָנט איר נאָך אַ ביסל זיצן ביי מיר. פּאַזשאַלויסטאַ...

און זי עפנט איר טיר.

און אַ מאָדנע סיטואַציע: פינצטער, חושך. איך פיל נעבן זיך אַ יונג מיידל, וואָס איר פּנים זע איך נישט כמעט צוליב דער פינצטערניש. פון די פריערדיקע קורצע רייד ווייס איך נאָר, אַז זי איז פון לונע; אַז זי איז עס געקומען אַהער צו אַ שניידערין. ווער איז זי? וואָס איז זי? אַ פאַראינטריגירטער אַ ביסל גיי איך איר נאָך אין צימער אַריין.

קיין פייער צינדט זי נישט אָן: שבת...

— טו, מאַך מיט די פּאַנאַטיקער... — פאַרענטפערט זי זיך.

— אַ ברירה האָבן מיר. — האַלט איך אונטער.

— אָט דאָ איז אַ סאָפאַ. איר קאָנט זיך זעצן.

זי אַליין זעצט זיך דערנעבן אויף אַ שטול.

הער איך ווידער וועגן רוסלאַנד, וועגן מאָסקווע. אַ לאַנגער מאָנאָלאָג. אַ מאָל וואַרף איך אַריין אַ פראַגע און לאָז איר ווייטער ריידן. איך הער מיט

אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. זי דערציילט עפּיזאָדן פון די צעשטורעמטע טעג. זי דערציילט אויך וועגן שטייגערישע ענינים און קומט צו — צו „פרייער ליבע"...

— ווי, אַ שטייגער, זעט אויס די „פרייע ליבע"? — פרעג איך.

— אַ, אין רוסלאַנד רעכנט מען זיך נישט איצטער מיט דער ביר־גערלעכער מאָראַל... די יוגנט געניסט פון דער פרייהייט... ווי זינגען די דויטאַרמייער?

אָטדאַי זשענו טאָוואַרישטשאַם
אי באָלשע ניטשעוואָ...
(דײַן ווײַב גיב די חברים אָפּ
און אַ סוף אַן עק...).

— און די פרײַהייט האָט גאָרנישט קיין גרענעצן?...

— וועלכע גרענעצן! אַלץ דאַלאָי!...

— איז דאָך אַ ביטערער רחמנות אויף די גאַסן־פּרויען...

זי האָט דערשפּירט מײַן איראָניע און קאָריגירט:

— איך מיין נישט אַזוי ווייט... אָבער אַ פאַקט איז, אַז די פאַמיליע־באַנדן זענען גאָר לויז געוואָרן. היינט פאַרשרייבט מען זיך אין „זאַגס" און מאָרגן צעגייט מען זיך...

— הפקר פּעטרושקע...

— איר ווייסט, — זאָגט זי אין אַ ווײַלע אַרום, — ס'איז מיר געוואָרן אומבאַקוועם צו זיצן אויפן האַרטן שטול. מיר זענען דאָ אַרײַנגעפאַלן אין אמתן „קאָמפאָרט"...

און זי זעצט זיך איבער אויף דער סאָפאַ, אויף אַ געוויסער דיסטאַנץ פון מיר.

כ'בין נאָך לאַנג געזעסן אינעם צימער פונעם לונער מיידל, וואָס איז צוריקגעקומען פון צעברויזטן רוסלאַנד. און פאַר דער צייט האָב איך זיך באמת איבערצייגט, אַז אין איצטיקן רוסלאַנד „רעכנט מען זיך ווייניק מיט דער בירגערלעכער מאָראַל"...

— זאָגט מיר, איך בעט אײַך, — פרעג איך זי ביים אַרויסגיין פון איר פינצטערן צימער, — זייט איר כאָטש אַ שיין מיידל?...

— כ'בין אַ פאַרזעעניש! אַ מאַלפּע!... — רופט זי אויס, ווי וועלנדיק

זיך רייצן מיט מיר, — אַדרבה, קומט אַריין מאָרגן אין דער פרי, וועט איר זען...

זי האָט מיך אָפּגענאַרט, די קליינע שעלמאַ... אין דער פרי, פאַרן שײַן פון טאָג, האָב איך אַ פאַראינטריגירטער אָנגעקלאַפּט אין איר צימער און דערזען פאַר זיך אַ זייער באַחנט, ברוין־אויגיק מיידל, מיט אַ ליכטיקן שמייכל אויפן יונגן פּנים.

37

דער ערשטער צייכן פון „פרײַהייט“

אין 1918 האָבן די געשעענישן אין רוסלאַנד אויפגעברויזט די געמיטער אויך אין אַ סך טיילן פון די דייטשישע אַרמייען, וועלכע זענען געווען אויסגעשפּרייט איבער די לאַנגע רוסישע פראָנטן. קיין שלאַכטן זענען שוין מער נישט פאָרגעקומען. אין אַ סך אָפּשניטן זענען געווען קאָנטאַקטן פון רוסישע זעלנער מיט דייטשישע. מען האָט גערעדט וועגן סצענעס פון פאַרברידערונג. עס האָט געאַרבעט דער רוסיש־רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט. און רעוואָלוציע איז דאָך זייער אָנשטעקנדיק... זענען דערגאַנגען ידיעות וועגן געשעענישן דאָ און דאָרטן צווישן די דייטשישע מיליטערישע איינהייטן. אין אַ סך ערטער האָבן זיך — אויפן רוסישן שטייגער — אויסגעבילדעט סאָלדאַטן־ראַטן. דעם קייזער ווילהעלמס טראָן האָט זיך אַ וואַקל געטאָן...

אין גראָדנע גופא האָט מען קיין שנוי אין דער הנהגה ביי די דייטשישע אָקופּאַנטן לכתחילה נישט באַמערקט. אַלע „בעהערדען“ האָבן פונקציאָנירט נאָרמאַל. נאָר אין דער לופט האָט זיך געשפּירט אַ געוויסע נערוועזיטעט. די דייטשישע מונדירטע זענען ווי געווען אין וואַך־צושטאַנד.

אין די דאָזיקע געשפּאַנטע טעג האָבן די גראָדנער סאָציאַליסטישע פּאַרטייען באַשלאָסן איינצואָרדענען אַ מאַניפעסטאַציע איבער די גאַסן פון שטאָט. אַ מאַניפעסטאַציע מיט רויטע פענער, מיט טראַנספּאַרענטן, מיט סאָציאַליסטישע לאָזונגען. די מאַניפעסטאַציע איז אויסגעוואָקסן אויף מו־

ראַוויאָווסקאַיאַ (שפּעטער אָזשעשקאָוואַ) און איז אַריין אין דאָמיניקאַנער גאַס. עס האָבן זיך צעקלונגען רעוואָלוציאָנערע לידער, וואָס האָבן פאַר־הילכט די גאַסן אַרום. הינטער דער מאַניפעסטאַציע זענען באַלד דער־שינען עטלעכע געפּאַנצערטע קאַמיאָנען מיט דייטשישע זעלנער. די זעלנער האָבן געהאַלטן אויסגעשטרעקטע ביקסן אין די הענט. אויף איין קאַמיאָן זענען געווען אָנגעשטעלט פּולעמיאָטן.

לכתחילה איז די מאַניפעסטאַציע נישט געשטערט געוואָרן. דאָך האָבן יידן אויף דער דאָמיניקאַנער גאַס שנעל פאַרמאַכט די געשעפטן... די יידן האָבן עפּעס נישט געהאַט קיין צוטרוי צו דער „פרייהייט"...

ווען די מאַניפעסטאַציע איז צוגעקומען צו סאָבאָרנאַיאַ פּלאַשטשאַד (פּלאַץ־פּאַראַד) מיט הילכיקע לאָזונגען, האָבן די באַוואָפנטע דייטשן פון די קאַמיאָנען פּלוצלינג געגעבן אַ קאָמאַנדע מ'זאָל זיך פונאַנדערגיין. די מאַסע האָט אַזוי שנעל נישט אויסגעפירט דעם באַפעל. האָט אַ קנאַל געטאָן אַ זאַלפּ אין דער לופטן. איז געוואָרן אַ בהלה, אַ געדראַנג. מענטשן האָבן גענומען לויפן אין אַלע זייטן. און אין מיטן דער צעמישעניש — ווידער אַ זאַלפּ. דאָס מאָל שוין נישט אין דער לופטן, נאָר אין דער ריכטונג צו דער אַנטלויפנדיקער מאַסע. צום גליק איז די שיסעריי געצילט געוואָרן גאַנץ אונטן און די קוילן זענען געפלויגן נידעריק, סאַמע ביי די פיס... אַזוי אַז אויף דער גאַס זענען געבליבן ליגן נאָר עטלעכע לייכט־פאַר־וווּנדעטע...

דער ערשטער צייכן פון דער „פרייהייט"...

**
*

אין די דאָזיקע טעג האָבן די גראָדנער „פאַראייניקטע" געהאַט צוויי געסט, וועלכע זענען געקומען מיט אַ קורצער הפסקה איינער נאָכן אַנדערן.

דער ערשטער איז געקומען פון וואַרשע. דאָס איז געווען איינער פון די פּאַרטיי־פירער, בערל גוטמאַן (זעליקאָוויטש). זיין ליטווישער נאָמען איז געווען באַלטיקייטיס. ער איז געקומען מיט דער מיסיע פון וואַרשעווער צענטער צו סטימולירן און פאַרשטאַרקן די טעטיקייט פון דער גראָדנער אָרגאַניזאַציע. ער איז אויפגעטראָטן אויף אַ פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג מיט אַ פּראָגראַם־רעדע, וועגן דער נייער פּאָזע פון דער פּאַרטיי. אַ צווייט מאָל

האָט ער גערעדט אויף אַן אַלגעמיין־פּאָליטישער טעמע, וועגן די ווידער־אַנאַנדן אין דער רוסישער רעוואָלוציע וכדומה.

בערל גוטמאַן איז געווען אַ טיפּ פון אַ „פרומען סאָציאַליסט". אַ מענטש, וואָס אויסער דער פּאַרטיי, האָט ער נישט געהאַט קיין אַנדערע אינטערעסן אין לעבן. ער האָט נישט געוווּסט פון סתם רייד, פון „שיחת חולין". ער האָט תמיד נאָר גערעדט „צו דער זאַך", נאָר „צום סדר־היום"... גלייך ווי דאָס לעבן אַליין מיט זיינע אַלע שטייגערישע ענינים וואָלטן אים לחלוטין נישט אָנגעגאַנגען. דער דאָזיקער שטרענג־ערנסטער מענטש האָט אויף מיר געמאַכט פון ערשטן אויגנבליק אַן אומהיימלעכן איינדרוק. אויף זיין פּנים האָב איך קיין מאָל קיין שמייכל נישט געזען.

דער צווייטער גאַסט־רעדנער פון די „פּאַראייניקטע" אין גראָדנע איז קורץ נאָך דעם געווען יעקב פּאַט פון ביאַליסטאָק. יעקב פּאַט איז שוין דעמאָלט געווען אויך באַקאַנט ווי אַ יונגער שרייבער, אַ נאָוועליסט; אַ שול־טוער; איינער פון די גרינדער פון דער „פּרץ־קינדער־היים" אין ביאַליס־טאָק. נאָך גאָר יונג, איז ער שוין אין די „ס. ס.־ישע" קרייזן געווען פּאַר־רעכנט ווי אַ גוטער מיטינגס־רעדנער. פּאַטס אַ רעדע, זיין פלאַם־פייערדי־קער פּאַטאָס האָט געקאָנט צעוואָרעמען די מאַסע. איך האָב יעקב פּאַטן געקענט נאָך פון פאַר דער מלחמה, פון מיינע ערשטע יאָרן אין וואַרשע, ווו ער האָט אויך געוווינט אַ געוויסע צייט. (ער האָט דאָרט, דוכט, באַזוכט פּעדאַגאָגישע קורסן). ער מיט זיין יונגער שוואַרץ־חנעוודיקער פרוי האָבן געוווינט אויף פּשעביעג, ביי אַ ביאַליסטאָקער פאַמיליע פּומפּיאַנסקי און כ׳פלעג זיי אָפט באַזוכן. איך פלעג אַרויפקומען צו פּאַטן ווי צו אַ קאָלעגע, אַ שרייבער־אָנפאַנגער, וואָס האָט שוין געהאַט אין זיין באַזיץ אַ ריי אָפּגע־דרוקטע דערציילונגען. פון זיין רעדנער־טאַלענט האָט מען נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט. דער עיקר־אינטערעס ביי יונגע שרייבער איז דאָך געווען ליטעראַטור... שרייבן לידער... שרייבן דערציילונגען... אויף ליטעראַטור שטייט די וועלט...

דאָס איז געווען דאָך אין פרצעס צייט, אין פרצעס קלימאַט. און איט־לעכער יונגער שרייבער איז געווען עקזאַלטירט, האָט דאָך געוועבט די שענסטע חלומות... מען האָט געחלומט ביחידות און בחברותא, אינאיינעם מיט חברים...

איצט, אין גראָדנע, איז יעקב פּאַט פאַרבעטן געוואָרן, אויפצוטרעטן אויף אַ מיטינג פאַר די אַרבעטער פון שערעשעווסקיס גרויסער טאַבאַק־פאַבריק. דער מיטינג איז פאָרגעקומען אין הויף פון דער פאַבריק, מיטאָג־צייט, ווען די אַרבעטער גייען אַרויס פון דער אַרבעט. פּאַט איז דעמאָלט געווען אין טראַנס. העכער אַ שעה צייט האָט ער געהאַלטן דעם אַרבעטער־עולם אין דער גרעסטער שפּאַנונג. זיינע פלאַם־פייערדיקע רייד האָבן מיט־געריסן די אויסגעבלייכטע אַרבעטער, די מיידלעך פאַפּיראָסן־שטאָפּערקעס, פאַרסמטע פונעם שטענדיקן שאַרפן ניקאָטין־ריח. האָבן לאַנג נאָך דעם דערמאָנט דעם ביאַליסטאָקער רעדנער מיטן גאָט־געבענטשטן חיתוך הדי־בור... די גראָדנער „פאַראייניקטע" האָבן נאָך יעקב פּאַטס אויפטריט געהאַט אַ גוט פעלד פאַר אַרבעט צווישן דעם אַרבעטער־עולם פון שערעשעווסקיס טאַבאַק־פאַבריק.

**
*

אין דער זעלבער צייט האָב איך איין מאָל געמאַכט אַ באַזוך אין ביאַ־ליסטאָקער „פרץ־קינדערהיים". כ'בין געווען דער גאַסט פון די פּאַטס און געגעסן פון זייער גאַסטפריינטשאַפט אין זייער באַשיידענער דירה. פּאַט האָט מיך געפירט ווייזן די „פרץ־קינדערהיים" (געווען אַ רייד, אַז איך זאָל דאָרט בלייבן ווי אַ לערער), האָט מיך באַקאַנט מיטן דערציִונגס־פּערסאָנאַל, מיט די אויסגעבלייכטע קינדערלעך אין די קלאַסן. ס'האָט זיך געשפירט די גרויסע אָרעמקייט און דלות פון דער אָקופּאַציע־צייט. אָבער פון אַלץ אין דער שולע האָט געווייעט מיט דערהויבענעם מסירת נפש מצד די אידעאַליסטישע עקשנים, וואָס טראָגן באהבה די לאַסט פון דער קינדער־היים. און אַז מ'האָט מיך, צוזאַמען מיט די קינדערלעך, מכבד געווען מיט אַ פּעניץ ברויט און אַ טעפּעלע ערזאַץ־קאַווע, האָב איך געפילט, אַז דאָס ברויט איז הייליק ברויט...

דיגרעסיע: אַז כ'האָב שפּעטער מיט יאָרן געלייענט יעקב פּאַטס „די לערערין אסתר", האָב איך דאָס ווערק דעריבער אויפגענומען מיט אַ באַ־זונדערער נאָענטשאַפט.

38

אַ צײַטונג מיט אַ יאַנוס־פּנים

די דייטשן האָבן אָפּגעשטעלט זייער „גראָדנאָער צייטונג" — זיי האָבן זיך אויפגעהערט פילן אין שטאָט ווי באַלעבאַטים. די געשעענישן אין דייטשלאַנד גופא און די אויפברויזן דאָ־דאָרט אין זייערע אַרמייען אויפן רוסישן פראָנט האָבן זיי לסוף אַרויסגעפירט פון זייער גלייכגילטיקייט.

ווי זשע קאָן אָבער גראָדנע בלייבן אָן אַ שום צייטונג? — זענען ווידער אַרויס אויף דער אויבערפלאַך די רוסיפיקאַטאָרן. נישט קיין רוסן, נאָר דווקא ייִדן, און מען האָט זיך דערגעדט. ס'איז געגרינדעט געוואָרן די רוסישע צייטונג „נאַשע אוטראָ". ס'האָט אויך אָנגעהויבן דערשיינען אַ רוסי־שער זשורנאַל „גאָלאָס גראָדנאָ", אַרויסגעגעבן דורך אַ. לאַפּין. איצט זענען שוין די דייטשן נישט געווען אַזוי שטרענג און יאָ דערלויבט אַרויסגעבן אַ רוסישע צייטונג. מ'האָט אָבער שוין ניט געקאָנט אַ דריי טאָן דאָס רעדעלע צוריק: גראָדנע איז אין די אָקופּאַציע־יאָרן געוואָרן מער ייִדיש ווי אַמאָל, און די צייטונג האָט געמוזט צוגעבן 2 זייטן אין ייִדיש מיט אַ ייִדישן „קאָפּ": „אונ־דזער מאָרגן". און ס'איז געוואָרן אַ צייטונג מיט אַ יאַנוס־פּנים. דער אַרויסגעע־בער איז געווען דער דרוקעריי־אייגנטימער מיילאַכאָוויטש און דער רעדאַקטאָר — דער ייִדיש־רוסישער זשורנאַליסט אַרקין. פאַר דער ייִדישער אָפּטיילונג איז אַנגאַזשירט געוואָרן ווי רעדאַקטאָר דער זעלבער ברוך קאַסין, וואָס האָט געאַרבעט אין דער ייִדישער אָפּטיילונג פון „גראָדנאָער צייטונג". צו דעם „נאַשע אוטראָ — אונדזער מאָרגן" האָט מען אויך מיך צוגעצויגן און כ'האָב דאָרט מיטגעאַרבעט מיט פעליעטאָנען (אין פּראָזע און פערזן), אַר־טיקלען און רעפּאָרטאַזשן.

די דאָזיקע צייטונג האָט געהאַט היפּשן דערפאָלג (נישט געווען דאָך קיין אַנדערע). זי האָט אַריינגעדרונגען אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, אין אַלע קרייזן, אין אַלע אינסטיטוציעס — נישט ווי די קאַלטע קאַזיאָנע דייטשישע „גראָדנאָער צייטונג", וועלכע האָט זיך ווייניק אָפּגעגעבן מיטן ייִדישן לעבן. די ייִדישע אָפּטיילונג איז דאָרט געווען על פּי רוב נאָר אָן איבערזעצונג

פון דער דייטשישער, וואָס איז געווען געווידמעט דער דייטשישער פּראָבלע־מאַטיק, דער אַרמיי, דעם גענעראַל־שטאַב וכדומה.

דאַקעגן „אונדזער מאָרגן" האָט מיט זיינע אינפאָרמאַציעס, איבערזיכטן און אַרטיקלען באַלויכטן די שטימונגען אין די אַלע שיכטן פון דער יידישער געזעלשאַפט ערב דער אומבאַשטימטער נייער צייט, וואָס דאַרף אָנקומען גאָר בקרוב. אַ נייע צייט, אַ נייע מאַכט, אַ נייער סדר. וועלכע מאַכט? וועל־כער סדר? יעדער טאָג האָט געבראַכט אַנדערע השערות, אַנדערע קלאַנגען. יעדע פּאָליטישע ריכטונג האָט געבויט אירע קאָנצעפּציעס, געוועבט אירע האָפענונגען... יעדע נאַציאָנאַליטעט פון דער שטאָט און געגנט האָט געלאָזט זיך צעוואַקסן אירע אַספּיראַציעס פאַר דעם דערוואַרטעטן טאָג, ווען די דייטשן וועלן פאַרלאָזן דעם געביט. ביי איטלעכן האָבן זיך די פאַנטאַזיעס צעשפּילט...

39

אַ נאַכטיקע באַגעגעניש מיט משה בראָדערזאָן

אין איינעם אַן אָוונט ברענגט מיר אַ שליח פון „נאַשע אוטראָ" אין די „יידישע קונסט" אַ בריוועלע פון משה בראָדערזאָן. ער שרייבט צו מיר און צו ניידוסן, אַז פאַרבייפאָרנדיק גראָדנע האָט ער זיך דאָ אָפּגעהאַלטן אויף געציילטע שעהען; אַז ער וויל זיך זען מיט אונדז און וואַרט אויף אונדז אין רעדאַקציע. ניידוס איז דעמאָלט גראָד געווען ערגעץ אין אַ שטעטל אויף אַ פאַרלעזונג, בין איך אַליין אַוועק צו בראָדערזאָנען.

כ'האָב אים געטראָפן אַן אויסגעבלייכטן, אַ מידן פון לאַנגן וועג מיט אַן עשאַלאָן. די בלאַסקייט פון זיין אויסגעצויגענעם פּנים האָט זיך נאָך מער אויסגעטיילט אין ראַם פון זיין גרויסער טונקעלער טשופּרינע און באַקנבאַרדן. ער דערציילט מיר, אַז דאָס פאָרט ער איצט, ווי אַ פּליט, צוריק פון מאָסקווע קיין לאָדזש. הגם געבוירן איז ער אין מאָסקווע, אָבער זיין היים איז פאַר דער מלחמה דאָך געווען לאָדזש.

— ווו איז לייב ניידוס? — פרעגט ער מיך באַלד.

אַז איך זאָג אים, באַדויערט ער שטאַרק:

— אַ שאָד, אַ שאָד, אים אויך געוואָלט זען. אַ פּרעכטיקער פּאָעט דער לייב ניידוס.

בראָדערזאָן האָט מורא געהאַט צו פאַרהאַלטן זיך צופיל אין שטאָט און ער לייגט מיר פאָר, מיר זאָלן בעסער גיין צום וואָקזאַל. דאָרט וועט ער זיין רויִקער.

— איר ווייסט דאָך וואָס אַ באַן איז, — זאָגט ער, — זי קאָן אָנפּײַפן און אַוועקפאָרן...

זיינען מיר אַוועק אַהין. אויפן וואָקזאַל האָבן מיר פאַרבראַכט צוזאַמען שעהען ביי אַ קאַפע־טישל. בראָדערזאָנען האָב איך געקענט נאָך פון פאַר דער מלחמה סיי פון זיין ערשטן בוך לידער „שוואַרצע פליטערלעך" און סיי פערזענלעך, בעת זיינע באַזוכן אין וואַרשע. האָט מען זיך איצט צערעדט וועגן אַלץ און אַלעמען. ער האָט מיר דערציילט וועגן שרייבער — יידישע, רוסישע, — וועלכע פלאָנטערן זיך ווער נענטער, ווער ווייטער צווישן די פייערן פון דער רעוואָלוציע. רעדט ער וועגן יעסענינען, דערציילט ער וועגן מאַיאַקאָווסקין, וואָס זיין קול לאָזט זיך הערן העכער פון אַלעמענס אין די רוסישע רויטע טעג...

— און איר? וואָס האָט איר עפּעס אויפגעטאָן אין מאָסקווע אין אַזעל־כע טעג?

ווי אַן ענטפער אויף מיין פראַגע, נעמט בראָדערזאָן אַרויס פון אַ קעשענע אַ קליינטשיקע זאַמלונג לידער. אַ זאַמלונג, וואָס טראָגט דעם נאָמען „טוי". אין איר געפינט זיך בלויז אַ סעריע טאַנקעס: קורצע ליד־לעך אין אַ יאַפּאַנישער פאָרעם. יעדעס לידעלע האָט נאָר זיבן שורות — אַלע געגראַמט. עס גראַמען זיך דערין דריי און צוויי שורות. דאָס גאַנצע לידעלע האָט 31 טראַפן: דריי שורות צו 7, צוויי — צו 5. שוין אין זיינע „שוואַרצע פליטערלעך" האָט זיך בראָדערזאָן געוויזן ווי אַ נאָוואַטאָר, און איצט, אין זיין זאַמלונג „טוי", איז ער אַוועק נאָך ווייטער אין זיינע פּאָע־טישע זוכענישן. עס ווערט מיר גלייך קלאָר בראָדערזאָנס התפּעלות פון לייב ניידוסן — פאַראַן אַ געוויסע ענלעכקייט איןביידן, אין מייסטערשאַפט פון וואָרט און אין דער מוזיק פון די פערזן.

— יאָ, אויף די מאָסקווער און פּעטראָגראַדער גאַסן מאַכט מען רעוואָ־לוציעס און אַ דיקטער זיצט אין זיין חדר און שרייבט לידער...

אַזוי באַמערק איך און בראַדערזאָן ענטפערט אין זעלבן טאָן:

— אָבער אויך אין לידער קאָן מען מאַכן רעוואָלוציעס.

— זאָגט מיר — פרעג איך אין אַ וויילע אַרום — וואָס האָט איך באַ־וויגן אַוועקצופאָרן פון רוסלאַנד? דוכט, פאַר אַ שרייבער דאַרף זיין זייער אינטערעסאַנט דורכצולעבן פון דער נאָענט אַזאַ שטורמישן פּעריאָד? און ספּעציעל אַ יידישער שרייבער דאַרף דאָך אַוודאי און אַוודאי פאַרכאַפּט ווערן פון די גרויסע ענדערונגען אינעם לאַנד. אַ קלייניקייט, יידן זענען פּטור געוואָרן פון דורות־לאַנגער רעכטלאָזיקייט.

בראַדערזאָן האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ רמזדיקן שמייכל און לסוף זיך אָפּגערופן:

— יאָ, מען קאָן טאַקע אין פלוג אַזוי מיינען. אָבער דער קעסל קאָכט זיך נאָך און מען ווייסט נאָך נישט וואָס פאַר אַ קאַשע עס וועט דערפון אַרויסקומען. דערווייל גיסט זיך גענוג בלוט... בירגער־קריג... און נישט יע־דער פאַרטראָגט דעם ריח פון בלוט... רעוואָלוציע איז נישט קיין פּשוטער ספּעקטאַקל. קיינער ווייסט נאָך נישט דעם פינאַל. און צי איז שוין געקומען משיח פאַר די רוסישע יידן? ווער ווייסט... מיט די יידן אין אוקראַינע איז גאָר נישט פריילעך... אַזוי צי אַנדערש — ביי נישט איין יידישן שריי־בער רייפט די שטימונג — צו זיין אַ ביסל וויטער פונעם יאַרידל. דערווייל איז גוט, וואָס אויף די רוסישע פראָנטן האָבן אויפגעהערט צו רעדן די קאַ־נאָנען און מ׳קאָן אַהיים פאָרן. איז לאָמיר טאַקע בעסער זיין צווישן יידן אין מיין לאָדזש. צווישן היימישע.

מיר האָבן לאַנג אַזוי פאַרבראַכט אין בופעט־זאַל פון גראַדנער וואָקזאַל, אין דער אומבאַשטימטער צייט, אין דעם ערב פון אַ נייער וועלט, וואָס דאַרף זיך ערשט אויספורעמען און קיינער ווייסט נאָך נישט וואָס פאַר אַ געשטאַלט עס וועט אָננעמען די וועלט.

בראַדערזאָן איז פון צייט צו צייט אַרויסגעגאַנגען אַ קוק טאָן צו זיין עשאַלאָן און איז צוריקגעקומען אַ באַרויקטער, אַז דער עשאַלאָן האָט אים נישט אַנגעפייפט...

— אַזוי ווי איר זעט, שלעפּט מען זיך פון מאָסקווע שוין דעם צענטן טאָג און קיין לאָדזש וועל איך זיך מסתמא דערשלאָגן ערשט צו כל חמירא.

ערשט אַרום איינס ביינאַכט האָבן מיר זיך האַרציק געזעגנט. דער עשאַלאָן האָט שוין מיט מזל געהאַלטן ביים אָפּגיין. איך האָב בראָדערזאָנען באַגלייט ביז צו זיין וואַגאָן — אַ מין „טיעפּלושקאַ“ פון אַ משא־צוג. בראָדערזאָן בעט מיך איבערגעבן ניידוסן וועגן זיין גרויס באַדויערן וואָס ער האָט אים נישט געקאָנט זען.

אויך לייב ניידוס האָט זיך שפּעטער מיט טעג, ווען ער איז צוריקגעקומען, ממש מצער געווען וואָס ער האָט נישט געהאַט די געלעגנהייט צו זען זיך מיט בראָדערזאָנען: אַ האַרץ פילט אַ האַרץ... אויך ניידוס האָט געפילט צו בראָדערזאָנען אַ התקרבות.

40

די גרויסע פרייד

אין דאָזיקן יאָר — אין 1918 — האָב איך איבערגעלעבט די גרויסע פרייד צו זען אָפּגעדרוקט מיין ערשט בוך לידער „אַקאָרדן“. פאַרשטייט זיך, אַז שאַפן דעם פאַנד פאַר דער אויסגאַבע איז מיר נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט. מיינע פאַרדינסטן זענען געווען גאַנץ באַשיידענע — הגם איך האָב געהאַט אַ סך פרנסות... קיין ביכער־פאַרלאַג איז אין אַזאַ שטאָט ווי גראָדנע נישט געווען. דער בוכהענדלער מילער פלעגט אַ מאָל, גאַנץ זעלטן, אַרויסגעבן אַ ספר פון רעליגיעזן כאַראַקטער; אָבער אויף אַרויסצוגעבן אַ יידיש בוך איז נישט געווען קיין בעלן. דער בוכהענדלער איבערסקי האָט איין מאָל יאָ געוואָלט מאַכן אַזאַ פּרווו. ס'איז אים איינגעפאַלן אַרויסצוגעבן אַ יידישן דעקלאַמאַטאָר — לויטן מוסטער פונעם רוסישן „טשטיעץ אי דעקלאַמאַטאָר“, און ער האָט די דאָזיקע אַרבעט מיר פאַרגעלייגט. איך האָב דעם פאָרשלאַג גערן אָנגענומען און גאָר גיך איז דער דעקלאַמאַטאָר ביי מיר פאַרטיק געוואָרן. איך האָב צונויפגעשטעלט אַ גאָר היפּשע זאַמלונג פון די בעסטע מוסטערן פון דער יידישער דיכטונג — לידער און

פּאָעמען פון אַ גרויסער צאָל ייִדישע פּאָעטן, אַלטע און נייע. אַלע אויס־געווײילטע שאַפונגען זענען געווען מיט דראַמאַטישע אַקצענטן און זייער פּאַסיק פאַר רעציטאַציע־אָוונטן. ס׳האָט זיך, אגב, באַקומען אַ מין אַנטאָ־לאָגיע פון דער ייִדישער פּאָעזיע. איבערסקי האָט מיר שוין אַפילו געהאַט באַצאָלט דעם באַשיידענעם האָנאָראַר פאַר מיין אַרבעט; אָבער אַז עס האָט געהאַלטן ביים איבערגעבן דעם כתב־יד אין דרוקעריי, האָט ער פאַרלוירן דעם קוראַזש און דער מאַנוסקריפּט איז ביי אים געבליבן אַ נישט־אויס־גענוצטער. ער האָט אים געהאַלטן אויף אַ שעת הכושר...

ווען מיין בוך האָט זיך שוין מיט מזל געזעצט, פלעג איך מיט פלאַ־טערניש יעדן טאָג פאַרברענגען אין דרוקעריי אַ מאָל שעהען. איך האָב געוואַכט איבער יעדן זייטל, וואָס ווערט געזעצט, קאָרעגירט און געציטערט איבער יעדן וואָרט, איבער יעדן ליד. מה־דאָך איך פלעג פלאַטערן ביים אָפּדרוקן ערגעץ איין ליד — אַ פשיטא שוין איצט, ביים דרוקן אַ גאַנץ בוך, — האָט זיך מיין אומרו צעוואַקסן אין פילפאַכיקער דימענסיע. איך האָב עס אַזש באַטראַכט פאַר אַ טריט אין דער אייביקייט... און דערפאַר טאַקע איז ביי מיר געווען אַזאַ שטאַרקע אימת ציבור, אַזאַ „טרעמע״. עס האָבן מיך געמאַטערט ספקות. ווער ווייסט, אפשר בין איך נאָך נישט ראוי צו אַזאַ גרויסן זכות? אפשר נאָך נישט דערוואַקסן? איידער דער כתב־יד איז אַריין אין דרוק האָב איך זיך מכוח טייל לידער מיישב געווען מיט לייב ניידוסן, און אַפילו נאָך ניידוסעס חברישער עצה־טובה בין איך נאָך אַלץ געווען אומרויִק. באַרויִקט האָב איך זיך ערשט ווען דאָס בוך איז שוין געווען דערשינען — אין אַ ווייסער הילע, באַצירט מיט סטיליזירטער שריפט פון גראָדנער גראַפיקער מאַרק לעוו. דעמאָלט בין איך שוין נישט געווען קיין באַלעבאָס איבערן בוך. דעמאָלט איז עס שוין אַרויס פון מיין רשות. באַרויִקט און געמוטיקט האָבן מיך אייגנטלעך די ערשטע אָפּרופן פון פּראָפעסיאָנעלע שרייבער, פון קריטיקער. צוערשט איז געווען אַן אָפּרוף פון משה שאַליט אין ווילנער „לעצטע נייעס״. שפּעטער איז צו מיר דער־גאַנגען אַן אָפּרוף פון י. דאַברושין אין קיִעווער „ביכער־וועלט״, און נאָך שפּעטער פון א. גרויער (דוד איינהאָרן) אין דער וואַרשעווער בונדישער „פאָלקס־צייטונג״.

אַ טשעקאָווער פּרט:

צו דאָברושינען איז דערגאַנגען אַן עקזעמפּליאַר פון מיין בוך דורך דעם וואַנדערנדיקן שרייבער־אַמאַטאָר אבא לעוו, אַן אָפּשטאַמיקער פון שכנישן סקידל. ווי נאָר מ׳האָט זיך געקאָנט דורכרייסן דורך די פראָנט־גרענעצן, איז שוין אבא לעוו (ער איז געווען אַ קאָמיוואָיאַזשאָר) געווען אויף דער רוסישער זייט. געווען און צוריקגעקומען און ווידער געפאָרן. דעם אבא לעוו האָב איך נאָך געקענט פון וואַרשע. ער פלעגט בעת זיינע רייזעס אויך אַהין זיך אַ מאָל אַראָפּכאַפּן צו זיינע קליענטן און פלעגט זיך אגב ווייזן אין רעדאַקציע „מאָמענט". ער האָט שוין געהאַט אַ חזקה ביי צבי פרילוצקין, וועמען ער פלעגט ליפערן זיינע יום־טוב־מעשיות: „פסח ביי די בוכאַרער יידן", „יום־כיפור ביי די קאַווקאַזער יידן", „ראש־השנה ביי די בערג־יידן" וכדומה. אייגנטלעך איז עס געווען כמעט איין און די זעלביקע באַשרייבונג, איין און די זעלביקע טעמע. אבא לעוו פלעגט נאָר בייטן געוויסע דעטאַלן, אין הסכם מיטן געגעבענעם יום־טוב... היות צבי פרילוצקי פלעגט צו יעדן יום־טוב זוכן עפּעס יום־טובדיקס פאַר דער צייטונג, פלעגט ער גערן אויס־נוצן לעווס באַשרייבונגען פון זיינע באַזוכן ביי די ווייטע עקזאָטישע יידן. הגם אַ מענטש פון מסחר, האָט אבא לעוו געהאַט אַ שוואַכקייט צו שרייבער, צו רעדאַקציעס, און די קעשענעס פון זיין גרויסן, ברייטן מאַנטל פלעגן תמיד זיין אָנגעשטאָפּט מיט שימות: מיט ביכלעך, בראָשורן, צייטונגס־עקזעמפּליאַרן. ער האָט געהאַט אַ שטיקל ניצוץ פון אַ ביבליאָגראַף.

> דיגרעסיע: אין די סאָוועטישע צייטן איז ער געבליבן אין רוס־לאַנד. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער געווען דער ממונה איבער דער אויסלענדישער יידישער פּרעסע אין אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט. בעת סטאַלין האָט אויסגעשאָכטן די יידישע שרייבער איז אבא לעוון דאָך געלונגען ניצול צו ווערן פון דער רוצחישער האַק... באַשערט געווען אים צו שטאַרבן אין זיין בעט...

אַ ביסל פריער — אָנהייב יאָר — איז דערשינען אין גראָדנע ניי־דוסעס פּאָעמע „די פליט פון פאַן". אַ קליין ביכעלע, וואָס אַרויסגעבן עס האָט ניידוסן נישט געקאָסט קיין סך. ער האָט זיך לייכט געקאָנט אַן עצה געבן. אין זעלבן 1918 האָט ער שוין געהאַט צוגעגרייט צום דרוק אַ נייע לידער־זאַמלונג — „אינטימע ניגונים". ניידוס האָט פאַר מיר פאָרגע־לייענט דעם גאַנצן כתב־יד. די לידער פון די „אינטימע ניגונים" האָבן

געמאַכט אויף מיר אַ שטאַרקן רושם. ניידוס איז נישט געשטאַנען אויף אַן אָרט. ער האָט אַלץ געזוכט נייע פאָרמען, געמאַכט נייע עקספּערימענטן. אין די „אינטימע ניגונים" האָט זיך אים גראָד געגלוסט צו זיין פּשוט און נאַטירלעך; צו זינגען אינטים, נשמהדיק; „נישט אַריינקוועטשן דאָס האַרץ אין יאַמב און אין טראַכיי"; צו לאָזן דער מוזע אַראָפּוואַרפן „די עלעגאַנטע שיכלעך, וואָס דריקן"...*)

אַ חוץ די דערמאָנטע צוויי לידער־זאַמלונגען האָט שוין ניידוס געהאַט דעמאָלט אין זיין פאַרמעג דעם גרויסן באַנד „ליריק" (ווילנע־יעקאַטערי־נאָסלאַוו, 1915) און זיין איבערדיכטונג פון פּושקינס „אַ מעשה וועגן אַ טויטער בת־מלכה און זיבן גיבורים". אַזוי אַז ניידוס איז שוין געווען אַ סך רייכער אין געדרוקטע זאַכן.

אָבער אָפּצודרוקן די „אינטימע ניגונים" איז ניידוסן אַלץ נישט געלונגען. ער האָט פּשוט נישט געהאַט קיין פאָנדן דערצו. פון די פאַרמעגלעכע עלטערן האָט ער דערויף קיין געלט נישט געקאָנט באַקומען — זיי זענען געווען צו פּראַקטישע, צו תכליתדיקע מענטשן. אַז מען אינוועסטירט געלט אין פעלן פאַר זייער גאַרבעריי, שמעקט עס מיט פּראָפיט; אָבער אַריינלייגן לעבעדיק געלט אין לידער — דאָס איז שוין אַן ענין פאַר „בטלנים"... נו, האָט זיך ניידוס לאַנג אַרומגעטראָגן מיטן כתב־יד... מער איינזען האָט פאַר אים געהאַט די מוטער זיינע; אָבער דאָס געלט, וואָס ער פלעגט באַקומען פון איר „קניפּל", איז נישט געווען צו פיל. עס פלעגט אים נייטיק זיין צום לעבן אין גראָדנע — צו לעבן גאַנץ בצמצומדיק...

דירה־געלט האָט אים קיין סך נישט געקאָסט אין יאַסינאָווסקיס פאַר־לאָזענעם פאַרטער־הויז אויף פּאָלעוואַיאַ. דאָס איז געווען אַ שטוב מיט אַ פאַרצאַמט גערטל, מיט עטלעכע דאַרעביימלעך. אַ האַלבע שטוב, אין פראָנט, האָבן פאַרנומען — ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן — עט־לעכע גאַסן־מיידלעך... אין דער צווייטער איזאָלירטער העלפט, צום גערטל, האָט געוווינט לייב ניידוס. די אינפאָרמאַציע וועגן זיינע שכנות איז צו אים דערגאַנגען צו שפּעט, ערשט וואָכן נאָך דעם ווי ער האָט זיך אַהין אַריינגע־צויגן. אין זיין איזאָלירטן טייל פון דער שטוב האָט ער זיך געפילט באַ־

*) זע לייב ניידוסעס „אינטימע ניגונים" אין זיין בוך „ליטווישע אַראַבעסקן"

קוועם, פון קיינעם נישט געשטערט. אין דער דאָזיקער שטילער דירה האָט ער זיך רויִק געקאָנט אָפּגעבן דער שעפערישער אַרבעט זיינער.

דער אָפּטסטער באַזוכער, פאַרשטייט זיך, בין איך ביי אים געווען. פלעג שעהען־לאַנג מיט אים פאַרברענגען אין די דאָזיקע שטילע פּאָר חדרים. אָדער ער פלעגט פאַר מיר פאָרלייענען זיינע נייע לידער, אָדער איך פאַר אים — מיינע. אַז כ׳פלעג זיך צוקוקן צו דער באַשיידענער באַ־לעבאַטישקייט אין שטוב, צו די אַלט־פרענקישע מעבל, צו די סקריפּענדיקע שטולן, וואָס אַט־אַט, דוכט זיך, ברעכן זיי זיך איין — פלעגט מיר ווערן אומעטיק. און כ׳האָב תרעומותדיק געטראַכט: „אַט דער דאָזיקער לעאָן, דאָס פּריצישע זונדל, דער נישט „תכליתדיקער" פּרעכטיקער פּאָעט, האָט גע־מעגט האָבן אַ בעסערע מערכה ביי זיין קאַרגלעכן טאַטן"... ווייל ווער נאָך ווי איך האָט געוווסט, ווי ניידוס פלעגט זיך אָפּט קווּעלן מאַטעריעל. אַפילו אויף זיינע נייטיקסטע הצטרכותן פלעגן זיינע רעסורסן טיילמאָל נישט קלעקן און ער פלעגט ביי מיר כאַפּן אַ גמילת־חסדל... דאָס פלעגט טרעפן בעת ער פלעגט צו לאַנג נישט באַזוכן קוסטין — ער האָט ליבערשט געוואָלט זיין אין גראָדנע — און דער קאַרגער פאָנד זיינער, וואָס ער פלעגט באַ־קומען פון זיין פאַרזאָרגעריך, פון זיין מוטער, פלעגט זיך אויסשעפּן. דער פאָטער איז גאָר נישט געווען צופרידן פון לעאָנס סתם זיצן אין גראָדנע און מאַכן איבעריקע הוצאות... איז עס דען אַ תכלית? צו וואָס און צו ווען?...

צוריקקומענדיק פון אַ קורצן באַזוך אין קוסטין, פלעגט שוין ניידוס דעקן זיינע חובות און קאָנען אַ געוויסע צייט ווי עס איז צונויפבינדן אַן עק מיט אַן עק.

41

ניַידוסעס לעצטער ליבע־עפּיזאָד

די לעצטע סעזאָן־ליבע לייב ניידוסעס איז געווען אַ פיינלעכע. זי איז געווען פאַרבונדן מיט אַ פּאַטאַלן צופאַל. אַ צופאַל, וואָס איז געווען אַ פועל־יוצא פון ניידוסעס שוין צו־לייכטן צוגאַנג צו פרויען. לייב ניידוס דער

באַהעמיען האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן קיין צו־לאַנגע הפסקה צווישן איין פרוי און דער אַנדערער. און צו אַ ריס מיט זיינע פרויען פלעגט קומען, ווען יענע האָבן זיך אַרומגעזען, אַז דער צעבאַלעוועטער פּאָעט איז ווייט פון „תכלית״; אַז קיין „מאַטעריאַל״ פאַר אַ חתן איז ער נישט... און אין אַזעלכע צווישן־מאָמענטן איז ער עלול געווען זיך צו דערנענטערן אַפילו צו אַ צופעליקער פרוי, וואָס געפעלט, אַז מען זעט זי נאָר איין מאָל... זאָל זיין איין באַגעגעניש, איין קורצער פלירט — אַבי אַ ניצוץ פון אַ ליבע־שפּיל, גלייך ווי ליבע וואָלט געווען דער איינציקער נעקטאַר פון זיין מוזע...

איך האָב וואָס ווייטער אויפגעהערט צו גלייבן, אַז ניידוס חלומט נאָך אַלץ וועגן זיין „איינציקער״, וועגן חיה גאָזשאַנסקי פון סלאָנים, — ווען ער האָט געווידמעט זיין ערשט בוך „ליריק״; צו ווען ער האָט לידער און פּאָעמעס געשריבן; צו ווען ער האָט געשריבן בריוו מיט נשמה־אויסגוסן און פון ווען ער האָט אויך אַזעלכע מיני בריוו באַקומען. ווייל וואָלטן נאָך אָנגעהאַלטן זיינע געפילן צו איר, וואָלט ער זיך נישט באַנוגנט בלויז מיט אַ בריוו־אויסטויש מיט איר, נאָר וואָלט זיך פון צייט צו צייט אַראָפּגעכאַפּט צו איר קיין סלאָנים אַ קוק טאָן וואָס זי מאַכט: איז זי דאָך געווען שווער קראַנק. איר טובערקוליאָז האָט אַוואַנסירט... אָבער מסתמא טאַקע דער פאַקט פון איר אומהיילבאַרער קראַנקייט האָט שוין אין אים ביסלעכווייז אויסגעלאָשן יעדע האָפענונג און ער האָט שוין פון איר — ווילנדיק־נישט־ווילנדיק — געמוזט זיך מייאש זיין און זי איז געבליבן פאַר אים נאָר דער סימבאָל פון אַן „איינציקער״, נאָר אַן אַבסטראַקציע...

זיין לעצטן ליבע־עפּיזאָד האָט לייב ניידוס געהאַט מיט אַ יונג בליענדיק מיידל — מאַטילדע אָגוז. היות אויך זי — פּונקט ווי יענע „איינציקע״ זיינע פון סלאָנים — איז קורץ נאָך ניידוסעס טויט געשטאָרבן פון אַ פלעק־טיפוס, און היות ווי אויך מאַטילדעס מוטער איז שוין זיכער נישט צווישן די לעבעדיקע (פאַר דעם האָט שוין היטלער י״ש געזאָרגט...), רוף איך אָן איר נאָמען אָן באַוואָרענישן.

מיט מאַטילדען האָט זיך לייב ניידוס באַקענט אין דער מיטלשטאַנד־קיך ביי דער „יידישער קונסט״, וווהין זי פלעגט קומען מיט איר מוטער יעדן טאָג אויף מיטאָג. מאַטילדע האָט פאַרלויכטן דעם זאַל מיט איר שיינ־קייט, מיט איר פרילינגדיקייט, מיט אירע טיפע מאַנדל־אויגן און ליכטיקן

שמייכלדיקן פּנים. אין איר ווייס זומער־קלייד האָט זיך איר יוגנטלעכע שיינקייט נאָך מער אויסגעטיילט. זי האָט אויסגעזען ווי אַ ווייסער שמעטערלינג און צוגעצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. אַלעמענס און, פאַרשטייט זיך, אויך ניידוסעס. ווי האָט עס געקאָנט אַנדערש זיין?... האָט ער מיט דיפּלאָמאַטישער צופעליקייט זיך געזעצט ביים מיטאָג־טיש וויזאַווי פון מאַטילדען און — די באַקאַנטשאַפט איז געשלאָסן געוואָרן. אַז מען זיצט אַזוי נאָענט, פאַרבינדט זיך אַ שמועס, טוישט מען זיך מיט אַ וואָרט, מיט אַ באַמערקונג. און ווערן היימיש האָט ניידוס געקאָנט גאָר שנעל. האָט ניידוס אויסגענוצט אַ געלעגנהייט, ווען נאָך מיטאָג האָט זיך די מוטער פריער אויפגעהויבן פון טיש און איז אַפּגעגאַנגען אָן אַ זייט, און אין די פּאָר מינוטן האָט ער באַוויזן אָפּצורעדן מיט מאַטילדען וועגן דער ערשטער באַגעגעניש.

די ערשטע באַגעגעניש האָט געפירט צו אַ גאַנצער קייט באַגעגענישן. ניידוס איז צוגעפאַלן צו דער פרילינגדיקער, אַביסל עקזאַלטירטער מאַטילדען מיט זיין גאַנצער עלאָקווענץ און מיט זיינע אומגעשטילטע און אומגעצוימטע באַגערן... זיי זענען זייער גיך נאָענט געוואָרן און כמעט יעדן אָוונט, נאָך איר אַרבעט אין „קרייזאַמט״, איז זי געווען זיין גאַסט אין זיין פרייער, נישט קרעמפּירנדיקער דירה. ווי תמיד אין אַזעלכע פאַלן, איז ניידוס געווען מיט מיר אָפנהאַרציק אויך וועגן זיינע אָפּטע באַגעגענישן מיט דער מאַטילדען. פון זיינע רייד האָב איך אַרויסגעפילט, אַז מאַטילדען האָט ער דאָך גענומען ערנסטער ווי אַנדערע פרויען. זי האָט אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. און אויך זי, מאַטילדע, איז גיך געוואָרן פאַרליבט אין ניידוסן, און אַוודאי האָט זי געמיינט, אַז ניידוס בלייבט שוין אירער אויף שטענדיק... און נישט נאָר זי — אויך איר מוטער, די פּראַקטישע אַקושערקע, האָט אָנגעהויבן קוקן אויף ניידוסן ווי אויף איר טאָכטערס באַשערטן...

ס׳איז פּאָר מיר דעריבער עד היום נישט צו באַגרייפן וואָס פאַר אַן אַשמדאי האָט עס דיריגירט מיט ניידוסן און אים אין יענער צייט געבראַכט צו אַ געוויסן מאָמענטאַלן עפּיזאָד מיט עפּעס אַ צופעליקער פרוי אין אַ פּראָווינץ־שטאָט, וווהין ער איז פאַרבעטן געוואָרן אויף אַ פאָרלעזונג, און

דער דאָזיקער עפּיזאָד האָט באַלד נאָך דעם גורם געווען פּאַטאַלע פאָלגן סיי פאַר אים גופא, סיי פאַר מאַטילדען...

מאַטילדע, אין איר פאַרצווייפלונג, האָט זיך לסוף געמוזט פאַרטרויען פאַר איר מוטער (יענע האָט זיך עפּעס אָנגעשטויסן און איז געווען צו־דרינגלעך צו איר טאָכטער) — און ס'איז געקומען צו אַ ריס מיט ניידוסן...

אויך ניידוס האָט דעם פאַטאַלן צופאַל שווער איבערגעלעבט. ער האָט עס זיך אַליין נישט געקאָנט מוחל זיין. ער האָט עס מיר אַלץ פאַרטרויט מיט אמתדיקן וויטאָג און מאָראַלישע יסורים. איין טאָג דערציילט ער מיר, אַז מאַטילדעס מוטער האָט אים אָפּגעוואָרט ביים אַריינגאַנג פון דער „יידי־שער קונסט" (אין מיטלשטאַנד־קיך איז זי שוין מיט איר טאָכטער מער נישט געקומען) און איז אים באַפאַלן מיט די ערגסטע זידלערייען. די גאַנצע תוכחה האָט זי אויף אים אויסגעגאָסן... אַ דערשלאָגענער, אַ טויט־בלאַסער און אויפגערעגטער, האָט ער זיך קוים פון איר אַרויסגעדרייט און איז גיך אַרויף אויף די טרעפּ. איך האָב לייב ניידוסן באַדויערט — ער האָט דאָך שטאַרק געליטן; אָבער אין דער אמתן איז מיר דאָס מאָל שווער געווען אים מוחל זיין די שוין איבערגעטריבענע באַהעמישע לייכטזיניקייט זיינע...

42

צוליב אַ טראַגישן טעות

אין מיטן דעצעמבער 1918 האָט זיך לייב ניידוס אומגעקערט פון אַ טורנע איבער עטלעכע אַרומיקע שטעטלעך. ער איז געקומען אַן אויסגע־שעפּטער, אַ פיזיש־צעבראָכענער, מיט אַ פאַרדעכטיקער בלאַסקייט אויפן פּנים. אין וועג האָט ער געהאַט אויסצושטיין כלערליי שוועריקייטן. ער איז געפאָרן סיי אין פורן, איבער טיפע בלאָטעס פון די ליטווישע וועגן, סיי אין אַ הינטערשטעטישער קליינבאַן, אין קאַלטע, נישט־באַהייצטע וואַ־גאָנעס. ער איז געקומען אַ פאַרקילטער, אַ הייזעריקער, מיט האַלדז־וויטאָג. לכתחילה איז ניידוס אַליין געווען פאַר זיך דער דאָקטער; אָבער אַז אין

האַלדז איז אים געוואָרן ערגער, האָט ער זיך געלאָזט אונטערזוכן פונעם היימישן עלטערן פעלדשער כאַנעס, וואָס שטאַט האָט פון אים געהאַלטן אַ סך מער ווי פון אַ דאָקטער. כאַנעס האָט געפּסקנט: „אַנגינע“, און געהייסן ניידוסן ליגן עטלעכע טעג אין בעט. אין בעט האָט זיך ניידוס לכתחילה געפילט בעסער. פריִער האָט ער זיך אַליין באַזאָרגט מיט אַלעם נייטיקן פון אַ נאָענט געוועלבל; שפּעטער האָב איך פאַר אים איינגעקויפט לייכטע עסנוואַרגן. עפּעס וואָרעמס פלעגט אים באַזאָרגן אַ שכנה פון אַנטקעגן, די גוטמוטיקע פרוי זאַפּאַראָווסקי. אַ פרימוס־מאַשינקע איז אויך געווען אין צווייטן חדר — האָט ניידוסן נישט געפעלט קיין גלאָז טיי אָדער געקאָכט וואַסער צום פאַרפּאַרען רומיאַנעק אויף צו שווענקען זיך דעם האַלדז.

אַ חוץ מיר, פלעגט צום קראַנקן אויך אַריינקומען ב. קאַסין פון „באַשע אוטראָ“. מ׳פלעגט צוזאַמען רעדן, דערציילן, וויצלען זיך. נישט ניידוס אַליין, נישט איך און נישט קאַסין האָבן נישט חושד געווען, אַז די דאָזיקע קראַנקייט איז פון ערנסטן כאַראַקטער; ווען יאָ — וואָלט איך דאָך תיכּף גערופן אַ דאָקטער; וואָלט איך דאָך אַלאַרמירט צו ניידוסעס משפּחה אין קוסטין.

דער בעסטער סימן פון ניידוסעס גוטן זעלבסטגעפיל איז געווען זיין כסדרדיק גריבלען זיך אין מאַנוסקריפּטן, אין העפטן לידער, וואָס זענען געלעגן אָנגעהויפט אויף אַ שטול נעבן זיין בעט. ער האָט מיט מיר כסדר גערעדט וועגן זיינע ליטעראַרישע פּלענער: אַרויסגעבן צוערשט די „אינ־טימע ניגונים“, נאָך דעם „ליטווישע אַראַבעסקן“, אַ צווייטן באַנד „ליריק“, דאַן „פון וועלט־פּאַרנאַס“: די היפּשע זאַמלונג איבערדיכטונגען פון צענ־דליקער, צענדליקער ערשטקלאַסיקע פּאָעטן, ווי פּאָל ווערלען, עמיל ווער־האַרן, שאַרל באָדלער, מאָריס מעטערלינק און פּיל, פיל אַנדערע. אַ חוץ דעם — די ליריק פון די קאָריפייען פון דער רוסישער ליטעראַטור: פּושקין און לערמאָנטאָוו.

— איך האָב נאָך אַ וועלט מיט אויפגאַבן! — זאָגט ער מיר, נישט באַרימעריש, נאָר פּשוטו כּמשמעו. — קודם־כּל דאַרף איך ענדיקן די אי־בערזעצונג פון פּושקינס „יעווגעני אָניעגין“. דאָס וועל איך שוין טאָן אין דער שטילקייט פון קוסטין. דאָרט שטערט קיינער נישט.

— און אַז דאָרט וועט דערשיינען צו אייך אַ קריסטינע?...*).

— סיידן קריסטינע... אויב אַזאַ קריסטינע, בין איך פאַר זיך נישט ערוב...

— יאָ, שיינע פּלענער, — זאָג איך, — אָבער ווי אַזוי מיינט איר אַרויסצוגעבן אַזוי פיל ביכער, אַז אַפילו מיטן קליינעם ביכעלע „אינטימע ניגונים" קאָנט איר זיך קיין עצה נישט געבן?...

— נישט געדאגהט, זאָל זיך נאָר ענדיקן די מלחמה. זאָל זיך צוריק עפענען די וועלט. עס וועט זיך שוין געפינען אַ פאַרלעגער. ס'איז שוין נענטער ווי ווייטער.

אין אַזעלכע אָפּטימיסטישע שטימונגען, מיט אַזוי פיל ליטעראַרישע פּלענער איז לייבניידוס געלעגן אין זיין איינזאַם־בחורישן בעט, אין דער אָפּגעלאָזענער דירה, ווו אַלץ איז געווען אין „קינסטלערישער אומאָרדע־נונג", נישט אויפגערוימט. עס האָט דאָ געפעלט די השגחה, דאָס אויג און די האַנט פון אַ באַלעבאָסטע, וואָס זאָרגט פאַר דער געמיטלעכקייט אין די דלד־אמות.

איך זאָג עס ניידוסן:

— ווו זענען אייערע אַלע „מוזעס"?... עס וואָלט נישט געשאַדט, ווען כאָטש איינע פון זיי יאָוועט זיך איצט צו אייך און מאַכט ביי אייך אַ ביסל אָרדענונג אין צימער...

— איר ווייסט דאָך, — שמייכלט ער, — איצט איז ביי מיר אַ שטיקל פויזע...

און מאָדנע: דער אַמאָל שוין צו באַרעדעוודיקער און אָפנהאַרציקער לייב ניידוס האָט אויסגעמיטן צו דערמאָנען די העלדין פון זיין לעצטן ראָ־מאַן — מאַטילדען... און איך האָב אים אויך נישט מרמז געווען אויף איר: צו וואָס אָנרירן אַ פרישע וווּנד?...

איין אָוונט, פאַר מיין אָוועקגיין, בעט מיך ניידוס, איך זאָל אַריינגיין צום „פּראָפעסאָר" כאַנעס (ניידוסעס גוטמוטיקע איראָניע איבער דעם אַלטן כאַנעס) און אים באַשטעלן אויף מאָרגן אין דער פרי.

---

*) די העלדין פון זיין פּאָעמע „די פלייט פון פּאַן".

— איר פילט זיך נישט גוט? — פרעג איך.

— אין האַלדז ביי מיר איז נאָך נישט אין אָרדענונג און די הייזעריקייט גייט נישט פאַרביי. זאָל כאָנעס נאָך אַ מאָל אַ קוק טאָן.

האָב איך אַזוי געטאָן. כ׳בין אַוועק צו כאָנעסן און אים געבעטן אַרויפ־קומען גלייך אין דער פרי צו ניידוסן. יענער האָט זיך געחידושט וואָס ניידוס ליגט נאָך.

אָבער צומאָרגנס אין דער פרי — אַ גרויסע איבערראַשונג פאַר מיר: אַז כ׳בין אַריינגעקומען צו ניידוסן (זיין דירה איז געווען אַ צוויי־דריי הונדערט מעטער פון מיינער, אויף פּאַטשטאָוואַיאַ), האָב איך אים געטראָפן אין אַן אויסטערלישן מעמד: ער איז געזעסן אויפן בעט, די נאַקעטע פיס אַראָפּ־געלאָזן, דער קאָפּ ווילד צעשויבערט, דאָס געזיכט געלבלעך־בלאַס און די אויגן — די אויגן זענען געווען פאַרצויגן ווי מיט אַ וואָלקן.

— איר פילט זיך נישט גוט, ניידוס? געווען שוין דאָ כאָנעס? — פרעג איך אַ צעשראָקענער.

— נישט געווען... — ענטפערט ער מיר מיט אַ שוואַך קול.

— איך לויף אים שוין ברענגען. אָבער לייגט זיך, לייגט זיך אין בעט.

און כ׳העלף־צו אים זיך אַריינלייגן אין בעט און דעק אים צו. כ׳בין משער, אַז דאָס האָט ער זיך מסתמא שלעכט דערפילט און אין פאַרצווייפל־טער אַליינקייט זיך דערשראָקן צו בלייבן אין בעט... אָבער ווי אַזוי לויפן? אַנטלויפן?... אַז די כוחות האָבן אים שוין נישט געדינט. איז ער געבליבן אַ האַלב־פאַרחלשטער אין דער זיצנדיקער פּאָזע אויפן ראַנד פון בעט...

כ׳בין נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפן צו כאָנעסן. געווען עטלעכע קוואַר־טאַלן בלויז. ווייזט זיך אַרויס, אַז כאָנעס האָט זיך גאָר נישט געאיילט מיטן גיין צו ניידוסן, האַלטנדיק, אַז וויים איך וואָס... ס׳איז גאָר נישט... אָבער אַז איך בין געקומען אָן אָטעם, מיט שרעק אויפן פּנים, איז ער תיכף מיט מיר געגאַנגען.

כאָנעס האָט ניידוסן פאַרקוקט מיט אַן עלעקטריש לעמפּל אין האַלדז אַריין און האָט זיך אַזש פאַרקרימט. כ׳בין געשטאַנען נעבן כאָנעסן און האָב אויך אָבסערווירט — ניידוסעס האַלדז איז געווען פאַרלייגט מיט ווייסע שטיקער געשווילעכטס...

כאָנעס דרייט אויס דעם קאָפּ צו מיר און באַפעלט:

— גייט תיכף אַריבער צום פּוילישן דאָקטער אויף גאָראָדנישטשאַנס־קאַיאַ... פאַרן גימנאַזיטשעסקי פּערעולאָק... שנעל...

אין כאַנעסעס איילעניש האָב איך דערשפּירט די געפאַר... כ׳בין אַרויס־געלאָפן אַ געפּלעפּטער. אין אַ פּאָר מינוט אַרום בין איך שוין געווען ביים לאַרינגאָלאָג; אָבער מעשה־שטן אים נישט געטראָפן אין שטוב און בין צוריקגעלאָפן פרעגן כאַנעסן וועמען אַנדערש צו ברענגען, ווער עס וווינט נעענטער, כדי נישט צו פאַרלירן קיין צייט. האָט מיך כאַנעס געהייסן ברענ־גען דעם דאָקטער סאַעט, אַן אינטערניסט, וואָס וווינט אויך גאָר נאָענט. דעם דאָקטער סאַעט האָב איך יאָ געטראָפן און ער איז מיט מיר מיטגעגאַנגען. דערווייל האָט כאַנעס געגעבן ניידוסן אַ זופּ צו טאָן פון אַ גלאָז, מיט הפסקות, שוואַרצע קאַווע.

דער דאָקטער סאַעט האָט בלויז איין קוק געטאָן ניידוסן אין האַלדז, אַ טאַפּ געטאָן דעם פּולס, צוגעלייגט דאָס הער־טרייבל צום האַרץ און אַ זאָג געטאָן צו אונדז:

— מ׳דאַרף אים גלייך אַריבערפירן אין קליניק, אויף מוראַוויאָווסקאַיאַ.

האָבן מיר ביידע — איך און כאַנעס — גענומען אָנטאָן ניידוסן — אַליין זיך אָנטאָן האָט ער שוין נישט געקאָנט. בין איך אַרויס און געבראַכט אַ דראָזשקע־שליטל: ס׳איז געווען אַ לינדער שנייִקער טאָג. מיר האָבן גענומען ניידוסן אונטער די אָרעמס און אַרויסבאַגלייט פון שטוב. ביים טויער האָט זיך דער חולה אַ פאַרשוואַכטער אַראָפּגעלאָזט אויף אונדזערע הענט. ער איז אין גאַנצן געל געוואָרן. דער דאָקטער האָט געהייסן אים אַוועקלייגן אויפן שניי. און צו מיר טוט ער אַ מורמל אין דער שטיל:

— קאַזשעטסיאַ, אָן אומיראַיעט... *).

דאָקטער סאַעט האָט דעם קראַנקן געהאַלטן פאַרן פּולס, באַוועגט עטוואָס זיין קאָפּ. דער חלשות־צושטאַנד ניידוסעס איז אַריבער און מיר האָבן אים אַרויפגעזעצט אויפן שליטל. געווען דאָרט פּלאַץ נאָר פאַר צוויי מענטשן, האָב איך זיך געזעצט נעבן ניידוסן, אים אַרומגענומען מיטן לינקן אָרעם און אַזוי האָט דאָס שליטל גערירט.

---

*) דוכט זיך, ער שטאַרבט.

— סליעדיטיע זאַ נאַמי, ראַדי באָגאַ!*) — בעט איך דעם דאָקטער, מורא האָבנדיק, אַז אויפן וועג זאָל עפּעס נישט געשען...

דאָס שליטל פליט. איך האַלט כסדר ניידוסן אַרומגענומען. ער כאַר־כלט מיטן האַלדז. די אויגן זענען שוין ווי נישט־דאָיקע...

— ווי פילט איר זיך, ניידוס?

ער האָט זייטיק אויף מיר אַ בליק געטאָן און עפּעס הייזעריק־שטיל אַ מורמל געטאָן, וואָס איך האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין.

אַ נס וואָס דער וועג האָט לאַנג נישט געדויערט. אין אַזאַ שטאָט ווי גראָדנע זענען נישטאָ דאָך קיין צו לאַנגע שטחים.

און אָט זענען מיר שוין ביים פּראָנט פון קליניק. גראָד דערזע איך ביים אַריינגאַנג די הויכע שלאַנקע פיגור פון דער קראַנקן־שוועסטער שערע־שעווסקאַיאַ אין איר ווייסן כאַלאַט.

— כ׳בעט איך, שנעלער! נעמט אַריין ניידוסן אין קליניק!

די קראַנקן־שוועסטער איז צוגעלאָפן צום שליטל און אויסגערופן:

— גאָספּאָדין ניידוס, טשטאָ ס׳וואַמי? **).

און איז צוריק אַריינגעלאָפן אינעווייניק. זי איז באַלד אַרויסגעקומען מיט צוויי סאַניטאַרן אין ווייסע פאַרטוכער, וועלכע האָבן אין אַ טראָג־בעטל אַרויפגענומען ניידוסן אויף די טרעפּ פון דער קליניק. איך בין נאָכגע־גאַנגען.

— דאָקטער וואָראָשילסקי! ווו איז דאָקטער וואָראָשילסקי? — פרעג איך אַ צעטומלטער וועגן דעם אָרדינאַטאָר פון דער קליניק.

— ער איז דאָ, ער קומט גלייך, — ענטפערט מען מיר.

מ׳האָט דעם חולה אויסגעטאָן, אַריינגעלייגט אין אַ בעט. אַרום אים זע־נען שוין געשטאַנען ד״ר וואָראָשילסקי, די קראַנקן־שוועסטער שערעשעוו־סקאַיאַ מיט נאָך אַ סאַניטאַרקע. מ׳האָט ניידוסן גענומען מאַכן אינהאַלאַציע אין האַלדז. איך האָב שוין געוווּסט דעם אומגליק — נישט קיין אַנגינע, נאָר דיפטעריט!... כ׳בין געשטאַנען אויף דער שוועל פון דאָזיקן חדר, ווו ניידוס איז געלעגן און האָב זיך שטום צוגעקוקט. אין אַ געוויסן מאָמענט

*) פאַרט־נאָך נאָך אונדז, אום גאָטעסווילן.

**) ה׳ ניידוס, וואָס איז מיט אייך?

האָט נײַדוס פֿונאַנדערגעעפֿנט זײַנע גרויסע בלויע אויגן און זיך אַרומ־געקוקט. קענטיק, אין דער דאָזיקער רגע האָט זיך נײַדוס דערפֿילט אַ ביסל בעסער.

— דאַיטיע מניע קאָע־טשטאָ דליאַ פּאָדקרעפּליעניאַ סערדצאַ... *), — האָט ער געזאָגט צו זײַנע רוסיש־רײדנדיקע רעטער.

— בודטיע ספּאָקאָיני, גאָספּאָדין נײַדוס! **), — ענטפֿערט די קראַנקן־שוועסטער שערעשעווסקאַיאַ — מיר וועלן אַלץ טאָן וואָס מ'דאַרף. באַלד וועט אײַך ווערן בעסער.

אַ באַרויִקטער אַ ביסל, וואָס נײַדוס געפֿינט זיך שוין אונטער מעדיצי־נישער השגחה, אײַל איך אַוועק צו נײַדוסעס קרובים — צו די ליפּשיצעס אויף סיענני באַזאַר. איך דערצייל זיי וואָס מיט נײַדוסן האָט פּאַסירט און הייס זיי אַלאַרמירן קיין קוסטין.

כ'בין אין גאַנצן אויפֿגערעגט. דער אומרו טראָגט מיך צוריק צו נײַ־דוסן, צו דער קליניק.

איך גיי דורך סאַבאָרנאַיאַ. אויפֿן וועג באַגעגן איך בערל אַבראַמאָ־וויטשן ***). ער שטעלט מיך אָפּ און מיט אַן אומנאַטירלעכן קול זאָגט ער מיר אָן די טרויעריקע בשורה:

— איר ווייסט נאָך נישט? לייב נײַדוס איז געשטאָרבן...

די קני האָבן זיך מיר אונטערגעהאַקט. כ'האָב זיך צוגעשאַרט צו אַ וואַנט און געשטאַנען אַ היפּשע ווײַלע אַ פֿאַרגליווערטער, אַ פֿאַרקלעמטער אין שטומען צער. אין האַלדז האָט מיך געשטיקט. אַז כ'בין צו זיך געקו־מען, בין איך אַוועק צוריק צו די ליפּשיצעס. ליפּשיץ גופֿא איז שוין געהאַט אַוועק צו דער קליניק. בלויז מיך אָנקוקנדיק, האָט שוין די פֿרוי ליפּשיץ זיך אָנגעשטויסן וועגן גרויסן אומגליק. אַ פֿרוי איז גרינגער אויף טרערן, האָט זי זיך גלײַך צעכליפּעט. איר כליפּערײַ האָט ווי צוגעהאָלפֿן, אַז פֿון

---

*) גיט מיר עפּעס צו שטאַרקן דאָס האַרץ...

**) זײַט רויִק, ה' נײַדוס.

***) פֿאַרוואַלטער פֿון קינדערהיים. בונדישער טוער. שפּעטער, אין דער סאָוועטישער תקופה, פֿאַרשיקט און ליקווידירט געוואָרן אין רוסלאַנד.

מיין פאַרקלעמטן האַלדז זאָל זיך פלוצלינג אַרויסרייסן אַ ספּאַזמאַטישער שטראָם געוויין...

— —

אין משך פון גאַנצן טאָג האָבן צו דער קליניק געשטראָמט מענטשן — אַלט און יונג. אַ טיפער טרויער האָט אַרומגעכאַפּט די שטאָט. מ׳האָט געזען באַשיינפּערלעך ווי שטאַרק פּאָפּולער לייב ניידוס איז געווען. ס׳האָט קיינער גאָר נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז נישטאָ שוין מער דער עלעגאַנטער, בלויאויגיקער, פריידיקער לייב ניידוס מיט דער גרויסער טשופּרינע, אין די הויכע ברוינע שיך מיט די כאָלעווקעס פאַרשנורעוועט ביז די קני, אין העלן ספּאָרט־אָנצוג מיט די קורצע הויזן; אַז מ׳וועט שוין מער נישט הערן זיין זינגען און שפּילן ביים קלאַוויר; זיינע גוטמוטיקע וויציקע גראַמען... ס׳אַראַ סתירה ס׳איז געווען — טויט מיט ניידוסעס צעשפּילטקייט, יונגקייט, צעזונגקייט...

אַ כאַראַקטעריסטישע סצענע:

פאַרנאַכט בין איך צוזאַמען מיט בערל אַבראַמאָוויטשן געגאַנגען אין „קרייזאַמט" וועגן באַשטעטיקן דעם מאַרשרוט פון דער מאַרגנדיקער לוויה. אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג פון „קרייזאַמט" האָט גראָד געאַרבעט מאַטילדע... און בעת מיר האָבן גערעדט מיטן דייטשישן באַאַמטן ביי דער באַריער איז מאַטילדע אויסגעוואַקסן האַרט דערנעבן און האָט זיך שטום צוגעהערט. זי איז געשטאַנען אַ פאַרגליווערטע און זיך נישט אָפּגערופן מיט קיין וואָרט. מיר האָבן זיך שווייגנדיק געגריסט. זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט פאַרשנדיקע אויגן: צי ווייס איך עפּעס?... זי האָט זיך זיכער נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז איך ווייס פון אַלץ, פון אַלץ... מיט אַלע פּרטים...

— איר וועט זיין אויף דער לוויה? — גיב איך אַ פרעג פאַרן אַוועקגיין.

— ניין! — ענטפערט זי קאַטעגאָריש.

איך האָב זי נישט געפרעגט: „פאַרוואָס?" אָבער זי אַליין האָט צוגעגעבן:

— ס׳איז אַוועק פון דער וועלט אַ גוטער פּאָעט, אָבער אַ שלעכטער מענטש...

איך האָב פאַרשטאַנען איר פאַרביטערונג; כ׳האָב אָבער נישט געקאָנט אַראָפּשלינגען אירע צו־שאַרפע ווערטער און איר געענטפערט:

— יעדער שטערבלעכער, אָן שום אויסנאַם, ווערט געבוירן מיט שוואַכ־קייטן... ווער מיט מער, ווער מיט ווייניקער...

אין מאַטילדעס שיינע אויגן האָב איך באַמערקט אַ פייכטקייט. צי איז עס פון דעסט וועגן געווען אַ טרער פון באַדויער? פון צער?... ווער ווייסט...

— —

**
*

די דאָזיקע נאַכט האָב איך נישט געגעכטיקט ביי מיר אין צימער. כ'האָב פשוט מורא געהאַט צו בלייבן אַליין מיט מיינע קאָשמאַרן. בערל אַבראַמאָוויטש האָט מיך דעריבער פאַרבעטן צו נעכטיקן מיט אים אין קינדערהיים.

כ'בין אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. צוקאָפּנס האָב איך געלאָזט ברע־נען דאָס נאַכט־לעמפל. פאַר די אויגן איז מיר געשטאַנען לייב ניידוס. כ'האָב גערעדט מיט אים, זיך אויסגעטענהט מיט אים. כ'האָב אים אין צו־שטאַנד פון דעלירויום געפרעגט: „פאַרוואָס? פאַרוואָס ביסטו אַוועק?" — —

אין די שעהען פון דער שלאָפלאָזער נאַכט האָב איך, ליגנדיקערהייט, אָנגעשריבן צום טויטן לייב ניידוס:

פאַרחתמעט שוין די ליפּן און פאַרשלאָסן... *)

מיטן דאָזיקן ליד האָב איך צומאָרגנס, בעת דער לוויה, פאַרענדיקט מיינע קורצע הספד־ווערטער ביי לייב ניידוסעס אָפענעם קבר.

אינעם זעלביקן נומער פון „נאַשע אוטראָ — אונדזער מאָרגן" (25 דע־צעמבער 1918), ווו דאָס ליד איז געדרוקט געוואָרן ווערט באַשריבן דורך ק. (דער רעדאַקטאָר ב. קאַסין) ניידוסעס לוויה. צוו"אַנד לייענען מיר **):

... „נאָך לאַנג פאַר דער לוויה האָט זיך שוין פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם ביים שטאָטישן שפּיטאָל [קליניק], וווהין מ'האָט געבראַכט דעם דיכ־טער שוין אין אַ האָפענונגסלאָזן מצב. אַרום צוויי אַזייגער איז די לוויה אַרויס פון שפּיטאָל, דורכגעגאַנגען די צענטראַלע גאַסן פון שטאָט, כדי

---

*) זע מיין לידער־בוך „אויף פרעמדער ערד", ב"א 1962.

**) ציטירט פון יענעם נומער, וואָס געפינט זיך אין ניו־יאָרקער ייוואָ.

דורכצופירן דעם טויטן ניידוס פאַרביי די ערטער, ווו ער האָט איבערגעלאָזן אַ גרויסן טייל פון זיין רייכער נשמה — פאַרביי די „ייִדישע קונסט" און דעם „אַרבעטער־קלוב" (געוועזענע אָפיצירן־קאַסינאָ). אויפן גאַנצן וועג פון דער פראָצעסיע זענען די ייִדישע געשעפטן געווען געשלאָסן. „עס האָבן גענומען אַן אָנטייל אין דער לוויה, וועלכע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ זייער אימפּאָזאַנט בילד, העכער פיר טויזנט מאַן, ס׳רוב יוגנט. צווישן דער לאַנגער קייט, וואָס האָט זיך געצויגן איבער ביידע זייטן גאַס, איז געגאַנגען די טרויער־פּראָצעסיע. צוערשט האָבן אַברהם זאַק און צבי טאַרלאָווסקי געטראָגן דעם פאַרשטאָרבענעמס בילד מיט אַ ציטאַט פון דעם דיכטערס „זוניקע פּערזן":

כ׳וויל די הויכע בערגער־שפּיצן, כ׳וויל מיט יוגנט־פּײַער שפּריצן,
און מיט פלאַמענדיקע בליצן צינדן הערצער פול מיט ווּט.
כ׳וויל די שטאָלצע זון דערלאַנגען, כ׳וויל נאָר הערן ווילדע קלאַנגען,
ליידנשאַפטלעכע פאַרלאַנגען וואַכן שטענדיק אין מיין בלוט.

„אַלע סאָציאַליסטישע, דעמאָקראַטישע פאַראיינען האָבן אָפּגעגעבן דעם אומפאַרגעסלעכן דיכטער דעם לעצטן כבוד: „בונד", „ס. ס." („פאַראייניקטע"), „פּועלי ציון", „צעירי ציון", „ייִדישע קונסט", „ליבהאָבער פון דראַמאַטישער קונסט" און אַנד׳. די דריי סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן געטראָגן רויטע פאָנען, וואָס עס האָט צוגעגעבן דער טרויער־פּראָצעסיע אַ פייערלעכן אויסזען און געווען אגב אַ רמז אויף די באַדייטונגספולע טעג, וואָס מיר לעבן איצט איבער, אויפן וויכטיקן פּאָליטישן מאָמענט, אין וועלכן דער פאַרשטאָרבענער האָט גענומען אַ פולן אָנטייל אין די רייען פון דער פאַראייניקטער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי [„פאַראייניקטע"]. ביים אָפענעם קבר זענען געהאַלטן געוואָרן רעדעס. צוערשט איז אַרויסגעטראָטן דער חבר פון פאַרשטאָרבענעם, דער יונגער דיכטער א. זאַק. דער רעדנער האָט דערמאָנט אונדזערע אבידות פון די לעצטע עטלעכע יאָר: „עס ווערט פאַר־יתומט און פוסט אויפן ייִדישן פּאַרנאַס. נאָך אַן אָרט איז געבליבן ליידיק — דער בכבודיקער אָרט פון לייב ניידוס. מיט זיין זוניקן גייסט האָט ער אַריינ־געטראָגן אַ פרישן שטראָם אין דער ייִדישער פּאָעזיע". „צום סוף לייענט אברהם זאַק פאָר אַ ליד, געשריבן אין טרויעריקן קאָשמאַר — „ביים אָפּע־נעם קבר", — וועלכער האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויפן עולם". „נאָך

דעם רעדט צבי טאַרלאָווסקי: „די יידישע פּאָעזיע איז אַ גלות־פּאָעזיע און אירע כהנים זענען די אמתע גלות־זין. טרויער, צרות, בענקעניש — דאָס זענען די הויפּט־מאָטיוון פון אונדזער פּאָעזיע: דלות, דחקות, שווינדזוכט — דאָס איז דער גורל פון אונדזערע שרייבער. ניידוס איז געווען אַ מעטעאָר, אַ נייער שטערן, וואָס האָט אַריינגעטראָגן אין דער יידישער פּאָעזיע אַ שטראָם פון לעבנסלוסט. דאָס איז געווען אונדזער יונגע האָפענונג אויף אַ נייער עפּאָכע אין דער יידישער פּאָעזיע. און איצט באַגראָבן מיר איר [זי], די דאָזיקע האָפענונג".

„אַ שטאַרקן רושם מאַכן אויפן עולם די קורצע ווערטער פון אַדוו' שטיינבערג". „נאָך אַ פּאָר וואַרעמע ווערטער פון ה' סאַלץ פאַרשיט מען דעם פרישן קבר. נישטאָ שוין ניידוס. עס גלייבט זיך קוים".

— —

כ'בין צוריקגעקומען פון דער לוויה אין לאָקאַל פון דער „יידישער קונסט". ס'איז שוין געווען אין אָוונט. ערשט איצט האָב איך דערפילט דעם גרויסן עלנט... אַלץ אין לאָקאַל איז דאָ פאַריתומט — די חדרים, די ווענט און אויך דער קלאַוויר, ביי וועלכן ניידוס פלעגט כמעט יעדן טאָג זיצן און שפּילן. דוכט, די ווייסע קלאַווישן וויינען שטום, אָן קלאַנגען — נישטאָ שוין ניידוסעס פינגער, וואָס פלעגן זיי באַרירן; אַרויסברענגען פון זיי אַ מאָל מונטערע, אַ מאָל אומעטיקע, פאַרבענקטע מעלאָדיעס... איך האָב מיר קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען אינעם גרויסן טרויער...

43

טעג פון טרויער

שווער האָבן זיך געצויגן מיינע ערשטע טעג און וואָכן פון אמתער אבילות — אָן לייב ניידוסן. אוממעגלעך געווען זיך צוצוגעוווינען צום געדאַנק, אַז ער איז שוין טאַקע נישטאָ. האָב תמיד געהאַט דאָס געפיל, אַז אָט־אָט דערשיינט ער ווידער מיט זיין דיכטערישן שאַרם...

אַ פּאָר טעג פאַר די שלושים האָב איך צוזאַמען מיט דער אַקטריסע

סאָניע סאַטאַראָדוב באַזוכט ניידוסעס קבֿר. איך האָב עס איר פאַרגעלייגט, ווייסנדיק פון איר גרויסן סענטימענט צום פאַרשטאָרבענעם.

אגב: אויך זי איז געווען אַ „העלדין" זיינע... אויך זי האָט איבערגע־לעבט אַ געוויסע אַנטוישונג בעת איר באַקענען זיך מיט לייב ניידוסן באַלד נאָך זיין קומען פון ווילנע. אַ שייך, באַגאַבט מיידל, האָט זיך ניידוס, ווי זיין שטייגער, גענומען צו איר דערנענטערן. און איר איז עס געווען צום האַרצן. ער האָט אויף איר אַ שטאַרקן איינדרוק געמאַכט; אָבער סאָניע איז צו קלוג געווען און זיך געכאַפּט באַצייטנס, אַז זי דאַרף זיך נישט מאַכן בנוגע ניידוסן קיין פאַלשע אילוזיעס. זי האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז ניידוס זוכט נאָר אַן אויבערפלעכלעכן פלירט און זי — זי איז שוין געווען אין די יאָרן, ווען מען דאַרף טראַכטן פון „תכלית"... איז זייער ווייטערדיקע באַ־קאַנטשאַפט געווען נאָר אויף אַ געוויסער דיסטאַנץ, ביז געוויסע גרענעצן. לכתחילה האָבן ניידוסעס באַזוכן שטאַרק אימפּאָנירט אויך סאָניעס פאָטער, דעם משכיל און מזרחיסט: „אַדרבה — האָט יענער געטראַכט — אַ זון פון אַ גוטבאַזיצער, פון אַ רייכער שטוב, אַ משורר ביי יידן — זאָל ער אַרויפקומען צו זיין טאָכטער. אפשר... אפשר וועט עפּעס דערפון אַרויס־קומען אויך... מהיכא תיתי"...

ביז איין טאָג האָט סאָניעס פאָטער געפונען אַ „פּסול" ביי ניידוסן: ער האָט געהאַט געבלעטערט ניידוסעס גרויסן באַנד „ליריק", וואָס דער מחבר האָט געשענקט זיין טאָכטער מיט אַ וואַרעמען אויטאָגראַף, און האָט זיך אָנגעשטויסן אויפן סאָנעט „דערנאָך". אַ ליד, וואָס רעדט וועגן איינגע־שטילטער ווילדער ליידנשאַפט נאָכן דערגרייכטן ציל... כדאי דאָ צו ברענ־גען דאָס גאַנצע ליד — אַגבֿ אַ שיין ליד — כדי צו פאַרשטיין די רעאַקציע, וואָס עס קאָן אַרויסרופן ביי אַ ייִד אַ מזרחיסט צום מחבר, וואָס איז אַ גאַנ־צער שמעלקע מיט זיין טאָכטער:

עס שלאָפן איין אין בלוט די אָרכידייען,
די תאווהדיקע, פלאַמעדיקע קווייטן;
מיר קוקן וואַכיק איינער אויפן צווייטן —
די לעצטע רעשטן ליידנשאַפט פאַרגייען...

אַ גלייכגילטיקער ליג איך, און איך לייען
ביי דיר אין אויג אַ קעלט, וואָס נעמט זיך ברייטן,

וואָס וועט זיך באַלד אין גאַנצן גוף צעשפּרייטן,
פאַרמעקנדיק די שעה פון זיסע ווייען...

ס׳גייט אויס די ווילדע דורשט פון מיינע ציינער,
וואָס האָבן אויף דיין פרויען־ברוסט דער ריינער
צום אָנדענקען אַ ביסן־שפּור געלאָזן;

און דיינע האָר — ווי אונדזערע שוואַרצאַפּלען —
זיי לויכטן קאַלט, און קענען מער נישט צאַפּלען
ווי פריער אויף דיין שולטער אויף דיין ראָזן...

קלאָר, אַז אַזאַ מין „פאַרשייטקייט" — דערצו נאָך בפרהסיא, שוואַרץ אויף ווייס — האָט דער אַלטער מזרחיסט נישט געקאָנט מוחל זיין און ער איז צוגעשטאַנען צו זיין טאָכטער, אַז זי זאָל מער ניידוסן נישט פאַרבעטן אין זייער הויז אַריין...

סאָניע האָט איר פאָטער נישט געפאָלגט — עס זענען שוין נישט געווען די צייטן פון אַ קינדס „געהאָרכזאַמקייט"... און זי האָט נישט בדעה געהאַט איבערצורייסן איר באַקאַנטשאַפט מיט ניידוסן, הגם קיין „אילוזיעס" וועגן אים האָט זי שוין נישט געהאַט. זי האָט אָבער דאָך געוואָלט אים האָבן פאַר אַ גאַסט ביי זיך אין שטוב ווי אַ קינסטלער, ווי אַ באַגאַבטן פּאָעט, וואָס זיינע פּרעכטיקע לידער זענען שוין אַריין אין איר רעפּערטואַר; וואָס ווען זי דעקלאַמירט זיין „נעמילע", צי „אַ חתונה" אָדער „ליליען", דונערט דער זאַל פון אַפּלאָדיסמענטן...

זי אַליין האָט דערציילט ניידוסן, ווי אַ קוריאָז, וועגן איר פאָטערס „קריטיק" אויף זיין ליד „דערנאָך". זי האָט עס מילד אָנגערופן: „קריטיק" — הגם איר פאָטער איז געווען ממש אויפגעצאָרנט און פול מיט פאַרדרוס. און בעת ניידוס פלעגט אַרויפקומען, פלעגט יענער אויסמיידן זיך צו גריסן מיט אים. ניידוס האָט עס באַמערקט און איבערגעריסן זיינע באַזוכן אין דאָזיקן הויז און סאָניע איז אַריין אין זיין „אַרכיוו" ווי אַ „געוועזענע"... ביי סאָניען אָבער איז געבליבן אַ וואַרעמער סענטימענט צו ניידוסן און אויך זי איז געווען אַ דערשיטערטע פון זיין פריצייטיקן טויט. און אַז איך האָב איר פאָרגעלייגט צו באַזוכן ניידוסעס קבר, האָט זי זיך גערן אין דעם אָנגעכאַפּט.

דעם גאַנצן וועג צום בית־עולם האָבן מיר גערעדט וועגן ניידוסן, אָבער דער עלנט פון בית־עולם און די שנייִקע ווייסקייט איבער די קבֿרים האָבן אונדז שטום געמאַכט. דאָס פרישע בערגל ניידוסעס איז גע־ווען איינגעהילט אין שניי. פון אונטערן שניי האָט אַרויסגעשטאַרצט דאָס צייטווייליקע הילצערנע ברעטל מיט לייב ניידוסעס נאָמען — ווי אַ סימבאָל, אַז כאָטש דעם פּאָעט דעקט צו דאָס בערגל ערד, אָבער זיין נאָמען דער־הייבט זיך און בלייבט...

מיר זענען לאַנג געשטאַנען אין טיפן שטומען צער, ווי פאַרגליווערטע איבער דעם פאַרשנייטן בערגל. אין אויג האָט מיך געבריט אַ טרער. אויך אין סאָניעס אויגן האָב איך באַמערקט אַ טרערן־גלאַנץ. אין דער רגע האָב איך אַרויסגעפילט, אַז ביי סאָניען איז געבליבן עפּעס מער ווי אַ געוויינט־לעכער סענטימענט צו ניידוסן. פון זייער באַקאַנטשאַפט איז ביי איר אין נשמה געבליבן אַ טיפערער געפיל, וואָס ווערט נישט אַזוי גיך אויסגעלאָשן...

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז סאָניע סטאַראדוב אויפגעטראָטן אין שטאָטישן טעאַטער אויף דער אַקאַדעמיע צו די שלושים נאָך לייב ניידו־סעס טויט. נישט אַלע אין טעאַטער־זאַל האָבן זיך פאַרשטאַנען אויף דעם אונטערגרונט פון דעם גרויסן טרויער, מיט וועלכן זי האָט רעציטירט לייב ניידוסעס עלעגיעס, אין וועלכע עס קומען צום אויסדרוק זיינע פאַרגעפילן פון נאָענטן קבֿר: „אַ חלום“, „לעצטער ווייטאָג“ און „אַנד“. פון דער אָפּטיילונג „בענדער פון קרעפּ“ אין „ליריק“. און אויך מיינע צוויי עלעגיעס האָט זי רעציטירט — „אויף דיין קבֿר“ און „דו ביסט נישטאָ“ *). שורות, וואָס זע־נען געבוירן געוואָרן ביי מיר אין דעם זעלבן טאָג, נאָך אונדזער געמיינזאַמען באַזוך אויפן בית־עולם, ביי ניידוסעס קבֿר, און זי האָט זיך געפילט ווי אַ שותּפטע צו די דאָזיקע לידער, צום טיפן טרויער, מיט וועלכן זיי זענען געווען דורכגעדרונגען. מיט וויפל עקספּרעסיע, מיט וויפל ליריזם און נשמה איז אַרויסגעקומען פון איר טעמבער יעדעס וואָרט, יעדער פערז:

*) פאַרעפנטלעכט אין „נאַשע אוטראָ — אונדזער מאָרגן“, 23 יאַנואַר 1919; אויך אין בוך „אויף פרעמדער ערד“.

אברהם זאַק

ווי שווער צו טראַכטן, אַז דו ביסט נישטאָ...
עס האָט פאַרשטומט אין קבר־נאַכט
דאָס ליד פון זון, דאָס ליד פון פראַכט...
ווי שווער צו טראַכטן, אַז דו ביסט נישטאָ...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

44

ראַשעל נײַדוס

קורץ נאָך נײַדוסעס טויט איז געקומען פון ווילנע זײַן שוועסטער, ראַשעל. נאָכן אויפהאַלטן זיך אַ געוויסע צײַט אין קוסטין, אין משפּחה־קרייז, איז זי געקומען מיט אַ באַזוך קיין גראָדנע. זי איז געווען דער גאַסט פון די ליפשיצעס און דאָרט האָב איך זיך מיט איר געטראָפן.

ראַשעל איז געווען מיט אַ פּאָר יאָר עלטער פון לייב נײַדוסן. זי איז געווען זייער ענלעך צו אים — כמעט אַ קאָפּיע פון זײַן פּנים, פון זײַנע אויגן. אַז כ׳האָב זי דאָס ערשטע מאָל דערזען, האָט מיך אינערלעך אַ צופּ געטאָן, גלײַך ווי נײַדוסעס שאָטן וואָלט עס פאַר מיר דערשינען...

ראַשעל איז געווען געקליידט אין שוואַרצן — אין טרויער נאָכן ברודער, נאָך ליאָניען. איך האָב באַלד געזען, אַז זי איז דער קאָנטראַסט פון נײַדוסן: פון אים האָט געשפּריצט מיט לעבנסלוסט, מיט אָפנהאַרציקייט און הייטער־קייט, און זי, ראַשעל, איז אַ טיפּ פון אַ פאַרשלאָסענער פרוי, מיט אַ ביסל אַ פאַרכמורעט פּנים און קאַרגלעך־אויסגערעכנט אין די רייד. פון באַרוף איז זי געווען אַ כעמיקערין. אין ווילנע האָט זי געאַרבעט אין אַן אַפּטייק. איז געווען נאָך אַ נישט־חתונה־געהאַטע. ס׳איז פאַר מיר געווען אַ חידוש: פאַר וואָס? אַ פרוי אַ ווערטפולע, מיט אַ באַרוף, מיט אינטעליגענץ. סײַדן זי גופא איז די שולדיקע אין איר אַליינשאַפט...

ראַשעל האָט מיך געהאַלטן אין איין אויספרעגן וועגן פאַרשטאָרבע־נעם ברודער: ווי האָט ער געלעבט אין גראָדנע? ווי אַזוי איז עס געקומען צום טראַגישן טעות אין דער דיאַגנאָז פון זײַן קראַנקייט? זי ווייסט שוין,

אַז איך, ווי זיין נאָענטסטער חבר אין גראָדנע, בין געווען מיט אים ביז די לעצטע שעהען פון זיין פאַרשניטן לעבן... זי האָט מיך געשפּאַנט אויסגע־הערט און אַלע ווילע זיך געווישט די אויגן...

שפּעטער אַ ביסל, אַז זי האָט זיך געהאַט באַרויִקט, האָט זי, פון איר זייט, מיר געבומען דערציילן פּרטים פון ליאָניעס לעבן. איך זע, זי האָט זיך גוט געקענט אויף איר ברודער, געקענט זיינע אַלע אייגנשאַפטן, זיינע מעלות און זיינע שוואַכקייטן.

— ליאָניע איז געווען אַ גרויס קינד, — דעפינירט זי, — ער האָט גע־דאַרפט לעבן אונטער דער השגחה פון אַ מאַמען... ווען אַ מאַמע וואָלט געהאַט אויף אים אַן אויג, וואָלט ער נאָך געלעבט...

— ווער ווייסט... — זאָג איך, — גורל... טרעפט דאָך, אַז אויך מאַ־מעס מוזן פריצייטיק באַגלייטן זייערע יונגע קינדער צום קבר... ס׳איז נישט אַזאַ לייכט לעבנס־רעטעניש...

מיר האָבן לסוף אויך גערעדט וועגן תכלית: איך האָב פאָרגעלייגט ראַ־שעלן, אַז זי זאָל נעמען אויף זיך די מיסיע צו ברענגען אין אָרדענונג אַלע פאַרבליבענע שריפטן פון איר ברודער; צונויפזאַמלען אַלע מאַנוסקריפּטן; אַלע העפטן, אַלע פאַרשריבענע בלעטלעך; אַלע צייטונגען און זשורנאַלן, וווּ נאָר ס׳איז געדרוקט עפּעס פון לעאָנען.

— איך טו עס סיי־ווי־סיי, — ענטפערט זי, — גאַנצענע טעג פאַרברענג איך איבער דעם. איך זאַמל, לייג צונויף, סעגרעגיר. דערביי כאַפּ איך זיך לייענען ליאָניעס נייע שאַפונגען. די לעצטע שאַפונגען זיינע אין קוסטין, אין גראָדנע. ליאָניע איז אַזוי גיך און אַזוי שטאַרק אויסגעוואַקסן ווי אַ פּאָעט.

ס׳איז מיר שפּעטער אויסגעקומען צו זען זיך מיט ראַשעלן מערערע מאָל — אין שייכות מיט ניידוסעס כתבים. ראַשעל האָט איר מיסיע אויס־געפירט בשלימות, מיט ליבשאַפט, ממש פּעדאַנטיש. פּעדאַנטישקייט, ווי איך האָב זיך איבערצייגט, איז געווען אַ שטריך פון איר כאַראַקטער. אויף דעם קאָן צום בעסטן עדות זאָגן די ווייטערדיקע כאַראַקטעריסטישע די־גרעסיע:

די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ראַשעל געוווינט אין וואַרשע. זי האָט געאַרבעט ווי אַ כעמיקערין אין אַ פאַר־

מאַצעווטישער לאַבאָראַטאָריע. בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַ־ציע, אין די ערשטע חדשים, ווען ידן זענען געלאָפֿן איבער די גרע־נעצן, איז ראַשעל אַ פּאָר מאָל צו מיר אַרויפֿגעקומען זיך מיישב זיין: יאָ אַנטלויפֿן, אָדער נישט אַנטלויפֿן פֿון וואַרשע?... איך האָב איר דערקלערט, אַז איך האָב באַשלאָסן יאָ צו לויפֿן. לויטן פּלאַן, פֿריער איך, דערנאָך מיין פֿאַמיליע.

— אָבער... פּאַנימאַיעטיע לי ווי... (צי פֿאַרשטייט איר עס) — האָט זי זיך געוואַקלט, — ווי וועל איך זיך אַן עצה געבן אין וועג מיט מיין בעטגעוואַנט?... איך האָב אַ פּוכענע פּערענע, אַ פּוכענע קאָלדרע, אַ טייערן קישן... מען פֿאָרט דאָך נישט נאָרמאַל מיט אַ באַן...

לאָזט עס איבער... — פּסקן איך קאַטעגאָריש.

— סטייטש, ווי קאָן איך עס איבערלאָזן? איך מוז עס דאָך האָבן אין די גרויסע פֿרעסט. איר ווייסט נישט, ווי איך ליד ווינטער פֿון קעלט, אין די קאַלטע צימערן...

— איך לאָז דאָ איבער מער פֿון אייך: אַ וואַרעמע היים...

— יאָ טאַקי וואַס ניע פּאַנימאַיו... (איך פֿאַרשטיי אייך טאַקע נישט).

איך האָב ראַשעלן נישט איבערצייגט: די „פּוכענע פּערענע" און „פּוכענע קאָלדרע" האָבן זי צוגעהאַלטן אין וואַרשע. און בעת זי איז שפּעטער געטריבן געוואָרן צום „אומשלאַגספּלאַץ" פֿאַרן גאַז־קאַמער, איז זי זיכער געווען אָן איר פּוכענעם בעטגעוואַנט...

45

טיִוואָלאַנישע „שפּיצלעך" פֿון געשיכטע...

די גרויסע פּיעטעט צו ניידוסן מצד עטלעכע נאָענטע פֿריינד און פֿאַר־ערער זיינע האָט באַוויגן צו שאַפֿן אַ לייב ניידוס־קאָמיטעט. אין קאָמיטעט זענען אַריין — אַ חוץ מיר — ב. קאַסין, צבי טאַרלאָווסקי, נח באַס, ל.

געלגאַר, דער פּעדאַגאָג גרינשפּאַן. די ערשטע אויפגאַבע איז געווען — אַרויסגעבן די „אינטימע ניגונים", וואָס ניידוס אַליין האָט עס נישט געקאָנט באַווייזן ביים לעבן. די מיטלען זענען גאָר שנעל געשאַפן געוואָרן און די לידער־זאַמלונג איז אין געציילטע וואָכן אַרום דערשינען.

פאַרן ניידוס־קאָמיטעט זענען דאַן געשטאַנען צוויי גרויסע אויפגאַבן: א) אַרויסגעבן אַלע ווערק פון לייב ניידוסעס עזבון, ב) שטעלן אַ פּאַסיקע מצבה. וואָס שייך דער אויסגאַבע פון אַלע ניידוסעס ווערק, איז עס אין גראַד־נע גופא נישט געווען צום רעאַליזירן — אַ צו גרויסע פאַרלעגערישע אונ־טערנעמונג. וואָס איז נוגע ווידער דער מצבה, האָבן מיר געהאַלטן, אַז נישט די משפּחה פּריוואַט דאַרף עס טאָן, נאָר די יידישע געזעלשאַפט. און נישט קיין פּשוטע מצבה דאַרף עס זיין, נאָר אַ דענקמאָל, אויסגעפירט פון אַ קינסטלער — ווי לייב ניידוס האָט פאַרדינט. און אויך דאָס האָט גראָדנע אַליין נישט געקאָנט באַוויזן.

און כדי צו דערציילן וועגן גורל פון לייב ניידוסעס ליטעראַרישן עזבון און וועגן זיין דענקמאָל — מוז איך ווידער מאַכן אַן אָפּווײַכונג פון דער געשילדערטער צייט:

שפּעטער, אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן איז אונטערגעקומען די איניציאַטיוו פון וואַרשע (לייען: מיינע...). אין וואַרשע, ביים יידישן ליטע־ראַטן־פאַראיין, איז באַשאַפן געוואָרן אַ לייב ניידוס־קאָמיטעט, וועלכער האָט די ביידע אויפגאַבן רעאַליזירט: סיי דאָס אַרויסגעבן פינף בענד פון ניידוסעס ליטעראַרישן עזבון, סיי דאָס שטעלן אויף ניידוסעס קבר אַ קינסטלערישע מצבה, אויסגעפירט פונעם סקולפּטאָר אברהם אָסטזשעגאַ, אַ דענקמאָל, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ וויינענדיקן מלאך מיט איינגע־קאָרטשעטע פליגל...

אינעם ניידוס־קאָמיטעט זענען מיר געווען בסך־הכל זאַלבענאַנד: איך און דער נאָוועליסט ה. ל. זשיטניצקי. אין דער לאַנג־דויערנדיקער רעדאַק־ציאָנעלער אַרבעט פלעגט מיר אַ מאָל מיטהעלפן ה. ל. זשיטניצקי — מער מיט ראַט ווי מיט טאַט...

אין די געלט־זאַמלונגען פאַר דעם ניידוס־דענקמאָל האָט מיר אויך מיטגעהאָלפן דער פּראָזאַיקער י. י. זינגער. מיט אים בין איך אומגעגאַנ־גען איבער די רעדאַקציעס און פאַרלאַגן נאָך די באַשטייערונגען.

אגב: צו דער אַנטהילונג פֿון דעם ניידוס־דענקמאָל איז פֿון וואַרשע־ווער ליטעראַטן־פֿאַראיין דעלעגירט געוואָרן קיין גראָדנע פּרץ מאַרקיש — אַ שטאַרקער פֿאַרערער פֿון דעם יונג־פֿאַרשטאָרבענעם אייגנאַרטיקן פּאָעט.

און נאָך אַ מאָל אגב: דעם סקולפּטאָר אבֿרהם אָסטזשעגאַ — דעם שעפֿער פֿונעם אוהל־פּרץ און פֿון דעם לייב ניידוס־דענקמאָל — האָבן די דייטשישע תּלינים פֿאַרגאַזט און פֿאַרברענט, און דער ניידוס־דענקמאָל האָט ביי די באָלשעוויקעס געהאַט דעם זעלבן גורל, וואָס אַלע מצבֿות פֿון גראָדנער בית־עולם, וואָס איז, לויט גרוסן פֿון איצטיקן גראָדנע, פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וויסטן פּלאַץ, ווו עס פּאַשען זיך ציגן...

טייוולאָנישע „שפּיצלעך" פֿון יידישער געשיכטע! — — —

46

אַ יידיש־סאָציאַליסטישע פֿעסטונג

די דייטשן האָבן אָנגעהויבן ביסלעכווייז צו עוואַקוירן געוויסע מיליטערישע „בעהערדען": וויבאַלד אַז דער רוסישער פֿראָנט איז נאָך דער איבערקערעניש אין רוסלאַנד געבליבן נאָר אַ ט ע אָ ר ע ט י ש ע ר, טאָ צו וואָס אַזוי פֿיל כּוחות לאָזן אין פּאַסיוון צושטאַנד? האָבן זיי, צוגלייך מיט אַ ריי אַרמיי־איינסן, אויך פֿיל אינסטיטוציעס אַריבערגעוואָרפֿן אויף די מערבֿ־פֿראָנטן.

אַזוי האָבן זיי אויך ליקווידירט זייער אָפֿיצירן־קאַסינאָ, וואָס האָט זיך געפֿונען אויף סאָבאָרנאַיאַ פּלאָשטשאַד. דאָס איז געווען דער גרויסער, שיינער לאָקאַל פֿון דער אַמאָליקער רוסישער „דוואָריאַנסקאָע סאָבראַניע" (אַדל־געמיינשאַפֿט). דער דאָזיקער לאָקאַל האָט פֿאַרמאָגט אַ ריי גערוימיקע חדרים. און ווי נאָר דער לאָקאַל איז ליידיק געוואָרן, האָבן אים פֿאַרנומען די יידישע פּאַרטייען פֿון שטאָט. מ'האָט זיך אַזוי איינגעטיילט, אַז יעדע פּאַרטיי האָט באַקומען איר ווינקל. די דייטשן האָבן זיך שוין ווייניק אינטערעסירט מיט דער באַפֿעלקערונג — זיי האָבן געהאַט מיט זיך צו טאָן, — און די פּאַרטייען האָבן אָנגעהויבן פֿירן פֿראַנק און פֿריי אַן אינטענסיווע טעטיקייט.

יעדן אָוונט פלעגן אין קאַסינאָ פאָרקומען פאַרזאַמלונגען, באַראַטונגען. מ׳האָט געהאַלטן רעדעס, געפירט היציקע וויכוחים, פאַרשפּרייט פּאַרטיי־ליטעראַטור. קיינער האָט נישט געשטערט. די קאַסינאָ איז שנעל פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ ייִדיש־סאָציאַליסטישער פעסטונג.

אויך די „פּאַראייניקטע" האָבן געהאַט אין קאַסינאָ זייער ווינקל. אַ היפּ־שער חדר, וואָס האָט געקאָנט אַריינגעמען אַפילו די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער גראָדנער אָרגאַניזאַציע. די פּאַרטיי האָט אַקטיוויזירט אַלע סימ־פּאַטיקער, געפּאָדערט אַקטיווע מיטאַרבעט. אַזוי האָט מען מיך איין טאָג באַוויזן צוצוגרייטן אַ רעפעראַט אד"ט „די אידייע און צילן פון טעריטאָריאַ־ליזם". כ׳האָב דעם רעפעראַט געבויט אויפן סמך פון דער פּאַרטיי־ליטעראַ־טור, פון די אַלטע און נייע ביכער און בראָשורן, דערהאַלטענע פון ווילנע און וואַרשע. כ׳האָב זיך, אגב, אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט געוואָלט פאַרטומלען, מילדער מאַכן דעם טרויער נאָך ניידוסעס טויט...

וואָס עס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן — איז די ענדערונג, וואָס איז מיט יעדן טאָג בולטער געוואָרן אינעם אויסערלעכן אויסזען פון דער קאַסינאָ. די עלעגאַנץ פון די זאַלן איז זייער גיך פאַרשוווּנדן געוואָרן. שמו־ציק, אָפּגעלאָזן דער פּאַרקעט; אָפּגעבליאַקעוועט, אָפּגעפּליקט די ווענט. דער פּלוש פון די פאָרענטשעס אויף די טרעפּ אָפּגעצופּט, צעפּליקט און עס הענגען אַראָפּ צויטן. עס איז געוואָרן עכט „פּראָלעטאַריש"...

אויף איינער אַן אסיפה האָב איך געשטעלט די פראַגע:

— צי עסטעטיק איז אין סתירה צו סאָציאַליזם?...

דער עולם האָט מיך אָנגעקוקט מיט פאַרוווּנדערונג. מ׳האָט זיך נישט געכאַפּט צו וואָס איך ציל.

— טוט אַ קוק, — זאָג איך, — וואָס פאַר אַ פּנים עס האָבן באַקומען די שיינע חדרים פון דער קאַסינאָ... קוקט אָן די טרעפּ, די פאָרענטשעס... און ווו זענען פאַרשוווּנדן די טעפּיכער פון די טרעפּ?...

די פראַגע, וואָס איך האָב געשטעלט, האָט געהאַט אַן אָפּקלאַנג. ס׳האָבן זיך דערהערט שטימען פון אַלע זייטן:

— וואַנדאַליזם!

— אַ חרפּה!

— קולטורלאָזיקייט!

— ווי וואָלט געווען, חברים, — באַמערקט מיט סאַרקאַזם דער גימ־נאַזיע־לערער אַסטרינסקי, — ווי וואָלט געווען ווען מיר האַלטן שוין ביי דער סאָציאַלער רעוואָלוציע?... אויב שוין איצט, בעת ביי אונדז איז נאָך גאָר נישט געשען, פּירט מען זיך אַזוי אויף, טאָ ווי וועלן מיר אויסזען ביי אַן איבערקערעניש? די מאַראָדערן וועלן דאָך אונדזער גאַנץ לעבן פאַר־חזירן, חרוב מאַכן...

מ'האָט אָנגעוויזן, אַז אין די פּאַרטייען האָבן זיך אַריינגעכאַפּט טונ־קעלע פּאַרשוינען, וואָס פאַרשוואַרצן אונדז דאָס פּנים; אַז מ'דאַרף באַ־וויגן אַלע פּאַרטייען אַדורכצופירן אַ קאָנטראָל פון דער מיטגלידערשאַפט. מ'דאַרף אויסרויכערן די מאַראָדערן...

ס'איז טאַקע אויף יענער אַסיפה באַשלאָסן געוואָרן צו אַפּעלירן צו אַלע פּאַרטייען — לאָקאַטאָרן פון דער קאַסינאָ — מ'זאָל געמיינזאַם אָננעמען מיטלען קעגן דער דאָזיקער פאַרדריסלעכער דערשיינונג. אָבער דאָס, וואָס איז שוין אָפּגעטאָן געוואָרן, איז שוין געווען פאַרפאַלן. די פּאַרטייען וועלן דאָך נישט גיין רעסטאַווירן דאָס חרוב געמאַכטע. ווו וועט מען נעמען מיטלען דערצו?..

און אַזוי פלעג איך תמיד, ביים אַרויפגיין אין קאַסינאָ, קוקנדיק אויף די אָפּגעפּליקטע פּאַרענטשעס, טראַכטן מיט ווייטאָג: „צי דאָס איז אַן אומ־באַדינגטער רעזולטאַט פון געוווּנענער פרייהייט?... צי מ ו ז עס דווקא אַזוי זיין?“

47

אונטערן צייכן פון בלוט

עס האָט זיך גערוקט דאָס יאָר 1919 אונטערן צייכן פון בלוט... פון יידיש בלוט אין אוקראַינע...

עס האָבן אָנגעהויבן צוריקקומען גראָדנער יידן־פּליטים פון רוסלאַנד. עס האָט זיי געיאָגט דער בירגער־קריג. עס האָט זיי געטריבן דער גע־שפּענסט פון פּאָגראָמען אין יידישע שטעט און שטעטלעך פון אוקראַינע.

ווילדע האָרדעס פון היידאַמאַקעס, אונטער דער אָנפירונג פון צעיושעטע אַטאַמאַנען האָבן געזייט חורבן און טויט... געהייסן האָט עס, אַז זיי גייען ראַטעווען רוסלאַנד פון די באָלשעוויקעס, אָבער געשאָכטן האָט מען יידן, געראַבעוועט יידיש האָב און גוטס, געשטילט זייערע צעיושעטע געמיטער מיט בלוט פון פרויען, קינדער און זקנים... דער אַלט-באַקאַנטער לאָזונג: „בעי זשידאָוו — ספּאַסאַי ראָסיו" איז געלאָזט געוואָרן אין גאַנג. וואָס גרעסער דער אַטאַמאַן, אַלץ ווילדער די רציחות, אַלץ אַכזריותדיקער די שחיטות... אַלץ מערער עדהס זענען אויסגעשאָכטן געוואָרן...

דאָס יידישע ווייַ־געשריי פון אוקראַיִנע האָט זיך געטראָגן צו דער וועלט. קיין הילף איז נישט געקומען. פאַרן מערב זענען די ווייסגוואַרדייִשע אַטאַמאַנען געוועזן העלדן: זיי זענען דאָך געגאַנגען באַקעמפן דעם אַזיאַטישן באָלשעוויזם, וואָס באַדראָט ווי אַ מגפה דער וועלט... האָט מען אַוועקגע־קוקט אויף די מעשים תעתועים קעגן יידן. יידן זענען דאָך תמיד געוועזן דער שעיר לעזאזל פאַר דער געשיכטע... איז מה רעש? ווען וועמען אַרט עס וואָס מען פאַגראָמירט יידישע שטעט? וואָס מען שעכט אויס גאַנצענע עדהס? וואָס מען פאַרגוואַלדיקט פרויען און מען טרענט אויף נאָך דעם מיט קינזשאַלן זייערע בייכער?...

אויף יידן אין גראָדנע — ווי אין אַנדערע תפוצות ישראל — האָט זיך פאַרצויגן אַ כמאַרע. זענען פאַרגעקומען אַסיפות. אַסיפות פון פאַר־טייען, אַסיפות אין ועד הקהל. אין אַלע חדרים פון קאַסינאָ זענען די פּאָ־גראָמען אין אוקראַיִנע געווען די טעמע פון טאָג. מ'האָט גערעדט מיט פייער און צאָרן, אַרויסגעטראָגן פּראָטעסט־רעזאָלוציעס, געשיקט אַפּעלן אין דער וועלט אַריין... אָבער צו וועמען זענען די דאָזיקע פּראָטעסטן און אַפּעלן דערגאַנגען?... ווער האָט זיי פאַרנומען? ווער האָט זיך צו זיי צוגעהערט?...

בלויז די גראָדנער רבנים האָבן געהאַט אַ זיכערן אַדרעס, צו וועמען צו שרייען, צו אַפּעלירן — צום רבונו של עולם... האָט מען גערופן יידן אין די בתי מדרשים צו זאָגן תהילים; האָט מען גוזר־תענית געווען...

די נישט־פרומע, די סקעפּטיקער, האָבן זיך אויפן חשבון פון די רבנים טרויעריק געוויצלט, מיט תליה־הומאָר:

— וואָ'דען, שווייגן וועלן זיי?...

גראָדנע איז, פאַרשטייט זיך, נישט געווען אין דער הינזיכט קיין אויס־

נאָם. עס זענען אָנגעקומען ידיעות פון אַ גאַנצער ריי ייִדישע שטעט וועגן אַזעלכע פּראָטעסט־אַלאַרמען קעגן די ייִדישע שחיטות.

אויף איינעם אַן אָוונט אין דער „ייִדישער קונסט״ איז דער גרעסטער טייל מאַטעריאַל פון דער „לעבעדיקער צייטונג״ געווען געווידמעט דער נייער כוואַליע פּאָגראָמען. די מחברים האָבן אין זייערע אַרבעטן דורכגע־פירט אַ פּאַראַלעל צווישן די איצטיקע שחיטות און די שחיטות פון ת״ח ות״ט בימי כמיעלניצקי י״ש. די זעלביקע הײַדאַמאַקעס, די זעלביקע גזלנים. זיי האָבן זיך גאָרנישט געענדערט. אַמאָל איז מען געגאַנגען קעמפן כלו־מרשט קעגן די פּוילישע פּאַנעס און דערבײַ אויסגעשאָכטן גאַנצע קהי־לות. היינט חזרט זיך עס איבער: מ׳גייט קעמפן כלומרשט קעגן באָלשעווי־קעס און אויסגעשאָכטן ווערן גאַנצענע ייִדישע ישובים...

„פּאַרוואָס — האָט געפרעגט איין מחבר — פּלאָנטערן זיך עס ייִדן צווישן די רעדער פון רעוואָלוציעס?... האָבן עס די פעלקער פּאַרדינט?״...

די ציוניסטישע מחברים האָבן געהאַט זייער תשובה: „ארץ־ישראל... אַוועק פון גלות״...

„פּאַראייניקטע״ האָבן געהאַט זייער תרופה: „טעריטאָריאַליזם!״...

בונדיסטן, עס־ערן האָבן געהאַט זייער סגולה: „סאָציאַליזם! נאָר אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג קען אָפּשווענקען דאָס פּסולת פון דער געזעל־שאַפט״...

און אַזוי אומעטום האָבן ייִדן דיסקוטירט, געהיצט זיך. יעדער מיט זיין לייזונג פון די ייִדישע טראַגישע פּראָבלעמען...

און דערווייל זענען יעדן טאָג אָנגעקומען פרישע ידיעות וועגן נייע שחיטות אויף ייִדן אין אוקראַיִנע, וועגן נייע פּאָגראָמען... אוקראַיִנע ווערט פּאַרגאָסן פון אַ מבול ייִדיש בלוט... און ווו איז די האַנט פון באַצאָלונג, פון נקמה?...

48

אין צערודערטע טעג

לערך סוף ווינטער 1919, ווען די דייטשן האָבן עוואַקויִרט גראָדנע, האָט די שטאָט איבערגעלעבט צערודערטע טעג. די שטאָט איז געבליבן אָן אַ מאַכט. עס איז געבילדעט געוואָרן אַ בירגער־מיליץ, וואָס האָט אי־בערגענומען די השגחה אויף דער אָרדענונג. די מיליציאָנערן האָבן זיך אומגעדרייט איבער די גאַסן אין ציוויל־קליידער, מיט ספּעציעלע אָרעם־בענדער, באַוואָפנט מיט ביקסן, מיט רעוואָלווערן, וואָס מ׳האָט פאַרכאַפּט דאָרט ביי די דייטשן בעת זייער אָוועקגיין. און אַוועק זענען די דייטשן נישט אין אַזאַ מוסטערהאַפטער אָרדענונג. זי זענען געווען באַהערשט פון אַ בהלה־שטימונג — הגם נישט אונטערן דרוק פון נאָכיאָגנדיקע אַרמייען; אָבער די דייטשישע אַרמיי גופא איז שוין געווען דעמאָראַליזירט און האָט נישט אָפּגעהיט בעת דער עוואַקואַציע די מיליטערישע דיסציפּלין און אַזוי־אַרום איבערגעלאָזט היפּשע רעזערוון אַמוניציע און געווער. און מיט אָט דעם געווער האָט זיך באַנוצט די פאָלקס־מיליץ.

טאָג־טעגלעך זענען אין פאַרשידענע פּונקטן פון שטאָט פאָרגעקומען פאָלקס־פאַרזאַמלונגען, מיטינגען. אומעטום האָבן זיך געשטופּט און גע־שטויסן מחנות מענטשן. עס זענען אויפגעטראָטן רעדנער פון אַלערליי ריכטונגען און שאַטירונגען — בירגערלעכע, סאָציאַליסטישע, קאָמוניסטישע. די פראַגע איז געווען: צו ווּעמען זאָל איבערגיין די שטאָט? צו וועלכער מאַכט?... טייל מענטשן, וואָס האָבן זיך געהיצט, זענען געווען נאַיִוו און גע־גלייבט, אַז עס ווענדט זיך אָן די בירגער גופא; אַז ווי גראָדנער בירגער וועלן באַשליסן — אַזוי וועט עס בלייבן... עס זענען געקומען צום וואָרט פאַר־שטייער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן: ייִדן, פּאָליאַקן, רוסן, ווייסרוסן, ליטווי־נער. יאָ, אויך ליטווינער, כאָטש קיינער האָט נישט געוווּסט פון וואַנען זיי האָבן זיך גענומען? קיינער האָט זיי קיין מאָל נישט געזען און נישט גע־קענט. בין־לילה זענען זיי אויסגעוואַקסן. כמעט אַלע רעדנער האָבן גערעדט רוסיש — איז דאָך גראָדנע אין גרונט געווען, נאָך פון פאַר דער מלחמה,

אַ רוסיפיצירטע שטאָט, — איז ווי זשע אַנדערש האָט מען געקאָנט רעדן אויף די געמישטע פאַרזאַמלונגען?

צום שטאַרקסטן האָבן זיך געהיצט די פּאַליאַקן — פּ.פּ.ס.אָווצעס, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז גראָדנע דאַרף געהערן צו פּוילן, צו וואַרשע, ווו עס איז שוין געבילדעט געוואָרן אַ פּראָוויזאָרישע רעגירונג.

עס האָבן גערעדט קאָמוניסטן — מענטשן אומבאַקאַנטע, ווי ערשט פון אונטערערד אַרויס. זיי האָבן אַגיטירט פאַר רוסלאַנד, ווו עס שאַפט זיך אַ נייַ לעבן, אַ נייער סדר; ווו דאָס פאָלק געוועלטיקט אַליין איבער זיך, אָן צאַרישע סאַטראַפּן, אָן טיראַנען...

געוועזן אַ היפּש ביסל גלייביקע: איז עס דאָך געווען נאָך אין דער צייט, ווען עס האָט דאָמינירט די הויכע פּראַזע, די שרייענדיקע לאָזונג, די פּראָקלאַמאַציע... דער ראָמאַנטיזם פון די ערשטע אָקטאָבער־טעג איז שוין אָבער פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ בלוטיקן שלייער. דער אָפּהילך פון בירגער־קריג, צעשיסונגען, ברידער־מאָרד האָט זיך ווייט געטראָגן פון דער רוסישער ערד...

עס האָבן גערעדט ווייסרוסן, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז גראָדנע איז ווייסרוסיש; אַז אין גראָדנע דאַרף געשאַפן ווערן אַ ווייסרוסישע רעפּובליק — נישט מיט רוסלאַנד, נישט מיט פּוילן, נישט מיט ליטע — נאָר אַ זעלבשטענדיקע רעפּובליק.

געווען אויך אַ רעדנער, וואָס האָט אַגיטירט פאַר ליטע; אַז גראָדנע דאַרף זיך אָנשליסן צו קאָוונע, ווו עס איז שוין פאַראַן אַ ליטווישע רעגירונג.

גראָדנע איז אין די דאָזיקע טעג געווען ווי אַ כלה, וואָס שטייט אין שידוכים, וואָס זוכט אַ פּאַסיקן חתן, און די אַלע רעדנער זענען עס געווען די שדכנים, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט געלויבט זיין „קאַנדידאַט"...

אויף די אַלע מיטינגען האָט זיך אויסגעטיילט אַנדערש די שטים פון דער גראָדנער ייִדישער באַפעלקערונג: האָבן דאָך ייִדן נישט געקאָנט פרעדיקן איינצופירן אין גראָדנע אַ ייִדישע מלוכה... איז פאַר וועלכן לאַנד, פאַר וועלכער מאַכט זאָלן זיי זיך „איינרייסן דעם יאַשטשיק"?... ווער ווייסט וועלכע מאַכט וועט זיין בעסער פאַר ייִדן?... האָבן ייִדישע רעדנער — סאָציאַליסטן פון אַלע שאַטירונגען — געוואָרפן די לאָזונג פון גלייכע רעכט

פאַר אַלע נאַציאָנאַליטעטן, אָן אונטערשיד — אונטער וועלכער מאַכט גראָד־נע זאָל נישט זיין...

אין שטאָט האָבן זיך געטראָגן פאַרשידענע סתירותדיקע קלאַנגען. דער־ציילט מען, אַז די באָלשעוויקעס דערנעענטערן זיך; אַז זיי רוקן זיך פון מזרח־זייט. שפּעטער קומט אָן אַנדער ווערסיע, אַז די פּוילישע לעגיאָנען פון וואַרשעווער זייט זענען שוין אויפן וועג צו גראָדנע. נאָך אַ קלאַנג פאַר־שפּרייט זיך, אַז די ליטווינער פון קאָוונע מאַרשירן צום ניעמאַן.

הכלל, די „חתנים" שדכענען זיך און שאַרן זיך צו גראָדנע...

און איין טאָג זע איך אויף דעם פּלאַץ, וואָס ביים „שווייצער־טאָל" — הינטער דער „ברעכאַלקע" — ווי עס איבט זיך אַ ראָטע ווייסרוסישע רע־קרוטן. איבער נאַכט האָבן די ווייסרוסן געשאַפן אַן „אַרמיי" פון באָרוועסע און נאַקעטע... ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פּורימדיקן פּאַרס. די רעקרוטן — פלאַקס־קעפּיקע שקצים — האָבן זיך געשפּילט אין זעלנער. נישט מיט אמתע ביקסן, נאָר מיט שטעקנס — ווי די עכטע פּלאָקן־שיסערס...

דאָס זעלבע האָבן אויך געטאָן די פּאָליאַקן און די ליטווינער. אַלע מיט די שטעקנס אויף די אַקסלען... יעדע נאַציאָנאַליטעט האָט זיך גענומען שפּילן אין סאָלדאַטן, בילדן פּורימדיקע „אַרמייען"... די פּוילישע „אַרמיי" האָט איבערגעשטיגן אין צאָל סײַ די ליטווינער, סײַ די ווײַסרוסן; אָבער ייִדן האָבן די דאָזיקע אַלע פּורימדיקע זעלנער נישט גענומען ערנסט. אַזוי האָט נח באָס אויף איינער אַן אַסיפה אַ זאָג געטאָן אין שפּאַס:

— ווען מיר ייִדן ווילן, קאָנען מיר אַרויסשיקן אַ גדוד פון דער ציוניס־טישער יוגנט — די „שומרים", אַ שטייגער, — און נעמען אין „פלען" אַלע דרײַ „אַרמייען" מיט אַ מאָל...

דער הויפּט־אינספּיראַטאָר פון דער ווייסרוסישער באַוועגונג איז געווען דער ווייסרוסישער שרייבער (וועלכער האָט געשריבן זיינע ווערק אין רו־סיש...) יעווגעני קורלאָוו. קורלאָוו האָט געוווינט אין זיין גוט נאָוואָסיאָלקי, וואָס אויפן שליאַך צווישן גראָדנע און אַמדור, און דאָרט אין גוט איז עס געווען דער געהיימער „שטאַב" פון די ווייסרוסן.

אגב: שפּעטער, ווען די פּאָליאַקן האָבן באַהערשט דעם געביט, האָבן זיי קורלאָוון אין איינער אַ נאַכט אָפּגעראַמט... ס'איז איבער אים אויסגעפירט געוואָרן אַ געהיימנישפולער מאָרד. מ'האָט קיינעם נישט געכאַפּט און די

שפּורן פון פאַרברעכן זענען לחלוטין אָפּגעווישט געוואָרן. יעווגעני קור־לאָוס טויט האָט אַרויסגערופן גרויס טרויער אַפילו צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג אין דער געגנט, ווייל דער דערמאָרדעטער איז געווען באַקאַנט ווי אַ זייער ליבעראַלער מענטש, מיט אַן אײדעלן כאַראַקטער. קורלאָוו איז געווען אין גייסט אַ „נאַראָדניק", וואָס האָט ליב געהאַט דאָס פּויערים־פאָלק, די אָרעמע מוזשיקעס. זיין פיינקייט האָט זיך בולט אויסגעדריקט אין זיין באַציִונג צו זיינע אייגענע פעלד־אַרבעטער פון גוט — אויף אַזוי ווייט, אַז ער האָט אַפילו חתונה געהאַט מיט איינער פון זיינע הויז־דינסטן... די דאָזיקע פּרוי זיינע פיגורירט ביי אים ווי אַ הויפּט־העלדין פון זיינער אַן אויטאָביאָגראַפישער נאָוועלע.

**
*

איין טאָג איז אין לאָקאַל פון דער „ייִדישער קונסט" פאָרגעקומען אַ גרויסע ייִדישע אַסיפה פון די חשובי העיר. עס זענען געווען אויף דער אַסיפה פאָרטרעטער פון אַלע ריכטונגען. דער ועד־הקהל איז געווען אין פולן קאָמפּלעט. אָנגעפירט מיט דער אסיפה האָט נח באַס.

די דאָזיקע עקסטרע פאַרזאַמלונג איז גערופן געוואָרן לכבוד אַ חשובן גאַסט פון קאָוונע — דעם ייִדישן דעפּוטאַט ראָזענבוים פון אָקאָרשט אָנט־שטאַנענעם ליטווישן פאַרלאַמענט אין קאָוונע. ראָזענבוים איז עס געקומען צו די גראָדנער ייִדן מיט אַן אָפיציעלער מיסיע, אינספּירירט פון זיין רעגי־רונג: צוצוגרייטן די גראָדנער ייִדן צום געדאַנק, אַז גראָדנע וועט איבער־גיין צו ליטע און צו געווינען זייער סימפּאַטיע פאַר די ליטווינער...

נאָך דעם ווי באַס האָט פאָרגעשטעלט דעם גאַסט, האָט ער אים גלייך געגעבן דאָס וואָרט.

ראָזענבוים האָט געהאַלטן אַ גאָר לאַנגע דרשה. ער האָט געלויבט די דעמאָקראַטישע רעגירונג פון ליטע, איר ליבעראַלע באַציִונג צו ייִדן, וואָס זענען פולבאַרעכטיקטע בירגער ווי די ליטווינער, אָן אונטערשיד. גראָדנער ייִדן — האָט ער געזאָגט — וואָלטן זיך געפילט גליקלעך אונטער דער ליט־ווישער מלוכה־פאָן... אַאַז"ו אין זעלבן גייסט.

די פאַרזאַמלטע האָבן אויסגעהערט די לאַנגע דרשה און געקוועטשט מיט די אַקסלען: איז ער נאַיִוו, דער דאָזיקער ייִד? צי מיינט ער באמת, אַז די

ליטווינער קאָנען געווינען גראָדנע מיט יידישע שטימען?... צי האַלט עס דען ביי אַ רעפערענדום? וועט מען דען איבערהויפּט פרעגן ביי דער באַפעל־קערונג — און דערצו נאָך ביי יידן — צו ווען מען זיי ווילן געהערן? ווען מען זאָל איבערגעבן גראָדנע? ווייסט ער נישט, דער יידישער פּאָליטיקער, אַז אין אַזעלכע פאַלן איז — כל דאלים גבר?...

* *
*

דער דאָזיקער כאַאָטישער צושטאַנד אין שטאָט האָט לאַנג נישט גע־דויערט. אין איין שיינעם פרימאָרגן האָבן פון פערשטאטער זייט אַריינ־מאַרשירט קאָמפּאַניעס פון פריש־געשלייערטן פוילישן מיליטער. אַלע זעל־נער זענען געווען גוט אויסגעשטאַט, אין גרינלעכע מיליטערישע מונדירן, אין פעסטע געטשוועקלטע שיך, אין וויקלשניר ביז די קני און אין די פיר־קאַנטיקע „קאָנפעדעראַטקעס" אויף די קעפּ. די פּאַליאַקן האָבן, ווי די ערשטע, אָן ווידערשטאַנד פון קיינעם, מיטן יונגן מיליטערישן כוח באַ־הערשט די שטאָט און אומגעגנט. די „אַרמייען" פון די ליטווינער און ווייסרוסן זענען דעם זעלביקן טאָג ווי אין וואַסער אַריין... קיינער האָט זיי מער נישט געזען...

און אויס מיט די מיטינגען, אויס מיט די מאַסן־פאַרזאַמלונגען. אין שטאָט האָט אָנגעהויבן פירן די „גרענדע" אַ פוילישער מיליטערישער קאָ־מענדאַנט. ער האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן פאַראָרדענונגען צו דער באַפעל־קערונג — אמת, זייער ליבעראַלע, פאַרזיכטיקע. ער האָט געוואָלט אימ־פּאָנירן אַלעמען, אַלע שיכטן, אַלע נאַציאָנאַלע טיילן פון שטאָט.

מיטן אַריינטרעטן פון פוילישן מיליטער האָט די פוילישע באַפעל־קערונג, וואָס איז געווען לכתחילה אַ מינדערהייט אין שטאָט, אויפגעהויבן דעם קאָפּ. די גאווה און פאַררייסנקייט פון פּאַליאַקן האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן. דאָ און דאָרט האָט פאַרקלונגען דער פוילישער הימן:

יעשטשע פּאָלסקאָ ניע זגינעלאָ
פוקי מי זשיעמי — — —

אין שטאָט איז באַשטימט געוואָרן אַ פוילישער סטאַראָסטע, וואָס האָט זיך געפילט מעשה באַלעבאָס. אָן זיינער אַ „פּשעפּוסטקאָ" האָט מען, למשל,

קיין וואַרשע נישט געקאָנט פאָרן, און אין די ערשטע וואָכן איז עס נישט געווען קיין לייכטער ענין. עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ פּוילישע פּאָליציי — הגם נישט אַלע פּאָליאַקן פון גראָדנע האָבן געקאָנט רעדן אַ פּערפעקטן פּויליש און אויך אין דער פּאָליציי האָט מען די ערשטע צייט געהערט רעדן אויך רוסיש.

צו ייִדן האָט זיך דער סטאַראָסטע — אַ גראָדנער פּאָליאַק — באַצויגן געגנוג קאָרעקט און לאָיאַל. אין גראָדנע זענען דאָן געווען מער ייִדן ווי פּאָליאַקן. האָט די נייע פּוילישע מאַכט געמוזט האַלטן „פּאַסאָן"... ווייניק־סטנס אין ערשטן פּעריאָד, אינעם „האָניק־חודש" נאָכן שידוך מיט גראָדנע...

סתם פּאָליאַקן, פּריוואַטע, האָבן זיך מיט די דאָזיקע „נאָרמען" נישט גערעכנט. זייער מעגאַלאָמאַניע און זייער אַנטיסעמיטיזם האָבן זיך באַלד געלאָזט פילן. אויף יעדן טריט און שריט האָט מען פּאָליאַקן געהערט „דע־קלאַמירן": „נאַשאַ פּאָלסקאַ ניעפּאָדלעגלאַ"... *) אין שטאָט זענען פאַרצייכנט געוואָרן קליינע אינצידענטן צווישן ייִדן און אַנטיסעמיטישע פּאָליאַקן. פאַר גרויסע אינצידענטן איז נאָך, אַפּנים, געווען צו פרי...

אַזוי, אַ שטייגער, פלעג איך אין יענער צייט, צוזאַמען מיט די פּעדאַ־גאָגן גרינשפּאַן און זיין פרוי, אַרויפקומען יעדן טאָג אויף מיטאָג צו אַ פּוילישער פרוי, וואָס האָט אַרויסגעגעבן היימישע מיטאָגן. די דאָזיקע על־טערע פרוי האָט שטענדיק געמאַכט אַ סימפּאַטישן איינדרוק; איז געווען היפּער־העפלעך; פלעגט אונדז שטענדיק אַנטקעגן טראָגן אַ שמייכעלע: „דזיען דאָברי פּאַנסטווו" און „פּראָשען פּאַנסטוואַ"... ווי נאָר אָבער צו איר האָבן אָנגעהויבן אויך אַריינקומען פּוילישע „קנעפּלעך" פון די אָנגעפּאַרענע האָט זי באַלד געביטן דעם טאָן. איר שמייכעלע פאַר אונדז איז פאַרשווונדן און זי האָט אונדז נישט געקוקט גלייך אין די אויגן. און איין טאָג, אַז מיר זענען געקומען אויף מיטאָג, האָט זי אונדז ביי דער טיר באַגעגנט מיט אַ מעלדונג, אָן צערעמאָניעס:

— פּראָשען פּאַנוו, אָביאַדוו דליאַ פּאַנסטוואַ וויענצעי ניעמאַ...**).

---

*) אונדזער אומאָפּהענגיק פּוילן.

**) ביטע, מיינע הערן, קיין מיטאָגן פאַר אייך זענען מער נישטאָ...

49

„אונדזער ווינקל“

איך האָב אָנגעהויבן טראַכטן וועגן וואַרשע. שוין די העכסטע צייט זיך אומצוקערן צו שרייבער, צום ליטעראַרישן צענטער. גראָדנע האָב איך טאַקע זייער ליב געהאַט; אָבער זי איז פאַר מיר דאָך געווען נאָר אַן עטאַפּ, אַ צייטווייליקע היים. בפרט אַז נאָך לייב ניידוסעס טויט איז די שטאָט פאַר מיר פּוסט געוואָרן...

דערווייל, איידער איך פאָר, איז מיר געקומען די אידייע אַרויסצוגעבן נאָך אין גראָדנע אַ ליטעראַרישע זאַמלונג — ווי אַ זכר... כ׳האָב זיך דער־רעדט מיטן אייגנטימער פון אַ דרוקעריי — אַלעקסאַנדער לאַפּין. לאַפּין איז צוריקגעקומען, ווי אַ „בעזשעניעץ“, פון רוסלאַנד מיט אַ סך ענערגיע. זיין ענערגיע האָט מען אַרויסגעפילט אין זיין שטאָלצן אויסזען, אין זיינע לעבעדיקע שוואַרצע אויגן. פאַרמעגלעך איז ער געווען, אַ גרויסע דרוקעריי האָט ער געהאַט — האָט ער געזוכט אין וואָס אויסצולאָדן אַ ביסל אימפּעט. האָט ער זיך אויך אָנגעכאַפּט אָן מיין פאַרשלאָג וועגן ליטעראַרישן זאַמל־העפט. קיין גרויסע אילוזיעס האָב איך אים נישט געמאַכט. אומשטיינס געזאָגט, וואָס פאַר אַ פּראָפיטן עס קאָן דערוואַרטן אַ געשעפט־מענטש פון אַזאַ אונטערנעמונג!... אָבער דאָך האָט לאַפּין מיין פּלאַן באַלד אָנגענומען און כ׳בין צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. האָב אַליין אָנגעשריבן עטלעכע אַרבעטן — צווישן זיי וועגן ניידוסעס „די פּליט פון פּאַן“ — און באַשטעלט אַר־בעטן ביי אַנדערע. מיינע גראָדנער מיטאַרבעטער זענען געווען: א. מענעס, צבי טאַרלאָווסקי, קריינע עקשטיין, י. דומבליאַנסקי און אַנדערע. אין משך פון אַ קורצער צייט איז די ליטעראַרישע זאַמלונג א״נ „אונדזער ווינקל“ דערשינען אין אַ טיראַזש פון 3.000 עקזעמפּליאַרן. איך וואָלט געווען קעגן אַזאַ גרויסן טיראַזש; אָבער לאַפּין האָט מיך נישט געפרעגט און פאַראָרדנט אין דער דרוקעריי: 3.000. ער האָט געהאַט אַ גרויסן פּאַרנעם.

— צופיל פאַר אַ יידישער אויסגאַבע... — האָב איך אים שפּעטער באַמערקט.

— ניטשעוואָ! — האָט ער געזאָגט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל, — מיר וועלן שטעלן אַ ביליקן פּרייז, וועלן עס יידן כאַפּן ווי הייסע בייגל...

פאַרשטייט זיך, אַז די „הייסע בייגל" זענען נישט אַלע צעכאַפּט גע־וואָרן... היפּשע הונדערטער עקזעמפּלאַרן זענען שפּעטער געבליבן ליגן אויף די פּאָליצעס ביי כלערליי בוכהענדלער אין גראָדנע גופא און אין וואַרשע און ווילנע...

אַגב: איך האָב בשום אופן ביי זיך נישט געקענט פועלן צו אָנגעבן אויף דער טיטל־זייט, אַז ס'איז דערשינען אונטער מיין רעדאַקציע: נישט געהאַט עפּעס די דרייסטקייט דערצו. האָב געציטערט, טאָמער וועלן עלטערע שרייבער זען דערין חוצפּה... און אַזוי איז עס דערשינען אַנאָנים.

50

„נישטאָ קיין טויט!"...

אין מיטן דערינען ווער איך גאָר קראַנק אויף פלעק־טיפוס און אינ־טערניר זיך אין שפּיטאָל: די גיפטיקע מיאַזמען פון דער מלחמה, פון די פעלדער פון טויט, האָבן זיך נאָך לאַנג געשפּרייט און אַרויסגעריסן פיל קרבנות פון די אויסגעהונגערטע און אויסגעצערטע שטעט...

מיינע פריינד פון דער „יידישער קונסט" האָבן מיר אַרויסגעוויזן אַ סך האַרץ: זיי האָבן אָנגאַזשירט ספּעציעל פאַר מיר אַ קראַנקן־שוועסטער, וועלכע איז פון מיר נישט אָפּגעטראָטן און געוואַכט איבער מיר טאָג און נאַכט ביזן אַרויסגיין פון שפּיטאָל. דער אָרדינאַטאָר פון שפּיטאָל — דער קולטור־עסקן און געוועזענער פאָרזיצער פון דער „יידישער קונסט", ד"ר באָראָדיצקי — האָט פאַר מיר דאָרטן אָפּגעגעבן אַ סעפּאַראַטן צימער, ווו מען האָט אויך אַריינגעשטעלט אַ בעט פאַר דער קראַנקן־שוועס־טער. אַזוי אַז איך האָב לחלוטין נישט געפילט די אומהיימלעכע שפּיטאָל־אַטמאָספערע. ווי אַ קראַנקער אויף טיפוס, האָב איך, פאַרשטייט זיך, מורא־

דיק געליטן; האָב אָבער געהאַט דעם באַוווסטזיין (אַזוי לאַנג ווי איך האָב אין דער קראַנקייט געהאַט דעם באַוווסטזיין...), אַז עס ווערט פאַר מיר געזאָרגט און געטאָן וואָס נאָר מעגלעך, כדי צו שטאַרקן מיין אָרגאַניזם, אונטערצוהאַלטן דאָס האַרץ, עס זאָל אויסהאַלטן אינעם קריזיס דעם זייער שווערן „עקזאַמען״... אין משך פון עטלעכע וואָכן האָט זיך מיין לעבן געוויגט אויף דער וואָגשאָל. ס׳האָט שוין אין טאָג קיין סך נישט געפעלט, איך זאָל אָוועק צו מיין חבר — צו לייב ניידוסן... אָבער אַפּנים, אַז אין דער פּמליא של מעלה זענען נאָך אויף מיין קאָנטאָ געווען פאַרשריבן אַ סך פריידן און ליידן... און זיכער וועגן־אַריבער די שוידערן און גרוילן פון די היטלער־יאָרן אַלע פריידן און ליידן צוזאַמענגענומען... *).

בעתן טיפוס, פאַרן קריזיס, האָב איך געהאַט שוידערלעכע קאָשמאַרן, קאָשמאַרן — אָבער אויך וווּנדערלעכע וויזיעס. איינע אַזאַ וויזיע האָט זיך טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון און כ׳וועל זי מיין גאַנץ לעבן נישט פאַרגעסן.

איך האָב שוין וועגן דער דאָזיקער וויזיע ביי אַן אַנדער געלעגנהייט דערציילט; אָבער עס גלוסט זיך אויך דאָ זי צו דערמאָנען:

... אַ פאַרנאַכטיקע טונקלקייט...

איך זע: אַ ריזיקע מאַסע ציט זיך, ציט זיך איבער מרה שחורהדיקע טונקעלע גאַסן. אַ ים קעפּ! פּאַמעלעך, פּאַמעלעך וויגט זיך די מענטשן־מאַסע און שאַרט זיך אַלץ אַהין, אַהין, הינטער דער שטאָט. אין סאַמע מיטן פון דער מאַסע, אין דער הויך, אויף אַקסלען, וויגט זיך אַ שוואַרצער קאַסטן — אַן אָרון! וויגט זיך אַרויף אַראָפּ, אַרויף אַראָפּ, ווי אויף כוואַליעס פון אַ טייך... און איך... איך ווו בין? איך שוועב, דוכט פון אויבן. ווי אַ געדאַנק, ווי אַ מחשבה... כ׳שפּיר נישט קיין קערפּער, קיין געשטאַלט... איך בין נאָר, אַפּנים, נשמה...

אָך יאָ, אַזוי איז עס. אַזוי איז עס טאַקע. דאָס בין איך עס די נשמה

---

*) דעם דאָזיקן עפּיזאָד מיט דער קראַנקייט איז געווידמעט מיין דערציילונג „אין מלכות פון פיבער״, געדרוקט אין אַלמאַנאַך „וואַרשעווער שריפטן״ און אין מיין בוך „די פרוי פון שטאָט״.

פון דעם גוף, וואָס ליגט דאָ אין אָרון... אָט דאָ אויף די אַקסלען אין מיטן דער מאַסע... דאָס איז עס מיין לוויה... דאָס באַגלייט מען מיך צו דער אייביקייט...

מיט אַ מאָל דערשפּיר איך זיך אין אַ טיפענייש, אין אַ שטאָק־פינצטער־ניש. כ׳זע שוין גאָרנישט, גאָרנישט, כאָטש מיינע אויגן זענען אָפן. פון אויבן, פון איבער מיר, פאַרנעם איך נאָר עפּעס אַ טויבן קלאַנג: אַך, יאָ, דאָס ליג איך עס אין גרוב און דאָס שיט מען עס רידלען ערד... און מערקווערדיק! — כאַפּ איך זיך בשעת מעשה, — כ׳בין דאָך שוין טויט און איך טראַכט... דער מוח פונקציאָנירט... הייסט עס, אַז מ׳קאָן אויך טראַכטן נאָכן טויט?

און ווי איך קלער אַזוי און חידוש זיך אין דער שטאָק־פינצטערניש, טוט זיך פּלוצלינג די ערד אונטער מיר אַ שפּאַלט־אויף מיט אַ געוואַלטיקער האַסטיקייט, אָבער שטיל, אָן גערויש און — —

כאַ! כאַ! כאַ! כ׳הייב זיך אָן צו קייקלען באַרג־אַראָפּ פון אַ ריזיקן שפּוע, קייקל זיך, קייקל זיך, ביז איך בלייב ליגן ערגעץ אין אַ טאָל. איך שטעל זיך אויף, רייב אויס די אויגן — אַ פאַרנאַכטיקע מאַטע ליכטיקייט און אַ נידעריקער טונקל־בלויער הימל אַרום און אַרום.

איך שטוין: ווו בין איך דאָ אין דער וועלט? ווו?...

כ׳קוק זיך אַרום אין אַלע זייטן.

— האָ! האָ!

— העי! העי!

— האָ! האָ!

וואָס פאַר אַ קולות? וואָס פאַר אַ שטימען?

כ׳באַמערק: פון דעם זעלביקן שפּוע, פון וואַנען איך האָב זיך אָקאָרשט אַראָפּגעקייקלט, קאָלערט זיך אַ גאַנצע גרופּע מתים... זיי קייקלען זיך, קייקלען זיך, און אָט זענען זיי שוין אין טאָל נעבן מיר, און אַלע שטעלן זיך אויף אויף די פיס און נעמען אויסרייבן די אויגן, פונקט ווי איך פריער... און וווּנדער איבער וווּנדער: כ׳דערקען אַלע מיינע פריינט, וואָס זענען גע־האַט געשטאָרבן. פון דער זייט, אָפּגעזונדערט פון אַלעמען, איז געשטאַנען אַן עלטערער ייד, ענלעך צום געשטאַלט פון „ווילנער גאון", אין טלית און תפילין, — אויך אַן אַראָפּגעקאָלערטער — און ר׳האָט טרויעריק געשוויגן. צווישן מיינע פריינט דערזע איך אויך מיין נאָענטן חבר, וועלכער איז ערשט

נישט־לאַנג יונגערהייט פון דער וועלט אַוועק, און איצט דערשיינט ער פאַר מיר מיט זיין צעלאָקטן קאָפּ אָט דאָ אינעם טאָל. מיר פאַלן אַלע איינע די אַנדערע אויף די העלדזער, אָרעמען און קושן זיך, און פראַלן־אויף אין אַ ווילדן הפקרדיקן געלעכטער, וואָס פאַרהילכט אינעם גאַנצן רוים אַרום און אַרום:

— כאַ! כאַ! כאַ!

— כי! כי! כי!

— כאַ! כאַ! כאַ!

מיר האַלדזן זיך נאָך אַ מאָל, קושן זיך און לאַכן:

— כאַ! כאַ! כאַ!

פון אַרום און אַרום, פון דער פאַרנאַכטיקער טונקלקייט איז אַן עכאָ געקומען:

— כאַ! כאַ! כאַ!

מיר האַלטן זיך אַלע ממש ביי די זייטן, בייגן זיך פון געלעכטער אין דרייען און קייכן, קייכן.

ס׳האָט אונדז אַלעמען אַרומגענומען אַ ווילדקייט, אַ משוגענע פרייד, וואָס האָט קיין גרענעץ נישט, קיין נאָמען נישט.

— נישטאָ קיין טויט!

— נישטאָ קיין טויט!

מיר האָבן געטאַנצט און געליאַרעמט, געטאַנצט און געזונגען:

— נישטאָ קיין טויט!

— נישטאָ קיין טויט!

און אַז דער ערשטער שגעון האָט מיך אָפּגעלאָזט און כ׳האָב שוין גע־קריגן לענגערן אָטעם, האָב איך פּאַטעטיש זשעסטיקולירט מיט די הענט און געדעדט מיט היץ, מיט התלהבות:

— אַ ליגן! אַ ליגן! אַ ליגן! דער טויט איז אַ ליגן! טויזנטער יאָרן לעבן מענטשן אויף דער ערד און שרעקן זיך, ציטערן פאַרן טויט אימת מוות... גאַנצענע יאָרהונדערטער איז דער טויט געווען דאָס ערגסטע, דאָס גרוי־זאַמסטע שרעק־בילד פאַר די לעבעדיקע... און איצט, נאָכן כלומרשטן שטאַרבן, זעען מיר, אַז אַ ליגן! ס׳איז גאָר קיין טויט נישטאָ. אומ־זיסט אומנישט פּייניקט זיך אַ וועלט אין אייביקן פחד פאַרן טויט.

און אַ צווייטער פון דער גרופּע מתים — מיינער אַ פריינט, אַ מתבודד, מיט מלאכימשער נשמה־ריינקייט, וועלכער איז בטבע געניינגט געווען צו חקירה, האָט אָנגעהויבן מיט אַן אויפגעהויבענעם קול, מיט וועלכן ער איז גאָר קיין מאָל נישט געוווינט געווען צו ריידן:

— מיר זעען איצט דעם טראַגישן טעות, וואָס די וויסנשאַפט האָט געמאַכט. אָנהייבנדיק פון אַריסטאָטעלעס און ענדיקנדיק מיט קאַנט, האָבן אַלע געטאַפּט אין דער פינצטער, ווי די בלינדע ווערעם. ס'איז זיי קיינעם נישט געלונגען אַראָפּצורייסן דעם שלייער פון דער געהיימעניש, פון דער מיסטעריע, וואָס הייסט „לעבן"... איצטער זעען מיר, מענטשן־ברידער, אַז טויט איז אַן אָפּנאַרעכץ פאַרן אויג, פאַר דער מענטשלעכער השגה אויף דער ערד; אַז לעבן באַטייט א ו מ ש ט ע ר ב ל ע כ ק י י ט...

און לסוף נאָך האָט דער דאָזיקער חקרן אונדז דערקלערט וויסנשאַפט־לעך דעם גאַנצן רעטענישדיקן ענין:

— בעת אַ מענטש — זאָגט ער — שטאַרבט, לייגט מען אים אַריין אין אַ קבר, דאָס הייסט, איין שיכט אָדער צוויי שיכטן טיף אין דער ערד. אָבער באַלד נאָך דעם ווי די קברנים טוען אָפּ זייער אַרבעט, עפנט אויף פון אינעווייניק די ערד איר טראַכט און וואַרפט אַרויס דעם געשטאָר־בענעם — אייגנטלעך דעם איינגעשלאָפענעם — אויף יענער זייט פון די ערדישע גרענעצן, און דאָ, אויף דער צווייטער זייט ערד, כאַפּט זיך דער מענטש אויף און וועבט ווייטער זיין לעבן — זיין אייביק לעבן... אַז איר ווילט, קאָנט איר עס וויסנשאַפטלעך באַצייכענען מיטן נאָמען „די צווייטע געבורט"... איר פאַרשטייט? דאָס איז, אייגנטלעך, אַן ענדערונג פון דער ערדישער אַטמאָספערע, אַ גרינדלעכע איבערוועקסלונג...

ער וואָלט נאָך לאַנג, לאַנג גערעדט, דער דאָזיקער חקרן, אָבער קיינער פון אונדז האָט קיין געדולד נישט מער אים אויסצוהערן. די פרייד ברויזט אַרויס פון אונדז ווי אַלטער וויין פון פלוצלינג געעפנטע פעסער און הייבט אונדז אין דער לופטן. און ווידער כאַפּן מיר זיך אַרום, שליסן זיך אין אַ ראָד און טאַנצן, און שפּרינגען, און זינגען:

— נישטאָ קיין טויט!

— נישטאָ קיין טויט!

— נישטאָ קיין טויט!

אין מיטן טאַנצן באַמערק איך ווי דער ייד אין טלית און תפילין מיטן פּנים פון „ווילנער גאון" שטייט נאָך אַלץ פון דער ווייטנס ווי אַ מרה־שחורהניק, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— העי, ר' ייד! — האַלט איך אָפּ דאָס ראָד און נעם שרייען צו אים.

— העי, ר' ייד! קומט נאָר, וואָס זשע וועט איר איצטער זאָגן? ווו איז אייער יענע וועלט? ווו איז אייער גן־עדן? ווו איז אייער גיהנום? איצטער זעט, זעט: ס'איז בכלל גאָרנישטאָ קיין טויט. נישטאָ קיין טויט נישט פאַר צדיקים, נישט פאַר רשעים...

אונדזער מטורפדיקער עולם אין ווייסן טוט זיך פּלוצלינג אַ לאָז צו אים און שלעפּט אים אויך אַריין אין רעדל, דעם איינזאַמען צדיק, און ס'הילכט און ס'קלינגט:

— נישטאָ קיין גיהנום! נישטאָ קיין גן־עדן!

— נישטאָ קיין טויט! נישטאָ קיין טויט!

— כאַ! כאַ! כאַ!

און פון אַלע זייטן איז צוריקגעקומען דער עכאָ:

— כאַ! כאַ! כאַ!

— —

מיטן צוריקקומען צום באַוווסטזיין איז אויך געקומען מיין גרויסע אַנטוישונג אין דער וויזיע פון אומשטערבלעכקייט...

51

אויף „קאַלאָזשע"

נאָכן אַרויסגיין פון שפּיטאָל האָב איך „געדאַטשעוועט" אַ פּאָר זומער־חדשים אויף קאַלאָזשע — אויף אַ הויכעניש איבערן ניעמאַן. דאָרט בין איך פיזיש און פּסיכיש צוריקגעקומען צו מיין גלייכגעוויכט. כ'בין באַנייט געוואָרן מיט אַ פרישן שטראָם כוחות און מיט אַ שטאַרקן לעבנס־דורשט. אַ זאָרגלאָזער מאָמענט געווען דאַן אין מיין לעבן אין יענעם שטילן ווינקל איבערן ניעמאַן. פריי פון מאַטעריעלע דאגות (אַ דאַנק דעם האָנאָראַר פון וואַרשעווער „היינט"...) — דערצו נאָך אונטער דער געטרייער השגחה פון אַ

מאַמען (הי״ד!), — האָב איך זיך געלאָזט ווילגיין. די זון האָט גיך פאַר־טונקלט די בלאַסקייט פון מיין פנים; די פאַרלוירענע טשופּרינע (וואָס ד״ר באַראַדיצקי האָט אין שפּיטאָל באַפוילן אָפּצושערן...) האָט שוין פּאַוואָליע גענומען צוריק אָפּוואַקסן... כ׳בין צוריק אַריין מיט ביידע פיס אין לעבן.

אויף קאַלאָזשע פלעגן קומען צו מיר א סך באַזוכער — באַקאַנטע און גוטע פריינד. גאָר אָפט פלעגט קומען צו מיר מיין קראַנקן־שוועסטער, וואָס האָט מיך נאָך אַלץ גערופן שמייכלענדיק: „מאָי באָלנאָי״ (מיין קראַנקער). ס׳האָט געהייסן, אַז איך דאַרף נאָך בלומרשט זיין אונטער איר שוץ. זי פלעגט מיך פירן שפּאַצירן אין וואַלד ווי אַ קראַנקן... אָבער אין וואַלד איז זי געוווען מער פ ר ו י ווי קראַנקן־שוועסטער... אַלע האָבן באַמערקט אין מיר דאָס היפּער־אויפגעלעבטע געמיט. באַזונדערס האָבן עס אונטערגע־שטראָכן די היימישע מיידלעך מיינע. איינע פון זיי — די גימנאַזיאַל־לע־רערין ד. ז. — גאָר אַ וווּיל מיידל, וואָס האָט מיר אַרויסגעוויזן אַ באַזונ־דערע נאָענטשאַפט און האַרציקייט, האָט מיר איין טאָג אויף קאַלאָזשע באַ־נייט אַן אַלטן „פאַרשלאָג״: מיט איר זיך צו פאַרבינדן כדת משה וישראל... אָבער איך בין נאָך דעמאָלט וויט געווען פונעם געדאַנק — צו פאַרבינדן זיך מיט איינער. מיט איין מיידל און מיט איין פּלאַץ... פאַראַן דאָך אין לעבן אַזוי פיל שיינקייטן, וואָס לאָקן... אַזוי פיל וועגן האָבן זיך נאָך דער מלחמה געעפנט, און אַלע וועגן רופן. דער עיקר, דער וועג צוריק קיין וואַרשע. נישטאָ אַזאַ כוח וואָס זאָל מיך אָפּוועגדן פון דאָזיקן וועג... איז מוז איך דאָך פאַר יעדן פּרייז אָפּהיטן מיין פרייהייט — די טייערסטע זאַך אין לעבן...

איך האָב עס דער ד. ז. אָפנהאַרציק געזאָגט, אויפגעקלערט איר מיין „שטאַנדפּונקט״... זי האָט געפּרוווּט מיך איבערצייגן מיט גאַנץ וואַגיקע „אַרגומענטן״; אָבער זי האָט מיך נישט „איבערצייגט״...

ד י ג ר ע ס י ע :

ד. ז. האָט אין קורצן חתונה געהאַט און גראָד זיך איבערגעצויגן מיטן מאַן קיין וואַרשע. אויך איך האָב מיט דער צייט, אין וואַרשע, נאָכגעטאָן איר ביישפּיל: געוואָרן אויס „עקשן״... פלעג פון צייט צו צייט צו דער דאָזיקער פאַמיליע אַרויפקומען צוזאַמען מיט מיין פרוי, און אויך ד. ז. מיט איר מאַן פלעגן צו אונדז קומען צו גאַסט. די

דאָזיקע פריינדשאַפט איז איבערגעריסן געוואָרן דורך היטלערן י״ש. זיי אַלע, אַלע זענען אַוועק אין די גאַז־קאַמערן; איך — אין סטאַלינס גיהנום...

*****

אויף קאַלאָזשע האָב איך זיך באַקענט מיט עטלעכע ווייסרוסישע אינטע־ליגענטן: אַלע פון פאַך לערערס, צווישן זיי איינע, אַ דיכטערין. די דיכ־טערין — אַ בלאָנד, בלויאויגיק מיידל — האָט אירע לידער געשריבן אין ווייסרוסיש און זי האָט מיר איין מאָל פאַרגעלייענט אירע שאַפונגען. די לידער אירע האָבן געאָטעמט מיט טיפער בענקעניש צום ווייסרוסישן פייזאַזש; צו די זאַמדיקע בערגלעך און בעריאָזענע וועלדלעך; צו די שטילע אָרעמע דערפער מיט די שטרויענע דעכער. אין טייל איז געקומען צום אויסדרוק דער צער און ווי איבערן גורל פונעם אָרעמען ווייסרוסישן פויער, וואָס גייט נאָך אין די „פאַסטעלעס״ און זיין גאַנצע הלבשה איז דער אָפּגעקראַכענער „קאַזשוך״ אין ווינטער און די לאַנגע, גראָבע לייוונ־טענע העמד, פאַרגאַרטלט מיט אַ שטריקל — אין זומער; וואָס אין זיין כאַטע איז קיין הכעטער איוון נישטאָ און דער רויך שפּאַרט אַרויס דורך די קליינע פאַרשוואַרצטע פענצטערלעך...

פון מיינע לאַנגע שמועסן מיט די דאָזיקע ווייסרוסן האָב איך אַרויס־געדרונגען, אַז זיי האָבן נאָך אַלץ נישט אויפגעגעבן דעם חלום וועגן אַ ווייסרוסישער רעפּובליק. געווען צווישן זיי אויך קאָמוניסטן, וואָס האָבן דעם ענין אַנדערש פאָרמולירט. לויט זיי דאַרף גראָדנע מיט איר געגנט פּשוט אַרונטערגיין אונטערן האַמער און סערפּ פון סאָוועטיש ווייסרוס־לאַנד. אַלע, אַלע — פון וועלכער ריכטונג עס זאָל נישט זיין — זענען אין איין זאַך געווען פון איין דעה: אַז די פּאָליאַקן דאַרפן דאָ נישט געוועלטיקן. כ׳האָב זיך אָנגעשטויסן, אַז די דאָזיקע אַלע ווייסרוסן מוזן אַוודאי פירן אַן אונטערערדישע אַרבעט — אין הסכם מיט זייערע אידייען און צילן. דערין האָב איך זיך גאָר גיך איבערצייגט: עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַרעסטן פון ווייסרוסישע טוער אין גראָדנע און אין גראָדנער סביבה. און אויך מיינע שכנים אויף קאַלאָזשע זענען פּלוצלינג פאַרשוווּנדן געוואָרן... אין דער זעלבער צייט איז עס אויך דערגאַנגען די ידיעה, ווי שוין פריִער־

דערמאָנט, וועגן געהיימנישפולן מאָרד איבער דעם ווייסרוסישן שריפט־שטעלער יעווגעני קורלאָוו.

די פּאָליאַקן זענען געגאַנגען צו דער מאַכט איבער טויטע קערפּערס. אין זייער גרויסקייט־מאַניע האָבן זיי געדרייט די וואָנצעס: „אָד מאָזשאַ דאָ מאָזשאַ“... ד״ה פון באַלטישן ים ביזן שוואַרצן ים... און שפּעטער וועט מען ווייטער זען... אַזוי האָבן זיי אינטערפּרעטירט דעם גאַנג פון געשיכטע...

52

כמעט אַ ייִדישער שטאָט־ראַט

אין דער זעלבער צייט איז מיר נאָך אויסגעקומען בײַצוזיין אַ וואַל־פיבער אין גראָדנע. עס זענען פאָרגעקומען וואַלן צום שטאָטראַט און די גאַנצע ייִדישע באַפעלקערונג איז געווען מאָביליזירט. פּאַרטייען האָבן גע־פירט אַן אויסערגעוויינלעכע פּראָפּאַגאַנדע. יעדן האָט געהאַט די אַמביציע צו דעמאָנסטרירן, אַז די ייִדישע באַפעלקערונג איז אין שטאָט אַ גרעסערער פאַקטאָר ווי די פּוילישע. ייִדן זענען פאַקטיש אין יענער צייט געווען כמעט טאָפּלט ווי פּאָליאַקן.

זענען געשלאָסן געוואָרן בלאָקן. פּאַרטייען האָבן לאַווירט מיט די קלענערע נאַציאָנאַלע גרופּעס.

אויף דער ייִדישער גאַס האָבן זיך אויסגעבילדעט צוויי שטאַרקע בלאָקן: אַ בירגערלעכער און אַ סאָציאַליסטישער. אין בירגערלעכן זענען אַרײַן ציוניסטן און אומפּאַרטייִישע; אין סאָציאַליסטישן — דער „בונד“, די „פאַר־אייניקטע“, פּועלי ציון. די קאָמוניסטן, ווי אַן אומלעגאַלע באַוועגונג, האָבן זיך אין די וואַלן נישט באַטייליקט.

דער רעזולטאַט פון די וואַלן איז געווען, אַז אין ערשטן גראָדנער שטאָטראַט נאָכן איבערנעמען די מאַכט דורך די פּאָליאַקן איז די מערהייט ראַטמענער געווען אַ ייִדישע. אָבער אַז מען האָט געהאַלטן אין שטאָטראַט ביים אויסוויילן דעם שטאָט־פּרעזידענט, האָבן די ייִדישע ראַטמענער פון אַלע ריכטונגען, צוליב פּאָליטישע טעמים, געהאַלטן פאַר גלייכער צו שטי־

אין אָנהייב פון אַ פרילינג

מען פאַר אַ פּאָליאַק: מ׳האָט ניט געוואָלט איופרייצן די געגנדז... אָבער דערפאַר האָבן די יידישע ראַטמענער אָפּגעגעבן זייערע שטימען פאַר דעם ליבע־ראַלסטן קאַנדידאַט פון די פּאָליאַקן — פאַר ע. ליסטאָווסקי — און ליס־טאָווסקי איז טאַקע אויסגעוויילט געוואָרן. פאַרן צווייטן סעקרעטאַר איז דערפאַר באַשטימט געוואָרן אַ ייד — דער פּועלי־ציוניסט און פעך־מענטש צבי טאַרלאָווסקי. יידן האָבן באַזעצט דעם מאַגיסטראַט אויך מיט יידישע לאַווניקעס, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט די וויכטיקסטע געביטן אין שטאָט: עקאָנאָמיע, ווירטשאַפט, דערציונגס־וועזן, פילאַנטראָפּיע און אַנדערע.

צווישן די יידישע לאַווניקעס זענען געווען: דער פּעדאַגאָג סוכאָוולאַנ־סקי, צבי טאַרלאָווסקי, דער בונדישער טוער אינזש׳ אליהו בירגער א״אַ.


MAGISTRAT 1.IV. 1919 מאַגיסטראַט
GRODNA № 479 גראָדנאַ
SEKRETARJAT סעקרעטאַריאַט

ZASWIADCZENIE.

Magistrat m. Grodna niniejszym zaświadcza, że okaziciel takowego p. Borys Abramowicz jest zarządzającym Przytułku żydowskiego w Grodnie.

Obecnie jedzie z dwoma sierotami do Białegostoku do okulisty.

Magistrat prosi władze o okazywanie p. Abramowiczowi pomocy w opiece dwoma sierotami.

Prezydent
פּרעזי׳

Sekretarz
סעקרעטאַר

יידיש אין ערשטן גראָדנער מאַגיסטראַט אין אָנהייב פון דער פּוילישער ממשלה.

דערפֿאַר איז עס מעגלעך געווען, אַז אַפּילו דער שטעמפּל פֿון מאַגיסטראַט איז געווען אַ צוויי־שפּראַכיקער: אין פּויליש און אין ייִדיש. דער דאָזיקער שטעמפּל מעג פֿאַררעכנט ווערן ווי אַן אוניקום, ווי אַ זעלטענער עקספּאָנאַט אין דער געשיכטע פֿון די פּויליש־ייִדישע באַציִונגען.

ווי אַן אויסגעווײלטער פֿאַרטרעטער פֿון דעם סאָציאַליסטישן בלאָק — מצד די „פּאַראײניקטע" — פֿלעג איך זיך אַ מאָל אַרײַנכאַפּן אויף אַ זי־צונג פֿון שטאָטראַט און האָב ממש געקליבן נחת פֿון די ייִדישע בענק, פֿון דער ייִדישער מערהייט. געווען דאָ פֿאַרשטייער פֿון אַלע ריכטונגען: ציו־ניסטן, סאָציאַליסטן, אָרטאָדאָקסן. און דאָס כאַראַקטעריסטישסטע איז גע־ווען, וואָס די ייִדישע ראַטמענער — דער גרעסטער טייל — האָבן אויף די זיצונגען געהאַלטן זייערע רעדעס אויף ייִדיש... געווען אַ דאָלמעטשער, וואָס פֿלעגט דעם אינהאַלט פֿון די רעדעס גלייך איבערזעצן אין פּויליש. ס'האָט אויסגעזען ווי אַן אמתע ייִדיש־פּוילישע „אידיליע"...

דאָס האָט אָבער געקאָנט געשען נאָר אין ערשטן גראָדנער שטאָטראַט. נאָר אין דעם „האָניק־חודש" פֿון פּוילנס ממשלה... די כראָניק פֿון די ווײַ־טערדיקע יאָרן אין גראָדנע האָט שוין געהאַט גענוג טרויעריקע בלעטלעך אין די ייִדיש־פּוילישע באַציִונגען... די „אידיליע" איז גיך פֿאַרשוווּנדן...

53

ווידער וואַרשע

די פֿאַרוואַלטונג פֿון דער „ייִדישער קונסט" האָט באַשלאָסן אָראָפּצו־ברענגען פֿון וואַרשע די „ווילנער טרופּע". דער גוטער שם פֿון די „ווילנער" האָט פֿאַרקלונגען אין דער ייִדישער וועלט — איז אַ יושר, אַז אויך גראָדנער ייִדן זאָלן זיי זען. דער איניציאַטאָר פֿון דעם געדאַנק איז געווען דער אָנ־פֿירער פֿון דער ייִדישער טעאַטער־סטודיע שמואל גאַרבער — דער דע־מאָלטיקער פֿאָרזיצער פֿון דער „ייִדישער קונסט".

און גאַרבער, וואָס האָט שוין געוווּסט, אַז איך טראַכט וועגן וואַרשע, לייגט מיר פֿאָר:

— איר האָט איצט אַ געלעגנהייט אַ פּאָר צו טאָן מיט מיר קיין וואַרשע. איך ווייס דאָך, אַז דאָרט איז אייער פּלאַץ.

עס זענען נאָך אַלץ נייטיק געווען „פּשעפּוסטקעס״ אויף צו פאָרן קיין וואַרשע; אָבער דער סטאַראָסטע האָט אונדז, ווי פאַרשטייער פון אַן אינסטי־טוציע, נישט געמאַכט קיין שוועריקייטן.

זענען מיר ביידע געפאָרן. דער וועג איז אַדורך ביי מיר אין פריידיקע עמאָציעס. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, ווי איך וואָלט זיך אומגעקערט אַהיים, צו אַ פאַרצווייגטער משפּחה... דער צוג לויפט און עס קומען אונטער די באַקאַנטע סטאַנציעס פון דעם באַקאַנטן טראַקט, וואָס איז מיר גוט איינגעקריצט אין זכרון: קוזניצע, סאָקאָלקע, ביאַליסטאָק, לאַפּי... מיין שפּאַ־נונג וואַקסט... נאָך לאַפּי ווייזן זיך שוין אין וואַגאָן טיפּן פון פּוילישע ייִדן: אין קאַפּאָטעס און אין די שמאָלע חסידישע היטעלעך. דער פּוילישער ייִדיש, וואָס פאַר אַ ליטוואַק קלינגט ער ווילד, אומגעלומפּערט, איז מיר גראָד נאָענט צום האַרצן. מיין געהער האָט זיך צוגעוווינט צו אים שוין אין די ערשטע וואַרשעווער יאָרן מיינע. פון אָנהייב האָט מיך אויך שאָקירט דער פּוילישער ייִדיש, אָבער וואָס ווייטער האָב איך אין דעם דיאַלעקט געזען אַ סך מעלות: זיין ווייכקייט, בויגעוודיקייט און דער עיקר — דאָס רעגל־מעסיקע באַנוצן פונעם אַרטיקל „דאָס״, וואָס אין ליטווישן ייִדיש איז ער נישט בנימצא. אדרבה, מיינע וואַרשעווער חברים פלעגן גוטמוטיק נאָכ־קרימען מיין האַרטן ליטווישן ייִדיש: „די קאָפּ״, „די קינד״, „די מיידל״, „אַ ערינג״, „די אַרץ״ וכדומה... נאָמבערג, למשל, פלעגט, ווי צו להכעיס די ליטוואַקעס, אָפּט זאָגן: „יאָך״... און וויסנבערג אַוודאי און אַוודאי...

און בעת אין וואַגאָן האָבן זיך געוויזן עטלעכע פּוילישע און מיר האָבן דערהערט זייער ייִדיש, האָט מיר גאַרבער אין דער שטיל באַמערקט:

— פּוילישע דריפּקעס...

איך האָב אים געענטפערט:

— אָבער איר, ווי אַן אַקטיאָר, וועט מודה זיין, אַז דער פּוילישער ייִדיש אויף דער בינע קלינגט מוזיקאַלישער.

**
*

מיין ערשטער באַזוך אין וואַרשע איז געווען אויף טלאָמאַצקע 13. מיט אַ פלאַטערדיק געפיל בין איך אַרויף אויף די טרעפ פון ערשטן שטאָק און דערזען אַ בלעכל אויף דער טיר: „פאַראיין פון יידישע ליטעראַטן און זשור־נאַליסטן". פאַר מיר איז עס געווען אַ נייס. אין מיין צייט, פאַר דער מלחמה, איז נאָך נישט געווען אַזאַ אָרגאַניזירטער ליטעראַטן־פאַראיין, מיט אַן אייגענעם לאָקאַל.

אַז איך בין אַריינגעקומען אין לאָקאַל, איז דער ערשטער, וועמען איך האָב באַגעגנט אין פאַדערשטן בופעט־זאַל, געווען מנחם קיפּניס, וואָס האָט מיר אָפּגעגעבן דעם ערשטן וואַרעמען שלום־עליכם.

— האַ, וואָס זאָגט איר? — רעדט ער שמייכלדיק — אַ דאַנק מיר האָט איך דער „היינט" פּאָפּולער געמאַכט. עס קומט מיר פון אייך שדכנות־געלט...

דאָס האָט ער געמיינט זיין שליחות: זיין מיטנעמען פון גראָדנע פאַרן „היינט" מיין מאַנוסקריפּט פון „אונטער די פליגל פון טויט".

— אין „היינט" זענט איר שוין געווען? — פרעגט ער.

— נאָך נישט באַוויזן. ערשט היינט געקומען צו פאָרן.

— קומט למען השם. איר האָט עפּעס נאָך „סחורה"?... אפשר אַ ראָמאַן?

— וואָס שייך... ס'וועט זיך מסתמא געפינען...

איך אינפאָרמיר זיך ביי קיפּניסן וועגן פאַראיין, ווער ס'איז דאָ ביי דער „מאַכט"...

אינפאָרמירט ער מיך, אַז ס'איז נאָך די ערשטע פאַרוואַלטונג. אין איר גייען אַריין: יעקב דינעזאָן, א. ל. שאַלקאָוויטש, פּ. ליאַכאָווער, נח פּרילוצקי, בועז קאַרלינסקי (קאַרליניוס), דוד דרוק, יוסף העפּטמאַן, י. ח. זאַגאָראָדסקי, מנחם קיפּניס, אַהרן גאַוווזע און חנוך איש.

קיפּניס, זע איך, פילט זיך דאָ מעשה „גאָספּאָדאַזש". ער רעדט מיטן בופעטשיק וועגן עפּעס אַ טענה צו אים מצד דער פאַרוואַלטונג.

אין גרויסן זאַל טרעף איך אַ היפּש ביסל היימישע פּנימער. כ'זע אויך נייע מענטשן, יינגערע, וואָס זענען מיר אומבאַקאַנט. אַזוי פיל האַנט־דרוקן, אַזוי פיל שלום־עליכמס. מען פרעגט מיך פון וועלכן פּלאַנעט איך קום... איך ענטפער: „פון מאַרס... פון סימבאָל מלחמה"...

אין די ערשטע רגעס מוז מען דאָך אָפּקומען מיט געציילטע פראַזן.

כ׳בין ווי פאַרשיכורט. אין אויבן־אָן, איבער דער עסטראַדע, קוקט אַראָפּ פון אַ גרויסער גאָלדענער ראַם י. ל. פּרץ. ער קוקט גלייך אין די אויגן אַריין... גלייך אין נשמה אַריין... דוכט זיך, ער וועט באַלד עפּעס זאָגן... אַ בליץ טאָן מיט אַ וואָרט, מיט אַ געדאַנק... איך האָב נישט בייגעוווינט זיין טויט אין וואַרשע, זיין ריזיקע לוויה... איך האָב אים איבערגעלאָזט אַ לעבעדיקן און דאָ, דוכט זיך, לעבט ער ווייטער... אַזעלכע ליכטיקע אויגן קאָנען נישט זיין טויט...

אין קאַנצעלאַריע פון פאַראיין האָט מיך אויפגענומען דער פאַרוואַל־טונגס־סעקרעטאַר חנוך איש. נאָך אַ קורצן ווערטער־אויסטויש פרעגט ער מיך:

— איר ווילט אַוודאי זיך איבערקלייבן קיין וואַרשע?

— כ׳וואָלט זייער געוואָלט.

— כ׳גלייב, ס׳וועט זיך געפינען פאַר אייך אַרבעט. מיט דער צייט. כ׳וועל אייך פאַררעגיסטרירן ווי אַן אַרבעטלאָזן. ווי נאָר ס׳וועט עפּעס זיין, וועל איך אייך געבן צו וויסן. איר זענט שוין געקומען מיט אַלעמען, אָדער איר פאָרט נאָך צוריק קיין גראָדנע?

— דערווייל פאָר איך צוריק, אָבער צו יעדער צייט קאָן איך גלייך קומען.

— זייער גוט. איך האָף, אַז גאָר בקרוב קאָן עס געשען. און אין „מאָ־מענט" זענט איר שוין געווען?

— כ׳קלייב זיך טאַקע אַהין.

— כ׳גלייב, אַז אין „מאָמענט" גופא קאָן זיך עפּעס מאַכן, — זאָגט מיר איש, — אגב, זענט איר דאָרט דאָך אַ היימישער.

כ׳בין דערמוטיקט פון די האָפענונגען, וואָס איש האָט מיר געגעבן און איך בין גליקלעך, וואָס סוף־כל־סוף קום איך צוריק אין מיין היים...

כ׳בין געבליבן אין בופעט פון פאַראיין אויף מיטאָג און האָב געהאַט די געלעגנהייט צו זען זיך מיט אַ היפּש ביסל שרייבער און ציימונגס־מענטשן. דער מיטאָג איז אַ גאַנץ באַשיידענער. ס׳איז דאָך ערשט נישט לאַנג נאָך דער מלחמה, וואָס האָט איבערגעלאָזט שווערע שפּורן. דער עולם פלאָגט זיך נאָך־צו מאַטעריעל... אָבער דער הומאָר פאַרלאָזט נישט. מען וויצלט זיך איבער דעם קרופּניק, וואָס מען עסט, און איבער זיך אַליין... אגב, נישט

אומזיסט הייסט דער פאַראיין ביי די לצים „דער קרופּניק־פאַראיין". מען עסט דאָ טאַקע ממש אַ נישקשהדיקן קרופּניק... נאָך די לינדזן פון גראָד־נער מיטלשטאַנדס־קיך ביי דער „יידישער קונסט" שמעקט מיר דער קרופּ־ניק פון טלאָמאַצקע 13 גאַנץ גוט.

געזען זיך מיט ז. סעגאַלאָוויטשן. ער איז ערשט נישט לאַנג צוריק־געקומען פון רוסלאַנד. ער איז נאָך, דוכט, דאַרער און אויסגעצויגענער געוואָרן. ער שפּאַנט אַרום איבערן זאַל און זיין הויכע פיגור טיילט זיך פון אַלעמען אויס.

געטראָפן זיך ביי מיטאָג אויך מיט דעם אַלטן דריילינג: טונקעל־קאַ־סעל־קאַרליניוס. ווי פאַר דער מלחמה, זע איך, קלעפּן זיי ווייטער איינע צו די אַנדערע. טוישט מען זיך מיט בקיצורדיקע אויספרעגענישן.

**
*

דעם זעלבן טאָג באַזוך איך די רעדאַקציע „היינט". איך האָב געהאַלטן, אַז וויבאַלד איך האָב זיך אָנגעהויבן דרוקן אין „היינט", דאַרף איך פריער אַהין גיין.

יאַצקאַן נעמט מיך אויף מיט אַ סך אויפמערקזאַמקייט, פירט מיך אַריין אין גרעסערן רעדאַקציע־חדר און באַקענט מיך מיט די מיטאַרבעטער. מיט טייל קען איך זיך פון פאַר דער מלחמה, טייל זענען פאַר מיר נייע, אומבאַקאַנטע. צוגעקומען יינגערע.

— קומט אַריין צו דוד פרישמאַנען, — זאָגט מיר יאַצקאַן, — ער האָט זייער אויפמערקזאַם געלייענט אייער „אונטער די פליגל פון טויט" און האָט עס שטאַרק געלויבט.

און ער פירט מיך אַריין אין אַ חדר, וווּ פרישמאַן האָט שטייענדיקער־הייט מיט עמעצן געפירט אַ שמועס.

— דאָס איז דער מחבר פון „אונטער די פליגל פון טויט", — שטעלט מיך יאַצקאַן פאָר פאַר פרישמאַנען.

דוד פרישמאַן האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר און מיט אַ לייכט שמיי־כעלע מיר דערלאַנגט די האַנט:

— דאָס זענט איר עס דער מחבר? זענט איר עס געווען אינעם גיהנום?...
יאָ, כ'האָב אייך געלייענט. מיט אינטערעס געלייענט. עס איז פאַר מיר

שטאַרק געווען טשיקאַווע די באַציִונג פון אַ ייִד צו בלוט... צו רציחה... וואָס עס לעבט איבער אַ ייִדישער מענטש אויפֿן שלאַכט־פעלד, ווי מענטשן ווערן ל ע ג אַ ל געשאָכטן...

— האָט איר עס יאָ געזען אין מיינע שילדערונגען? — וואַג איך צו פרעגן.

— יאָ, געזען ביי אייך... געזען...

ס'האָט מיך באמת געפרייט דוד פרישמאַנס מיינונג. איז ער דאָך געווען באַקאַנט פון זיינע קאַפּריזן, פון זיין שטרענגן קריטישן צוגאַנג צו אַ ריי אָנערקענטע שרייבער און ווערק. אַפילו פרצן האָט ער נישט געשוינט מיט זיין שאַרפער בייסיקער פעדער... (פרישמאַן, — האָט מען געהאַט תרעומות — איז געווען אין פרצעס פאַל טענדענציעז און אומגערעכט...).

ש. י. יאַצקאַן האָט מיך דערנאָך פאַרהאַלטן אַ ביסל אין זיין קאַבינעט. דאָרט האָב איך מיט אים רעגולירט מיינע „ביזנעס": ער האָט אַריינגעבעטן עמעצן פון דער אַדמיניסטראַציע און געהייסן מיר סילוקן אַ רעשטל האָנאָ־ראַר, וואָס מיר איז נאָך געקומען. ביי דער געלעגנהייט האָב איך אים אי־בערגעלאָזט מיינע אַ נייע דערציילונג — „אַ טויט" (פונעם אָקופּאַציע־לעבן), — וואָס איז גאָר בקרוב געדרוקט געוואָרן אין עטלעכע המשכים.

פון „היינט" בין איך אַוועק אויף נאַלעווקעס 38 — אין „מאָמענט" — אויף מיין פאַרמלחמהדיקן אַרבעט־פּלאַץ, צו מיין ערשטן רעדאַקטאָר צבי פּרילוצקי.

געטראָפן אין רעדאַקציע אַ היפשן עולם מיטאַרבעטער. אַלטע באַקאַנ־טע, היימישע. מען האָט מיך אויפגענומען ווי אַן אייגענעם, מיט אַ סך וואַ־רעמקייט. שוין זעקס יאָר לערך ווי כ'בין אַוועק פון דער סביבה. אויף צבי פּרילוצקיס צוגעשוירענער באָרד האָט מען די יאָרן נישט אָנגעזען: ער פאַרבט זי דאָך צו אַ ביסל און מ'זעט נישט קיין ראַשע ענדערונג אין איר קאָליר...

גייט אַ סדרה אויספרעגענישן פון דעם און פון יענעם.

— זאָגט זשע נאָר, — פרעגט מיך ווער אין שפּאַס, — פאַר וואָס זשע האָט איר „פאַרראַטן" דעם „מאָמענט" און געדרוקט אייער מלחמה־ווערק אין „היינט"?...

— זאַק איז געוואָרן אַ בוגד במלכות... — באַמערקט אין זעלבן טאָן צבי פּרילוצקי.

הגם דאָס אַלץ איז געזאָגט געוואָרן אין שפּאַס, פון דעסטוועגן האָט זיך מיר געגלוסט, אַז זיי זאָלן יאָ וויסן ווי אַזוי דאָס איז געשען. און כ׳האָב דערציילט וועגן קיפּניסעס קאָנצערט אין גראָדנע וכו׳.

— אַ שאָד, — זאָג איך, — וואָס אין „מאָמענט" זענען נישטאָ קיין זינגער. ווען עס קומט דאָן קיין גראָדנע אַ זינגער פון „מאָמענט", וואָלט איך אים דאָך מיטגעגעבן מיין מאַנוסקריפּט...

און דערמיט איז דער ענין פאַרענטפערט געוואָרן.

ווען כ׳בין געווען מיט צבי פּרילוצקין אין זיין קאַבינעט, האָב איך וועגן אַרבעט מיט אים נישט גערעדט — כ׳האָב געוואַרט, אַז ער אַליין זאָל מיר עפּעס זאָגן; האָב איך דאָך מיט אים מיטגעאַרבעט, ווי רעדאַקציע־סעקרע־טאַר, אַ צוויי יאָר נאָך אין „אונדזער לעבן" און העכער אַ יאָר פאַר דער מלחמה אין „מאָמענט" גופא. און צבי פּרילוצקי האָט טאַקע לסוף זיך אָפּגערופן:

— מיין סעקרעטאַר, ווייסט איר דאָך, איז איצט י. י. פּראָפּוס. אָבער מיט דער צייט... ס׳וועט זיך מסתמא עפּעס מאַכן. אפשר האָט איר עפּעס אָנגעשריבן אַ נייע זאַך? שיקט עפּעס צו.

— כ׳וועל צושיקן, — ענטפער איך, און פיל זיך אַ ביסל שולדיק: האָב איך דאָך ערשט איבערגעגעבן אַ דערציילונג אין „היינט"...

אַרויסגייענדיק פון צבי פּרילוצקיס קאַבינעט בלייב איך נאָך אַ ביסל אין גרויסן רעדאַקציע־צימער און בין ממשיך דעם שמועס מיט די היימי־שע, געווען אין רעדאַקציע: י. ח. זאַגאָראָדסקי, דוד דרוק (דער שטענדיק עלעגאַנטער איידאָפּעער, מיט דער שטייפער וויס־געקראָכמאַליעטער אוי־בער־העמד און מאַנזשעטן, מיט די דעליקאַט־צוגעדרייטע שוואַרצע וואָנסן), ב. יאושזאָן (שוין איצט קורץ געקליידט), דער טויבער שפּירא (ער שרייבט נאָך אַלץ מסתמא זיינע מאמרים אויפן מעטער...), ש. ביבער (איצט נאַכט־רעדאַקטאָר), יוסף טונקל און בועז קאַרלינסקי (וועמען איך האָב שוין פריִער געזען אין ליטעראַטן־פאַראיין), יוסף העפּטמאַן (עמנואל) מיט זיין תמיד גוט־מוטיקן שמייכל, די יונגערע מיטאַרבעטער ש. יאַנאָווסקי און ב. כילינאָ־וויטש. און אָט שוועבט אַריין מיט אימפּעט און ברייטקייט נח פּרילוצקי. ער

גריסט זיך מיט מיר גאָר פריינדלעך און שאָקלט נאָך אַלץ נערוועזיש מיטן קאָפּ.

מיט אַלעמען געזעגנט, מיט וועמען מער, מיט וועמען ווייניקער.

און פאַרן אַוועקגיין זע איך נאָך ר' הלל צייטלינען. ער איז פונקט אָנגעקומען מיט זיין פּובליציסטישן לייט־אַרטיקל, שוין אַן אָנגעשריבענעם (ער שרייבט כמעט שטענדיק זיינע אַרטיקלען פאַר דער רעדאַקציע אין דער היים). אין הלל צייטלינס באָרד זענען צוגעקומען אַ היפּש ביסל גרויע האָר. און נישט נאָר ביי צייטלינען — די מלחמה־יאָרן האָבן אויף אַלעמען געלאָזט שפּורן. אָבער מען האַלט זיך. מען איז ווייטער אַקטיוו, שעפעריש. אַ יידישע צייטונג — די קוזניע פון געדרוקטן וואָרט — איז ווייטער, ווי געווען, אין צענטער פון יידישן לעבן.

כ'בין אַוועק פון רעדאַקציע „מאָמענט" נאָך מיט מער בענקשאַפט אין האַרצן. וועט מיר געלינגען צוריק אַריינגיין אין די דאָזיקע ד' אמות?

וועמען איך האָב נישט געטראָפן אין רעדאַקציע — דאָס איז ה. ד. נאָמבערג. געוואָלט אים שטאַרק זען. איז ער דאָך געווען פון פּרצעס מקורבים. ערשט אין אָוונט האָב איך נאָמבערגן געטראָפן אין ליטעראַטן־פאַראיין. זיין פּלייצע איז, דוכט, געוואָרן אַ ביסל מער איינגעהויקערט; אָבער ער האַלט זיך גראָד זייער האָפערדיק און איז נישט קאַרג אויף אַ שאַרפזיניק ווערטל.

אין אָוונט איז אין לאָקאַל פון פאַראיין געווען אַ סך לעבעדיקער ווי ביי טאָג. געווען אַ היפּש ביסל שרייבער. רעדאַקציע־מענטשן: פון „מאָמענט", פון „היינט", פון דער בונדישער „פאָלקס־צייטונג". מ'פילט דאָ די אַטמאָספער פון דער „זיבעטער מלוכה". מען רעדט, מען דיסקוטירט, מען קיבעצט. ווער עס זיצט אין בופעט־צימער און איז עפּעס טועם; ווער צווישן געזעמלעך אין גרויסן זאַל; ווער ביי אַ שאַך־טישל. ביי איין שאַך־טישל שפּילן פאַרמוטשט ד"ר יהושע גאָטליב און ש. ל. קאַווע. אַרום זיי שטייען קיביצער, וואָס גיבן „עצות" וועגן אַ „געניאַלן צוג"... ד"ר גאָטליב בעט זיך: — „אַ קיבעצער דאַרף אָננעמען אַ מויל מיט וואַסער"...

אין אַ געוויסן מאָמענט רירט ד"ר גאָטליב אָן די מלכה און ציט זיך שנעל צוריק. קאַווע צעהיצט זיך:

— פושער... געגאַנגען... הולך געגאַנגען...

און ד״ר גאָטליב בעט זיך:

— גזלן, איך האָב די מלכה קוים מיט אַ שפּיץ פינגער אָנגערירט...

— פּושער... אָנגערירט, איז פאַרפאַלן...

עס מישן זיך אַריין די קיבעצער און דער שאַך־סיכסוך ווערט אויסגע־גלייכט לטובת ד״ר גאָטליב. ייִדן זענען דאָך בני־רחמנים... און די שפּיל גייט ווייטער.

ביי אַן אַנדער טישל גייט אַ שמועס וועגן עפּעס אַ ליטעראַרישן ווערק. ווי דער שטייגער ביי שרייבער, זענען די מיינונגען עקסטרעם צעטיילט. ווער עס זאָגט: „קינסטלעריש״, ווער עס פּסקנט אָפּ: „גראַפאָמאַניע״...

ביי אַן אַנדער טישל זיצט אַ געמישטער געזעמל: אַקטיאָרן, אַקטריסעס, שרייבערס. מען היצט זיך און מען זאָגט זיך אַ ביסל אַריין. די שרייבערס האָבן טענות פאַר וואָס דאָס ייִדישע טעאַטער היט זיך נישט אָפּ פון שונד... (אַן אַלטע טענה!...). די אַקטיאָרן בלייבן נישט שולדיק. איינער פון זיי ענטפערט:

— איר, שרייבער, זענט דאָך די דערציִער פון פּובליקום... פאַר וואָס זשע דערציט איר נישט דעם עולם ער זאָל גיין אין טעאַטער אויף ליטע־ראַרישע פּיעסן?...

— מיר דערציִען יאָ, נאָר די שונדיסטן פאַרדאַרבן...

מישט זיך אַריין איינע, שוין אַן עלטערע אַקטריסע:

— דאָס טעאַטער גיט דאָס, וואָס דאָס פּובליקום פאַרלאַנגט... אַקטיאָרן קאָנען דאָך נישט שפּילן פאַר אַ פּוסטן זאַל...

— שפּילט גוט ערנסט טעאַטער, וועט איר האָבן אַ גוטן עולם. — בלייבט נישט שולדיק איינער אַ טעאַטער־רעצענזענט. — נישקשה, אין וואַרשע פעלן נישט קיין טעאַטער־באַזוכער מיט גוטן געשמאַק...

— די סמאַטשע גאַס דאַרף נישט קיין ליטעראַריש טעאַטער... — ענט־פערט די זעלביקע עלטערע אַקטריסע.

און אַזוי גיי איך פון געזעמל צו געזעמל. איך האָב דערפילט אַ גע־וואַלדיקע היימישקייט אין די דאָזיקע ד׳ אַמות. דערפילט אַ משפחהדיקייט. עס זענען מיר נאָענט צום האַרצן סיי די גוטמוטיקע רייד, סיי די אַריינ־זאָגענישן, ווייל אויך אין די אַריינזאָגענישן פילט זיך נישט קיין בייזוויליי־קייט. יעדער וויל דאָך וואָס בעסער, וואָס שענער. מען וויל עס פון זיך און

מען וויל עס פון אַנדערע... אַזוי איז עס אין אַ משפחה, און נישט אומזיסט האָט מיך געצויגן אַהער, צו דער דאָזיקער משפחה — בפרט זינט ניידוסעס טויט, ווען איך האָב זיך דערפילט אין גראָדנע אַזוי עלנט...

און פאַרלאָזנדיק דעם לאָקאַל, האָב איך ביי זיך פעסט באַשלאָסן:

